This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-32

סאָוועטיש היימלאַנד

12

1981


УЛИЦА
АРБАТ
57
35
21
21
21
СИВЦЕВ-ВРАЖЕК ПЕР.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש־קינסטלערישער
כודעש־זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

דעקאַבער

12

1981

אינהאַלט

אקאדעמיקער יע. טשאזאָוו. באשיצן דאָס לעבן אף דער וועלט 3

מאקס ריזאנט. א גוטער סימען (לידער) . . . 8

אירמע דרוקער. מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו . . 12

באָריס מאָגילנער. פונעם ציקל „מײַן הינטער־מאָסקווע״ (לידער) 90

נײַע איבערזעצונגען. יעווגעני לאָסעוו, איגאָר טשקאָלאָוו. דער רוסישער גוואר (פראַג־מענטן פון א קינאָ־סצענארי וועגן וואלערי טשקאַלאָוון) 94

בראָניע סינעלניקאָווא. מיט אלע דײַנע פארבן (לידער) 122

ליטעראַרישע געדענק־דאטעס. אײַזיק פלאטנער (1895—1961) פון אונטער דער ערד 125

ווערק פון סטודענטן פון דער ייִדישער גרופּע אף די העכסטע ליטעראַטור־קורסן באם ליטעראַרישן אינ־סטיטוט אף גאָרקיס נאָמען. באָריס סאנדלער. דרײַ נאָוועלן; מוישע פענס. דאָס פלאקאטל; וולאדימיר טשערנין. „די קינ־דער פון טכום־האמוישעוו רעדן אף עספּעראַנטאָ״ 140

ליטעראַטור־קריטיק, ביבליאָגראַפיע, פראגן פון קונסט. זאלמען ליבינזאָן. די קונסט פון איבערזעצונג 158

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער. ש. סולטאנאָוו. פארברעכערישקײַט אין ייִסראָעל 163

מאטעריאַלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 164

אינהאלט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד״ פארן יאָר 1981 165

רעזומע לויט די מאטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,

ב. מילער, כ. מעלאַמוד

ה. פּאָליאַנקער,

י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

אַקאַדעמיקער י. ע. טשאַזאָוו,

פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט באַם פּרעזידיום
פון דער אַקאַדעמיע פון מעדיציניִשע וויסנשאַפטן
פון פּססר „דאָקטוירים פאַר ניט דערלאָזן צו אַ נוקלעאַרער
מילכאָמע”.

באַשיצן דאָס לעבן אַף דער וועלט

די וועלט לעבט איבער אַ קאָמפּליצירטן פּעריאָד פון דער געשיכטע. קיינמאָל איז די צוקונפט פון דער מענטשהײַט, דאָס עצעם לעבן ניט באַדראָעט געוואָרן, ווי הײַנט, דורך אַ געוואַר פון אַזאַ צעשטערערישער קראַפט. ניט דערלאָזן צום אומזין פון אַ נוקלעאַרער מילכאָמע! — דער דאָזיקער רוף דאַרף זײַן פאַרשטענדלעך יעדן איינעם. נאָר אַ באַזונדערס נאָענטע שײַכעס האָט ער צו די געלערנטע און דאָקטוירים, וואָס אין זייערע הענט איז איבערגעגעבן די זאָרג וועגן דעם לעבן פונעם מענטשן און זיי האָבן אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס קאָן געשען אַף אונדזער פּלאַנעטע, אויב מע וועט ניט פאַרמײַדן אַ נײַעם האַסטיקן שפּרונג פונעם באַוואָפענונגס־געיעג און עס וועלן ניט אָוועקגעשטעלט ווערן קיין מעכיצעס אַפן וועג פון די קריגס־צוגרייטונגען, אַפן וועג פון ווײַטערדיקן פאַרשטאַרקן די צווישנפעלקערלעכע אָנגעשטרענגטקײַט.

אין גאַנג פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, וועלכע האָט אויסגעלאָשן 50 מיליאָן לעבנס, פאַרוואַנדלט אין אַש טויזנטער און טויזנטער שטעט און דערפער, זײַנען אויסגענוצט געוואָרן פאַרשיידענע אופּרײַס־שטאָפן מיט אַן אַלגעמיינער מעכטיקײַט פון בערעך 5 מעגאַטאָן. הײַנט זײַנען, לויט די אויסרעכענונגען פון ספּעציאַליסטן, אָנגעזאַמלט געוואָרן אין די אַרסענאַלן פון די מעלוכעס אין 10 טויזנט מאָל מער נוקלעאַרער אופּרײַס־שטאָף. עס איז ניט שווער צו פאַרשטעלן זיך, וואָס עס וואָלט פאַרגעקומען אין רעזולטאַט פון אַ נוקלעאַרער מילכאָמע, אויב, לויט דער מיינונג פון די מײַרעוו־סטראַטעגן, ס׳קאָנען בלויז אינעם צאָפנדיקן האַלבקײַלעך אופגעריסן ווערן נוקלעאַרע שלאַכט־מאַטעריאַלן מיט אַ מעכטיקײַט פון בערעך 20 טויזנט מעגאַטאָן.

די שאָלעם־פּאָליטיק דרינגט ארויס פונעם עצעם טאָך פון דעם סאָציאַליזם — פון דער געזעלשאַפט פון שעפערישער בויונג. בא אונדז זײַנען ניטאָ קיין סאָציאַלע קרעפטן, וועלכע זאָלן זײַן פאַרינטערעסירט אין אַ מילכאָמע. דערצו נאָך האָט אונדזער פאָלק אַ רעאַלע פאָרשטעלונג וועגן די מילכאָמע־שוידערן. עס איז נאַטירלעך, אַז אונדזער פאָלק שטיצט מיטן גאַנצן האַרצן די פרידנסליבנדיקע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון דער סאָוועטן־מעלוכע. אונדזערע געדאַנקען זײַנען געווענדט אין דער ריכטונג, אַז די מילכאָמע־געפאַר זאָל אַף שטענדיק פאַרשווינדן פונעם האָריזאָנט פון דער מענטשהײַט, אַז עס זאָל נעמען די אויבערהאַנט דער געזונטער געדאַנק, די פּרינציפּן פון גוטשכיינעשאַפט, דאָס פאַרשטיין די געמיינזאַמקײַט פון די גויראָלעס פון די פעלקער, וועלכע לעבן אַף דער פּלאַנעטע.

אין מיַירעוו זיַינען אָבער פאַראַן איַינפלוסריַיכע קרעפטן, וואָס זייערע פאָרשטייער „מאַניפולירן" לײַכט מיט דער געפאַר פון נוקלעארן געוועער, האָבנדיק אויסגעקליבן דאָס אַלס מיטל צו דערגרייכן פּאָליטישע צילן, צו באַקומען איינזיַיטיקע קריגס־פאָרצוגן. קעדיי צו פאַרמאַסקירן זייערע צילן, שטעלן זיי אַרויס די טעאָריע, אַז עס איז מעגלעך צו פירן אַ „באַגרענעצטע" נוקלעאַרע מילכאָמע און אַפילע איַינהיטן די ביזאָספּער אין די באַדינגונגען פון אַ טאָטאַלער נוקלעאַרער קאַטאַסטראָפע. אַזעלכע דראָשעס באַוויַיזן אָדער די גרויליקע און ציניש צוויזעס אָדער די אומפייִקייַט פון זייערע אויטאָרן צו דענקען מיט פאַרשטאַנד. בלויז אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם קלוגן פאַרשטאַנד און איז אין דער העכסטער מאָס אומפאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיַינע רייד, קאָן אויסרעכענען צו באַקומען נוצן מיט דער הילף פון נוקלעאַרן געוועער. ווי קאָן מען בעעמעס אויסרעכענען דערויף, אַז אַ נוקלעאַרע מילכאָמע וועט געפירט ווערן לויט פאָרויס קאָנטאַקטירטע קלאָלים, וואָס לויט זיי וועלן די ראַקעטעס זיך אופריַיסן בלויז איבער באַשטימטע אָביעקטן, ניט אָנרירנדיק, כאָלילע, דערביַי די באַפעלקערונג? צום באַדויערן, זיַינען אין אויסלאַנד פאַראַן מענטשן, וועלכע נעמען אָן אַזעלכע באַהויפטונגען פאַר קאָשער געלט.

וועלכע סטימול־מאָטיוון עס זאָלן ניט אַרויסזאָגן פּאָליטיקאַנער, וואָס דראָען מיט דער נוקלעאַרער באָמבע, דאַרפן די פעלקער וויסן דעם עמעס, צו וועלכע רעזולטאַטן עס פירט אָט דער אַגרעסיווער מיליטאַריסטישער קורס. אַלס אַ באַשיַימפערלעכן שעקער בענעגייע די פעלקער, — האָט ל. אי. ברעזשנעוו קוואַליפיצירט די פרוּוון צו איַינשמועסן די מענטשן, אַז אַ נוקלעאַרע מילכאָמע קאָן קלוימערשט זיַין אַ באַגרענעצטע, און דורך דעם צוגעווינען די מענטשן צום געדאַנק, אַז אַ נוקלעאַרע מילכאָמע איז דערלאָזבאַר. „פרוּוון באַזיגן איינער דעם אַנדערן אינעם באַוואָפענונגס־געיעג, אויסרעכענען אויף אַ זיג אין אַ נוקלעאַרער מילכאָמע, — האָט ער געזאָגט אין זיַין אַרויסטרעטונג אויפן XXVI פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, — דאָס איז אַ געפערלעכער אומזין".

דערפירן צום באַוווסטזיַין פון אַלע מענטשן די קאַטאַסטראָפישע פאָלגן פון אַ נוקלעאַרן קאָנפליקט, אופהייבן זיי צום קאַמף קעגן דער דאָזיקער געפאַר — אָט וואָס עס דאַרף פאַרייניקן די געלערנטע און די דאָקטוירים פון דער וועלט. סאָף פאָריקן יאָר איז אַרויסגערוקט געוואָרן די אידיי צו אָרגאַניזירן אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די דאָקטוירים פאַר ניט דערלאָזן צו אַ נוקלעאַרן קריג, און שוין אויפן ערשטן קאָנגרעס פון דער דאָזיקער באַוועגונג (פאָרגעקומען אין מאַרט הײַנטיקס יאָר אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע) זיַינען ביַיגעווען פאָרשטייער פון 11 לענדער. מיט אַ וואָרענונג וועגן דער געפאַר פון אַ נוקלעאַרער מילכאָמע זיַינען ניט לאַנג צוריק אַרויסגעטראָטן די ענגלישע מעדיקער אויף זייער קאָנפערענץ אין בריַיטאָן. אויף אַ קאָנגרעס וועגן דער דאָזיקער פראַגע פאַרזאַמלען זיך אין האַמבורג די דאָקטוירים פון מיַירעוו־דיַיטשלאַנד. פאַראַן אַ פולער גרונט צו האַלטן, אַז אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס, וואָס וועט פאָרקומען אין אַפּרעל 1982 אין ענגלאַנד, וועלן אָנטיילנעמען פאָרשטייער פון העכער 40 לענדער. די סאָוועטישע מעדיקער האָבן געשאַפן באַם פרעזידיום פון דער אַקאַדעמיע פון מעדיציניש וויסנשאַפטן פון פּססר אַ ספּעציעלן קאָמיטעט „דאָקטוירים אין קאַמף פאַר ניט דערלאָזן צו אַ נוקלעאַרער מילכאָמע".

די דאָזיקע טעטיקייַט פון די דאָקטוירים גייט דורך אין אַ ריי לענדער אין קאָמפּליצירטע באַדינגונגען. די ערלעכע שטים פון די דאָקטוירים רופט אַרויס אַן אופרעגונג אין די קריַיזן, ספּעציאַליזירן זיך אויף פאַרשטאַרקן די אָנשטרענגונג. מיטיילנדיק וועגן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די דאָקטוירים, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן אַ נוקלעאַרער מילכאָמע, האָט די צײַטונג „באָסטאָן גלאָב" געשריבן: „מע פרוּווט אונדז ווידער איַינשמועסן, אַז ריידן וועגן אַ נוקלעאַרער מילכאָמע איז דאָס זעלבע, ווי פירן אַן אונטעריַיסערישע אַרבעט. וואָס איז דאָס — פריַיוויליקע בלינדקייַט, מיט וועלכער מע וויל נאָכאַמאָל קאָנטראָלירן אונדזערע פאַטריאָטישע געפילן?"

באַהערשנדיק די נוקלעאַרע ענערגיע, איז די וויסנשאַפט באַגאַנגען אַ העלדנטאַט, וואָס שאַפט פאַר דער מענטשהײַט אומגעהערטע מעגלעכקייַטן אינעם לייזן די פּראָבלעמען פון ענערגעטיק און מעדיצין, פון אַנטוויקלען די וויסנשאַפט און טעכניק. צוזאַמען דערמיט איז די נוקלעאַרע ענערגיע — אָט דער צווייפּנעמדיקער יאַנוס פון דער הײַנטיקער צײַט — דער יעסאָד פונעם גרויזאַמען מין געוועער פון מאַסן־פאַרניכטונג. נאָך אין די 20־ער יאָרן, אַ סאַך פריִער, איידער עס איז געלייזט געוואָרן די פראַגע וועגן פּראַקטישן אויסנוצן די אַטאָמענערגיע, האָט דער גרויסער סאָוועטישער געלערנטער דער אַקאַדעמיקער וו. אי. ווערנאַדסקי געוואָרנט: „מיר גייען צו צו דער גרויסער איבערקערעניש אינעם לעבן פון דער מענטשהײַט,

וואָס מיט איר קאָן זיך ניט פאַרגלײַכן קיין זאַך פון דעם, וואָס זי האָט פריִער איבערגעלעבט. עס איז ניט ווײַט די צײַט, ווען דער מענטש וועט באַקומען אין זײַנע הענט די אַטאָם־ענערגיע — אַזאַ קוואַל פון קראַפט, וואָס וועט אים געבן די מעגלעכקײַט צו בויען זײַן לעבן, וויאַזוי ער וועט וועלן... צי וועט דער מענטש קענען באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער קראַפט, ברענגען מיט איר גוטס און ניט זעלבסטפאַרניכטונג? צי איז ער דערוואַקסן ביזן גראַד פון קענען אויסנוצן אָט די קראַפט, וועלכע די וויסנשאַפט האָט אומפאַרמײַדלעך געמוזט אים געבן? די געלערנטע דאַרפן ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף די מעגלעכע פאָלגן פון זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, פונעם וויסנשאַפטלעכן פּראָצעס".

„די גרעסטע באַדײַטונג האָט דער פאַקט, — האָט געשריבן מיט אַ יאָר ביז דער טראַגעדיע פון הירושימע און נאַגאַסאַקי איינער פון די גרונטלייגער פון דער נוקלעאַרער פיזיק, דער לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע נילס באָר צו רוזוועלטן און טשערטשילן, — וואָס עס ווערט געשאַפן אַ געווער פון אַזאַ מעכטיקײַט, וועלכע האָט קיין פּרעצעדענט ניט און וועט פולשטענדיק ענדערן די באַדינגונגען פון אַלע מילכאָמעס. אויב עס וועט צו דער צײַט ניט געשלאָסן ווערן אַוועלכע־ניט־איז פאַרשטענדיקונג וועגן אַ קאָנטראָל איבערן באַנוצן די נײַע אַקטיווע מאַטעריאַלן, וועט יעטווידער צײַטווײַליקער פאָרצוג, ווי גרויס ער זאָל ניט זײַן, קאָנען איבערגעשטיגן ווערן דורך דער שטענדיקער געפאַר פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט". צום באַדויערן, האָבן די ליבהאָבער פון קריגס־אַוואַנטורעס אין מײַרעוו ניט גענומען אין אַכט די וואָרענונגען פון די געלערנטע און האָבן אויסגענוצט די אַטאָם־ענערגיע אַלס געווער פון פאַרניכטונג און פון פּאָליטישן שאַנטאַזש.

מיט 36 יאָר צוריק האָבן די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע דורכגעפירט אַן אַטאָם־באָמבירונג פון הירושימע און נאַגאַסאַקי. דאָס איז געווען ניט בלויז אַ טראַגעדיע פון יאַפּאַניע. דאָס איז געווען די טראַגעדיע פון דער מענטשהײַט. זי האָט אויפגעמישט אַ טרויעריקע בלאַט אין דער געשיכטע — אין דער געשיכטע פונעם נוקלעאַרן באַוואָפענונג־געיעג, פון דער דראָאונג צו פאַרניכטן די מענטשהײַט. לויט דער אָפּיציִעלער ווערסיע, באַ וועלכער עס האַלטן זיך די רעגירנדיקע קרײַזן פון די פאַרייניקטע שטאַטן און יאַפּאַניע, זײַנען פונעם אופרײַס פון דער נוקלעאַרער באָמבע אומגעקומען 75 טויזנט מענטשן פון די 245 טויזנט אײַנוווינער פון הירושימע. אָבער די אויטאָריטעטע יאַפּאַנישע געלערנטע, וועלכע האָבן אַלזײַטיק דורכגעשטודירט די דאָזיקע פּראָבלעם, האַלטן, אַז די אָנגערופענע ציפערן זײַנען פאַרקלענערטע. לויט זייערע אָנגאַבן, האָט צום מאָמענט פון דער באָמבירונג זיך געפונען אין שטאָט, צוזאַמען מיטן מיליטערישן גאַרניזאָן, אַרום 450 טויזנט מענטשן, און די צאָל אומגעקומענע האָט באַטראָפן 240 טויזנט. דער עפעקט פון דעם אופרײַס איז געווען פיל גרעסער איבער די אייגנשאַפטן פונעם רעליעף: הירושימע ליגט אין אַ טײַך־דעלטע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בערג. נאַגאַסאַקי, ווידער, ציט זיך לענגאויס די געדרייטע ברעגן פון אַ שמאָלן יאַם־אײַנגוס — און דאָרט האָט דער אופרײַס פון דער זעלבער קראַפט אומגעבראַכט 70 טויזנט מענטשן. אַזוי אַרום, איז פון די צוויי אַמעריקאַנער אַטאָם־באָמבעס אומגעקומען העכער 300 טויזנט מענטשן. אָבער דער כעזשבן פון די קאָרבאָנעס איז נאָך ניט געענדיקט. עס שטאַרבן די קינדער פון די קינדער, וועלכע זײַנען באַשטראַלט געוואָרן פון דער אַטאָם־באָמבע, — אַ גרויזאַמע דערמאָנונג וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט און אַ האַרבע וואָרענונג פאַר דער צוקונפט.

דער איצטיקער דאָר פון דעם נוקלעאַרן געווער איז לויט זײַן מעכטיקײַט אין פיל מאָל שטאַרקער איידער די הירושימער באָמבע. אויפן קאָנגרעס „די דאָקטוירים פון דער וועלט פאַר ניט דערלאָזן צו אַ נוקלעאַרער מילכאָמע" זײַנען געבראַכט געוואָרן ציפערן וועגן די רעזולטאַטן פונעם אופרײַס פון אַ באָמבע פון 1 מעגאַטאָן איבער אַ שטאָט מיט אַ מיליאָניקער באַפעלקערונג. לויט די דאָזיקע אָנגאַבן, וועט דירעקט פון דער ווירקונג פון דער שלאָגכוואַליע, פון דער טערמישער אויסשטראַלונג, פון דער ראַדיאַציע אומקומען 300 טויזנט מענטשן, און אַרום 400 טויזנט וועלן ווערן פאַרוווּנדעט און באַקומען ראַדיאַקטיווע באַשטראַלונג. לויט די אָנגאַבן פון די אַמעריקאַנער געלערנטע, וועט באַ אַ טערמאָנוקלעאַרן אופרײַס איבער אַ שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון 3 מיליאָן מענטשן דערהאַרגעט ווערן 1 מיליאָן.

ווען אויף דער ערד זאָל אופגעריסן ווערן אַ באָמבע פון 1 מעגאַטאָן, וואָלטן די אָרטיקע ראַדיאַקטיווע אָפּזאַצן געגעבן אַ שווידערלעכן ניוואָ פון דער ראַדיאַציע, וועלכע רופט אַרויס די שטראַלן־קרענק און שווערע פאָרמען פון דער יערושע־קרענק. באַזונדערס וואָלט זי ווירקן אויפן געזונט פון די קינדער אינעם קומענדיקן דאָר, נעמענדיק אין אַכט די גענעטישע פאָלגן

פון דער נוקלעארער ראַדיאַציע. די שטראַלן־קרענק קאָן זיך באַווײַזן בײַ מענטשן, וואָס וווינען אַף דער טעריטאָריע פון בערעך 10 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער, א פאַרשמוציקטע מיט די פּראָדוקטן פונעם נוקלעארן אופּרײַס. די גרייס פון דער זאָנע, ווו די ראַדיאַציע ברענגט צו טויט־פאַלן, קאָן דערגרייכן 4 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער. עס איז קלאָר, אַז בײַם א נוקלעארער סרייפע וועלן טייקעף אומקומען ריזיקע מענטשן־מאַסן, און די מערהײַט פון די מענטשן, וואָס בלײַבן לעבן, וועלן זײַן פאַרורטיילט צו א פּײַנפולן טויט.

אין די ראַיאָנען, וועלכע וועלן האָבן אויסצושטיין אַזאַ אָנפאַל, וועט פאַרניכטעט ווערן דרײַ פערטל פונעם וווינונגס־פאָנד, עס וועט זיך אָפּשטעלן די באַזאָרגונג מיט וואַסער און ענערגיע, עס וועט אַקטיוויזירט ווערן די באַקטעריע־ און ווירוס־פלאָרע. אין די באַדינגונגען, ווען די באַשיצונגס־קויכעס פונעם אָרגאַניזם ווערן אָפּגעשוואַכט, וועלן אויסברעכן עפּידעמיעס, דערונטער ניט פאָרויסגעזעענע, וועלכע קאָנען זיך פאַרשפּרייטן אויך אין די לענדער, וואָס נעמען ניט קיין אָנטייל אינעם נוקלעארן קאָנפליקט.

נאָך מער, די גלאָבאַלע אָפּזאַצן פון ראַדיאָאַקטיווע פּראָדוקטן בײַ א טאָטאַלן נוקלעארן קאָנפליקט אין צאָפנדיקן האַלבקײַלעך וועלן זיך פאַרשפּרייטן ניט בלויז אין די לענדער פון דעם דאָזיקן האַלבקײַלעך. יעדנפאַלס, א דריטטייל פון די אָפּזאַצן וועט אַרײַנדרינגען אינעם דאָרעמדיקן האַלבקײַלעך.

עס איז שווער צו פאָרויסזאָגן, וועלכע ענדערונגען וועלן פאָרקומען אין דער עקאָלאָגיע, אינעם קלימאַט און אין די אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס זיכערן דאָס לעבן אַף דער וועלט. די ציפערן, וועלכע זײַנען געבראַכט געוואָרן אַפן קאָנגרעס, באַווײַזן, אַז אין רעזולטאַט פון א טאָטאַלן נוקלעארן קאָנפליקט, ווען עס רײַסט אוף אפילו ניט מער ווי א פינפטטייל פון די פאַראַנענע נוקלעארע רעזערוון, קאָנען די שטיקשטאָף־אָקסידן, וועלכע ווערן אַרויסגעוואָרפן אין דער אַטמאָספער, ברענגען צו ערנסטן שאָדן איר אָזאָן־שיכט, וואָס פאַרטיידיקט די לעבעדיקע באַשעפענישן קעגן די אַזויגערופענע אומדערבאַרעמדיקע קאָמפּאָנענטן פון דער אולטראַ־פיאָלעטאָווער אויסשטראַלונג.

וואָס מער די פעלקער פון דער וועלט פאַרשטייען די געפאַר פון א נוקלעארער מילכאָמע און די פאָלגן, צו וועלכע זי קאָן ברענגען, אַלץ שטאַרקער סטאַרען זיך די אימפּעריאַליסטישע קרײַזן צוגעוווינען די מענטשן צום געדאַנק, אַז אַזאַ מילכאָמע איז אומפאַרמײַדלעך. זיי דעקן דאָס צו מיטן צוזאָג, אַז עס איז קלוימערשט פאַראַן א מעגלעכקײַט אויסצונוצן אַזאַ פאָרם פונעם נוקלעארן געווער, וואָס וועט ניט ברענגען קיין „באַדײַטנדיקן שאָדן“. אַזוי, לעמאָשל, רעקלאַמירן אייניקע פּאָליטיקער און גענעראַלן אַפן מײַרעוו די נייטראָן־באָמבע. א נייטראָן־באָמבע איז איינע פון די קונציקע וואַריאַציעס פונעם אָנגרײַפנדיקן טערמאָנוקלעארן געווער, וואָס איז, פונקט ווי די אַטאָם־באָמבע, א מיטל פון מאַסן־פאַרניכטונג. די פאַרניכטונגס־קראַפט פון דעם דאָזיקן מין געווער איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער נייטראָן־באַשטראַלונג, וועלכע רופט אַרויס די שטראַלן־קרענק און דעם אומקום פון מענטשן. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט רייגאַן אָפּגעגעבן א פאַראָרדענונג, מע זאָל פּראָדוצירן דאָס נייטראָן־געווער אין פולן מאַסשטאַב. דער דאָזיקער אוממענטשלעכער אַקט איז א נײַער טראָט צו א נוקלעארער קאַטאַסטראָפע.

עס קלינגט לעכערלעך דער טעזיס פון די פאַרטיידיקער פונעם נייטראָן־געווער, אַז דאָס דאָזיקע געווער איז געצילט בלויז קעגן די אָנטיילנעמער אין די קריגס־אָפּעראַציעס און וועט ניט אָנרירן די פרידלעכע באַפעלקערונג. די פעלקער פון דער וועלט, קודעם־קאָל פון יענע לענדער, וואָס אַף זייערע טעריטאָריעס קאָן געהיט ווערן דאָס נייטראָן־געווער, דאַרפן וויסן דעם עמעס. אַפילו אַף א שטרעקע פון 1200 מעטער פונעם עפּיצענטער פון דעם אופּרײַס פון א נייטראָן־באָמבע מיט א מעכטיקײַט פון 1 קילאָטאָן, וואָס דאָס באַטרעפט א טויט־שטעטך פון 4,5 קוואַדראַט־קילאָמעטער, וועט שאַפן א פעלד פון אַבסאָלוטער טויט־באַשטראַלונג, און אַף א פלאַץ פון 15 קוואַדראַט־קילאָמעטער וועלן מענטשן באַשטראַלט ווערן אין אַזעלכע דאָזעס, וועלכע, אויב זיי וועלן אפילו ניט ברענגען אומיטלבאַר צו דער אַנטוויקלונג פון שווערע ראַדיאַציע־קרענק, וועלן זיי אָבער אַרויסרופן א הויכן גראַד וואַרשײַנלעכקײַט, אַז עס זאָלן זיך שפּעטער אַנטוויקלען די ראַדיאַציע־פאָלגן אין דער פאָרם פון קרענקלעכע אויסבילדונגען און בײַ זייערע קינדער — פון גענעטישע צעשטערונגען.

עס איז קלאָר, אַז בײַ דער שטאַרקער געדיכטקײַט פון דער באַפעלקערונג אין א רײַ לענדער, ווו די ישובֿים געפינען זיך נאָענט איינער צום אַנדערן, זײַנען די רייד, אַז די נייטראָן־באָמבעס „ברענגען ניט קיין שאָדן“ דער ציווילער באַפעלקערונג, ניט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש, וואָס איז אויסגערעכנט אַף מענטשן, וועלכע זײַנען ניט אין קורס פון דער

זאַך. מע דאַרף דערמאָנען, אַז דאָס נייטראָן־געווער איז ניט קיין „ריינס״ אין הינזיכט פֿון ראַדיאַציע. פֿאַרמאָגנדיק די אייגנשאַפֿט צו פֿאַרוואַנדלען סטאַבילע עלעמענטן אין ראַדיאַקטיווע, מאַכן די נייטראָנען דעם באָדן, די שפּייַז־פּראָדוקטן און די כפֿייצים, באַזונדערס פֿון אַ מעטאַל־קאָנסטרוקציע, אין דער זאָנע, וווּ עס ווירקט די נייטראָן־אויסשטראַלונג, אַלס קוואַל פֿון גאַמאַ־בעטאַ־אויסשטראַלונגען, אַפֿן כּעזשבן פֿון אַקטיוויזירן די עלעמענטן, וועלכע זיי אַנטהאַלטן.

אויפֿן דאָקטוירים־קאָנגרעס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן די וואָרענונג, אַז אין מאָמענט פֿון אַ נוקלעאַרן קאָנפֿליקט וועט זייַן זייער אַ באַגרענעצטע די מעדיציניש הילף, אין וועלכער עס וועלן זיך נייטיקן מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן באַקומען שווערע פֿאַרוווּנדונגען, אָדער אָפּגעברענט זיך, די מענטשן, וועלכע לייַדן אויף דער שטראַלן־קרענק, אויף וויפֿל עס וועלן בייס דער מילכאָמע כאָרעוו ווערן אויך די שפּיטאָלן, עס וועלן אויספֿעלן רעזערוון בלוט און מעדיקאַמענטן, ס׳וועלן שלעכט אַרבעטן די טראַנספּאָרט־פֿאַרבינדונגען. דערצו וועט די קאַטאַסטראָפֿע ניט זשאַלעווען אויך יענע, וואָס אין זייערע הענט איז איבערגעגעבן געוואָרן דאָס געזונט און דאָס לעבן פֿון די מענטשן.

אויפֿהייבנדיק די שטים קעגן דער נוקלעאַרער געפֿאַר, האַלטן די געלערנטע, די מעדיקער, די דאָקטוירים, אַז די מענטשן דאַרפֿן וויסן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס דאָזיקע טויט־ברענגענדיקע געווער.

עס איז אוממעגלעך פֿאָרצושטעלן זיך אַ מער גרויזאַמע קרענק, איידער אַ נוקלעאַרע וועלט־מילכאָמע. קעדיי אויסהיטן פֿון איר די מענטשן פֿון דער פּלאַנעטע, דאַרף מען ניט קאַרגן קיין קויכעס צו שאַפֿן מעכיצעס אויפֿן וועג צו אַ נוקלעאַרער מילכאָמע. דאָס נוקלעאַרע געווער מוז מען פֿאַרניכטן, קאָלזמאַן עס האָט נאָך ניט פֿאַרניכטעט די מענטשן. עס איז פֿאַראַן בלויז איין אויסוועג פֿון דער געשאַפֿענער לאַגע — טייקעף אָנהייבן ערלעכע, גלייַכבארעכטיקטע און ווירקנדיקע אונטערהאַנדלונגען. גראָד דאָס לייגט פֿאָר אונדזער לאַנד — קאָנקרעטע מאָסמיטלען צו באַגרענעצן, פֿאַרקירצן און אין דער אונטערשטער שורע פֿאַרניכטן די נוקלעאַרע ראַקעטע־באַוואָפֿענונגען. די מענטשהייַט דאַרף און קאָן דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל.

א גוטער סימן

איך גלייב

אין לײַכטן אומרו און אין זאָרגן
א טאָג א פּאַשעטער פאַרגייט,
ס׳זאָל ווידער קומען דער פרימאָרגן
מיט נײַער האָפענונג און פרייד.

און אויב כ׳האָב עפּעס־וואָס פאַרלאָרן,
עס טוט בעפיירעש מיר ניט באַנק,

ס׳וועט יעדער נײַער טאָג געבאָרן
מיט נאָך א גרעסערן געשאַנק.

אין בלייכן אָפּשײַן פון די שטערן
איך זע דעם מאָרגן שוין צעהעלט
און גלייב — ס׳וועט אלץ מעקוייעם ווערן,
וואָס אונדז האָט נעכטן אויסגעפעלט.

ווען ניט דער זיסער כאָלעם־טרוים

מיר דוכט זיך אויס: ווי אף א קאָסמאָס־שיף,
איך פלי פאַרשײַט אַרײַן אין כאָלעם טיף.

און ס׳טראָגט מיך אײַליק צו די שטערן ווײַט,
מיט זיי איך מעסט די טיפע קאָסמאָס־צײַט.

אָן אָנגעלאָדענער מיט אלץ, וואָס איך פאַרמאָג,
איך פיל זיך לײַכט, אזוי ווי אָן א וואָג.

און אפן האַרצן איז מיר עמעס גרינג,
ניט אַנדערש, כ׳בין ווי אין א קישעף־רינג.

ווײַל אלץ אין כאָלעם טרעפן זיך עס קען,
מע איז דאָך פאָרט בא זיך ניט אין די הענט.

נאָר ווען פון דאָרטן, ווי עס איז באַשערט,
בעשאָלעם כ׳לאָז אַראָפּ זיך אף דער ערד,

עס ווערט פאַר מיר נאָך נעענטער די זון
און אלץ, וואָס כ׳זע, וואָס רינגלט מיך אַרום:

דער גרינער וואַלד און דער פאַרשנייטער
ווינט,
און דער געלעכטער מילדער פון א קינד,

און דאָס בעריאָזקעלע, וואָס בא מײַן הויז
איז אויסגעוואַקסן שלאַנק אזוי און גרויס.

דער קילער שאָטן און די שטאַרקע היץ
דאָס שטיל קלוג וואָרט, און אויך
א לײַכטער וויץ,

און גלאַט די לופט, וואָס כ׳אָטעם גערן אײַן,
און מײַנע אלטע אויסגעפּרוּווטע פרײַנט.

ערשט אף דער ערד איך פיל מײַן עכטע
קראַפט,
אזוי ווי נאָך א פלוג דער קאָסמאָנאַווט.

נאָר פאָרט א זיסער כאָלעם־טרוים מיך פאַנגט,
דערפאַר עפּשער טוט אָפּט מיר עפּעס באַנק,

צי עס פאַרדריסט, צי א פאַרליבטער
כ׳בעבענק, —
אָן דעם מײַן וועלט געוווען וואָלט קליין
און ענג.

אין סטעפּ

אין פאַרטאָגן לויטערע
קלינגען רײַפע זאַנגען.
מיט דער העלער זון אין סטעפּ
כ׳בין אַרײַנגעגאַנגען.

ריר איך דאָרט די זאַנגען אָן,
נעם זיך מיט זיי גריסן,
באַלד דער סטעפּ פאַרקישעפּט מיך,
ווי א כאָלעם זיסער.

כ׳פיל זיך ווידער קינדעריש,
ווי אין יענע יאָרן,
עפּשער בין איך טאַקע דאָ
מאַזלדיק געבאָרן...

און דער סטעפּ דער זוניקער,
ווי א רײַכער שײַער,
היצט אין האַרצן מיר אַרײַן
א גינגאָלדן פײַער.

קלינגט דער זומער כּיעסדיק,
זינגען רײַפע זאַנגען,
מעגלעך, אַז זיי שענקען מיר
זייערע געזאַנגען.

שאָלעם

שאָלעם הייסט מײַן שאָכן,
ווי פײַן זײַן נאָמען קלינגט.
א גוטער באַלמעלאָכע,
א מייוון אף אַלצדינג.

ער טוט זײַן זאַך מיט ליבע,
ער נייט פאַר גרויס און קליין,
און קינדער האָט ער זיבן,
אַלע — איינס אין איינס.

און אייניקלעך — א בראָכע,
געראָטענע נאָך מער.
און מיט זײַן אַלטער בראָכען
טאַנצט ער שנעל א שער.

א בעריע אף מײַכאָלים,
געפילטע פיש מיט כריין,
אַזעלכע — נאָר אין כאָלעם,
אין מויל צעגיי׳ן אַליין.

און דאָס געבעקס אין אויוון,
די אַלטע בראָכע שײַנט.
ער איז אף אַלץ א מייוון,
כאַלטורען האָט ער פײַנט.

מײַן שאָכן איז צופרידן,
זײַן שפּאָס איז מיט געדאַנק:
און — שאָלעם הייסט דאָך פרידן,
באַשערט איז לעבן לאַנג.

מיט די אויגן פון מײַן האַרץ

ביסט געקומען צו מיר אומגעריכט,
ווי א מאַלקע פון ווײַטן פאַרפלויגן,
ווי פון שײַן אויסגעוועבט דײַן געזיכט,
ווי פון פרײַד אויסגעטאָקט דײַנע אויגן.

און דו גיסט מיר דײַן מיין צו פאַרשטיין,
קאָנסט ניט אָפלייגן מער שוין אף שפּעטער,
פאַר אונדז ביידן דער עמעס אַליין
וועט איצט ווערן דער איינציקער רעטער.

ביסט געקומען צו מיר שטילערהייט,
עס זאָל קיינער ניט זען און ניט הערן,
ווי עס זינגט אונדזער ליכטיקע פרייד
אונטער שטילן געווימל פון שטערן.

מיט א שמייכל דו קוקסט אף מיר צאַרט,
און מיר שווײַגן א ווײַלע צוזאַמען,
כ׳האָב אַזוי אף דער רעגע געוואַרט,
און איך גלייב, אַז דו האָסט מיך פאַרשטאַנען.

עפּשער האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַלץ,
מיט א כאָלעם די אויגן פאַרצויגן,
ס׳האָט, אפאָנעם, מײַן בענקענדיק האַרץ
אופגעפראַלט די אמאָליקע אויגן...

גערהיימניס

טו א קוק, ווי ס׳בליט א בלום,
בונט און פארביק — אזוי שיין איז,
ווי אליין די העלע זון
שײַנט ארויס פון דער געהיימניס.

טו א קוק, ווי ס׳גרינט א בוים,
ווי עס יורין זאפטן ריינע,
ווי אין יאם עס ברויזט און שוימט
אין די טיפן די געהיימע.

אלץ באנעמען טיף איך גאר,
יעדן סאָד, צי גרויס, צי קליין איז.
עפשער ליב איך דיך דערפאר,
ווײַל אליין ביסט א געהיימניס.

די שיינקײַט פון דער וועלט

ניט ערגעץ — אין מײַן יישעוו,
אין ראכוועסדיקן פעלד
האָט קינדווײַז מיך פארקישעפט
די שיינקײַט פון דער וועלט.

דערפאר עפשער קעסיידער
מײַן היים פאר מיר עס העלט,
מײַן ליכטיקער גאניידן —
די שיינקײַט פון דער וועלט.

פאראן א גוטער סימען,
פון וואָס דאָס הארץ עס קוועלט:
אויב ריין עס איז דער הימל,
איז שיין די גאָרע וועלט.

עס קאָנען קלעמען ווייען,
זאָל זײַן, אז עפּעס פעלט,
נאָר אייביק וועט אונדז פרייען
די שיינקײַט פון דער וועלט.

ווילע מענטשן פון דער גאָרער וועלט

ווילע מענטשן פון דער גאָרער וועלט,
כ׳װוּנדע זיך צו אײַך מיט א באקאָשע,
העלפט, עס זאָל די זון ניט זײַן פארשטעלט
מיט בייזן שאָטן פונעם ראָשע.

ווילע מענטשן פון דער גאָרער וועלט,
כ׳ווייס, די ערד איז איטלעכן אײַך טײַער,
נאָר עס בלאָזט פון איר אזא מין קעלט,
ווײַל זי איז שוין אָנגעשטאָפּט מיט פײַער.

ווילע מענטשן פון דער גאָרער וועלט,
כ׳גלייב אײַך, כאָטש איך קען אײַך ניט אין פּאָנעם,
יעדערן, ווײַזט אויס, עפּעס עס פעלט,
נאָר אונדז אלעמען עס פעלט א פעסטער שאָלעם.

מײַן אייניקל

סארא פרייד, א קלייניקײַט!
כ׳גלייב זיך ניט אליין,
ס׳האָט מײַן טײַער אייניקל
אָנגעהויבן גיין.

זײַנע טריט — גאָר אנדערע,
ס׳איז דערווײַלע שווער,
עפשער נאָך איין וואנדערער
וואקסט שוין אף דער ערד.

ס'האָט א ווערט ניט ווייניקער
אויך אַן אנדער זאַך,
ס'זאָל נאָר זײַן באַם אייניקל
פרייד און גליק א סאַך.

מיט א טרוים א ליכטיקן
זײַן זאָל ער באַהויכט,
מיט א וועג א ריכטיקן
גרייכן אין דער הויך.

שטעקט ארויס דאָס צינגעלע,
שמייכלט מאָלע כיין.
וועסט נאָך זען, מײַן יינגעלע,
ווי די וועלט איז שיין.

א רעגע

בא וועמען זאָל איך פרעגן,
מיט וואָס אזוינס מע מעסט.
לעמאָשל, אין איין רעגע
עס טרעפט אזא מין נעס:

א כמארע, ווי א זעגל,
שווימט אָן און טוט א שטיף,
און, נא דיר, שוין א רעגן
מיט זילבער־טראָפּנס טריפט.

איין רעגע — און די אויגן
שוין קוועלן פון דער זון,
א בונטער רעגנבויגן
דעם הימל נעמט ארום.

א קאָסמאָס־שיף איז טעטיק
און שיקט א גרוס דער ערד,
אליין די פרייד באַשטעטיקט
די רעגע, וואָס איז ווערט.

א רעגע, ווי א גענעץ,
זי גרויסט זיך, כאָטש איז קליין,
אפּאָנעם, ס'איז איר גרענעץ —
די אייביקייַט אליין.

אירמע דרוקער

מיכאל־וויסעק גוזיקאָוו

דער שטאָט־אפּיקורעס

אין יעדן שטעטל זײַנען געווען א סאך מעשוגאָים. ס'איז געווען פון וואָס מעשוגע צו ווערן. צווישן דעם בינטל מעשוגאָים האָט זיך געפונען איינער אזא מעשוגענער, וואָס פלעגט זאָגן און רעדן קלאָרער פון יעדן קלאָרסטן, אין דעם טאקע איז באשטאנען זײַן מעשוגאַס. אזא מעשוגענער האָט זוכע געווען און פארדינט דעם קאָוועד אָנגערופן צו ווערן דער שטאָט־מעשוגענער.

דער נאר, וועגן וועלכן עס פלעגט גיין א רייד, אז ער איז גאָרניט אזא נאר, ווי ער מאכט זיך און ווי מ'מאכט פון אים, איז פארבליבן אף שטענדיק דער שטאָט־נאר.

דער שטאָט־באדכן האָט געהייסן דער באדכן, וואָס ווען עס פלעגט אף אים אָנקומען דאָס באדכאָנעס, האָט ער זיך ניט געקאָנט אײַנהאלטן און געבאדכנט ווו נאָר עס האָט זיך גע־מאכט — איבער די גאסן און געסלעך, אפן מארק, אפן יאריד־פּלאץ און אין די הויפן.

פון די לייצים פלעגט אָן לייצאָנעס אויסגעקליבן ווערן אלס שטאָט־לעץ דער, וואָס דאן, ווען ער האָט ניט געהאט איבער וועמען צו לעצעווען, האָט ער געלעצעוועט איבער זיך אליין.

נעגידים זײַנען אין שטעטל געווען פון פארשיידענעם גראד, נאָר קעדיי ניט צו באליידיקן דעם קלענסטן נאָגיד אפילע, האָבן זיי אלע געהייסן בעלאָשן־ראבים — די שטאָט־נעגידים.

קאפּצאָנים זײַנען געווען אזויפיל, אז אף איין נאָגיד האָבן אויסגעמאכט עטלעכע הונדערט.

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 11.

און געהייסן האָבן זיי בעלאָשן־יאַכיד, ווי מ'פּלעגט זאָגן אין שטעטל — בעקאַפּציינו יאַכאַד — איין גרויסער קאַפּצן.

יעדעס שטעטל האָט זיך געהאַט זײַן מייליך־יוישער און זײַן מאָסער, זײַן קאַלעפּל און זײַן גאַפּל, וועלכער האָט זײַנע ציינער געשטעקט אומעטום, און וואָס נאָר זיי האָבן אָנגע־טראָפן, איז עס געוועזן זײַנס, געהאַט אויך זײַן, צאַדיק־האַדאָר, זײַן לאַנד־כאָכעם.

קיין מאַנגל אין רעשאָ:ים איז אויך ניט געווען. אַף צו פאַרעכנט ווערן פאַר א ראָשע, האָט מען קיין סאַך ניט געדאַרפט, און דאַך האָט דער ראָשע געהאַט א זכוס — פון א ראָשע קאָן נאָך א צאַדיק ווערן, און דעריבער וואַרט גאָט ביזן לעצטן טאָג פונעם ראָשעס לעבן — עפּשער וועט ער זיך אומקערן? עפּשער וועט ער טשוווע טאָן?

אָבער אַן אַפּיקוירעס, וועלכער האָט אופגעהויבן זײַן האַק אַף די צווײַגן פונעם בוים אין גאָטס ווײַנגאָרטן, אזא האָט קיין טקומע ניט, אזא איז א פאַרפאַלענער פון ביידע וועלטן, אַף אזא טאָר מען קיין ראַכמאָנעס ניט האָבן, אזא דאַרף אַרויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל.

פאַלט אַף איינעם דער מינדסטער כשאַד פון אַפּיקאָרסעס, דאַרף מען אים נאָכשפּירן אַף טריט און שריט, ער זאָל ניט צי:ען קיין אַנדערע אין אָפּגרונט. דער שאָטן פון אזא כשאַד איז אין שקלאָוו געפאַלן אַף שמוניע דער שניצער. ס'איז געווען פונקט ראָשעשאָנע, ווען אַלע יידן זײַנען געגאַנגען צום טאַשלעך — אויסליידיקן די הערצער און אַרויסטרייסלען די קעשענעס פון אַלע אווײרעס אין די טיפעניש פון טײַך דניעפּער. איז זיך מעיאַשעוו שמוניע דער שניצער און זעצט זיך אוועק מײַסע קונדעס באַם ברעג טײַך און אָנשטאָט טפילע טאָן, אַז גאָט זאָל רייניקן זײַן הארץ אַף צו דינען אים בעעמעס, האָט ער גענומען וואַרפן אין טײַך אַרײַן שטיינדלעך, א שטיינדל נאָך א שטיינדל.

— וואָס טוט איר עס? — האָבן די טאַשלעך־יידן זיך געווענדעט צו שמוניען.

— איך וואַרף שטיינדלעך!

— דאָס זעען מיר, איר זאָגט אונדז נאָר דעם מיין, די קאַוואָנע, צוליב וואָס טוט איר עס?

— איך טו עס צוליב אויסקאָרעניען די קרײַזן, וואָס די שטיינדלעך מאַכן אין טײַך.

האָט זיך א הילכיקער געלעכטער פאַנאַנדערגעטראָגן באַם ברעג פונעם דניעפּער, און שטיקער געלעכטער האָבן זיך פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט אין די געוואָרענע און פאַרלאָרע־נע קרײַזן.

— ווי קאָנט איר בײַקומען די קרײַזן, אַז איר האַלט זיי אין איין פאַרמערן און אין איין פאַרגרעסערן?

— לאַכט ניט, דאָס איז אַן אָנצוהערעניש דעם ווילנער גאָען, אַז שנייער־זאַלמענען — וואָס מער מיט א דין, וואָס מער מיט א שיימהאַמפּוירעשדיקע קאַבאַלעסטישע אויסטראַכטונג פון ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, וואָס מער מיט א פּילפּל, וואָס מער מיט א כקירע, אַלץ גרינגער איז צו פאַרפּלאָנטערן און פאַרצי:ען די קלאָרע מאַכשאָווע, אופרודערן דאָס הארץ און אויסלעשן די שײַן פון אויג.

— ווײ צו די אויערן, וואָס הערן עס! ווײ צום דאָר, וואָס האָט אזא פּיירע אַרויסגעגעבן, — האָבן די טאַשלעך־יידן זיך דערפילט שולדיק, וואָס זיי געהערן צו דעם דאָר, וועלכער איז שולדיקער און זינדיקער פון אַלע דוירעס ביז אהער, ביז זיי. די איינציקע האָפענונג איז געווען אַף גאָט דעם שויפעט, וועלכער וועט אינעם טאָג פון מישפּעט אַרויסטראָגן דעם האַרבסטן פּסאַק־דין פאַר שמוניע דעם לעסטערער און אָפּלייקענער, ער וועט אים פאַרקוויט־לען אין אזא קוויטל, אַז עס וועט אים אָפּנעמען דאָס לאָשן און ער וועט זיך דערפילן געבונדן אין שטריק, ווי געשמידט אין קייטן.

אין יענעם ראָשעשאָנע איז קלאָר געוואָרן, אַז שמוניע דער שניצער איז ניט קיין כאָסיד און ניט קיין מיסנאַגיד — דער ווילנער גאָען און שנייער־זאַלמען האָבן בא אים איין פּאָנעם, ווי זיי זאָלן א צווילינג זײַן.

— איז וואָס זשע איז ער? גלאַט א ייד? קאָן מען דען זײַן גלאַט א ייד? אַז מ'איז גלאַט, איז ניט גלאַט. וויבאַלד ניט אהער און ניט אהין, איז דער איינציקער וועג, וואָס בלײַבט, דער וועג, וואָס פירט צו אַפּיקאָרסעס. פון יענעם ראָשעשאָנע אָן איז אַף שמוניע דעם שניצער אויסגעפאַלן דער גוירל בא כסידים און מיסנאַגדים, בא קליין און גרויס הייסן ניט אַנדערש, ווי דער שטאָט־אַפּיקוירעס.

די לאָקערונג און נאָכשפּירונג האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. ס'האָבן אין שטאָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן קלאַנגען, אַז שפּעט אין דער נאַכט לערנט און לייענט שמוניע דער שניצער בעקויל ראָם מיטן ניגון פון דער געמאָרע די טרייפפּאָסלדיקע, טומע־שעבעטומע־ביכער פון די אופגעקלערטע לײַט.

א כאַבאַדישער אויסשפּירער האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט דורכן שפּאַלט פון לאָד אַליין מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי פרײַטיק פאַרנאַכט האָט שמוניע אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ, ווײַזט אויס, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אַף שטאַרק דריִבינקע אויסיִעלעך.

א מיסנאַגדישער אויסשפּירער האָט איבערגעשטיגן דעם כאַבאַדישן און געשווירן בא וואָס הייליק ס'איז, ער זאָל אַזוי זוכע זײַן שמעקן און אײַנעטעמען אין זיך די רייכעס פון מיזבייעך־קאָרבאָנעס, ווי ער האָט דורך א האַלב אַרויסגעזעצטער שויב, וואָס איז אָן ערעך נעענטער צום שפּאַלט פון לאָד, ווי די גאַנצע שויבן, אײַנגעאָטעמט אין זיך דעם רויך און דעם רייעך פון טאַבאַק, עס האָט אים גענומען אַזוי שטיקן, אַז ער האָט זיך קוים אָטכײַעט. אַזאַ כילעל־האַשעם איז נאָך ניט געהערט געוואָרן — שאַבעס אַף גאָר דער וועלט, און שמוניע רייכערט ווי א קוימען, א ציגאַר נאָך א ציגאַר.

אסיפעס נאָך אסיפעס! אסיפעס פון כסידים באַזונדער און פון מיסנאַגדים באַזונדער:

— וואָס טוט מען מיט שמוניע דעם שניצער?

— וואָס טוט מען מיט זײַנע מיזרעכן, וועלכע באַפּוצן ניט איין ייִדישע שטוב?

— וואָס טוט מען מיט די אויסגעשניצטע אָמעדן און אָרנקוידעשס אין די שולן און אין די באָטעמעדראָשים?

— צי מעגן אין א מאָקעמקאָדעש זיך געפינען זײַנע הערשן, לייבן און טויבן?

— אומעגלעך, — האָבן די מיסנאַגדישע ראַבאָנים געפּאַסקנט און באַפוילן אומברענגען אַלע הערשן, לייבן און טויבן און ווי פּאָסלע מעזוזעס פאַרברענען אַלע מיזרעכס און אַלע אָמעד־אויסשניצעכצן פונעם גאָטס דערצאָרענער.

— ס'איז מעגלעך, איך בין מאַטער, — האָט לייווי־ייִצכאָק געענטפערט די שקלאָווער כאַ־באַדניקעס, וועלכע האָבן זיך געווענדט צו אים מיט אָט דער האַרבער שײַלע.

מעגלעך, ווײַל ס'איז זייער מעגלעך, אַז דאַן, ווען שמוניע האָט באַשאַפן זײַנע באַשעפע־נישן, איז ער נאָך ניט געווען אַזוי צעקריגט מיטן באַשעפער, און וועהאַשייניס, דאַרף מען וויסן, אַז ווען שמוניע האָט געשניצט זײַנע שניצעכצן, איז ער געווען געהייליקט מיט דער סאַמע הייליקסטער קאַוואָנע, ווײַל אַנדערש וואָלט זיך בא אים גאָרנישט ניט באַקומען. דער גרעסטער ראָשע, ווען ער פּרוּווט מאָלן א צאַדיק, מוז אין די שאָען פון שאַפן און באַשאַפן פאַרגעסן אין דעם, אַז ער איז א ראָשע, ער מוז זיך אומבאַדינגט דערהויבן צו דער מאַדרייגע פון א צאַדיק, ווײַל אַנדערש וואָלט דער מאָלער קיין מאָלער ניט געווען און דער שניצער קיין שניצער ניט.

ביז די אומרויִקע טעג, ווען עס האָבן געדאַרפט קומען אַף דער וועלט די גרויסע צוויי נײַע ניגונים, פלעגט שמוניע דער שניצער קומען צו אַזריִעל דעם קלעזמער אַלע פרײַטיק אַפּדערנאַכט, אין דעם אַפּדערנאַכט פון זמירעס, ווען יעדער ניט זינגענדיקער ייִד ווערט א זינגער און קלעזמער רוען אָפּ פון זייער שווערער נעגינע־אַווידע, און די קיילים זייערע שווײַגן אַף די ווענט און כאָלעמען וועגן נײַע קלאַנגען, וואָס עס וועט ברענגען מיט זיך די קומענדיקע וואָך. און אַז די אומרויִקע טעג זײַנען געקומען, איז שמוניע דער שניצער געוואָרן אַן אָפטער גאַסט, ער פלעגט ניט פאַרפעלן קיין איין אָוונט, ווען די קלעזמער זײַנען נאָך פרײַ געווען.

אין די אַפּדערנאַכטן איז אַזריִעלס שטוב פול געווען מיט מיסנאַגדים, מיט גלוסטנדיקע און דורשטיקע, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אַף א נײַעם ניגון, ווי אַף אויסלייזער און באַפרײַער.

יעדער אַזאַ אָוונט האָט באַרײַכערט וועלוועלן און מיכקען, אָפּגעוואָרפן דאָס, וואָס עס האָט זיך געפּרוּווט אײַנקלאַמערן אין די פאַרטראַכטן און אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן פאַר אַזוינס, וואָס עס האָט פריִער גאָרניט געקאָנט אַרוף אָפן זינען. וואָס מער מיכקע האָט זיך דערוווּסט וועגן לייווי־ייִצכאָקן, וועגן שנייער־זאַלמענען, וועגן דעם ווילנער גאָען און וועגן אַוויגדערן, אַלץ מער האָט אים זיך געוואָלט וויסן, אַלץ מער האָט זיך אים געוואָלט אַראָפּלאָזן אין די טיפענישן, אין די אָפּגרונטן פון זייערע נעשאָמעס. עס טרעפט אָפט, אַז איין נײַ־צוגעקומענער שטריך מאַכט אַן איבערקערעניש און ענדערט דאָס גאַנצע בילד.

בא אייניקע כסידישע ראַביִים איז געווען אײַנגעפירט א „צווייטער טיש", וועלכער האָט מאַמשיך געווען דעם ערשטן.

דער „ערשטער טיש" האָט געהייסן דער טיש, בא וועלכן דער רעבע פלעגט זאָגן טוירע, און די כסידים האָבן געגאַפט און זײַנען היסלײַוועסדיק געפלויגן אין די הימלען אַרײַן. דער „צווייטער טיש" איז געווען אָן דעם רעבן. בא דעם טיש פלעגן בלײַבן די כסידים, וועלכע האָבן זיך ניט באַנוגנט מיטן פאַרגעניגן פון א כײַע שאָ. יעדער איינער פלעגט איבערזאָגן דעם רעבנס טוירע, אַרײַנטראָגן עפעס אייגנס, נײַס, מ'האָט געטײַטשט אַף וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט און ניט געלאָזט.

צוויי אויסטײַטשונגען צעקריגן זיך און צעפּאַטשן זיך, קומט אַ דריטע אויסטײַטשונג, פּרוּווט אויסגלײַכן, מאַכן שאַלעם צווישן זיי, און דאָס אַמפּערן און קריגן זיך ווערט נאָך שטאַרקער, ביז עס מישט זיך אַרײַן אַ ניגון, און אַלעמען ווערט ליכטיק אין די אויגן, ליכטיק אויפן האַרצן.

אַט דער מינהעג איז אויך אײַנגעפירט געוואָרן בײַ אַזריִעל גוזיקאָוון — שטענדיק, ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען, פלעגן פאַרבלײַבן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַ כעוורע מעי־נאַגנים אויף טראַכטן, פאַנאַנדערקלײַבן יעדן קלאַנג און יעדעס וואָרט, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן וועגן נעגינע. דער עמעסער פאַרגעניגן באַשטייט דאָך טאַקע ניט בלויז באַם הערן דעם ניגן, נאָר דעריקער, ווען דאָס געהערטע צעשיידט זיך ניט מיט דיר, באַגלייט דיך, ווערט אַ טוישעוו אין דײַן האַרצן, וועבט זיך פעסט אײַן אינעם זיקאָרן און אַנטפלעקט זיך בײַ יעדער דערמאָנונג, ווי אַ נאַרוואָס געבוירענער, ווי אַ נאַרוואָס געקומענער.

שמוניע דער שניצער, פאַר וועמענס שאַרפער צונג האָבן אַלע מוירע געהאַט, פלעגט קיינמאָל ניט בלײַבן באַם „צווייטן טיש”, ווײַל ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן נעגינע נאָכן שפּילן. דאָס שפּילן און זינגען פלעגן אים מאַכן אַזוי ווייך און אַזוי צאַרט, אַז ער האָט געקאָנט בלויז שווײַגן...

מיכקע האָט וועגן דעם געוווּסט, און ער פלעגט ניט דערלאָזן קיין איין ערעוו שפּילן, אַז ער זאָל ניט אָנרעגן שמוניען ענטפערן אויף פראַגן, דערציילן און זאָגן עפּעס נײַס, וואָס עס האָט אַ שײַעך צו זײַן און וועלוועלעס פאַרטראַכטס.

צו דער מיצווע פון האַכנאָסעס אָרכים לאָזן אַזריִעל און סאָרע קיינעם ניט צו. ניטאָ פאַר זיי קיין גרעסערער פאַרגעניגן, ווי מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע הערצער עפענען די טיר פאַר יעדן, וועלכער גייט אויס נאָך אַ ניגן.

— אָ, סאַרא אָנגעלייגטער גאַסט, — גיבן אַ זינג פון זיך סאָרע און אַזריִעל, ווי אַ ווידוואַט אַפילע פאַר אַזאַ, מיט וועמען מ'האָט זיך צוריק מיט עטלעכע שאָ געזען. — סקאַצל קומט! סקאַצל קומט! קומט אַרײַן! קומט אַרײַן!

אַזויפיל סימכעס, און זיי דערעסן ניט, ווי עס דערעסט ניט קיין ברויט. יעדע סימכע איז ווי זי זאָל זײַן די ערשטע סימכע. נאָך מער, יעדע סימכע ברענגט מיט זיך אַראָפּ אַלע סימכעס פון נעכטן און אייערנעכטן, פון אַ כוידעש, פון אַ יאָר און פון יאָרן צוריק. אַלע סימכעס, וועלכע האָבן וועןדעס־איז איבערגעטראָטן זייער שוועל.

נאָר ווי איז דען דאָ אַ סימכע, זי זאָל ניט פאַרמאָגן איר אויסגעבאַהאַלטענעם צאַר, איר ווייטעק, וועלכער איז פאַרפּוצט אין יאָמטעוודיקע בגאָדים?

בײַ אַזריִעלן און סאָרען ווערט די סימכע געשטערט, וואָס צווישן די געסט פעלן שטענדיק אויס דער עלטערער זון מאָרדכעלע און דער יונגער שלוימקע. דיביידע ברידער האַלטן אין איין טײַנען און דערווײַז, אַז צוליב די מעכוטאָנים און כאַסענע־געסט, צוליב די נעגידים און פּריצים איז ניט קעדײַ אַזוי האָרעווען, איבערשפּילן יעדן ניגן, שלײַפן יעדן קלאַנג, ציטערן איבער די טאַקטן, ווי אַ פּראָצענטניק ציטערט איבער זײַנע רענדלעך. דאָס איז אָן אַרבעט פאַר די סימפאָנישע אָרקעסטערס, וועלכע שפּילן אין די אָפּערעס, אין די קאָדשיי־קאָדאָשים פון דער נעגינע. אונדזער איבערגעגעסענער, אָנגעפּרעסענער און אָנגעזויפטער צוהערער וועט אַלץ פאַרדײַען, ער וועט זיך ניט דערוואַרגן מיט אַ ניט גענוג געשליפענעם קלאַנג, ווי מיט אַ בייך, עס וועט אים ניט נעמען טרייסלען, טאָמער וועט מען פאַרפעלן אַ פּאָר טאַקטן, טאָמער וועט מען אַרופשפּרינגען העכער אָדער אַראָפּ נידעריקער. דעריקער, ס'זאָל דימפּלען און גרימפּלען, אַז דער מאָגן זאָל בעסער אַרבעטן און די טאַנצנדיקע פיס זאָלן אײַנטראָמבעווען די געשמאַקע מײַכאָלים און די סימכע, וואָס שפּאַרט פון אַלע זײַטן.

נאָך מער האָבן מאָרדכעלע און שלוימקע אויסגעלאַכט דאָס אָפּגיין מיט זיבן שווייסן באַם אײַנשפּילן, געכויזעקט איבערן באַהאַנדלען און ריידן וועגן נעגינע — דאָס איז אַ זאַך פאַר ליידיקגייער, פאַר פּלאַפּלער, פאַר די נײַנמאָסיקע:

— שפּילן — דאָס איז אַ מעלאָכע, יעדע מעלאָכע דערעסט אַזוי דעם באַלמעלאָכע, אַז ווען ער באַפרײַט זיך פון איר, איז ער ווי דער באַפרײַטער קנעכט, וואָס ציטערט אויף פון יעדער דערמאָנונג וועגן זײַן קנעכטשאַפט. ניט אומזיסט זײַנען דאָ שוסטערס, וועלכע פאַרלאָזן זייער שוסטער־שול און גייען אַוועק דאַוונען אין דער שנײַדערשער, און שנײַדערס, וועלכע זײַנען זיך מיסיאַכעד מיט די שוסטערס.

די מאַמע סאָרע זאָגט, אַז דאָס איז אַלצײַנס, ווי אַ כאָסן זאָל ניט וועלן לײַדן, ווען מ'לויבט זײַן קאַלע פאַר אים אין די אויגן, און דער טאַטע אַזריִעל האַלט, אַז ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע קלאָלע, ווען מ'האָט ניט ליב דאָס, וואָס מ'טוט, ווען מ'זעט ניט קיין מאַזלבראָכע אין די הענט. אַזאַ מענטש לײַדט פון דעם שרעקלעכסטן באַלקאָרכאָכאָ, פון דעם גוואַלד געצוווּנגענעם צער־

ליבן האָ לאַכטאַ אַניאַ — צוליב דעם אָרעמען שטיקל ברויט אַף אָנצושטאָפּן די קישקע. אַ מינוט ציט זיך באַ אַזאַ איינעם פאַר אַ יאָר, און עס איבלט אים פון יעדן ריר מיט דער האַנט. ער ווייסט ניט פון קיין יאָמטעוו, ווײַל עס הערט אים ניט אוף שרעקן די וואָך, עס גייט אים ניט אײַן די רו, ווען ער דערמאָנט זיך נאָר, אַז מאָרגן וועט ער ווידער דאַרפן טאָן דאָס, וואָס ס'איז אים אַזוי דערווידער.

און אַזוי וויל איז דעם, וואָס קאָן זיך ניט צעשיידן מיט זײַן אַרבעט, אַ שאָ פליט באַ אים דורך, ווי אַ רעגע, און אַ טאָג, ווי שאָ. זײַן יאָמטעוו באַשטייט אין דעם, וואָס מאָרגן הייבט זיך ווידער אָן אַ וואָך, וואָס מאָרגן וועט ער ווידער טאָן דאָס, וואָס נעכטן און אייער־נעכטן, וואָס די אַרבעט וואַרט אַף אים און בענקט נאָך זײַנע פלײַסיקע הענט, וועלכע האַלטן אין איין באַשאַפן. נאָר אַזעלכע קאָנען זײַן גוטע מענטשן, נאָר אַזעלכע זײַנען די בעסטע און געטרײַסטע שוטפים מיט ענלעכע צו זיי, וואָס צוזאַמען ווײַזן זיי וווּנדער.

— אין וועמען זײַנען מאָרדכעלע און שלוימקע געראָטן? גאָרניט ענלעך אַף די גוזי־קאַווס, — קלאָגט זיך דער טאַטע אַזריִעל פאַר דער מאַמע סאָרען.

די מאַמע סאָרע טרייסט איר אַזריִעלן:

— מיט איין האַנט שיקט צו גאָט אַ מאַקע, און מיט דער צווייטער אַ רפואה, מיט איין האַנט פּראָוועט ער באַרויגעז, און מיט דער צווייטער בעט ער איבער — דאָס, וואָס ער האָט אָפּגענומען באַ מאָרדכעלען און שלוימקען, האָט ער בעקייפל קייפלײַים אָוועקגעגעבן מיכקען.

ווי שטענדיק, איז דער ערשטער אָנגעלייגטער גאַסט בערקע דער פּויקער. קומען קומט ער שטענדיק מיטן פּויק. אָן דעם פּויק איז ער ווי אָן אַ צונג און ער ווייסט ניט וווּ אַהינ־צוטאָן די הענט. דער פּויק — דאָס איז דער אויצער זײַנער, אין וועלכן ס'זײַנען באַוואָרנט אַלע זײַנע געדאַנקען, אַלע זײַנע דערווידערונגען און האַסקאָמעס. מיטן פּויק איז ער אַ פּויקער, צוליב וואָס עס איז קעדײַ צו לעבן אַף דער וועלט. און טאַקע דערפאַר גיט בערקע אָפּ קאָ־וועד זײַן פּויק און לאָזט אים גיין פאָרויס.

אַ פּויקנדיק הילכיק קלאַפּנדיקן וויוואַט די באַלעבאַטים, גלײַך אַ וויוואַט זיך אַליין, און דערנאָך אַ וויוואַט פאַר יעדן נײַ־אָנקומענדיקן גאַסט. ווען עס וועט זיך פאַנאַנדערפּלאַקערן אַ וויקועך, וועט אויך דאַן דער פּויק ניט שטיין אין אַ זײַט. אָנשטאָט בערקען וועט ער יעדן געדאַנק, וואָס וועט אים געפעלן ווערן, באַגעגענען מיט אַ ריי געצײַלטע קלאַפּערײַען, איינס נאָך איינס. און דעם געדאַנק, וואָס לייגט זיך ניט אַפן סייכל, וועט ער מיט איין הילכיקן פּויק פאַרהילכן.

און דערווײַל ביז וואָס עפּעס, ביז די וויקוכים, ביז שמוניעס אַפּיקאָרסעס, ליידיקט בער־קע אויס פון זײַן געשוואָלענעם און געדראָלענעם פּויק דעם קלעזמער־לאָשן פאַר די שוין צו־נויפגעקומענע געסט. ער טוט עס אַזוי געשווינד, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז טאָמער וועט ער אַף אַ מינוט פאַרשפּעטיקן, קאָן דער פּויק פּלאַצן. באַש גראַמט זיך מיט יאַש! סאַראַ צווײ־טײַערע גראַמען. יאַש איז דער ווידערקאָל, דער אָפּהילך פון באַש. באַש איז געלט, און יאַש איז דער שענסטער דראַש, דער בוירע פון אַלע בוירעס, וואָס באַשאַפט איין וועלט שענער פון דער צווייטער. ווי שרעקלעך ס'איז, ווען ס'איז ניטאָ קיין באַש אַף צו באַצאַמבלען — אַף צו באַצאָלן פאַר דעם אַלץ, וואָס די זיקערס, די אויגן, הערן ניט אוף זיקערן. ווי שרעק־לעך ס'איז, ווען עס פּראָבעט קיין דעצמער אין שטעקער — ווען עס איז ניטאָ קיין פּינפערל אין קעשענע.

קוריען איז טרינקען, אוקריל איז ברויט, באַריען איז עסן. וויל מען טרינקען דאָס, וואָס עס גראַמט זיך מיט באַש, און וויל מען האַנאָע האָבן פון אַ פרישער האַמיצי פון זעמל־מעל, טאָר מען ניט דריזעבלען — טאָר מען ניט שלאָפן און סמידען — זיצן סײַ מאַטאָס — דאָרטן און סײַ מאָטיג — דאָ, אַז ניט וועט זײַן גאָלע נעסקע, גאָלע פּטאַק־שנעק — גאָרניט מיט גאָרניט, און עס וועט אויסקומען פּריטשאַכנען — שטאַרבן. און אַז מ'שטאַרבט, איז אויס טרע־טערס — אויס שיך, אַף וואָס דאַרף מען שיך, אַז ס'איז אויס כוליען — אויס גיין, אויס שפּאַ־נען, אויס סימסאַנקעלעך — קאַלע־מיידלעך, אויס קליוצעס — שיינע פּרויען, אויס דוילעוור־קעס — ווײַבלעך, אויס טעכען — אויס ריידן, אויס ווינקען מיט די זיקערס, אויס אופהייבן אַ האַנט און אויסשרײַען אַ מאָלעסימכעסדיקן „היי, לאַבושניק, מאַטער אַף דער שעכטער־היי! קלעזמער, קוק נאָר אָן דאָס מיידלו!"

אָט אַזוי רעדט זיך אויס דער פּויק דאָס האַרץ אַף קלעזמער־לאָשן, און עס ווערט אים לײַכטער.

דער געוועזענער פּינסקער קלעזמער זישע דער טראָמבאָניסט, וועלכער איז בײַגעווען אין פּינסק באַם גיירעש פון לייווי־יִיצכאָקן, איז אין שקלאָוו געוואָרן אַ הייסער כאַבאַדניק, קוויקט זיך מיט די ניסים וועניפלאָעס, מיט וועלכע גאָט האָט אַרויסגעפירט די ייִדן פון מיצראַיִם,

זיי אופגעהאלטן אין מידבאָר און פונעם מידבאָר זיי דורכגעפירט דורך אַלע מידבאָריעס ביז צום הײַנטיקן טאָג. ווען ניט קיין ניסים וועניפלאָעס, וואָלט ניט געווען דער גרויסער קיסלעוו־יאָמטעוו[1].

— די אַלע יעסורים און ניסיוינעס, וואָס שנייער־זאַלמען איז אויסגעשטאַנען, — פּאַלט זישע אַרײַן אין היסלײַוועס, — זײַנען געטאָן געוואָרן צוליב דעם, אַז אַלע אַפּיקאָרסים אַפּילע זאָלן נעמען גלייבן, אַז ווען ניט קיין ניסים וועניפלאָעס, וואָלטן מיר שוין לאַנג אָף דער וועלט ניט געווען.

עפּעס אַ קלייניקײַט, ווען די שוואַרצע קאַרעטע איז אַרײַנגעפאָרן אין שאַבעס, האָט זיך שנייער־זאַלמען גענומען בעטן בײַ די וואַכלײַט, מ׳זאָל ביז זונטיק רוען און בלײַבן שטיין דאָ, ווו שאַבעס האָט געמאַכט זײַן ערשטן טראָט. די וואַכלײַט האָבן אַפּילע הערן ניט געוואָלט וועגן דעם. וואָס זשע טוט גאָט? ווי שטענדיק אין אַן אײַסצאָרע, שיקט ער אַראָפּ אַ נעס — די אַקס פון דער שוואַרצער קאַרעטע צעברעכט זיך, די פערד ספּאָטיקען זיך און נעמען פאַלן פון די פיס, פונעם אָרט זיך ניט רירן.

האָט איר אײַך נעס נומער איינס. נעס נומער צוויי האָט פּאַסירט באַם פאַרהער. איידער דער פאַרהערער האָט פאַרגעבן די ערשטע פראַגע, איז שנייער־זאַלמען אים פאַרלאָפן דעם וועג און איבערגעגעבן דעם פאַרהערער, וועגן וואָס ער האָט צוריק מיט אַ שאָ געטראַכט, ניט פאַרפעלט קיין האָר פון דעם פאַרהערערס לעבנס־געשיכטע פון וויגעלע ביז הײַנטיקן טאָג, און פאָרויסגעזאָגט, וואָס מיט אים וועט ווײַטער פּאַסירן.

דער פאַרהערער איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז אים האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן, און די פעדער אין זײַן האַנט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין שפּאַן.

— אויב ער איז אַזאַ טרעפער, לאָמיר אים אַ פּרווו טאָן, — האָבן די טפיסע־נאַטשאַלניקעס אַרײַנגעזעצט שנייער־זאַלמענען אין אַ פינצטערן קאַרצער, ווו עס האָט געטריפט בלויז אַ קיילעוונע ליכטל.

אין אָט דער אייביקער נאַכט איז צוויי אַזייגער נאָך האַלבן טאָג אַראָפּגעקומען דער עלטסטער פון אַלע עלטסטע טפיסע־לײַט און געפרעגט בײַ שנייער־זאַלמענען:

— פאַרוואָס שלאָפט איר ניט. ס׳איז דאָך שוין נאָך האַלבער נאַכט?

— ניין, — האָט שנייער־זאַלמען געענטפערט, — איצט איז צוויי אַזייגער מיט פינף מינוט און דרײַ רעגעס נאָך האַלבן טאָג.

דער עלטסטער פון די עלטסטע טפיסע־לייט האָט אַ קוק געטאָן אָפן זייגער און איז גערבליבן געפּלעפט.

נאָכן נעס נומער דרײַ קומט דער פערטער, דער נעס פון אַלע ניסים. ווען דאָס אַלץ איז דערגאַנגען צו פּאַוועל דעם קייסער, האָט ער זיך איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער, מיט אַ צוגעקלעפּטער באָרד געענדערט זײַן פּאָנעם און מײַסע פאַרהערער מיט אַ פּאַפּקע אין האַנט אַרײַן צו שנייער־זאַלמענען אין קאַמער אַרײַן.

שנייער־זאַלמען האָט זיך פלינק אופגעהויבן, זיך אויסגעגלײַכט, און די ליפּן זײַנע האָבן ציטערנדיק גענומען מורמלען: „געלויבט זאָל זײַן דער אייבערשטער, וואָס האָט אַ טייל פון זײַן קאָוועד אוועקגעגעבן אַ באָסאָרוועדאָם!”

— וואָס שעלטסטו זיך? — האָט פּאַוועל ייִראַגזנדיק אויסגעשריגן.

— גאָט באַהיט, ווער עס שעלט אַ קייסער, פאַרלירט אין איין רעגע ביידע וועלטן צוזאַמען. איך האָב געמאַכט אַ בראָכע, וואָס בײַ אונדז, ייִדן, מאַכט מען, ווען מ׳דערזעט אַ קייסער.

— פאַר אויסטאָן די קרוין באַם עמעסן קייסער און אָנטאָן זי אַזאַ, וואָס איז ניט ווערט זײַן נאָמען דערמאָנען, קומט טויט־שטראָף. איך בין ניט מער ווי אַ געוויינלעכער פאַרהערער, וואָס דינט געטרײַ דעם קייסער, און איר האָט פאַרביטן דעם האָר אָפן קנעכט.

— איך האָב גאָרניט פאַרביטן. יאָ, יאָ, איר, אײַער הויכגעבורט, איר און ניט קיין אַנדערער איז דער קייסער פון רוסלאַנד. פאַר אײַך טוען מיר טפילע, פאַר אײַך הערן מיר ניט אוף גאָט בענטשן. אונדזערע כאַכאָמים לערנען אונדז, ווי גרויס ס׳איז דער פּאַכעד פאַרן קייסער איבער אַלע קייסאָרים אָפן הימל, אַזוי גרויס איז דער פּאַכעד פאַרן קייסער אָף דער ערד, ער זאָל זיך אַפּילע פאַר אַ בעטלער פאַרשטעלן.

און נאָכאַמאָל אַ נעס און ווידעראַמאָל אַ נעס!

אין טאָג פון מישפּעט האָט מען שנייער־זאַלמענען אַרײַנגעפירט אין אַ גרויסן זאַל פון מישפּעט.

---

[1] קיסלעוו, דעם 19־טן טאָג אין קיסלעוו, אין דעקאַבער 1798, איז שנייער־זאַלמען באַפרײַט געוואָרן פון פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. דער טאָג איז אָפּגעמערקט געוואָרן בײַ די כאַבאַדניקעס, ווי אַ גרויסער יאָמטעוו.

אף זיך ווילטאָן איז אינמיטן זאָל, ווען דער באַשולדיקטער פלעגט גיין צום מישפּעטיש, פלעגן זיך אָף פּרוזשינעס פאַנאַנדערוקן עטלעכע ברעטער פונעם דיל, און דער באַשולדיקטער פלעגט אַרייַנפאַלן אין גרוב. די שאָפּטים פלעגן שיר ניט פּלאַצן פון געלעכטער. דאָס פאַלן פון יעדן געמישפּעטן האָט זיי געגעבן מוט און באַוויזן ווי פעסט זיי זיצן אָף זייערע שטולן.

שנייער־זאַלמען, וועלכער האָט קיינמאָל קיין אָס פון דער טוירע ניט פאַרגעסן און געדענקט דעם אָנזאָג פון די באַלעהאַטאַלמוד, האָט זיך באַשיצט מיט זייער אָנזאָג: כל פּנות שאתה פונה יהיו אלא דרך ימין[1] — אַלע ווינקלען, צו וועלכע דו טוסט זיך קערן, זאָל זייַן בלויז אָפן וועג צו רעכטס.

דאָס ווענדן זיך אָף רעכטס האָט געראַטעוועט שנייער־זאַלמענען פון געשטרויכלט ווערן און אַרייַנפאַלן, ווי אַלע באַשולדיקטע, אין דער לאָקערונג־גרוב, געראַטעוועט אים פון ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט.

אָשער דער טרובאַטש, וועלכער האָט זויכע געווען זען דעם ווילנער גאָען און איז געבליבן זייַן געטרייַסטער אָנהענגער, האָט זיך צעקיַיקלט מיט אַזאַ געלעכטער, גלייַך ער זאָל דעם גאַנצן אָטעם זייַנעם אַוועקגעבן דער טרובע און פאַררייניקן אַלע אירע ברומיק־נידעריקע טענער מיט אירע סאַמע העכסטע: וואָס פאַר א ניסים, וועלכע ניסים, דער גרעסטער באַלמויפעס איז א טויזנטער, הייַנט אַל אַכאַס קאַמאַ וועקאַמאַ טויזנטער.

געלט האָט ווי א האָגל געהאָגלט און ווי א שניי געפאַלן, רעב אַרן האַלייווי, שנייער־זאַלמענס טאַלמיד, דער שטראַשעלער רעבע, האָט אַזויפיל פידיען־געלט אָנגעזאַמלט, אַז מ'האָט געקאָנט אויסקויפן ניט איין רעבן, נאָר צוואַנציק, דערבייַ פאַרגעסט ניט, אַז ער איז געווען ניט איינער. ס'זייַנען געווען א סאַך אַזעלכע זאַמלער, זאָל זייַן אַז א העלפט, אַפילע אַכציק פּראָצענט איז אַראָפּ אין די קעשענעס פון די זאַמלער, איז נאָך געבליבן גענוג אָף שמירן און אונטערשמירן פון אונטן ביז אויבן, אָף צו מעוואַטל זייַן די שווערסטע גזיירעס.

בערקע דעם פויקערס אויגן זייַנען געווענדט צום שטאָט־אַפּיקוירעס, צו שמוניען, ער איז שטענדיק אָף זייַן זייַט.

שמוניען גיט א הייב אוף פון אָרט, מיט איין האַנט צילט ער אין זישען און מיט דער צווייטער אין אָשערן: ניסים וועניפלאָעס זייַנען קיין גראָשן ניט ווערט, און עס טרעפן אַזעלכע אומשטענדן, אַז אַפילע ער, דער גרעסטער באַלמויפעס און באַלהאַנעס — דער טויזנטער, איז ווי א פאַרלוירענע מאַטבייע, פון וועלכער מ'האָט זיך מעיאַיעש געווען.

בערקעס פויק, וואָס קלאַפּט שטענדיק צו צום טאַקט, זישעס טראָמבאָן און אָשערס טרובע הילכן אָף טאַקטלאָז מיט א הילכיקן זעץ. דאָס פריטשמעליעט און פריהלושעט זישעס און אָשערס געשיכטעס וועגן ניסים און וועגן כאַבאַר, וואָס האָבן באַפרייַט שנייער־זאַלמענען.

שמוניע איז אָט לעבן זישען און אָט לעבן אָשערן, זייַנע פינגער באַוועגן זיך אומרויִק, ווי באַם שניצן. ניטאָ קיין מער געפערלעכערע זאַך פאַר שניצערישע פינגער, ווי רו — רוען זיי א שאָ, פאַרלאָזט זיי דער אומרו אָף צוויי, אַפילע אין כאָלעם, ווען אַלע אייוורים רוען, טוען די פינגער זייַנע עפּעס אוף. שמוניעס העל־בלויע אויגן צינדן זיך אָן מיט פייַערלעך, זייַנע אַקסלען ווערן ברייטער, זיי בייגן זיך עטוואָס אייַן אָף אַרופנעמען אָף זיך וואָס מער שווערערע מאַסעס. זייַן שוואַרץ שמאָלשפּיציק בערדל, וואָס עס דוכט זיך, אַז ניט לויט איר פורעם זייַנען אויסגעשניצט געוואָרן די בערדלעך פון זייַנע פיגורן, נאָר פאַרקערט, ווערט אַלע ווייַלע געצופּט און געגלעט, ווי ער זאָל זיך מיט איר מעיאַשעוו זייַן, וויִאַזוי אויסצוטיילן דאָס סאַמע וויכטיקע פון דעם זייַטיקן, פון דעם צופעליקן.

שמוניעס קאָל טראָגט זיך הילכיק, יעדעס וואָרט איז ווי אַן אַראָפּפאַלנדיקע סטרוזשקע, וואָס מאַכט פרייַ דעם וועג פאַרן צווייטן און דריטן וואָרט, זיי זאָלן טיפער דערגיין צום גרונט. שמוניעס אַפּיקאָרסיש וואָרט לייקנט, פרעגט אָפּ און מאַכט צונישט זישעס דעם טראָמבאָניסטס אייַנרעדעניש, אַז שנייער־זאַלמען איז געראַטעוועט געוואָרן דורך א נעס, ווייַל דאָס, וואָס א נעס קאָן אָפּטאָן, קאָנען זיך די גרעסטע קעפּ ניט דערטראַכטן צו דעם. דאָ זייַנען די גרעסטע קאַפּיטאַלן, די רייַכסטע אויצרעס הילפלאָז און אָנמעכטיק, ווי די געציילטע עטלעכע גראָשנס אינעם אָרעמאַנס קעשענע.

דער אומגלויביקער שמוניע באַקומט ראַכמאָנעס אָפן גלויביקן זישען, ער קאָן זיך דאָך פּלוצעם דערפילן אויסגעהוילט און אויסגעליידיקט, ווי איינער, וועלכער האָט פאַרלוירן דאָס וויכטיקסטע און טייַערסטע אין לעבן און קאָן עס קיינמאָל מער ניט געפינען. ער לייגט אָף

[1] קאָל פּינוס שעאַטאַ פוינע לוייִהו עלאָ דערעך יעמין.

אים ארויף די האַנט, קוקט אים אַרײַן אין די אויגן, שווײַגט א ווײַלע, ביז דאָס אומבעראַכמאָנעסדיקע קומט ווידער צום וואָרט:

— איר פאַרשטייט, רעב זישע, אײַער גלויבן, אַז שנייער־זאַלמען איז געראַטעוועט געוואָרן דורך א נעס, איז אַלציינס, ווי איר זאָלט גלויבן, אַז דער טראָמבאָן קאָן שפּילן אָן אײַך און איר אָן דעם טראָמבאָן.

זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט זישען, נעמט שמוניע אײַנטײַנען מיט אַשערן:

— אוואָדע איז ריכטיק, אַז אָף גאָטס וועלט ווערט אַלץ געקויפט, פאַרקויפט און אונטערגעקויפט. ס׳איז אוואָדע אומעגלעך זיך פאַרשטעלן פאַוועלס מעמשאָלע אָן כאַבאַר, ווי שווער ס׳איז זיך פאַרשטעלן אָן שיקרעס און אָן קלויסטערס. אַז אָפּן איז די האַנט פון דעם גאַבער, איז ווי קאָן בלײַבן פאַרמאַכט די האַנט פונעם נעמער? דאָס געבן און נעמען קומט פאַר אויג אָף אויג, א דריט אויג איז געפערלעך, קאָן ברענגען צו דעם, אַז דער נעמער זאָל אַליין דאַרפן ווערן א גאַבער. פאַרגעסט ניט, אַז שנייער־זאַלמענס איניען איז דערגאַנגען צום סענאַט, דער סענאַט, ווי באַוווסט, איז א ראַבים, וואָס באַשטייט פון א סאַך יעכידים. אונטערקויפן א ראַבים איז אומעגלעך, ווי אויסשעפּן דעם דניעפּער. ס׳זאָלן אַפילע זײַן קוירעכס אויצרעס, איז עס אומעגלעך, ווײַל איין יאַכיד גיט אַכטונג אָפּן צווייטן, ביפראַט אַז אין דעם איניען האָט זיך אַרײַנגעמישט אַזאַ יאַכיד, ווי פּאַוועל דער קייסער אַליין.

— ווי זשע איז אַהינגעקומען אַזויפיל געלט? — צעקנאַלט זיך דער פּויק מיט אַזאַ אופּציטערנדיקן שווידער, גלײַך ווי גאַזלאָנים זאָלן אינמיטן העלן טאָג באַפאַלן בערקען, די העמד פון לײַב אים אויסגעטאָן און צוגענומען בא אים די לעצטע עטלעכע גראָשנס.

— מיט געלט איז זיך גרינגער אָן אייצע צו געבן, איידער אָן געלט, — לאַכט זיך פאַנאַנדער שמוניע, און מיט אים צוזאַמען, דאַכט זיך, לאַכן דער טראָמבאָן, די טרובע, די פּליייט און אַפילע דער פּויק.

— אין ווי׳אַזוי זשע פּאַרט איז שנייער־זאַלמען באַפרײַט געוואָרן? וואָסער זכוס איז אים בײַגעשטאַנען? — האָבן זיך דער טראָמבאָניסט מיטן טרובאַטש, ווי באַם שפּילן זיך, פאַרייניקט און צוזאַמען געפרעגט איינע און די זעלבע פראַגע.

— אָ, אָט אַזוי רעדט, אָט אַזוי פרעגט, — ווערט שמוניעס שטים ווייכער, און זײַן פּאָנעם לײַכט אויף. דערנעענטערנדיק זיך צום עמעס, דערפילט ער זיך, ווי דער בלאָנדזשענדיקער גייער, ווען ער דערזעט א פּײַערל, וואָס פירט צו א יישעוו.

— איר פרעגט ווי׳אַזוי? איז אָט ווי׳אַזוי: אוויגדערס מעסירע האָט זיך ניט גענייטיקט אין קיין פאַרגרעסער־גלאָז, אין קיין איבעריקער קקירע אודרישע, דער בילבל־שעקער איז געלעגן אויבנויף.

— ס׳איז א פּראָוואָקאַציע, — האָט דער ערשטער סענאַטאָר, וועלכער האָט גענומען דאָס ערשטע וואָרט, מער ניט געוואָלט רעדן.

— ריכטיק, — איז מאַסקים געווען דער צווייטער סענאַטאָר און האָט צוגעגעבן: — ס׳איז פּילפּוליסטיק פון ערגסטן מין — פון א פליי א העלפאַנד מאַכן, און דעם העלפאַנד פּרוּוון דורכפירן דורכן לעכל פון א נאָדל.

— פּראָוואָקאַציע פּליוס אַזעס און כוצפּע, — האָט צוגעגעבן דער דריטער סענאַטאָר. ווען מיט אוויגדערס מעסירעס האָט זיך באַקאַנט דער אָנגעזעענסטער קאַרעוולעמאַלכוסדיקער מעשומעד, האָט ער אָנגעשריבן אין סענאַט: „ווען מיר וואָלט אויסגעקומען איבערלייענען נאָך אַזאַ ענלעכע מעסירע, וואָלט איך זיך מעגײַער געווען, געוואָרן א הייסער ייִד און וואָלט אייוורימוויַז געשניטן פון אוויגדערן“.

אין זײַנע מעסירעס איז אוויגדער ניט מיד געוואָרן צו איבערכאַזערן, אַז דער דרײַאייביקײַט־בונד פון דער ייִדישער עמונע — די ייִדן, די טוירע און גאָט, זײַנען אַזוי פאַנאַנדערגעקניפּט געוואָרן דורך שנייער־זאַלמענען, אַז א ייִד א ייִדן האָט אופגעהערט צו דערקענען. מוישעס טוירע איז גלײַך ווי זי איז ניט פון דעם באַרג סינײַ געגעבן געוואָרן, ניט איין טוירע, נאָר א סאַך, א סאַך טוירעס, איינע ניט ענלעך אָף דער אַנדערער. דער „עכאָד“, דער איין־און־איינציקער, וועגן וועלכע ייִדן האָבן אין אַלע צײַטן, באַם לייגן זיך און באַם אופשטיין, געגעבן צו וויסן די ייִדן פון גאָר דער וועלט, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן אַזויפיל „עכאָדס“, אַז ס׳איז שווער שוין צו אויסגעפינען דעם ריכטיקן וועג, וואָס פירט צו אים.

די קאָמיסיע בעראָש מיטן קאַרעוולעמאַלכוסדיקן מעשומעד האָבן געמאַכט צונישט אוויגדערס מוירע פאַרן „עכאָד“, וואָס ווערט אויס „עכאָד“ — צו יעזוסן פירן אויך פאַרשיידענע וועגן. וואָס מער וועגן עס פירן צו איינעם און דעם זעלבן ציל, אַלץ שטאַרקער ווערט דער ציל, אַלץ אַלזײַטיקער און טיפער איז דער גלויבן אין אים.

ניט געפּערלעך איז אויך שניאָר־זאַלמענס לויבן און דאַנקען דעם אייבערשטן פֿאַר דעם, וואָס דער „לעווש רײַסט זיך, וואָס ער טראָגט זיך אָפּ, וואָס מ'דאַרף אים ווידער נײַען, דאָס באַווײַזט דאָך, אַז דאָס פֿאָלק ייִשׂראל לעבט, אַז זײַן גוף איז גאַנץ און זײַן נשמה איז געזונט. נאָר קראַנקע, ראַכמאָנע ליצלאַן, נוצן דעם לעווש ניט אָפּ".

אין אָט די ווערטער איז בעשום־אויפֿן ניט אײַנצוזען די געפֿאַר, וועלכע אַוויגדער דרינגט אַרויס, אַז שניאָר־זאַלמען גיט מיט זיי אָנצוהערן: די רוסישע מלוכע, הייסט עס, איז ניט אײביק, אַלץ בײַט זיך און ענדערט זיך, און אויך זי וועט זיך ענדערן און בײַטן. ניין און ניין, דאָס באַטײַט דעריקער, אַז גאָטס אַנטפּלעקונגען זײַנען ניט פֿאַרענדיקט, זײַנע כּסאָדים, וואָס ער טוט מיט אונדז זײַנען אומענלעך און שטענדיק נײַ.

וואָס שײַעך די פּאַרצופֿים, די געשטאַלטן און געשטאַלטלעכקײַט אין דער קאַבאָלע, איז עס ניט מער ווי א דערנענטערונג צו דער קריסטלעכער עמונע. האָט דאָך דער שפּאַנישער מעקובל אַבאַלופֿיע[1] אַווראָם בען שמועל אין זײַן צײַט פֿאַרזיכערט די אינקוויזיטאָרן, אַז די צען ספֿירעס, די צען טיראַדעס פֿון דער קאַבאָלע קאָנען לײַכט פֿאַרביטן ווערן אָף דער קריסטלע־כער דרײַ־אייביקײַט.

דער סענאַט קומט צום אויספֿיר:

שניאָר־זאַלמענס שיטע שטעלט מיט זיך ניט פֿאָר קיין שום געפֿאַר פֿאַר די יעסוידעס פֿונעם קלויסטער און פֿון אַלע איבעריקע עמונעס. שניאָר־זאַלמען איז א געטרײַער, איבער־געגעבענער ווערטער פֿון גאָטס מלוכע אָפֿן הימל און פֿונעם קייסערס הערשאַפֿט אָף דער ערד. און אין דעם 19־טן טאָג קיסלעוו, אין דעקאַבער 1798, איז שניאָר־זאַלמען באַפֿרײַט געוואָרן.

כאַבאַדניקעס האָבן באַם דאַוונען „אל האניסים" געזאָגט די כאַנעקע־טפֿילע פֿאַרן ניצאָכן פֿון די מאַקאַבייער, וועלכע האָבן פֿאַרטריבן די גריכן און כאַנוקאַס־האַבאָיס געפּראַוועט — באַנײַט דעם בייסהאַמיקדעש. טרינקען האָט מען געטרונקען, ווי פּורים און סימכאַסטוירע זאָלן אויספֿאַלן אין איין טאָג, און טאַנצן האָט מען געטאַנצט, ווי אַלע כאַסענעס, וואָס ייִדן האָבן ווען־עס־איז געפּראַוועט, אָנהייבנדיק פֿון אַווראָם אָווינוס כאַסענע ביז הײַנטיקן טאָג, זאָלן אין איין קאַראַהאַד אַוועק און אין איין אומענדלעכער כאַסענע פֿאַרוואַנדלט ווערן.

מיסנאַגדים האָבן שיר ניט געפּלאַצט פֿון צעפּיקעניש.

זישע דער טראָמבאָניסט איז אָפּגעטראָגן אָף שמוניען, באַ וועמען ניסים זײַנען, ווי פֿאַ־לאָווע אָפֿן ווינט. אויב גלייבן אים, אַז שניאָר־זאַלמען איז גראַטעוועט געוואָרן ניט אַלפּי־נעס, הייסט צונעמען דעם שיימהאַמפֿוירעש סײַ פֿונעם נעס און סײַ פֿונעם רעבן. איז וואָס זשע בלײַבט דאָן? עס בלײַבט גאַרניט, אויס עמונע און אויס רעבע.

אָשער דער טרובאַטש קאָן ניט מויכל זײַן דעם אַפּיקוירעס, וועלכער מאַכט צונישט אַוויג־דער דעם קאַנאַי, וואָס נעמט זיך אַזוי שטאַרק אָן פֿאַר גאָט אין הימל און פֿאַרן ווילנער גאָען אָף דער ערד.

לויט שמוניען באַקומט זיך, אַז אַוויגדער האָט אַזוי געגרײַזט אין די הויכע מאַדרייגעס פֿון דער עמונע, אַז זיי, דעם קייסערס לאַמדאָנים, האָבן געדאַרפֿט אים אָף טריט און שריט פֿאַריכטן.

— אַוויגדער איז אַוויגדער, אַוויגדער גיט זיך ניט אונטער — זיבן מאָל פֿאַלט דער צאַ־דיק און שטייט אוף אָף גיין ווײַטער, זיך ניט אָפּשטעלן אָף קיין רעגע, ביז ער וועט זיך דערשלאָגן זײַנס, — טראָגט זיך הילכיק פֿאַנאַנדער שמוניעס געלעכטער, — נישקאָשע, גאָט איז א פֿאָטער, און אַוויגדער איז נאָך ניט געשטאָרבן, ער האָט נאָך זײַן הייליקע מעלאָכע ניט פֿאַרענדיקט, זײַן שווערד אין שייד נאָך ניט אַראָפּגעלאָזט און זײַן מילכאָמע־גאַרטל נאָך ניט פֿאַנאַנדערגעגאַרטלט.

— איך וועל די סימכע פֿון די כאַבאַדניקעס צעשטערן! — האָט אַוויגדער געמאָלדן. — זיי

[1] אַבאַלופֿיע אַווראָם בען שמועל איז געבוירן געוואָרן אין סאַראַגאָס (שפּאַניע) אין 1240. פֿאַרשפּרייט די קאַבאָלע־לערע אין שפּאַניע און אין איטאַליע. די גימאַטריעס — דאָס איבערטראָגן די צאָלן אין אויר־סיִעס און די אויסיִעס אין צאָלן האָבן אים מיטגעהאָלפֿן אין זײַנע אומגעלומפּערטע מיסטישע זעונגען און אַריסזאָגונגען. אַבאַלופֿיע האָט געהאַלטן, אַז ער איז פֿון גאָט געשיקט אלס מאָשיעך בען יויסעף, וואָס דאַרף קומען פֿאַר מאָשיעך בען דאָוויד. די ראַבאָנים זײַנען שאַרף און בייז אַרויסגעטראָטן קעגן אים, אין העפֿטיקן קאַמף האָט אַבאַלופֿיע אָנגעשריבן זײַנע אָנגרײַפֿנדיקע ספֿאָרים קעגן די ראַבאָנים „סייפֿער הא־אויס" — דער סייפֿער פֿון דעם אָס און „אימריי שעפֿער" — דאָס שיינע וואָרט. אַווראָם אַבאַלופֿיע איז גע־ווען דער פֿאָרגייער, ער האָט שטאַרק באַווירקט די קאַבאָליסטן פֿון די שפּעטערדיקע דורעס. אין 1921 איז אַבאַלופֿיע פֿאַרשוווּנדן אדאַנק די רעדיפֿעס פֿון די ראַבאָנים קעגן אים. ס'איז ניט באַוווּסט דאָס יאָר פֿון זײַן טויט און דאָס אָרט פֿון זײַן קווורע.

וועלן באַ מיר טאַנצן, ווי די רעשאָים אין גענעם, אויף הייסע ברענדיקע קוילן, במהרה בימינו[1] — גאָר אינגיכן וועל איך אויסניכטערן די שיקורים און הוליאַקעס, וועלכע זײַנען גרייט פאַר אַ ביסל בראָנפן פאַרקויפן דעם פאָטער אין הימל. אויף אונדזער גאַס וועט זײַן הילולא וועכינגאַ — יאָמטעוו שעבעיאָמטעוו, און אויף זייער גאַס, אַ בראָך צו זיי, וועט זײַן דער דריטער כורבן, דער דריטער טישעבאָוו.

ניט ווייניקער ווי אוויגדער האָט געטרייסט די מיסנאַגדים, האָבן די מיסנאַגדים געטרייסט און געמוטיקט אוויגדערן:

— פרײַער גאָט און דערנאָך איר! דאָס, וואָס אײַך האָט זיך ניט אײַנגעגעבן ביכסאָוו, וועט אויף געוויס זיך אײַך אײַנגעבן באַלפּע. ניטאָ אַזאַ קויעך, וואָס זאָל קאָנען בײַשטיין אײַער וואָרט.

— אַזוי און נאָר אַזוי, — האָט אוויגדער פאַרזיכערט און געשוווירן פאַר די, וועלכע גלייבן און פאַרטרויען אים, פאַר די, וועלכע האָבן אים אויסדערווײלט זיך שטעלן פאַר די העכסטע לײַט פונעם קייסערס קיניגרײַך אויף צו דערווײַזן און איבערצײַגן, אַז מיטן באַפרײַען שנייער־זאַלמענען זײַנען זיי באַגאַנגען דעם גרעסטן טאָעס, דעם טאָעס, וואָס מוז צוליבן ווילזײַן פון דער מעלוכע גלײַך אויסגעפּאַריכט ווערן.

נאָך אַ סאַך האַנאָכעס איז אין 1800 אוויגדער אויסגעריכט געוואָרן אין וועג אַרײַן קיין פּעטערבורג מיט אַ היפּש ביסל מיצווע־געלט, מיט גרויס קאָוועד און מיט בראָכעס און ווינטשעוואַניעס אָן אַ שיר.

יעדן טאָג האָט אוויגדער פון פּעטערבורג אַ בריוו געשריבן קיין ווילנע. ער האָט געגעבן צו וויסן, מיט וועמען ער האָט זיך שוין באַוויזן צו זען, וואָס האָט ער שוין באַוויזן אויפטאָן און מיט וואָס פאַר אַ קויעך האַדיבער ער האָט איבערצײַגט, אַז ער איז גערעכט. יעדער בריוו פלעגט איבערגעשריבן ווערן אין צענדליקער קאָפּיעס און פאַנאַנדערגעשיקט ווערן אין אַלע מיסנאַגדישע קעהילעס.

פון טאָג צו טאָג, פון בריוו צו בריוו איז אוויגדער אַלץ מער פון זיך אַליין ניספּאָעל געוואָרן און האָט געהאַלטן אין איין זינגען זיך לויב־געזאַנגען: „איך האָב גאָרניט געוווסט, אַז איך בין אַזוי אָנגעלייגט און אַזוי טײַער אין די גאָר הויכע פענצטער. און גיין גייט עס פון אים אַליין, פון פאַוועלן אונדזער קייסער, זײַן שײַן זאָל זיך קיינמאָל ניט אויסלעשן. ווי זײַנע מעקוראָווים האָבן מיר איבערגעגעבן, קוועלט דער קייסער אָן פון מיר, ער זאָגט, אַז אַזאַ ראָוו, ווי איך, איז מיט גאָלד גלײַך און מ'דאַרף אים טראָגן אויף די הענט".

נעכטן, גיט אוויגדער צו וויסן, איז ער געוועזן באַ אַ סענאַטאָר, איבערמאָרגן איז ער פאַרופן צו אַ פעלדמאַרשאַל. שאַבעס לאָזט מען אים צורו, זונטיק איז באַשטימט געוואָרן פאַר אים אַן אַאודיענץ באַ שייַנילעמעלעך. ווו ער גייט און ווו ער שטייט, גייט אים נאָך די האַצלאָכע, באַכיינט אים דער כיין. ווו נאָר ער קומט אַרײַן, טוט מען אָן די היטלען פאַר אים און מ'טראָגט אים אַנטקעגן דעם „מילאָסטי פּראָסים" און „זדראַוויע זשעלאַיעם", און אַלע אין איין קאָל: „מודרי ראַבין", „סוויאַטאָי ראַבין", „ראַבין פּאַטריאָט", „דאַ זדראַווסטוויעט ראַבין!".

אין די ווײַטערדיקע בריוו האָט אוויגדער מיטגעטיילט די מיסנאַגדים, אַז אין זײַנע באַלפּע־מעסירעס מײַדט ער אויס באַהאַנדלען שנייער־זאַלמענס שיטע, זײַן קאַבאָלע־גאַנג, דאָס איז פאַר די מעלוכע־לײַט און פאַר די געטרײַע וועכטער פון דער קריסטלעכער עמונע גאָרנישט מיט גאָרנישט. דאָס ליגט זיי אַפילע אין דער לינקער פּיע ניט, און עס רירט זיי ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. ער ווײַזט שנייער־זאַלמענען ווי אַ מוירעד בעמאַלכוס, און דאָס וועט גיין, און דאָס וועט נעמען! „פאַרלאָזט זיך אויף מיר, זײַט זיכער, די טפּיסע בענקט שטענדיק נאָך יעדן געזעסענעם, באַזונדערס נאָך אַזאַ געהויבענעם גאַסט, ווי שנייער־זאַלמען. מיר זאָלן אַזוי דערלעבן הערן דעם שויפער שעל מאָשיעך און זען דעם אויסלייזער, ווי גיך שנייער־זאַלמען וועט זיך אַרומנעמען און האַלדזן מיטן שטיינערנעם קיווער זײַנעם".

די נעץ פאַרן כאַבאַדישן לעוויאָסן ווערט גרעסער און גרעסער, די שטריק פלעכט זיך פון שטאַרקן פלאַקס. ס'איז צו האָפן, אַז די טלײַע וועט זײַן אַ פעסטע.

שנייער־זאַלמען איז אַ מוירעד בעמאַלכוס, — איז אוויגדער ניט מיד געוואָרן טאָגטעגלעך איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע פאַר נאַטשאַלסטווע, אַ מוירעד בעמאַלכוס אין זײַנע מײַסים, אין זײַנע געדאַנקען און אין זײַן לאָשנהאָרע און רעכילעס טרײַבן אויף דער קייסערלעכער מעלוכע. יאָר־יערלעך זאַמלט שנייער־זאַלמען צונויף גרויסע סומעס געלט, זילבער, גאָלד, בריליאַנטן און שיקט עס אָפּ אין טערקײַ. וואָס פולער עס ווערט טערקײַ, אַלץ אויסגעליידיקטער ווערט רוסלאַנד. אויב מ'וועט זיך באַצײַטנס ניט כאַפּן, קאָן רוסלאַנד ווערן אַזוי אָרעם, אַז

[1] בימהייראָ בעיאָמיינו.

קיינער וועט מיט איר ניט וועלן האָבן קיין מאַגע־אומאַסע, מ׳וועט זי אַף קיין שום שוועל ניט וועלן אַרופֿלאָזן, דאָס קלענסטע ווינטל וועט זי אײַנוואַלגערן.

אַף אַלע צוגיסן, אַף אַלע סימכעס און הוליאַנקעס לעקאָוועד שניייער־זאַלמענס באַפֿרײַונג, וועלכע זײַנען אומענדלעך און צײַען זיך טאָגטעגלעך פֿון דעם 19־טן טאָג אין קיסלעוו (דעקאַבער 1798) ביז הײַנטיקן טאָג, זײַנען שניייער־זאַלמענס לייצאָנעס־כוזיעק און אָפּשפּעטן פֿון דעם קייסער און פֿון זײַן מעלוכע ניט שוואַכער, נאָר עפּשער נאָך שטאַרקער פֿונעם בראָנפֿן, וואָס בינדט פֿאַנאַנדער די צינגער. טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק, כאַזערן די כסידים איבער שניייער־זאַלמענס ווערטער, אַז ס׳איז לעסדין וועלעסדאָין, אַז ס׳איז ניטאָ קיין דין און קיין דאַיען אין דער צאַרישער מעלוכע, אַז ס׳איז לעס קאָפּ וועלעס האַרץ, אַז ס׳איז ניטאָ קיין קאָפּ און קיין האַרץ, אַז ס׳זײַנען בלויז דאָ הענט אַף טאָן שלעכטס און פֿיס אַף זיך וואַלגערן פֿון שיקרעס. ס׳איז אַ שיף אָן רעדער. וועהאַרײַע, אָט האָט מען אים, שניייער־זאַלמענען, באַשולדיקט אין די גרעסטע פֿאַרברעכנס און גלײַך דערקלערט אים אַלס אומשולדיק־רײַנעם, ווי אַן ערשט געבוירן קינד.

די כסידים קוועלן אָן פֿון שניייער־זאַלמענס אויסזעס, וועלכע לייגן זיך צונויף אין די סאַמע שרעקלעכסטע ווערטער. זיי זאָגן אָן, אַז די קרוין פֿון דעם קייסערס קאָפּ וועט אַראָפּפֿאַלן, וועט זיך קײַקלען און אין קאַפּהאַקאַל פֿאַרוואָרפֿן ווערן. אויס טראָן און אויס אויבנאָן. רוסלאַנד, די האַרנטע איבער לענדער, וועט גאָר דער וועלט צאָלן טשינש און פֿאַר גאָר דער וועלט צושטעלן קנעכט.

דעם נײַנטן נאָיאַבער 1800 איז שניייער־זאַלמען אַ צווייט מאָל אַרעסטירט געוואָרן. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און מ׳האָט שניייער־זאַלמענען אַרויסגעלאָזט פֿון טפּיסע, גענומען באַ אים בלויז אַן אונטערשריפֿט, אַז ער וועט ניט אַרויספֿאָרן פֿון פּעטערבורג, ביז דער סענאַט וועט אויסקלאָרן, אַף וועלכע יעסוידעס אוויגדער האָט געבויט זײַנע פּראָוואָקאַציעס.

פֿאַר אָט דער צײַט האָט זיך פּאַוועל אָפּגעטראָגן צום קייסער איבער אַלע קייסאָרים, און עס האָט געגומען קיניגן אַלעקסאַנדער דער ערשטער. אין סאָף מאַרט 1801 ווערט שניייער־זאַלמען באַפֿרײַט און פֿאָרט אַריבער קיין ליאַדי.

דער סענאַט שטעלט פֿעסט, אַז דאָס באַשולדיקן שניייער־זאַלמענען אין שיקן גרויסע סומעס געלט קיין טערקײַ צוליב אויסליידיקן די קייסערלעכע קאַסעס, איז אַ פּלוידערײַ פֿון אַ מעשוגענעם. ס׳איז די מײַסע מיט יענעם פֿויגל, וואָס האָט, באַרויגעט ווערנדיק אַפֿן יאַם פֿאַר זײַן געזאַלצן וואַסער, באַשטימט זיך אָפּרעכענען מיט אים — יאָרנלאַנג האָט ער טראָפּנווײַז וואַסער געטראָגן אין זײַ פּיסק און זײַ אויסגעטריפֿט אַפֿן זאַמד פֿונעם ברעג און צוריקוועגס געטראָגן און געבראַכט מיט זיך אַ פֿול אָנגעשטאָפּטן פּיסק מיט זאַמד און אים אויסגעשפּיגן אין יאַם אַרײַן, מיינענדיק אַזוי אַרום אויסשעפּן און פֿאַרשיטן דעם יאַם, ביז אין יאָבאָשע אים פֿאַרוואַנדלען.

אַף די כסידישע הוליאַנקעס און סימכעס האָט מען ניט נאָר געזידלט דעם קייסער דעם באַפֿרײַער, זײַן מעלוכע און זײַן לאַנד, נאָר פֿאַרקערט, געדאַנקט, געלויבט און געריימט און האַנויסיין טשועס[1] געמאַכט, קאַפּיטלעך טילים געזאָגט, אַז דעם קייסער זאָל באַגליקן ווו ער וועט זיך קערן און ווענדן, אַז זײַן מעלוכע זאָל זײַן די שטאַרקסטע און דאָס לאַנד זײַנס — דאָס רײַכסטע, דאָס גליקלעכסטע פֿון אַלע לענדער אין גאָר דער וועלט.

שניייער־זאַלמען איז אומשולדיק, זײַן שיטע טראָגט מיט זיך ניט קיין שום בייז און געפֿאַר פֿאַר דער מעלוכע, עס ווערט דערלויבט בויען כאַבאַדישע שטיבלעך, קלויזן און באַטעמעדראָשים, לערנען באַטאָג און באַנאַכט, דאַווענען, וויפֿל נאָר עס וועט זיך אַרײַנדאַוונען.

— צוויי מאָל באַפֿרײַט איז דאָך ניט איין מאָל — וואָס וועט איצט זאָגן דער אַפּיקוירעס? וואָס וועט איצט זאָגן דער מיסנאַגיד? — קילט זיך זישע דאָס האַרץ אין שמוניען און אין אָשערן.

זישע איז גליקלעך, מאַמעש אַפֿן זיבעטן הימל, ווען ער וואָלט איצט אַ נעם געטאָן דעם טראַמבאָן, דעם שטענדיקן באַהעלפֿער, וואָלט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן אויסגעפּילט די סאַמע שענסטע סאָלאָ, אַז די פֿידלען און די פֿלייטן וואָלטן אים מעקאַנע געווען.

אָשער איז אַזוי דערצאָרנט, אַז עס גייט אָפּ אַ מינוט, ער זאָל כאַפּן די טרובע און מיט אַלע קויכעס אויסטרובען אַ טרעוואָגע, אַן אומגליק, אַ געפֿאַר, וואָס ווער נאָר ס׳האָט גאָט אין האַרצן, זאָל וואָס גיכער אײַלן קומען אהער צוהילף, ראַטעווען דעם נאָמען פֿון גאָט און דעם נאָמען פֿון דעם ווילנער גאָען, וועלכע ווערן דאָ אַזוי פֿאַרשוועכט.

— יאָ, — גיט דער ניט גלויביקער שמוניע אַ גוטמוטיקן שמייכל אַף אָפּקילן זישע דעם

[1] אַ ספּעציעלע טפֿילע פֿאַרן קייסער.

טראָמבאָניסט און אופמונטערן אָשערן דעם טרובאטש, — יאָ, וועגן דעם דאווענען און ארײַנדאווענען ביז שפעט אין דער נאכט און ביזן העלן טאָג ארײַן, וואָס אלעקסאנדער דער ערשטער האָט אזוי ברייטהארציק דערלויבט, האָבן לייצים געלעצעוועט, אז דער גנעדיקער און דערבארעמדיקער קייסער האָט באפוילן די כסידים היטן ווי דאָס שווארצאפל פונעם אויג זייער רעבן, זיי זאָלן ניט דערלאָזן, מ'זאָל אף זײַנע הענט זאָגן, אז זיי זײַנען בלוטיקע הענט.

באם דאווענען פלעגט דער רעבע פון היספײַלעס ארײַן אין אזא היסלײַוועס, אז ער פלעגט נעמען שרײַען מיט דונערדיקע קוילעס: „ריבוינעשעלוילעם, איך וויל ניט דײַן גאניידן, איך וויל ניט דײַן אוילעמהאבע, איך וויל נאָר דיך אליין!”. קעדיי זײַן ליבע־דערקלערונג זאָל דערגיין צום געליבטן, פלעגט ער נעמען קלאפן מיט אזא קויעך אין מיזרעך־וואנט, ביז די הענט זײַנע פלעגן אָפגיין מיט בלוט. די כסידים האָבן באשלאָגן די מיזרעך־וואנט מיט א דיקן געוואנט. נאָר וואָס פאר א ווערט האָט געקאָנט האָבן א דיקער געוואנט קעגן אזא מעסירעסנעפעשדיקן קלאפן מיט די הענט, וואָס איז געשטיגן פון רעגע צו רעגע. בלוט האָט זיך געגאָסן פון דער מיזרעך־וואנט.

אלעקסאנדער דער ערשטער האָט דאן א צווייטן באפעל אָפגעגעבן — די מיזרעך־וואנט באשלאָגן מיט פערענעס און די איבעריקע ווענט מיט קישנס.

בערקעס פינגער לויפן זיך פאנאנדער איבערן פויק, דער פויק צעקײַקלט זיך מיט א קײַקלדיקן געלעכטער, ווי א פײַקל, אלע לאכן מיט.

א לייצאָנעס שלעפט נאָך זיך א לייצאָנעס, אפן זיך קײַקלענדיקן געלעכטער שווימט אוף א שפאָגל־נײַע פראגע:

— אווראָם בולאפיע דער אר״י האָבן אויך געהערט צו די קעצניקעס[1] — צו די, וועלכע האָבן לויט די צאָלן און וואָרט־אויסרעכענונגען פאָרויסגעזאָגט דעם סאָף פון גאָלעס און ווען מאָשיעך וועט קומען?

— ניין! ניין! — פארענטפערט שמוניע די פראגע מיט אָפשטויסנדיקע הענט. — צוליב וואָס האָבן זיי געדארפט רעכענען און אויסרעכענען ווען, וואָס, וויאזוי, אז אווראָם בולאפיע האָט געהאלטן, אז ער אליין איז מאָשיעך בען יויסעף. וויבאלד ער, אווראָם, איז געקומען אף דער וועלט, איז מאָשיעך געקומען, וויבאלד ער איז דאָ, איז מאָשיעך דאָ!

— אווראָם בולאפיע האָט זיך אליין געזאלבט פאר א מאָשיעך, — האָט געברומט דער אר״י מיט זײַן לייבן־געברום, — ווי האָט ער געקאָנט זײַן דער פאָרגייער פון מאָשיעך בען דאָוויד, אז די שליכעס איז געווען אָנגעגרייט פאר מיר נאָך פון שיישעס יעמיי בריישעס, איך בין דער עמעסער מאָשיעך בען יויסעף, איך, און ניט קיין אנדערער, דאָס האָב איך אויסגעטראָטן דעם וועג פאר מאָשיעך בען דאָוויד. הײַנט גיי דערגיי א טאָלק, ווער פון זיי איז מער שווינדלער.

שמוניעס בײַסיקער כויזעק טרעפט אין זישען, ווי א שארף מעסער, גלײַך אין הארצן ארײַן: ווי צו די אויערן וואָס הערן עס!

— באך־באך־באך, — קומט בערקע מיט א הילכיקן זעץ אין פויק צום אויספיר: — מאדעך, צוויי קעץ אין איין זאק קאָנען ניט הויזן, איז ווי האָבן געקאָנט הויזן צוויי קעצניקעס?

— וויבאלד דער אר״י איז זיכער געווען, אז ער איז מאָשיעך בען יויסעף, איז צוליב וואָס האָט ער געדארפט דעם אר״י — דעם לייב?

— א לייב איז ניט קיין קאץ, — שטעלט זיך שמוניע אף דער זײַט פון דעם אָפשפעטער, — א לייב איז דער קייסער פון די כײַעס, און ער, רעב ייִצכאָק, איז דער לייב פון גאָטס געדאנק.

אר״י קלינגט אוואדע שענער, ווי ייִצכאָק בען שלוימע אשקענאזי לוריא. די דרײַ אויסיעס פון דעם אר״י גיבן צו וויסן, אז ער, ראבי ייִצכאָק אשקענאזי, איז ניט קיין פאָשעטער באסאָרוועדאָמיקער ייִצכאָק, אז ער איז „ייִצכאָק האלהו״[2] — דער געטלעכער ייִצכאָק.

— ס'איז נאָך מיט כעסעד, — זשאלעוועט ניט בערקע קיין איבעריקן פויסט אינעם פויק, — וואָס וואָלט געווען, ווען דער אר״י דערקלערט זיך אלס מאָשיעך בען דאָוויד?

— עס וואָלט געווען ביטער, ביטער, וואָס ביטער הייסט, עפעס א קלייניקײַט, — פאר־

---

[1] קעצניקעס שטאמט פונעם העברעיִשן וואָרט קץ (קייץ) — א סאָף. די מעקובאָלים האָבן געהאלטן אין איין רעכענען, אויסרעכענען און פאָרויסזאָגן דעם סאָף פון גאָלעס. דאָס יאָר, כוידעש, וואָך, טאָג און שאָ, ווען מאָשיעך וועט קומען. אף וויפל די פאָרויסזאָגונגען זײַנען געווען שווינדלעריש, האָט מען פאָרווערט רעכענען און פאָרויסזאָגן, ווײַל דאָס וואָלט געקאָנט, כאסוועכאָלילע, ברענגען צו דעם, אז אלע יעסוידעס פון דער עמונע זאָלן אײַנפאלן.

[2] ייִצכאָק האעלאָהו.

קרימט זיך שמוניע, — אויס קעץ, אַ מײַסע אָן אַ סאָף! אויס רעכענען, אויס פּאָרויסזאָגן, אויס טרעפן! ייִדן וואָלטן אופגעהערט זאָגן אַלע טאָג באַם דאַווענען דעם צוועלפטן אַני מאַמין: „איך גלייב בעמונע שליימע, אַז מאָשיִעך וועט קומען, און כאָטש ער פאַרזאַמט זיך, וועל איך פונדעסטוועגן יעדן טאָג וואַרטן, אַז אָט קומט ער"[1].

— יאָ געקומען, ניט געקומען, — פרייט זיך אָשער דער טרובאַטש, וואָס דאָס עפּעלע קאַטשעט זיך ניט אָפּ ווײַט פונעם ביימעלע, וואָס אין דעם טאַלמיד זײַנעם, אין שנייער־זאַלמענען, דערקענט מען דעם רעבן, דעם אַר"י. — זײַט אַזוי גוט, רעב שמוניע, און דערקלערט, וויִאַזוי איז ייִצכאָק בען שליימע אַשקענאַזי לוריאַ דערגאַנגען צום העכסטן שטאַפּל פון גײַווע, פון אײַנריידן זיך און־יענעם, אַז ער איז און איז...

און שמוניע גיסט בוימל אָפן פײַער:

— פון אַ כורווע איז ער געקומען. אָף די כאָרעוו געוואָרענע יעסוידעס פון דער כורווע האָט ער געבויט דעם פון לעכאַטכילע אָן כאָרעוו געוואָרענעם בינייען זײַנעם. זיבן יאָר האָט ער אין כורווע באַם ברעג פונעם טײַך נילוס זיך פאַרשפּאַרט און געזעסן דאָרט אַלץ, וואָס עס האָט זיך אים נאָר געוואָלט זען. די ערשטע זעונג איז געווען עליִיאָהו האַנאָווי. ווי ער אַליין האָט איבערגעגעבן, האָט ער זיך מיט אים שטאַרק באַפרײַנדעט. עלִיאָהו האַנאָווי האָט אים איבערגעגעבן אַלע סוידעס פון דער טוירע און אים געלערנט, ווי אָף אַ פײַערדיקן רײַטוואָגן, מיט פײַערדיקע פערד געיאָגט פון דעם סאַמע שטאַרקסטן שטורעם, אַרײַנפאָרן גלײַך אין די הימלען אַרײַן. אין די הימלען האָט ער זיך געפּילט פראַנק־און־פרײַ, זיך באַגעגנט מיט מוישע ראַביינו, מיט אַלע טאַנאָיִם אומויראָיִם, מיט אַלע געוינים און צאַדיקים פון פאַרשיידענע צײַטן. ראַבי שימען באַר יויכאָי, דער מעכאַבער פון דעם זויהער, ווי די מעקובאָלים האָבן געגלייבט, האָט אים באַלויכטן אַלע געהיימענישן פון זײַן סייפער, אים איבערגעגעבן בעקאַבאָלע, ווען און וויִאַזוי אַרויסברענגען דעם שיימהאַמפוירעש. דער גאַניידן איז פאַר אים שטענדיק געווען אָפן, צו יעדער מינוט האָט ער דאָרטן געקאָנט בלײַבן, נאָר ווי האָט ער זיך געקאָנט איבערקלײַבן אין גאַניידן, אַז ער האָט נאָך געהאַט אַזויפיל שליכעסן אויסצופילן אין דער כורווע? פון אַלע זײַטן טראָגן זיך פאַרשיידענע פראַגן. שמוניע שטייט אין דער מיט פון זאַל און כאַפּט אוף מיט אויסגעשטרעקטע הענט יעדע פראַגע, אַז קיין איינע זאָל ניט גיין לעיִבעד.

— וווּהין האָט אים פאַרטראָגן דער נילוס?

— קיין יערושאָלאַיִם.

— וועלכע שטאָט איז געוואָרן דער צענטער פון דעם אַר"יס קאַבאָלע?

— צפאַס, ווײַל ניט ווײַט פון צפאַס האָט זיך געפונען ראַבי שימען באַר יויכאָיעס קייווער.

— ווער זײַנען געווען זײַנע מיטגייער און נאָכגייער?

— מוישע קאָרדאָווער, שליימע אַלקאַניץ, יויסעף קאַראָ, דער מעכאַבער פון שולכנאָרעך, מוישע אַלשיך און זײַן סאַמע פאַרטרויטסטער — כאַיִם וויטאַל.

— ס'איז עמעס, אַז אַלע פרײַטיק פלעגן זיי זיך אָנטאָן אין ווײַסע קליידער?

— עמעס. לויט דער קאַבאָלע דריקן אויס פיר ווײַס־אָנגעטאָנענע קליידער די פיר אויסיִעס פון גאָט.

— פרײַטיק אינדערפרי, גלײַך באַם דאַווענען, פלעגן זיי זיך איינער פאַרן צווייטן מיסוואַדע זײַן אָף זייערע זינד, אָף זייערע אומריינע מאַכשאָווועס, דער אַר"י פלעגט זיי אַנטפּלעקן די סוידעס, וויִאַזוי אַרויסצורופן גײַסטער.

ווי נאָר די זון פלעגט פאַרגיין, פלעגן זיי אַוועק ווײַט אויסער דער שטאָט מעקאַבל פּאָנעם זײַן די מאַלקע שאַבעס. אָף איינער אַזאַ באַגעגעניש איז באַ שליימע אַלקאַבוץ געבוירן געוואָרן די טפילע, דער קאַבאָלעס־פּאָנעם־געזאַנג „לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה"[2] — גיי, מײַן פרײַנט, אַנטקעגן דער קאַלע, לאָמיר דעם שאַבעס מעקאַבל פּאָנעם זײַן. די טפילע איז פאַרהייליקט געוואָרן סײַ באַ די כסידים און סיי באַ די מיסנאַגדים.

— האָט די קאַבאָלע געהאַט פאָרגייער?

— אַוואַדע, אָן קיין פאָרגייער זײַנען ניטאָ קיין נאָכגייער. דאָס ניסים־וואָנדערלעכע, דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס סוידעסדיקע איז געקומען אַ סאַך פריִער פאַרן ניגלע, פאַר דעם אַנטפּלעקטן, פאַר דעם קלאָרן, וואָס איז אָנצוטאַפּן מיט די הענט. דאָס פאַרשלייערן די לעבנספראַגן אין זיבן שלייערס איז געווען אַ מין זיך אויסדרייען פון געבן אַ קלאָרן ענטפער אָף די האַרבסטע פראַגן פון דער צײַט. אָט אָף דעם באָדן איז אופגעקומען די קאַבאָלע, דורכגע־

[1] דער צוועלפטער „אַני מאַמין" געהער צום ראַמבאַמס דרײַצן איקערס, מיט וועלכע ער האָט געפעסטיקט דעם גלויבן פון פאָלק אין די שווערע צײַטן פון אומגלויבן, פון ביטערע גזיירעס און שמאַד.

[2] לעכאָ דוידי ליקראַס קאַלאָ פּניי שאַבאָס נעקאַבלאָ.

מאכט אירע וועגן פון באָוול קיין שפּאַניע, פון שפּאַניע קיין דײַטשלאַנד, פון דײַטשלאַנד קיין פּױלן, פון פּױלן קיין רוסלאַנד. אױף דעם באַדן זײַנען אופגעקומען די פאַלשע מאָשיעכס שאַבסײַ צווי און יאַנקעוו פראַנק.

— אין יעדן כאַבאַדניק, — ווערט בא זיך אָשער ניצאַכנדיק האַפּערדיק און כאַזערט איבער צו עטלעכע מאָל יעדן וואָרט זײַנס, אַז ס'זאָל צו אַלעמען דערגיין, — אין יעדן כאַבאַדניק איז פּאַרהיט און פּינקלט אַ ניצעץ פון שאַבסײַ צווי, און אין יעדן מיסנאַגיד ברענט דער ניירטאָמיד פונעם ווילנער גאָען.

— ריכטיק! — האַלט אונטער אָשערן אַ יונגערמאַן מיט אַן אונטערגעשוירן בערדל, אַ דרײַ פּערטל מיסנאַגיד און איין פּערטל מאַסקיל, וואָס לאָזט ניט אַרויס פון די פינגער זײַנע דאָס אַראָפּהענגענדיקע שוואַרצע שנירל פון די רײַטנדיקע פּענסנע אױף דער נאָז, ווי אַ פּרומער ייִד די ציצעס פון זײַן טאַלעס. — ריכטיק, די מיסנאַגדים לאָזן זיך ניט פאַרשיקערן, און זיי, די כסידים, ניכטערן זיך קיינמאָל ניט אויס. די מיסנאַגדים פּעדערן זיך און וואַכן אױף פאַרטאָג לעאַווירעס האַבוירע — צו גאָטס דינסט, און די כסידישע היסויכרעס־אופוואַכונג קומט פאַר דעריקער אינעם בײַנהאַשמאָשעס, ביין מינכע לעמײַרעוו, ווען עס רוקט זיך אָן אַלץ נעענטער און נעענטער די פינצטערניש, ווען עס פאַרשווינדן די גרענעצן פון דעם מאַמאָשעסדיקן מיט דעם קיינמאָל ניט געוועזענעם, ווען דאָס אויסגעטראַכטע, דאָס ניט פאַראַנענע שוועבט אינדערלופטן.

די מיסנאַגדים לערנען בא דער שײַן פון אַ ליכט, זייערע אויגן זעען בלויז טאַנאָיִם און אַמוראָיִם, הייליקע אותיות, הייליקע ווערטער און הייליקע געדאַנקען, אַזוי אַז זיי לייגן קיין אַכט ניט אַפּן שאָטן, מיט וועלכן דאָס פלעמל פון דער ליכט ראַנגלט זיך, און די כסידים קאָנען זיך ניט באַגיין אָן די פײַער־צונגען פון די שײַטערס, יעדער פײַער־צונג מיט זײַן שאָטן. די שאָטנס און די פײַער־צונגען שפּרינגען זייער שיידעם־טאַנץ, און דאָרט, ווו שיידים, דאָרט זײַנען כסידים.

דער מיסנאַגיד אָשער גייט אַרײַן אין אַ מין כסידישן עקסטאַז, הערט ניט אױף צו לויבן דעם ווילנער גאָען, שטעלט צו צו דער וואָנט זישען, און זישע מוז ניט ווילנדיק איבערכאַזערן אַ ריי שוואָכים:

— וואָס שײַעך טוירע, האָט דער ווילנער גאָען געהאַט איבערגעגנוג, אַפילע שוין צופיל. ער איז אַליין געווען דער טאַלמיד און אַליין דער רעבע, אַפילע אין קיין יעשיווע קיינמאָל ניט געלערנט. דערגרייכן אַזאַ הויכע מאַדרייגע אין לערנען האָט מען געדאַרפט האָבן ראָצן־אײַזערנעם ווילן, און רעב עלײִאָהוס ווילן האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט. ניט אומזיסט האָט ער וועגן זיך אַליין געזאָגט, אַז ווילנער גאָען באַטײַט — וויל נאָר, וועסטו אַ גאָען ווערן! און ווײַטער:

— אָט מיט זײַן ביטאָכן בין איך ניט זיכער, ער איז געווען ניט קיין פּולער, ווײַל בײַ טאָכן איין גאָט הייסט פּריער פון אַלץ ביטאָכן אין דעם מענטשן. ניט וויכטיק איז דער וועג, אױף וועלכן דער מענטש גייט, אױף וואָס פאַר אַן איפּן ער גלייבט. יעדער מענטש האָט אַ בכירע, דאָס אויסקלײַבן זיך זײַן וועג, ווי עס ווערט געזאָגט: בכל דרכיך דעהו[1] — ווייס אים און דערקען אים דורך אַלע וועגן, וואָס פירן צו אים. און באַם גאָען איז דער איינציק ריכטיקער וועג — זײַן וועג. ווער עס גייט ניט אין זײַן וועג, קערט אָפּ פון מוישע ראַביינוס וועג, פאַרבלאָנדזשעט און דערווײַטערט זיך אַלץ מער און מער פון גאָט און פון זײַן טוירע. דורך מוירע האָט דער ווילנער גאָען באַשיצט זײַן טוירע, און דאָרט, ווו מוירע, דאָרט איז ניטאָ קיין עמעסע ליבע, איז ניטאָ דער עמעס אַליין, ווײַל אַלע לײַגן, אַלע זאָגן ניט דאָס, וואָס זיי ווילן זאָגן, דאָס, וואָס זיי זאָגן פאַר פאַרטרויטע, פאַר זיך אַליין, ווײַל אַלע כאַנפענען, בוקן און קנײַען זיך און באַשטראָפן זיך דערנאָך אַליין — רײַסן פון זיך שטיקער נעשאָמע און שטיקער לײַב פאַר דער צווייפענעמדיקײַט, פאַר דער צוויִעס. ס'איז אַ שרעק צו דערמאָנען, אַז דאָס זעלבע מויל, דאָס מויל פון דעם ווילנער גאָען, וואָס האָט פּערל אַרויסגעגעבן פון זיך, האָט איינצײַטיק פאַרמאָגט נײַן מאָס קלאָלעס און כראָמעס, איז פול געווען מיט דראָנגען, מיט נעקאָמע־דורשט, מיט דער אַכזאָריעס פון די פיר בעסדין־טויטן, וועלכע האָבן זיך געדעכנט פאַר די שרעקלעכסטע טויטן.

אָשער האַלט ניט אויס. מיט קריצנדיקע ציין, מיט אָנגעצונדענע אויגן, מיט אַ זיך טרייסלענדיקער באָרד און מיט זיך שלײַדערנדיקע הענט האָט ער זיך געריסן צו זישען:

— ס'איז אַ כילעל־האַשעם! ס'איז אַ כילעל־האַשעם! פאַרשוועכן דעם ווילנער גאָענס נאָמען אין אַלציינס, ווי פאַרשוועכן גאָטס נאָמען!

---

[1] בעכאָל דראַכעכאָ דאָעהו.

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט אָשערן אונטערגעהאַלטן דער דריַי פּערטל מיסנאַגיד און איין פּערטל מאַסקיל־יונגערמאַנטשיק, — אַזוי לעסטערן דעם באַשיידנסטן מענטשן אויף דער ערד איז מער ווי כּילעל־האַשעם. די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז דער ווילנער גאָען האָט זיך ניט געלאָזט זאַלבן און זיך ניט געלאָזט אַוועקזעצן אויפן ראַבאָנישן שטול. אויף לערנען און זיך פאַרטיפן אין דער טוירע, — האָט ער געזאָגט, — וועט גענוג זיַין אַ טאַבורעט. באַ זיַין לעבן האָט ער ניט דערלויבט פאַרעפנטלעכן זיַינע מײַמאָרים, זיַינע פּיירושים, זיַינע אַנטפּלעקטע סוידעס פון ברייִשעס, פון וועלט־באַשאַף. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ נאָמען, וואָס ווערט אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף וויַיס, איז שוין ניט דער נאָמען, וועלכן טאַטע־מאַמע האָבן געגעבן, דאָס איז אַ שליסל צו גײַווע: זעט, ווער איך בין, זעט, סאַראַ נאָמען איך האָב, ער איז מיט אַ שטאַמפּ אָפּגעשטעמפּלט אויף דאָר־דוירעס. אַלע מענטשן שלאָפן אַכט שאָ אין מעסלעס, און ער, דער ווילנער גאָען, איז געשלאָפן ניט מער ווי צוויי, און אויך אויף די צוויי שאָ האָט ער שטענדיק כאַראָטע געהאַט — צוויי שאָ פאַרשלאָפן, סאַראַ שאָד, סאַראַ העזעק, סאַראַ גרויסער העזעק, — האָט רעב עליִיאָהו זיך אופגעהערט מעצאַער צו זיַין, — פאַר צוויי שאָ וואָלט מען דאָך געקאָנט אַזויפיל לערנען, אַזויפיל מעסאַגן זיַין! ניט געגעסן און ניט געשלאָפן! און ווער האָט זיך געקאָנט פאַרגליַיכן מיט זיַין גוורע, מיט דער גוורע פון טאָג און נאַכט מויערן מיט דינים, מויערן און מויערן, אַז דער וויַינגאָרטן זאָל בליַיבן גאַנץ, ניט געריִרט, ווי גאָט האָט אים פאַרפלאַנצט?!

דאָ האָט שמוניע שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך גליַיך געלאָזט אין שאַרפן ווערטער־געפעכט קעגן דעם דריַי פּערטל מיסנאַגיד און איין פּערטל מאַסקיל־יונגערמאַנטשיק:

— דער וויַינגאָרטן איז פאַר מענטשן, און דער ווילנער גאָען האָט אים אַזוי פאַרמויערט, אַז קיין מענטשלעכער פוס האָט אַהין ניט געקאָנט אַריַינטרעטן.

דער יונגערמאַנטשיק איז געבליבן אויף אַ וויַילע אָפּהענטיק, גליַיך זיך גענומען אין די הענט, פאַרלאָזט דעם וויַינגאָרטן און אַרויסגעפאָרן מיטן דיקדעק:

— און דאָס ווייסט איר, אַז דער ווילנער גאָען איז געווען דער גרעסטער באַלמעדיקדעק פון זיַין צײַט, אַז ער האָט פאַריכט און ניט איבערגעלאָזט קיין איין גריַיז אינעם טאַלמוד באַוולי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין באָוול, און אויך דעם טאַלמוד יערושאַלמי?

— וואָלט ער בעסער פאַריכט די גריַיזן פון לעבן, וועלכע זיַינען פול, ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג יאַם, — גיט שמוניע אַ לעש אויף דעם פאַנאַנדערגעפלאַקערטן יונגערמאַנטשיק, — אין דעם סאַמע וויכטיקסטן דיקדעק, אין דעם דיקדעק פון לעבן, האָט ער קיינמאָל ניט אַריַינגעקוקט.

— אָן דער טוירע, — פאַרגלאָצט דער יונגערמאַנטשיק זיַינע אויגן, — איז ביכלאַל קיין לעבן ניטאָ. וואָס מער דער גאָען האָט זיך דערגרונטעוועט צו די טיפעניִשן פון דער טוירע, אַלץ שטאַרקער האָט ער אופגעהויבן דעם אָמוד אייש, דעם פיַיערדיק־לויכטנדיקן זיַיל פונעם לעבן. ניט נאָר באַנאַכט, נאָר אויך באַטאָג זיַינען די לאָדן פון דעם גאָענס שטיבל געווען צוגעמאַכט, ניט נאָר באַנאַכט, נאָר אויך באַטאָג האָט ער געלערנט באַ דער שיַין פון אַ כיילעווענעם ליכטל. דאָס אָפּשיידן זיך פון דעם לעבן איז געטאָן געוואָרן צוליב דער עכטער באַהעפטונג מיטן לעבן.

שמוניען גיט עס אַ ברי, גליַיך ווי דעם גאָענס כיילעוונע ליכטל, וואָס האָט געברענט באַטאָג און באַנאַכט, זאָל דורכגיין מיט איר פלעמל איבער זיַין ליַיב:

— ווען די לאָדן זיַינען פאַרמאַכט, איז אויך דאָס האַרץ פאַרמאַכט, און ווען דאָס האַרץ איז פאַרמאַכט, איז אויך די טוירע ניט אָפן! איין שטיק האָלץ קאָן אַליין ניט ברענען! איין דעמב, דער סאַמע שטאַרקסטער דעמב, איז ניט קיין וואַלד, ווי ניַין ייִדן זיַינען ניט קיין מיניען. די טוירע איז ניט אויפן הימל, נאָר אויף דער ערד! צוליב וואָס זשע זיך לאָזן אין טיפן וואַלד אויסריַיסן פון דאָרט אַ קרום שטעקל, וואָס טויג אין ערגעץ ניט, וואָס קאָן אפילע קיין אָנשפּאַר ניט זיַין פאַרן הינקענדיקן? וואָלט דער ווילנער גאָען זיך אַליין געווען באַפריַיען פון דעם טפיסע־צימער, אין וועלכן ער האָט זיך אַליין פריַיוויליק אַריַינגעזעצט, וואָלט ער גאָר אַנדערש באַנומען דאָס לעבן, וואָלט ער ניט געווען אַזאַ מאַכמיר, וואָס מאַכט האַרבער ווי האַרב און פאַרשווערט יעדן דין, וואָלט ער געווען מער סאַנייגער, מער פאַרטיידיקער אייִדער קאַטייגער — באַשולדיקער.

— וואָס רעדט איר? ס'זיַינען באַ איַיך ניט קיין בערן און ניט קיין וואַלד! און דאָס ווייסט איר, — האָט דער יונגערמאַנטשיק מיט אימפּעט און מיטן אומגעצוימטן פריידיקן אויסגעשריי פון אַ ריַיזנדער, וועלכער אַנטדעקט אַ ניַי אינדזל, געשריגן ניט מיט זיַין קאָל, געשריגן, גליַיך ווי ער זאָל פון דער אומגעריכטער פרייד טויב ווערן און ניט הערן דעם אָפּהילך פון זיַין אייגענער שטים. — דער ווילנער גאָען האָט שאָלעם געמאַכט צווישן דער עמונע און וויסנ־

שאַפט, ער האָט דערוויזן, אַז דער מה מלמעלה[1] — אַלץ, וואָס עס איז פון אויבן אין דער הויך אף ניט צו דערלאַנגען, שטערט ניט דעם מה מלמטה[2] — אַלץ, וואָס עס איז פון אונטן, אף דער ערד, מיט די הענט אָנצוטאַפּן און מיט די פיס אָנצוטרעטן. דער גאָען, דער צאַדיק און דער אופגעקלערטער האָבן אין אים געהויזט.

— דאָס איז אַ לאַנגאָנעדיקער אויסגעפּרוּווטער שווינדל אף אונטערצוהאַלטן די יעסוידעס פון דער עמונע, ווען זיי נעמען זיך וואַקלען. דאָס איז אַ שווינדל שעבעשווינדל! — האָבן זיך שמוניעס הענט אַזוי פלינק און אַזוי לײַכט גענומען באַוועגן, ווי ער זאָל איין שווינדל אין דעם צווייטן אַרײַנרינגלען, ווי אַ רינג אין אַ רינג. — דזשאָרדאַנאָ ברונאָ האָט זיך געלאָזט פּײַניקן מיט די שטאַרקסטע און אַכזאָריעסדיקע יעסורים, מעקאַבל בעאַהאַווע געווען דעם טויט אף די שײַטערס פון די אינקוויזיטאָרן און זיי ניט געוואָלט צוליב טאָן, בעפּאַרעסיע דערקלערן, אַז ס'זײַנען דאָ צוויי עמעסן — דער עמעס פון דער עמונע און דער עמעס פון דער וויסנשאַפט. „ניין, — האָט ברונאָ געענטפערט, — ס'זײַנען ניטאָ קיין צוויי עמעסן, עס איז דאָ בלויז איין עמעס — דער עמעס פון דער וויסנשאַפט. טאָג און נאַכט זײַנען אָפּגעשיידט איינס פונעם צווייטן און קאָנען קיינמאָל ניט זײַן אייננצײַטיק צוזאַמען. ווער עס פּרוּווט דערקלערן, אַז עמונע און וויסנשאַפט איז איינע און די זעלבע מאַטבייע פון אירע צוויי באַזונדערע זײַטן, דער איז אַ שווינדלער, אַ פאַרפירער, וועלכער האָט קיין רעכט ניט זײַן צווישן אָנשטענדיקע און געוויסנהאַפטע מענטשן. רעליגיע איז אַ געביט פון הייליקן אומוויסן און געבענטשטער אייזל־כאָכמע".

— אַפּיקוירעס! — האָט אָשער מער אַרויסגעזיפצט, אויסגעקרעכצט, ווי אויסגעשריגן, זיך געבעטן ראַכמים בײַ דעם דרײַ פערטל מיסנאַגיד און איין פערטל מאַסקיל־יונגערמאַנטשיק, ער זאָל ניט פאַרשווײַגן שמוניען. — דע מה שתשיב לאפיקורס[3] — ווייס וואָס צו ענטפערן דעם אַפּיקוירעס! און גראַדע דער נייטיקער „דע" האָט אויסגעפעלט און דער יונגערמאַנטשיק האָט אָפּן באַדויערט, וואָס עס פעלן איצט אויס בײַ ייִדן די ארבע מיתות בית דין[4] — די פיר שרעקלעכסטע טויטן פון דעם בעסדין, וואָס מיט שמוניען קאָן מען איצט ניט טאָן דאָס, וואָס די אינקוויזיטאָרן האָבן אין זייער צײַט געטאָן מיט דזשאָרדאַנאָ ברונאָ.

שמוניע פירט רוּיִק אונטער דעם סאַכאַקל פונעם הײַנטיקן אָוונט:

— ס'איז שרעקלעך אָן אַ גאָט פון אויבן און אָן אַ הערשער און באַצווינגער פון אונטן, אָן זיי קאָנט איר שוין גאָרניט לעבן. יעדער גאָטס מעקלער, יעדער שאַדכן, וואָס פאַרשאַדכנט אײַך מיט גאָט און מיט זײַן טוירע, איז בײַ אײַך הייליק, איז בײַ אײַך אַ שטאַפּל פונעם לייטער, וואָס פירט אין די הימלען אַרײַן. פונקט, ווי אָטעמען, אַזוי מוזט איר לויבן און רימען, זיך קריגן און דערווײַזן, אַז דער ווילנער גאָען איז דער גרעסטער! גרעסער פון שנייער־זאַלמענען איז ניט געווען און וועט ניט זײַן! אין דער טוירע אַליין ווערט דערציילט, אַז פערציק טעג האָט זיך מוישע פאַרזאַמט אָפן הימל, האָבן ייִדן עס ניט געקאָנט אויסהאַלטן, זיי האָבן ניט געהאַט, ווער ס'זאָל זיי באַפוילן, ווער ס'זאָל זיי זאָגן און אַרײַנזאָגן, זיי האָבן ניט געהאַט וועמען צו לויבן און דאַנקען, האָט מען געצוווּנגען אַרענען, מוישעס ברודער, ער זאָל זיי אַ גאָט מאַכן. האָט אַרן פון גאָלד אַ קעלבל אויסגעגאָסן פאַר זיי. האָבן ייִדן געגלויבט און גערימט דאָס קעלבל, געטאַנצט פאַר דעם און געשריגן איינער צום צווייטן: אלה אלהיך ישראל[5] — דאָס איז דײַן גאָט, ייִסראָעל, דאָס איז דער גאָט, וועלכער האָט דיך אַרויסגעפירט פון מיצראַיִם, דאָס איז דער גאָט פון אַלע געטער, אַז גאָט איז נאָך ניט געווען. אָן אַלטע געשיכטע וועגן געטער און פירער, וואָס איז שטענדיק נײַ.

שמוניע ברענגט נאָך אַ באַווײַז:

— אין אונדזערע טעג, דאָ אין שקלאָוו, ווערט דערציילט אַ געשיכטע, אַז איינער אַ פרומער ייִד, האָט אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן גענומען טראַכטן: פאַרוואָס איז דעם צאַדיק שלעכט און דעם ראָשע גוט? פאַרוואָס קומט איינעם גאָר און דעם צווייטן גאָרניט? דער פרומער ייִד האָט זיך פאַרטראַכט, האָט דערפילט, אַז דער אַפּיקוירעס־דיבעק האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אים, איז ער געבליבן ניט טויט און ניט לעבעדיק, מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן גענומען זיך בעטן בײַ גאָט: „גאָט מײַן גאָט, זײַ ווידער מײַן גאָט, איך קאָן אָן דיר ניט לעבן, איך קאָן אָן דיר קיין טראָט ניט מאַכן!" אין אַלע צײַטן פון יאָר,

---

[1] מאַ מילמײַלאָ.

[2] מאַ מילמאַטאָ.

[3] דאַ מאַ שעטאָשיוו לאַפּיקוירעס בעסדין.

[4] אַרבאַ מיסוים בעסדין.

[5] איילע עלויהעכאָ ייִסראָעל.

אין אַלע שאָען פון מעסלעס האַלט מען אין איין לויבן גאָט. מ׳לויבט אים אַזויפיל, אַז עס האָט אים שוין לאַנג געדאַרפט נימעס ווערן און פונלאַנג האָט שוין געדאַרפט גויזער זײַן — געוווג! איז ניין, פאַרקערט, וואָס מער מ׳לויבט אים, אַלץ מער פאַרלאַנגט ער נאָך און נאָך. הײַנט וואָס איז שוין צו זאָגן וועגן אַ באַסאָרוועדאָם, וועגן אַ מיילעך, וועגן אַ סטריאַפּטשע בא גאָט און וועגן אַ סטריאַפּטשע באַם קייסער? אַז צוויי לויבן אַ דריטן, הייבט אָן דער דריטער גלייבן, אַז ער איז דער ערשטער, הײַנט ווען צען, ווען הונדערט און טויזנט רימען און לויבן? דאַן איז דער גערימטער און געלויבטער מער ווי זיכער, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי, אַז ער איז טאַקע דער גרעסטער, אַז אַזאַ, ווי ער, איז נאָך גאָר אַף דער וועלט ניט געווען. הײַנט זעט איר שוין, צו וואָס עס ברענגט דאָס בלינדע גלויבן? דאָס בלינדע לויבן אין דער וועלט אַרײַן? עס ברענגט צום קעלבל, צום גויטע בעייגל זײַן — צום זינדיקן מיטן קעלבל־זינד פון טאַנצן, שפּרינגען, שירמיזמערן און האַלעלויען, אַז זינט קעלבלעך זײַנען קעלבלעך, איז נאָך אַזאַ קעלבל ניט געווען, אַז ער איז דער מיילעך פון אַלע מעלאָכים, דער כאָכעם פון אַלע כאַכאָמים, דער גיבער פון אַלע גיבוירים, דער גנעדיקסטער פון אַלע גנעדיקסטע.

„דער צווייטער טיש״, וועלכער האָט אויך געהייסן „דער צווייטער מיניען״, פאַרציט זיך ביזן העלן טאָג אַרײַן. די דאַוונער פונעם ערשטן מיניען אײַלן שוין צו די שאַבעסדיקע שאַכריס און מוסעף־טפילעס. זיי אײַלן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז טאָמער, כאָלילע, וועלן זיי פאַרשפּעטיקן אַף אַ רעגע, וועלן זיך געפינען באַלאָנים און וועלן בא זיי אַרויסכאַפּן די גרויסע מיצווע פון זײַן די ערשטע.

אין די פרײַטיקדיקע באַנאַכטן בלײַבט אויך שמוניע דער שניצער באַם „צווייטן טיש״. פרײַטיק באַנאַכט שפּילט מען דאָך ניט, אַזוי אַז ער ריזיקירט ניט מיט שווײַגן, און אויסער דעם, איז אויך וועגן נעגינע דאַרף מען אים ניט פּיקן די צונג. די פאַרבליבענע קאָנען זיך גאָרניט אָנלויבן פונעם „ערשטן טיש״. וועלוועלע מיט מיכקען האַלטן אין איין יאַשערקויעכן:

— יאַשער קויכאַכאָ!

— יאַשער קויכאַכאָ!

— אַ וווּנדערלעכע נאַכט! אַ נאַכט פון אָפענע אויצרעס!

— אַ נאַכט פון אַ וווּנדערלעכן שוימער, וועלכער האָט ניט פאַרשטעלט דעם וועג מיט דער שאַרפער שווערד, נאָר אַליין געעפנט אַלע טירן און טויערן און זיך געבעטן: נעמט! נעמט, וויפל עס וועט נאָר אַרײַן אין אײַך!

וועלוועלע איז גליקלעך — דער אָרגאַניסט עדוואַרד פּשילענצקי האָט אים איבערגעגעבן עטלעכע מאַרשן, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אַף די שלאַכטפעלדער מיט נאַפּאַלעאָנס כאַיאַלעס. וועלוועלעס פינגער באַפאַלן דעם טיש און שפּילן אויס יעדן מאַרש באַזונדער, אַלעמענס פיס קלאַפּן צו צום טאַקט. אַ מאַרש, וואָס לאָזט ניט בענקען, יאָגט און טרײַבט: גיכער, גיכער! דער סוינע גרײַפט אָן! אַ מאַרש, וואָס צינדט און פלאַקערט פאַנאַנדער די סינע צום פײַנט! אַ מאַרש, וואָס רימט און לויבט: אַזוי ווויל איז צום פאָלק, וואָס פאַרטיידיקט זײַן ערד, זײַן לאַנד, זײַן היים, זײַן ווײַב און זײַנע קינדער, זײַן לאָשן און זײַן ניגן! אַ מאַרש, וואָס טראָגט דעם רום אַנטקעגן, אַ באַלוינונג — בא יעדן טראָט פאָרויס זעט זיך יעדער סאָלדאַט ווי אַ העלד, וועלכער איבעראַשט זײַן געליבטע, זײַן פרוי און קינדער, דעם זיידן מיט דער באָבען, דעם טאַטן מיט דער מאַמען, די ברידער און שוועסטער, אַלע אײַנוווינער פון דאָרף, פון שטאָט, פון גאָר דעם לאַנד.

גלײַך נאָך דעם שטעלט וועלוועלע פאָר די ניגונים, וועלכע וועלן אַרײַנגעפלאָכטן ווערן, און יעדן איינעם מיט זײַן ווײַסן ניגן.

דער רוסישער ניגן מיט זײַן שטאָלענער פּראָסטקײַט, מיט זײַן זוניקער וואַרעמקײַט, מיט זײַן ראַכוועס, מיט זײַן ליבע און מיט זײַן גלויבן אין זיך און אין אַנדערע, וועט ווי אַן אויסשפּירער גיין פאָרויס.

אַ באַזונדער אָרט וועט פאַרנעמען דער אוקראַיִנישער ניגן, וואָס איז באַזונדערס נאָענט פאַרן ייִדישן האַרץ און פאַרן ייִדישן אויער, נאָענט מיט זײַנע ליידן און פריידן, מיט זײַנע אופשטאַנדן און מילכאָמעס, מיט זײַן טרויער־בענקעניש, מיט זײַנע האָפענונגען און טרוימען וועגן פרײַהײַט, נאָענט מיט זײַן מיזראָכישער באַפאַרבונג, מיט די פאַרבליבענע אין אים כאַזאַרישע, טאָטערישע און טערקישע קלאַנגען און אָפּקלאַנגען.

עס וועט אַ סאַך מיטהעלפן דער ווײַסרוסישער ניגן, וואָס רײַסט זיך פון די זומפּן און בלאָטעס און שרײַט אויס מיט זײַנע וואַלדישע קלאַנגען און ווידערקוילעס זײַן צאַר.

דער ניגן פון גרוזינישן אימפּעט וועט בוימל גיסן אין פײַער!

די בענקעניש פון דעם מאָלדאַווישן פויער און פּאַסטעך, די ליבע צו דער אייגענער ערד, וואָס פאַרגייט זיך און קײַקלט זיך פאַנאַנדער, האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די ייִדישע „קע־

וואקאָרעסלעך", „האבייניאקערלעך"[1] און אין די ווײַט ניט פריילעכע „פריילעכסן". זיי דערמאָנען שטענדיק, און באַזונדערס אין די צײַטן פון געפאר, האָבן זיי דערמאָנט יעדן ייִדישן אָנטיילנעמער אין דער מילכאָמע פון 1812, אז ס'איז לײַכטער צו פארלירן דאָס לעבן, איידער פארלירן די ערד, אף וועלכער מ'איז געבוירן און אויסגעוואקסן געוואָרן, וועלכע האָט דיך געגנערט און הערט ניט אוף צו נערן מיט אירע זאפטן.

די זיך פארזעסענע באַם „צווייטן טיש" באַגעגענען זיך מיט די דאוונער פונעם ערשטן מיניען, וועלכע האָבן מיט קליינע, לאנגזאמע טריט צופרידענע געשפאנט איבער די שקלאָווער גאסן — מיטן אייבערשטן זײַנען זיי שוין קוויט, זיי האָבן זיך פאנאנדערגעזעגלט מיט אים ביז דער לעצטער בראָכע, ביזן לעצטן לויבן אים אין טאָג ארײַן.

דער רייעך פון ציקאָריע און פון מעזוינעס־קאָרזשיקלעך פילן אָן מיט דער געשמאקסטער זיסקײַט די הימלען און די ערד. ביז דער צווייטער סודע, ביזן וואָרמעס, ווען די דאוונער פונעם צווייטן מיניען וועלן זיך אומקערן אהיים, איז נאָך ווײַט, מ'וועט קאָנען כאפן א געשמאקן דרעמל, אז מ'זאָל קויעך האָבן נאָך וואָרמעס אײַנשלאָפן אזוי טיף, ווי באנאכט נאָך א שווערן ארבעטס־טאָג.

ס'איז שוין געווען נאָכן אוועקגיין פון דער טשערעדע אף פאשע. מיכקע האָט זיך אף זײַן געלעגער געוואלגערט פון איין זײַט אף דער צווייטער, געציילט פון איינס ביז הונדערט און פון הונדערט אף צוריק ביז איינס, אופגעוועקט איין ניגן נאָכן צווייטן, זיי זאָלן אים פארוויגן, אָבער איין מאָל ניין — ער קאָן ניט אײַנדרעמלען, ער קאָן ניט אײַנשלאָפן — די אופגעמישטע בלעטער געשיכטע, די פראגן און ענטפערס, די וויקוכים, די ארויסזאָגונגען,

---

[1] ראָשעשאָנעדיקע און יאָמקיפּערדיקע טפילע.

די געדאנקען און דערקענטעניש, וועלכע האָבן אין דער נאָרוואָס פארשוווּנדענער נאכט אים באַרײַכערט, האָבן באַגאזלט זײַן רו.

ער האָט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן אויך איבער דער לאנג דרעמלענדיקער סטרונע אין דער טיף פון זײַן הארצן, וועלכע כאנקע, פײַוול דעם באָנדערס טעכטערל, האָט אױפגעוועקט אין אים. ווו נאָר ער גייט, וואקסט זי אויס לעבן אים, קוקט אים גלײַך אין די אויגן ארײַן, בריט דורך די פלייצע זײַנע פון הינטנארום און אנטלויפט.

דארף מען שפילן ערגעץ א כאסענע, קומט פאָר ערגעץ א סימכע, א באל — דערוויסט זיך כאנקע פריִער פון אים, לויפט אים אומבאמערקט נאָך, כאפט זיך ארײַן אין דער שטוב, וואָס איז מאָלע סימכע, און טוט זיך אָפּ אירס — אין סאמע ברען פון שפילן שפּארט זי זיך דורך צו די קלעזמער, דערנעענטערט זיך צו דער פלייט, הייבט אוף מיט איר בליק זײַנע אויגן, גיט א קוק ארײַן אין זיי און אנטלויפט. יעדער קוק אירער איז ווי א שפּרוך, וואָס רופט ארויס און לאָזט ארײַן אין דער פלייט נײַע מאכנעס פון קלאנגען און קוילעס אָפּ ניט צו דערקענען דאָס יאָרנלאנג געשפּילטע. א באָרוועסע, מיט א ציצענעם קליידל, מיט צוויי שווארצע געדיכטע אראָפּהענגענדיקע צעפּ און מיט גרויסע טיפע אויגן, וואָס בײַטן די פארבן, ווי א ניגן בײַט זײַנע קלאנגען און טענער, וואכט זי איבער אים. זי שווײַגט, זי האָט מוירע אויסריידן א וואָרט, ווײַל א וואָרט איז איצט געפערלעך, א וואָרט קאָן אים אומקערן די רו און אים אײַנשלעפערן, און זי וויל אים זען א וואכנדיקן.

דאָס ערשטע מאָל, ווען כאנקע פארהאלט זיך אזוי לאנג לעבן אים, דאָס ערשטע מאָל, ווען שאָען פארבײַטן רעגעס...

דער מאָשל און דער נימשל

דעם געזאנג פון אלע געזאנגען האָט געזונגען די פארליבטע שולאמיס. יעדער פארליבטער זינגט איבער דעם געזאנג אָף זײַן אויפן. ער זינגט עס אזוי באַגײַסטערט־כידעשדיק, גלײַך ווי ער איז דער ערשטער ליבע־זינגער, גלײַך ווי ביז אים איז ניט געווען אזא.

מיכקעס ליבע איז די ערשטע צײַט ענלעך געווען צו א ניגן, וואָס האלט אין געבוירן ווערן — יעדן טאָג קומען צו נײַע קלאנגען, נײַע טענער, נײַע איבערגאנגען, צוזאמענשטויסן, דאָס צונויפגיין און פאנאנדערגיין, דאָס פארלירן און געפינען. די ליבע, ווי א ניגן, האָט זיך אירע נײַן כאדאָשים פון ליגן טיף אינווייניק, פון זײַן אויסבאהאלטן ווי א סאָד־סוידעסדיקער סאָד. פריִער, ווען מיכקע פלעגט באגעגענען פײַוול דעם באָנדער, כאנקעס פאָטער, פלעגט ער אים טראָגן דעם גוטמאָרגן אנטקעגן, און איצט האָט ער אים גענומען אויסמײַדן, ווײַל ווי נאָר ער באגעגנט אים, נעמט ער זיך רויטלען, און דאָס הארץ, ווי ס׳זאָל פויקן דער בושע צום טאקט, קלאפּט אלץ שטארקער און שטארקער.

פריִער, ווען ער האָט געדארפט עפּעס האָבן צו כאנקען, וואָלט ער צו איר צוגעגאנגען פּראָסט און פּאָשעט אָן הינטערגעדאנק, אָן אויסטראכטעניש און וואָלט איר געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט איר געדארפט און געוואָלט זאָגן. איצט אָבער האָט זיך אָן אײַזערנע וואנט אוועקגעשטעלט: וואָס נעענטער כאנקע ווערט פאר אים, וואָס מער ער טראכט וועגן איר, וואָס מער ער בענקט נאָך איר, אלץ מער דערווײַטערן זיי זיך איינער פונעם צווייטן.

באנאכט אפן געלעגער, ווען די פינצטערניש־פאָרהאנגען פארשטעלן און לאָזן ניט ארײַנדרינגען דעם מינדסטן בליק, רעדט מיכקע מיט כאנקען, ער רעדט פאר זיך און רעדט פאר איר. סארא מאזלבראָכע אין זײַנע רייד, זיי זײַנען ניט אויסשעפּנדיק. וואָס מער רייד ער רעדט אויס, אלץ מער און מער קומען צו. און ווערט ער אנשלאָפן, ברענגט אראָפּ דער כאָלעם כאנקען א סאך א שענערע, איידער זי האָט ערשט אויסגעזען באם וואך זײַן. זאָגט ער עס איר אין די אויגן. כאנקע פארשעמט זיך און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ. ער זאָגט איר אזוינס, אז ווען ער כאפּט זיך אוף פון שלאָף, ווארפט ער פון בושע אריבער די קאָלדרע איבערן קאָפּ.

א כאָלעם, ווי עס ווײַזט אויס, בלײַבט ניט מער ווי א כאָלעם, ווײַל ווען ער לאָזט זיך באם זונען־שײַן פון טאָג גיין איבער די שקלאָווער גאסן, איז ער זיכער, אז ווען ער באגעגנט פלוצעם כאנקען פּאָנעם־על־פּאָנעם, וואָלט אים דאָס לאָשן אָפּגענומען, ער וואָלט קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגען און זי אפילע באם נאָמען ניט געקאָנט אָנרופן.

פארטאָג, ווען אלע שלאָפן נאָך און ער, מיכקע, לאָזט זיך שפּאצירן מיט א ניגן צוזאמען, מאכט ער עטלעכע האקאָפעס ארום כאנקעס שטוב, ער איז זיכער, אז דער ניגן וועט אים ניט ארויסגעבן... און האָט זײַן אויג אויסגעשפּירט, אז כאנקע איז ערגעץ א גאנג געגאנגען, גייט ער נאָך אירע טריט, ווי נאָך די קלאנגען פון א מארש.

א מאַסקווער מוזיקאַנט, וועלכער איז געקומען קיין שקלאָוו צוגאַסט, האָט געפרעגט בא מיכקען:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, פונוואַנען נעמט זיך אזא אומרו אין אײַער שפּילן?

האָט אָף דעם מיכקע געענטפערט:

— פון מײַן שקלאָוו, פון מײַן צײַט, פון מײַן דאָר און פון אַלע דוירעס פאר אים. אומרו מיט אומרו, און נאָכאמאָל אומרו... און אויב עס קאָן גיין א רייד וועגן רו, איז עס די רו ערעוו א שטאַרקערן אומרו, ערעוו א שטורעם. דער ניגון ענדיקט זיך דאָך קײנמאָל ניט, ער ווערט בלויז איבערגעריסן און איבערגעזונגען אפדאָסנײַ, צום אַלטן אומרו באַהעפט זיך דער נײַער. אין מײַן שפּילן נעם איך שטענדיק אוף די ליכט פון פאַרלאָשענע אויגן, און אין מײַנע קלאַנגען לעב איך אוף דעם קלאַנג פון פאַרגעסענע געזאַנגען. נעגינע איז פײַער! און דאַרף מען פײַער, דאַרף מען אים אויך זוכן אין אַש, אופכאַפּן יעדן פונק און אים פאַנאַנדער־בלאָזן. שטענדיק, ווען איך הייב אָן שפּילן, ווערן פאַר מײַנע אויגן אופגעמישט די בלעטער פון די פּינקייסים, ווי עס ווערן אופגעמישט די נאָטן־בלעטער פון די מוזיקאַנטן, עס ווערן אופגעמישט די פאַרשריבענע, די ליידיקע, פאַרפלעטע און איבערגעהיפּערטע.

און ווײַטער:

— ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע פון 1812, בין איך אַלט געווען זעקס יאָר. עלף יאָר זײַנען שוין דורכגעגאַנגען פון יענער צײַט, און איך געדענק ווי נאַרוואָס זאָל דאָס געשען. איך געדענק דעם אומרו, וואָס האָט באַהערשט שקלאָוו, יעדע גאַס, יעדע שטוב און יעדנס האַרץ. איך הער דעם אָפּהילך פון סאָלדאַטישע טריט, דאָס סקריפּערײַ פון די רעדער, דאָס הירזשען פון פערד. צו מיר דערגייט דאָס געוויין פון מאַמעס, פרויען און קינדער, איך פּיל, ווי זייערע טרערן קײַקלען זיך איבער מײַנע באַקן. ס׳איז ניט צו פאַרגעסן, ווי דער זיידע און טאַטע מײַנער מיט דער גאַנצער קאַפּעליע האָבן געשפּילט אָפן מאַרק־פּלאַץ ייִדישע, רוסישע, ווײַסרוסישע און פּוילישע מעלאָדיעס, פאַרשיידענע מיליטערישע מאַרשן, און די אויסגעשפּרייטע טעפּיכער זײַנען פול געוואָרן מיט זילבערנע מאַטבייעס, מיט גאָלדענע בע־כערלעך, פינגערלעך און אויהרינגלעך. פון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן הילכיקע פרויזישע און מענערשע קוילעס: „פאַר דער רוסישער אַרמיי!", „פאַרן ניצאָכן פון רוסלאַנד!". ווען איך שפּיל, פּיל איך שטענדיק אָף מײַן לײַב דעם פאַרעצעס שמיץ, אַלע באַליידיקונגען, מיט וועל־כע דער גענעראַל זאָריטש האָט באַליידיקט די אײַנוווינער פון שקלאָוו. מײַנע אויערן ווערן פאַנאַנדערגעבערט פונעם ווילנער גאָענס ביירעמס, און מײַן גאַנצער וועזן ציטערט אוף פון אוויגדערס צוואַקישקײַט און אכזאָריעסן. מײַן האַרץ ווערט צעריסן פון מײַן זיידנס און טאַטנס זיפצן, וואָס האָבן אָפט ניט געהאַט וווהין אהינצוטאָן זייער נעגינע. זיי זײַנען געווען, ווי ביימער, פול אָנגעלאָדענע מיט פּרוכט, די פּרוכט האַלט ניט אויס די צײַטיקײַט, פאַלט אליין אראָפּ, זיך ניט דערוואַרטנדיק אף דער צאַרטער האַנט, וואָס זאָל זיי באַצײַטנס אראָפּ־נעמען.

אומרויִקע דוירעס, אָן אומרויִקע שטאָט, אומרויִקע צײַטן און אָן אומרויִק לעבן, און ווי דאָס לעבן, אזוי איז דער ניגון, אזוי איז דאָס שפּילן. וועגן דעם אומרו, וואָס כאַנקע האָט לעצטנס אַרײַנגעטראָגן אין זײַן האַרצן, האָט מיכקע געוויינלעך פאַרשוויגן.

דער נײַער אומרו האָט געקרעפּטיקט די אַלטע, נאָך מער, ווי פריִער, האָט מיכקע ניט דורכגעלאָזט קיין איין געשטאַלט, קיין איין געשעעניש, וועלכע האָבן א שײַכעס צו די ניגונים, וואָס ער, מיכקע, און וועלוועלע האַלטן אין שאַפן. דאָס וועלן זיך אויספּײַנען פאַר כאַנקען. האָט מיכקען צוגעגעבן אזויפיל קוילעס, אז דער העכסטער באַרג האָט אויסגעזען פאַר אים, ווי א טאָל, דער סאַמע געדיכטער און פאַרפּלאָנטערטער וואַלד — ווי א גאָרטן, וואָס באַם אָנהייב זעט מען זײַן סאָף.

ליוויוי־יִיצכאָק און שנייער־זאַלמען האָבן פאַר מיכקען איידעס געזאָגט, אז יעדער איינער האָט זײַן צוויטן, יעדער צווייטער — זײַן דריטן. וויל מען דערקענען א מענטשן, דאַרף מען דערקענען א סאַך מענטשן, דער יעיִצערטויוו און דער יעיִצערהאָרע זײַנען ניט נאָר אינווייניק אין מענטשנס מויעך און אין מענטשנס האַרץ, זיי זײַנען צווישן די סאַמע נאָענטסטע, וועלכע באַגלייטן פון רעכטס און לינקס אָף יעדן טריט און שריט.

דעם ווילנער גאָענס יעיִצערהאָרע איז געווען אוויגדער, וועמען שמוניע האָט פאַרגליכן צום מוקל און טיטוסעס מויעך.

עס ווערט דערציילט, אז ווען גאָט האָט זיך נויקעם געווען אין טיטוס האראָשע[1], האָט ער

---

[1] דער רוימישער אימפּעראַטאָר טיטוס איז געווען דער זוירעש פון ווּעספּאַסיאַן. פאַר זײַן אכזאָריעס, פאַר זײַן כאָרעוו מאַכן דעם ביישהאַמיקדעש האָט ער בא ייִדן געהייסן ניט אַנדערש ווי טיטוס האראָשע.

אים א קליין מוקל, א פאַרזעעניש באַזעצט אין זײַן מויעך. דאָס מוקל האָט אַזוי געזשוזשעט, אַזוי עקלדיק געצוויטשערט, אַז טיטוס האָט עס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, ער פלעגט גיין פון איין שמידערײַ אין דער צווייטער, אַז די שמידן זאָלן מיט זייערע גרויסע שווערע האַמערס פאַרקלאַפּן און פּרווון איבערשרײַען דאָס זשוזשערײַ פונעם טומל.

אַזאַ מוקל ווערט אויך באַזעצט אין די מויכעס פון די צדיקים אַף אויסצופּרוּוון זיי, ווײַל אַזאַ מוקל איז בעקוויעך צעשטערן, מאַכן טיל און טעל פון דעם סאַמע קלאָרסטן און ליכטיקסטן מויעך.

אַוויגדער איז געווען איינער פון די געפערלעכסטע מוקלען, וועלכע האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט, זיך פעסט באַזעצט אינעם ווילנער גאָענס מויעך און געהאַלטן אים אין איין טאַטשען און אין איין כאַרעוו מאַכן. דוכט זיך וואָס, א מוקל, און עס לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז דער שטאַרקסטער גילגל, אין וועלכן דער יעיצערהאָרע ווערט מעגולגל. זײַן קויעך באַשטייט אין דעם, וואָס ער פריטשמעליעט ניט מיטאַמאָל, ער ציט אַרויס דעם כּויעס פון דער נעשאָמע, דעם מאַרך פון די ביינער צוביסלעכווײַז, טראָפּנסווײַז, א טראָפּן נאָך א טראָפּן, און עס ווערט אַן עמער, פול ווי אַן אויג, כאָטש שפּיגל זיך אין אים. פאַרליבטע האָבן פײַנט מוקלען, זיי האָבן ליב ליכטיקײַט אַף דער ערד, אין די הימלען, אין די אויגן און אין די הערצער.

מיכקע איז גרייט געווען אַרומנעמען און אויסקושן וועלוועלען, ווען ער האָט פאַר אים פאַרגעשטעלט דעם ווילנער גאָענס יעיצערטויוו.

געהייסן האָט ער, דער יעיצערטויוו, יאַנקעוו קראַנץ (1740—1804), צו זיבעצן יאָר האָט מען אים גענומען רופן דער דובנער מאַגיד, ריכטיקער וואָלט געווען אים רופן דער דובנער מעשאָלים־פאַרפאַסער, דער דובנער מעשאָלים־זאָגער.

וועלוועלע האָט זיך ניט געקאָנט אָפּליבן פון דעם דובנער מאַגידס מעשאָלים, פון זײַנע נימשלים:

— די פאַרשטייסט, מיכקע, דעם דובנער מאַגידס מאָשל פלעגט שטענדיק אַזוי שטאַרק אויסנעמען, אַז ס׳האָט ניט געטראָפן דער פאַל, אַז אַף זײַנעם א מאָשל זאָל מען זאָגן — א מאָשל־קאַפּאָשל. רעב יאַנקעווס א מאָשל האָט שטענדיק געצילט, און זײַנער א נימשל האָט שטענדיק געטראָפן. א מאָשלדיקע טוירע שעבאַלפּע, וועלכע איז געגאַנגען פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, פון מויל צו מויל. אומעטום איז דער מאָשל געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך א סאַך פרייד און זיך פאַנאַנדערגעקײַקלט פון הילכיקן געלעכטער, אומעטום האָט מען זיך מיט אים געקוויקט, געברײַעט און איבערגעברײַעט, געזאָגט און אים איבערגעזאָגט און דורך אים אָנגעזאָגט גוטע בסורעס, געכוויזעקט און אויסגעלאַכט.

— דער מאָשל איז ווי דער ניגן, — האָט מיכקע ניט אופּגעהערט זיך באַגײַסטערן, וואָס דער ניגן האָט צו זיך א גלײַכן.

— יאָ, מיכקע, — איז וועלוועלע מאַסקים, — דער מאָשל איז דער ייִנגערער ברודער פון דעם ניגן, און, ווי זײַן עלטערער ברודער, פאַרמאָגט ער יענע קישעפדיקע פליגלען, וואָס באַדאַרפן זייער ווייניק צײַט אַף אַרומרײַזן איבער גאָר דער וועלט. ווי זײַן עלטערער ברודער, איז דער מאָשל פון טוירע שעבאַלפּע איבערגעגאַנגען צו טוירע שעבעקסאַוו, אַז די קומענדיקע דוירעס זאָלן אויך וויסן פון אים, אַז די קומענדיקע דוירעס זאָלן אויך פון אים האַנאָע האָבן.

די ערשטע האָבן דעם דובנער מאַגידס מעשאָלים אויסגעכאַפּט די ווײַבער. צווישן די אָוועס און אומאָהעס, צווישן די מעלאָכים און מאַלאַכים האָבן זיך אין דער צענעווערענע באַוויזן שנײַדערס, שוסטערס, סטאָליערס, שמידן, באַלעגאָלעס, וואַסערפירערס, טרעגערס, מעקלערס, מעלאַמדים, שאַדכאָנים, באַדכאָנים און אָרעמעלײַט. א וועלט מיט אָרעמעלײַט, א דריטל פון די מעשאָלים האָבן זיי פאַרכאַפּט, און וואָס מער אָרעמעלײַט, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן דער פאַרדראָס, דער ביטערער צאָרן און די קלאָלעס קעגן די נעגידים.

אַזויפיל מעשאָלים, און יעדער מאָשל מיט זײַן פּאַרצעף — אָט איז ער א מיילעך, און אָט א קנעכט, אָט א פּאָרעץ, און גלײַך א פּויער אין א צעריסענער סוויטקע, אָט א בענמעלעך און אָט א פאַרטריבענער און אומגליקלעכער יאָסעם. פאַרוואַנדלען א בענמעלעך אין א יאָסעם איז בײַ דעם דובנער געווען פון די סאַמע לײַכטע זאַכן, אָבער ס׳האָט בײַ אים קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז א יאָסעם זאָל פלוצעם פון דער העלער הויט מעגולגל ווערן אין א בענמעלעך.

די ווײַבער האָבן אָפּגעלעבט, די וואָך איז געוואָרן קירצער און לײַכטער, מ׳האָט זיך אַזוי פאַרטומלט, אַז מ׳האָט ניט באַמערקט, ווי איין שאַבעס פאַרבײַט דעם צווייטן. מיכקע וווּנדערט זיך, און ער פרעגט בײַ וועלוועלען: ווי קומט עס, וואָס די ווײַבער, וועלכע פאַרמאָגן ניט מער ווי דרײַ מיצוועס, זאָלן אויסכאַפּן דעם דובנער מאַגידס מעשאָלים בײַ די מאַנצבלען?

— ס׳איז א פּאַשעטע זאַך, — דערקלערט וועלוועלע, — דעם דובנער מאַגידס מעשאָלים,

וועלכע זײַנען געקומען פון דער אָרעמער גאַס, האָבן זיך בעשום־אויפן ניט געלאָזט פאַרלאָשנקוידעשן. אין לאָשנקוידעש פלעגן זיי פאַרלירן זייער טאַם און זייער רייעך, ווי געשמידטע אין קייטן האָבן זיי אויסגעזען. האָבן די מאַנצבלען גענומען נאָכטאָן די ווײַבער און האָבן אין די כומאָשים, מאַכזיירים און פייסעכדיקע האַגאָדעס אַרײַנגענומען דעם דובנער מאַגידס מעשאָלים ווי זיי שטייען און גייען, ווי זיי זײַנען געשריבן און גערעדט געוואָרן. לאָשנקוידעש און יידיש האָבן געהויזט צווישן זיך, און דער דובנער מאַגיד האָט זיך געפּילט ווי אַ גלײַכער צווישן אַזעלכע מעפאָרשים, ווי ראַשע, עווענעזרע, באַלהאַטורים. זײַנע כאָכמעס, גלײַכווערטלעך, שפּיציקע, וויציקע אַרויסזאָגונגען, וועלכע פלעגן טרעפן אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַן, האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די „סיפּסיי כאַכאָמים” מיט אַלץ, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אָף די לעפצן פון די כאַכאָמים. דער דובנער האָט געמאָשלט און געמאָשלט, אפילע וועגן מאָשל האָט ער געהאַט אַ מאָשל, און ניט איינעם, נאָר אַ סאַך מעשאָלים.

— איז דערלאַנגט זיי אַהער, רעב וועלוועלע,— שפּרינגט אויף מיכקע פון פרייד. און וועלוועלע דערלאַנגט.

אין איינער אַ מעדינע איז געווען אַ מעלעך, דער מעלעך האָט געהאַט אַ מאַלקע, און וויבאַלד אַ מעלעך מיט אַ מאַלקע, איז קלאָר, אַז ס׳איז געווען אַ בענמעלעך, דערצו נאָך אַ בעניאָכיד. איז פאַרשטייסטו דאָך אַליין, ווי מ׳האָט איבער אים געציטערט. און אָט אין איינעם אַ שיינעם זומערדיקן טאָג האָט זיך דער בענמעלעך שטאַרק פאַרקילט, איז געוואָרן מעסוקן קראַנק, זײַן לעבן איז געהאַנגען אָף אַ האָר. האָט דער הויף־דאָקטער צוגעשריבן אַ רעפוע ביטער, ווי גאַל. אָבער דער בענמעלעך האָט זי צו די ליפּן ניט צוגעלאָזט — ער איז ניט געווינט געווען צו ביטערנישן. וואָס זשע טוט מען? איז דער הויף־דאָקטער געפאַלן אָף אַן איינפאַל — ער האָט גענומען דערציילן אַ פריילעכע מײַסע, אַזאַ פריילעכע, אַז מ׳האָט געדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן אָף ניט צו לאַכן. און ס׳איז געשען דער נעס, דער בענמעלעך איז זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער, און בעשאַסמײַסע, ווען דאָס מויל זײַנס איז געווען ברייט פאַנאַנדערגעעפנט, האָט דער הויף־דאָקטער אין אים אַרײַנגעגאָסן די ביטערע רעפוע, און קלאָר, אַז דער בענמעלעך איז גלײַך געזונט געוואָרן.

אַ פריילעכער מאָשל, דער אוילעם קײַכט פון געלעכטער, און דאַן,— זאָגט דער דובנער,— זשאַלעווע איך ניט די ביטערנישן פונעם נימשל, געמישט מיט מוסער־גאַל, און גיס אין אים אַרײַן וויפל נאָר עס לאָזט זיך.

דער ווילנער גאָען האָט אַמאָל געפרעגט באַם דובנער: „זאָגט מיר, רעב יאַנקעוו, מיט וואָס איז צו דערקלערן, וואָס אײַער מאָשל איז אַזאַ מוישל, אַזאַ געוועלטיקער, אַזאַ הערשער און אַ באַהערשער?” האָט יאַנקעוו בעדערעך מאָשל וועגן מאָשל דערקלערט דעם ווילנער גאָען: דער עמעס איז, נעבעך, אַרומגעגאַנגען הויל־נאַקעט, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, האָט ער איינעם אַן עמעס פון זײַנע עמעסן געזאָגט, האָבן אַלע געשריגן — ס׳איז אַ ליגן! מ׳האָט אים אפילע געפּרוווט פאַרשטיינערן, האָט ער געוואַנדערט, דער עמעס, און אין ערגעץ ניט געפונען קיין אָרעמיקלאָט.

ווייהי האַיוים, באַגעגנט דער הויל־נאַקעטער עמעס דעם מאָשל אַ פאַרפּוצטן, מאַמעש אין ביגדיי מאַלכעס.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעגט דער מאָשל באַם עמעס.

— פרעג מיך ניט, ס׳איז שלעכט, ברודערל, די עלטער, אײַ די עלטער! ס׳איז אַ ביזאָיען צו דערציילן, קיינער וויל ניט שטיין אין מײַנע דאַלעדאַמעס, קיינער וויל פון מיר ניט וויסן, אַלע טרײַבן מיך פון זיך אַוועק: „דו אַלטער שטורמאַקן!”

— די עלטער האָט קיין שום שײַכעס ניט,— איז ניט מאַסקים דער מאָשל,— איך בין אויך גענוג אַלט, זייער און זייער אַלט, און פונדעסטוועגן — וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער און מער האָבן מיך מענטשן ליב. דו פאַרשטייסט, זינט מענטשן זײַנען געוואָרן מענטשן, האָבן זיי ליב, אַז יעדע זאַך זאָל זײַן פאַרפּוצט, אַז מ׳זאָל זיך ניט קאָנען אָנקוקן אין דעם, דערבײַ זאָל עס זײַן אַ ביסעלע פאַרשטעלט, מ׳זאָל ניט קאָנען גלײַך אָנטאַפּן מיט דער האַנט. גלײַך מאַסיג זײַן מיטן סייכל. ס׳איז עמעס, טײַערער עמעס מײַנער! איך בין דיר גרייט קומען צוהילף, איך וויל דיר פון מײַן רײַכן קליידער־פאַרמעגן שענקען עטלעכע קליידער, און דו וועסט זען, ווי מ׳וועט דיך מעקאַבל־פּאָנעם זײַן, ווי מ׳וועט דיך ליב באַקומען.

דער עמעס איז אײַנגעגאַנגען אָף דעם און זיך גלײַך פאַרפּוצט אין די געשענקטע קליידער פונעם מאָשל. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און מ׳האָט פאַרן עמעס טיר־און־טויער און הערצער פאַנאַנדערגעעפנט. דער מאָשל מיטן עמעס האָבן זיך סקאָמפּאַנייעט, זיך מיזדאַווועג געווען, געוואָרן אַ פּאָר פון גאָט, און ביז הײַנטיקן טאָג גייען זיי אומעטום האַנט בײַ האַנט, אומעטום רימט מען זיי, לויבט מען זיי, און אומעטום בענטשט מען זיי.

דעם דובנער מאַגידס מעשאָלים זײַנען אויך דערגאַנגען קיין דײַטשלאַנד. ניט איין ייִדישע קעהילע אין דײַטשלאַנד האָט אײַנגעלאַדן יאַנקעוו קראַנצן, ער זאָל פאַר זיי איבערפאַבלען זײַנע פאַבלען, פון וועלכע מ'קוועלט אַזוי אָן. אין בערלין האָט זיך יאַנקעוו קראַנץ באַגעגנט מיטן פילאָסאָף, מיטן פאָטער פון דער ייִדישער האַסקאָלע אין דײַטשלאַנד מוישע מענדעלסאָן. דער פילאָסאָף האָט זייער וואַרעם אופגענומען דעם דובנער מאַגיד און שטאַרק געלויבט זײַנע מעשאָלים:

— איר זײַנט דער ייִדישער עזאָפּ!

— ווער זשע איז געוועזן דער ניט ייִדישער עזאָפּ? — האָט זיך יאַנקעוו צעשמייכלט, ווי באַם אַרויסבריינגען אַ פּריש־צאַפּלדיקן, ערשטגעבוירענעם מאָשל.

— דער ניט ייִדישער איז געווען פון די כאַכמיי יאַוואָן, אַ גריך. אין אַלטן גריכנלאַנד האָט ער פאַרפאַסט וווּנדערלעכע פאַבלען, וועלכע האָבן נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט פאַרלוירן זייער פרישקייט און זייער ווערט.

— איז ווי:אַזוי זשע און וואָס פאַר אַ מעשאָלים האָט געשאַפן יענער אַלטער יאַוואָן, דער גריך?

— מעשאָלים, אין וועלכע ס'זײַנען געווען פּאָרטראַטן בלויז כײַעס — דער לייב, דער וואָלף און די פוקס האָבן באַ אים פאַרנומען דאָס סאַמע בעקאָוועדיקע אָרט. דורך זיי, דורך די כײַעס, האָט ער אַנטבלויזט און אופגעריסן דאָס כײַישע אין דעם מענטשן.

— אויב אַזוי, בין איך ווײַט ניט ענלעך צו עזאָפּן, לאָמיך שוין בעסער הייסן „דער דובנער". מײַנע מעשאָלים באַשטייען בלויז פון מענטשן. איך מיין, אַז אַ מענטש פון אַ מענטשן קאָן זיך מער אָפּלערנען, ווי פון אַ כײַע. אָט האָט איר אַ קליינעם בײַשפּיל: מ'האָט אַמאָל געפרעגט באַ מיר, מיט וואָס איז צו דערקלערן, וואָס אַ נאָגיד גיט גיכער אַ נעדאָווע אַ בלינדן אָדער אַ קרומען אָרעמאַן, איידער אַ טאַלמידכאָכעם אַ נויטבאַדערפטיקן? האָב איך אָף דעם גלײַך געענטפערט — דאָס איז דערפאַר, וואָס אַ נאָגיד ווייסט, אַז אויך ער איז ניט באַוואָרנט צו ווערן אַ בלינדער אָדער אַ קרומער, אָבער וואָס איז שײַך אַ טאַלמידכאָכעם, איז ער זיכער, אַז אַזוינס וועט מיט אים קיינמאָל ניט טרעפן...

מיכקעס האַוודאָלע־ניגן איז ניט אָפּגעשיידט פון וועלוועלעס „ווײַסן ניגן", ביפראַט נאָך, אַז אים, דעם פּלייטיסט, וועט אויסקומען די הויפּט־סאָלאָ אינעם „ווײַסן ניגן" אויסשפּילן. האָט מיכקע אויסגעשעפּט פון וועלוועלען אַלץ, וואָס עס האָט אַ שײַכעס צום ווילנער גאָען, ניט ווייניקער, ווי ער האָט עס געטאָן בענעגייע שנייער־זאַלמענען. ער האָט ניט געלאָזט צורו שמועסן און אים געהאַלטן אין איין באַשיטן מיט פראַגן, אויסגעהערט אָשער דעם טרובאַטש, וועלכער האָט אַליין מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען דעם ווילנער גאָען און געוווּסט אַלץ וועגן זײַן לעבן, געלייענט אַלע מײַמאָרים פונעם ווילנער גאָענס אָנהענגער און פרײַנט, פון זײַנע קעגנער און פאַרביסענע פײַנט.

פון טאָג צו טאָג איז מיכקע אַלץ מער און מער געקומען צום אויספּיר, אַז וואָס מער מע דערגרונטעוועט זיך, וואָס מער מע דערקענט מענטשן, מע דערזעט די וועלט אין איר לענג, אין איר ברייט און אין איר טיף, אַלץ ברייטער און טיפער ווערט דער אָטעם, אַלץ מער באַ־נײַטער און פילוואָגיקער ווערט יעדער קלאַנג, אַלץ לעבנספולער ווערט דער ניגן. דאַכט זיך, אַלטע באַקאַנטע ניגונים — און דו באַקענסט זיך מיט זיי, ווי מיט אומבאַקאַנטע, וועלכע דו הערסט צום ערשטן מאָל. און ניט נאָר דאָס, וואָס דו האָסט אַליין מיט דײַנע אייגענע אויגן געזען, ווערט אַזוי אופגענומען, נאָר אויך דאָס, וועגן וואָס דו האָסט געהערט, ניט נאָר דײַן הײַנט, נאָר אויך דעם זיידנס הײַנט, דעם נעכטן, און דעם עלטערזיידנס הײַנט — דעם אייער־נעכטן.

שטענדיק, ווען מיכקע האָט געטראַכט וועגן דעם ווילנער גאָען, שטענדיק, ווען ער האָט אים געזען פאַר זײַנע אויגן, איז ער דערגאַנגען צו זײַן זיבנציאָריקן עלטער. צו זיבן יאָר האָט מען גלײַך אײַנגעזען באַ עליען, עליאַהו, וועלכער האָט דערנאָך יאָרנלאַנג געהייסן דער ווילנער גאָען, אַז באַ אים שפּראָצן פליגלען — אין אַ דראָשע פאַרן גרויסן אוילעם האָט ער ייִנגלווײַז זיך אַליין פאַרגעבן האַרבע קאַשעס און אויסגעפונען פאַר יעדער איינער דעם נײַ־טיקן טערעץ. דער אוילעם איז געוועזן איבעראַשט:

— דאָס וועט זײַן אַזוינס ווי אַזעלכס. ער וועט פאַרשטעקן אין גאַרטל די גרעסטע ראַבאָנים!

— ער וועט זײַן די שײַן פון גאָלעס, די קרוין פון דער טוירע!

צוואַנציק יאָר, האָבן געזאָגט די כאַכאָמים, איז די צײַט פון יאָגן, די צײַט פון זוכן, און רעב עליאַהו פאַרלאָזט אין דער עלטער ווײַב־און־קינד און ריכט אָפּ גאָלעס. פינף יאָר האָט ער געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט אין פוילן און אין דײַטשלאַנד.

מיכקע גייט אים נאָך פּוסטריט. אָף אים וואַרטן דאָך אויך וועגן, לערנט ער זיך, ווי מע דאַרף גיין און ווי מע דאַרף זוכן.

אַזויפיל וועגן! און אָף יעדן וועג אַ באַזונדער שטרויכלונג, אַ באַזונדער אַנטוישונג. און מיכקע לעבט איבער דעם צאַר פון דעם פּאַרגייער, דעם צאַר פון זוכן און פאַרלירן אַנשטאָט געפינען.

דער ווילנער גאָען קערט זיך אום אהיים און פאַרמישפּעט זיך פּריַוויליק אליין אָף אייביקער טפיסע, אָף אייביקער צעשיידונג מיט דער וועלט.

מיכקע נעמט ניט אָן אַזאַ גאַנג אין לעבן — ס׳איז דער גאַנג פון אופהערן גיין. איין האַנאָע — די האַנאָע פון לערנען, פון מעכאַדעש זײַן, פון זאָגן אָן אייגן וואָרט צווישן אַזויפיל געזאָגטע ווערטער — פּאַרבײַטן באַם ווילנער גאָען אַלע האַנאָעס. ניין, דער מענטש דאַרף האַנאָע האָבן פון אַלע האַנאָעס און צווישן אַלע האַנאָעס האָבן זײַן אויסדערוויילטע האַנאָע, די האַנאָע פון אַלע האַנאָעס.

אָבער דאָס דורכמאַכן וועלטן זיצנדיקערהייט, דאָס יאָגן דעם געדאַנק אַלץ ווײַטער און טיפער און קיינמאָל ניט זאָגן — געווּנג, און קיינמאָל ניט זאָגן — איך האָב דערגרייכט, — דאָס איז מיכקען צום האַרצן, דאָס נעמט ער אָן, דאָס וועט ער נאָכטאָן.

— אליין פון זיך, — האָט דער ווילנער גאָען דערקלערט, — אליין פון זיך! דאָס פאַרשטאַרקט די אַקשאָנעס, און מיט אַקשאָנעס קאָן מען אַלץ דערגרייכן.

פון דער סאַמע פריַער קינדהײַט איז ער געוווינט געוואָרן צו זעלבשטענדיקײַט — אליין פון זיך! און טאַקע דערפאַר איז ער שטענדיק געווען בלויז צוזאַמען מיטן אָפענעם סייפער און קיינמאָל דעם פעדער פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזט.

ס׳איז ניט גרינג אָן אַ רעבן, ס׳איז ניט גרינג אליין זיך לאָזן אָף די סאַמע ווײַטע און אומבאַקאַנטע וועגן אָן אַ וועגוויַזער, וועלכער ווייסט אָף אויסוויַניק, ווו רעכטס און ווו לינקס, ווו גייען זיך פאַנאַנדער די וועגן און ווו קומען זיי זיך צונויף.

די טײַוועס־נעכט האָבן אין ווילנער גאָענס אויגן אויסגעזען זייער קורץ, און נאָך קירצער זײַנען פאַר אים געווען די זיך לאַנג ציִענדיקע טאַמוז־טעג. פיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס זײַנען ווי פיר און צוואַנציק גראָשן, פאַר וועלכע מע קאָן גאָרניט קויפן. אַזויפיל ספאָרים, אַ יאַם פון דורכויסיקע צופלוסן אָן דעם מינדסטן אָפפלוס — אַ דאָר גייט אַוועק און לאָזט איבער פולע שראַנקן מיט ספאָרים, אַ דאָר קומט און ברענגט מיט זיך נײַע און נײַע.

דער ווילנער גאָען האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט ווייניק אופגעטאָן. מיכקע מאַכט אַ כעזשבן, אַז דער סאַכאַקל פאַרסאַכאַקלט דאָס פאַרקערטע: עליַיאָהו איז געווען קעגן פּילפּל, ער האָט דערוויזן, אַז פּילפּל צעטומלט, פאַרטרײַבט דעם עמעס, ווײַל פּילפּל איז געפעכט בלויז צוליב געפעכטס. דער סאַמע אומקלאָרער געדאַנק דאַרף דערקלערט ווערן קלאָר. דאָרט, ווו ס׳איז דאָ די קלאָרקײַט און שטרענגקײַט פון געדאַנק, דאַרף זײַן די שטרענגקײַט, פּינקטלעכקײַט און ריכטיקײַט פון וואָרט, און ער גיט אָפּ אַ סאַך צײַט דעם דיקדעק.

ער לערנט, וויַאַזוי מע דאַרף ריכטיק, לויט אַ סיידער, לערנען דעם טאַלמוד, דערווײַזט די שײַכעס פון טוירע שעבאַלפּע מיט דער טוירע שעבעקסאַוו. ער לערנט, ווי מע דאַרף לערנען און דערציִען קינדער. אויך מיידלעך זײַנען מעכוייעוו צו לערנען טאַנאַך, דאָס וועט זיי מאַכן נאָך שענער און נאָך קליגער.

דער ווילנער גאָען שאַפט אַ פּיירעש אָף די פינף כומאָשים — אָף „איַעוו" און „שיר־האַ־שירים", אָף די נעוויִים יעשײַע, כאַבאַקוק און יוינע, פאַריכט אויס די טעקסטן פון טאַלמוד באַוולי, טאַלמוד יערושאַלמי און פון די מעדראָשים. די איבערשרײַבער האָבן אין זייער צײַט אַ סאַך גרײַזן געמאַכט, און די זעצער האָבן זיי איבערגעכאַזערט.

האָבנדיק צו טאָן מיט די טעקסטן, האָט ער אין אַ ריי ערטער אויך צוגעגעבן זײַנע אויס־טײַטשונגען. ער שאַפט אַ דיקדעק, אַ הילפסבוך אָף צו דערלערנען מאַטעמאַטיק, צייכנט אָן אַ געאָגראַפישע קאַרטע צו דער יִדישער געשיכטע.

ווען מיכקע האָט געכעזשבנט און אונטערגעצויגן אַ סאַכאַקל פון דעם ווילנער גאָענס אופ־טוען, איז ער זיכער געווען, אַז קיין גרעסערער געלערנטער פון דעם ווילנער גאָען איז אָף גאָר דער וועלט ניטאָ.

שמוניע האָט איבערגעכעזשבנט מיכקעס כעזשבן און איבערגעסאַכאַקלט זײַן סאַכאַקל — עמעס, דער ווילנער גאָען האָט מאַטיר געווען דאָס, וואָס שנייער־זאַלמען האָט פאַרוואָרט — דערלערנען וועלטלעכע לימודים, נאָר דערלערנען אָף אַזאַ אויפן, אַז אַלץ זאָל זײַן ווי אַ העמשעך, ווי אַ דערגאַנצונג צו גאָטס וואָרט, צו דער טוירע. די וויסנשאַפט און די טוירע קאָנען און דאַרפן לעבן בעשאָלעם צווישן זיך, נאָר ביטנײַ, אַז דער שאָלעם איז גילטיק בלויז ביז צום ערשטן הימל, נאָר אין קיין פאַל ניט ביז צום זיבעטן, ביז צום קיסיי האַקאָוועד, ביז

צום איבערשטן. דערבײַ דאַרף מען געדענקען, האָט שמוניע דערקלערט מיכקען, אַז דער ווילנער גאָען האָט ניט באַהערשט קיין איין אייראָפּעיִשע שפּראַך און געשעפּט זײַן וויסן בלויז פון די מיטלאַלטערלעכע קוועלן, און דערפאַר טאַקע האָבן זײַנע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן געהאַט אַ קליינע ווערט אַפילו פאַר זײַן צײַט.

מיכקע איז געבליבן געפּלעפט, ווי דאַן, ווען שמוניע האָט אים פאַר אים צונישט געמאַכט שניי־ער־זאַלמענס קאַבאַליסטישן געדאַנקענגאַנג, ווען ער האָט אים דערוויזן, אַז שניי־ער־זאַלמען איז גאָר ניט אַזוי ווײַט אַוועקגעגאַנגען פון זײַנע פאָרגייער, פון די גרונטלייגער פונעם כאַ־סידיזם, און ווי דאַן, האָט אים שמוניע גלײַך אויפגעמונטערט: אינדערפרינצעטער האָט דער ווילנער גאָען דאָך אויפגעכאַפּט ערגעץ־ווו אַ ליכטיקן שטראַל. ער דערמאָנט יענעם דערפינדער, וועלכער האָט דערפונדן אַ נאָדל, ווען די נאָדל איז שוין פונלאַנג געווען בעקאַוועד גאָדל אין גאָר דער וועלט. ס'איז טראַגיש, און דאָס טראַגישע שטרײַכט נאָך מער אונטער דעם גרויסן אַקשאָנעסדיקן ווילן, די ניט געשטילטע מויעך־דורשטיקײַט פון דעם ווילנער גאָען.

מיכקע האָט מיט גאָרניט געהאַט צו דערווידערן שמוניען, ווען ער האָט באַשולדיקט דעם ווילנער גאָען אין טיפע ווידערשפּרוכן. אַלץ, וואָס איך טו, — איז עלייאָהו ניט מיד געוואָרן איבערצוכאַזערן, — טו איך עס פאַרן פּאָלק. פרעגט זיך, ווי האָט ער געקאָנט טאָן פאַרן פּאָלק, אַז ער איז אַנטלאָפן פונעם פּאָלק? אַנטלויפן פון דער וועלט, אַנטלויפן פונעם פּאָלק, — האָט שמוניע דערקלערט, — דאָס באַטײַט פּריִער פון אַלץ זײַן קידער־ווידער מיט זיך און פון זיך אַליין אַנטלויפן.

דער ווילנער גאָען האָט זיך פאַריגלט, פאַרשלאָסן טיר־און־טויער, פאַרמאַכט די לאָדן, אַז דאָס לעבן זאָל צו אים ניט צושטיין, זאָל אים ניט שטערן שאַרפן דעם מויעך, האַלטן פעסט די פעדער אין האַנט, און דאָס לעבן האָט, ווי אַפּצולאַכעס, דורך די שפּאַלטן פון דער פעסטונג אַרײַנגעקוקט, אַרײַנגעדרונגען. אין די שווערע שאָען פלעגט דער ווילנער גאָען דערפילן דעם ביטערסטן טאַם פון אייגנזאַמקײַט. אין אַזעלכע שלעכטע שאָען, אין אַזעלכע שווערע מינוטן האָט זיך רעב עלייאָהו געבעטן ראַכמים באַ זײַן נאָענטן פרײַנט יאַנקעוו קראַנץ: קומט צו גיין! איר האָט די מעגלעכקײַט צו טאָן צוויי מיצוועס מיטאַמאָל — די מיצווע פון פּיקועך נע־פעש, פון ראַטעווען אַ לעבן, און פון וואַהאַוועס לרעך כמוך[1] — פון ליב האָבן דעם כאַווער, ווי זיך אַליין. ס'איז פינצטער, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט! ספּייקעס זײַנען מיך באַפאַלן. איר הערט, ווי איך שרײַ? איר הערט, ווי איך רוף אײַך? דערלאַנגט אײַער האַנט! ווו איז אײַער האַנט? שטרעקט מיר אויס די האַנט פון הילף!

און נאָך אַ צעטעלע, און נאָך אַ בריוועלע געשריבן אין לאָשנקוידעש. מיכקע קאָן די אַלע צעטעלעך און בריוועלעך אָף אויסווייניק.

אין איינעם אַ צעטעלע בעט זיך דער ווילנער גאָען: „...יבואו ידידי לבותו ואל יאחרו פעמין לשוב רוחי ולהשתעשע אתי[2] — זאָל קומען מײַן פרײַנט צו מיר אַהיים, און זאָלן ניט פאַר־שפּעטיקן זײַנע טריט צו דערקוויקן מײַן געמיט, מיך פאַרווײַלן און זיך פאַרשפּילן מיט מיר".

אַזאַ שטרענגער גאָען — און נייטיקט זיך, ווי אַ קינד, מ'זאָל אים פאַרשפּילן. דער פרײַנט יאַנקעוו קראַנץ, דער דובנער מאַגיד, ווי נאָר ער איז געווען אין ווילנע, האָט ער קיינמאָל ניט פאַרזאַמט זײַנע טריט און איז שטענדיק געקומען צו דער צײַט אַרויסצוהעלפן זײַן גרויסן פרײַנט.

— רעב יאַנקעוו, — בעט זיך באַ אים רעב עלייאָהו, — איר מוסערט אַ וועלט, איז מוסערט אויך מיך, מוסערט מיך אַזוי, איך זאָל מיט קיין איין וואָרט ניט קאָנען אָפּשלאָגן און זיך פאַרענטפערן פאַר אײַך.

— ווײַזט אויס, — שמייכלט רעב יאַנקעוו, — אַז דער שטאַרקסטער דעמב אָף אַ פאַרוואָר־פענעם איינזאַמען וועג איז שוואַכער, ווי דער שוואַכסטער בוים אין וואַלד — אין וואַלד זײַנען די צווײַגן פאַרייניקט און אַ בוים האַלט אונטער אַ בוים, מע איז פאַרוואָרצלט אין איין באָדן, מע נערט זיך מיט איינע און די זעלבע זאַפטן.

— צוליב דעם האָב איך דאָך אײַך גערופן, — פאַרבאַהאַלט ניט זײַן שוואַכקײַט און זײַן איינזאַמקײַט דער ווילנער גאָען. — מוסערט! מוסערט! האָט אָף מיר קיין ראַכמאָנעס ניט, זשאַ־לעוועט מיך ניט, שמײַסט מיך אַזוי, אַז פונקען זאָלן פליִען.

— איך בין ניט קיין גאַלעך, לעהאַוודל, לעהאַוודל, וואָס הערט אויס די ווידע און מוסערט יעדן יאָכיד באַזונדער, — איך בין געוווינט געוואָרן צו מוסערן אַ ראַבים.

— רעב יאַנקעוו, ווי קומט דאָס צו אײַך? איר ווייסט דאָך, וואָס אונדזערע כאַכאָמים האָבן

---

[1] וועאַהאַוועטאַ לערייאַכאַ קאָמויכאָ.

[2] יאַווו יעדידי לעווייסי וועאַל יעאַכרו פּאַמאָוו לאָשווו רוכי אולהישטאַשייאָ איטי.

געזאָגט — ווער עס ראַטעוועט איין נעפעש, איז אַלציינס, ווי ער האָט אַ וועלט אַ גאַנצע באַשאַפן.

יאַנקעוו קראַנץ איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, אַף זײַנע ליפּן האָט שטענדיק געשוועבט אַ שמייכל, ווי אָט זאָל זיך אַרויסרײַסן אַ נײַער מאָשל, אין זײַנע אויגן זײַנען קיינמאָל ניט פאַרגאַנגען די זוניקע שטראַלן, וועלכע האָבן גלײַך פונעם ערשטן בליק גע־וואָרעמט און געטרייסט. זײַן שטים איז געווען אָנגענעמע, אַ פעסטע, און ער האָט זי שטענדיק געקאָנט צוימען ביז בעלאַכאַש, ווײַל אַ קאָל, וואָס שרײַט שטענדיק, איז ווען עס קומט צום העכסטן געשריי, ווען אַ שטיין פון וואַנט שרײַט, ווערט ער שטום און קיינער הערט אים ניט. רעב יאַנקעווס שטים איז אין דער מערהײַט פאַלן געווען זײַן באַלפּע־פּען, וועלכע האָט באַשאַפן די די מערהײַט מעשאָלים.

שטענדיק, ווען יאַנקעוו קראַנץ פלעגט קומען צום ווילנער גאָען, האָט אים ווי געטאָן, וואָס דער ווילנער גאָען זעט אויס אַזוי, אַז גיב אַ בלאָז אָף אים, און ער וועט אַוועקפליִען. יאַנקעוו האָט זיך געמיט אַרײַנצוזעצן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, זיך אײַנדרײַען אײַנבויגן, דער ווילנער גאָען זאָל אויסערלעך ניט אויסזען אַזוי דאַר און קוואַר און אַזוי קליין לעגאַבע אים.

— איך בין פאַרכאַלעשט, — בעט זיך דער ווילנער גאָען, — גיכער דערלאַנגט אַהער עט־לעכע טראָפּן וואַסער, און איך וועל אָפּלעבן.

רעב יאַנקעוו גלײַכט זיך אויס, לאָזט פרײַ זײַן שטים און נעמט שטראָפן דעם יאָכיד מיטן אימפּעט פון שטראָפן אַ ראַבים:

— מוישע, דער פּאַטער פון די נעוויִים, האָט ניט אויפגעהערט לוימערן און דאַבערן צו די בנײ יִסראָעל, צו די קינדער פון יִסראָעל, צו די ייִדן, אַזוי צו זאָגן... און אַלע נעוויִים האָבן אים נאָכגעטאָן. אין דעם בתוך[1], אינעם זײַן צווישן פאָלק האָבן זיי אײַנגעזען דעם וויכ־טיקסטן באַטײַט פון זייערע שליכעס. די טאַנאָיִם און אַמוראָיִם האָבן געהאַלטן, אַז אויב מע וויל דערגרייכן דעם עמעס, דאַרף מען אים זוכן אין דרויסן, אין יעדן ווינקעלע פון לעבן. זייער רוף איז געווען: פוק חזי מאי עמא דבר[2] — גייט אַרויס און זעט, וואָס דאָס פאָלק רעדט, וואָס דאָס פאָלק זאָגט. און איר, רעב עלייאָהו, האָט זיך אָנגעטאָן אין טאַלעס און אויסגעטאָן פון דער וועלט, זיך אָפּגעשיידט פונעם פאָלק. איר זיצט טאָמיד אַל האַטוירע וועאַל האָאַווידע באַ פאַרמאַכטע לאָדנס, אַז קיין זאַך פון דרויסן זאָל צו אײַך ניט צושטיין. וואָס פאַר אַ קונץ צו זײַן אַ גאָען און אַ צאַדיק, ווען מע איז ווײַט פון דער יאַטקע־גאַס, פון דער שוסטער־ און שנײַדער־גאַס, פונעם מאַרק, פון די קאַפּצאָנים, דאַלפאָנים און עוויוינים, פון די הונגעריקע און באָרוועסע, פון די אַלמאָנעס און יעסוימים. איר ווייסט ניט, וואָס אַזוינס איז דאַכקעס, איר האָט קיינמאָל ניט געפילט דעם טאַם פון הונגער, דעם טאַם פון ניט לייזן קיין קאָפּעקע אין אַ לאַנגן זומערדיקן טאָג, פון קלאַפּן אַ פוס צו אַ פוס, פון שפּרינגען און זיך ראַנגלען מיט דער קעלט און קיין קרינע ניט זען אין די אויגן, דעם טאַם פון דעם באַלמעלאָכע, וועלכע באַר־קומט גראָשנס פאַר זײַן שווערער מי, דעם טאַם פון ווײַבערשע קלאָלעס און קינדערישע גע־וויינען: „מיר זײַנען הונגעריק, אונדז איז קאַלט, עס קוואַטשעט אין די פיס!״

זײַט מויכל, גייט אַרויס פון אײַער דאַלעדאַמעס, און איר וועט דערטרונקען ווערן אין אַ יאַם פון גרײַזן, וואָס דאָס לעבן מאַכט און פאַריכט ניט, אין אַ יאַם פון אומרעכט! קריכט אין בלאָטע פון לעבן ביז איבערן האַלדז אַרײַן, און דאַן, ווען איר וועט בלײַבן אַ צאַדיק און אַ גאָען, וועט עס הייסן, אַז איר זײַנט דער עמעסער צאַדיק, דער עמעסער גאָען, וועט עס הייסן, אַז איר זײַנט געפּרוווט געוואָרן און אויסגעהאַלטן דעם ניסאָיען.

דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, מע זאָל פון אים האַנאָע האָבן, און צוליב דעם דאַרף דער מענטש פּריִער פון אַלץ אַליין האַנאָע האָבן, און איר ווייסט ניט דעם טאַם פון אַ שמייכל, דעם טאַם פון סימכע. יעדע בראָכע, וועלכע איר מאַכט איבער גאָטס שיינער וועלט, איז אַ בראָכע לעוואַטאָלע, ווײַל איר זײַנט אויסער דער וועלט, אויסער די צײַטן, וואָס ענדיקן זיך, און אויסער די שיינקײַטן פון יאָר, וועלכע בײַטן זיך.

אײַערע ליפּן האָבן קיינמאָל ניט אויסגעשעפּטשעט שטיל אין זיך די שטילקײַט, וואָס קײַקלט זיך, ווי אַ ווידערקאָל איבער גאָר דער וועלט — ווי שיין איז דער בוים! ווי שיין איז דער וואַלד! ווי שיין זײַנען די פעלדער! איר ווערט ניט ניספּאָעל, ווען די זון גייט אויף, איר ווערט ניט איבעראַשט, ווען די זון פאַרגייט! די נאָזלעכער אײַערע זײַנען פאַרשטאָפּט פאַר אַלע פאַרשיקערנדיקע ריחות! איר זעט ניט קיין הימל, און זעט איר אים, ווען איר גייט אין שול

[1] בעסוך אמי.

[2] פוק כאַזי מאַי אַמאָ דיבער.

אריַין דאַווענען, אָנערקענט איר ניט קיין לויטערן הימל, און אַפילע ווען ס׳זיַינען ניטאָ קיין וואָלקנס, זאָגט איר, אַז זיי וועלן זיַין.

דער ווילנער גאָען ציט אַרוף דעם טאַלעס איבערן קאָפּ, פאַלט מיטן פּאָנעם צום טיש, און יאַנקעוו קאָן ניט אָפּשטעלן און קאָן ניט איַינהאַלטן דעם נאָך ניט אַרויסגעזאָגטן מוסער און דעם נאָך ניט דערזאָגטן.

ס׳איז דאָך מאַמעש אַ געלעכטער, איך זיַינט אַזוי אָפּגעריסן פון דער וועלט און פון דער ווירקלעכקיַיט, אַז וועגן כסידים און וועגן כסידעס האָט איר, רעב עליִיאָהו, זיך דערוווּסט דער סאַמע לעצטער, שפּעטער פון אַלעמען.

פאַר מיכקען איז קלאָר געווען, אַז ניט נאָר בענעגייע גאָט איז שווער צו פאַרשטיין און באַנעמען דעם מענטשן, נאָר אויך דאַן, ווען דער מענטש איז אַליין מיט זיך, און נאָך מער, ווען ער איז צווישן מענטשן.

דער דובנער מאַגיד איז געווען דעם ווילנער גאָענס יעיצערטויוו, זיַין מאָשל איז באַ אים פאַרהייליקט געוואָרן, אָן אים, אָן זיַין מוסערזאָגער, האָט ער מאַמעש לעבן ניט געקאָנט, און גויווער געווען האָט שטענדיק דער יעיצערהאָרע — וואָס נאָר אָוויגדער האָט געוואָלט און פאַרלאַנגט, האָט ער אויסגעפירט, וואָס נאָר ער האָט פאַרטראַכט צו טאָן מיטן ווילנער גאָען, האָט ער געטאָן.

אַזויפיל געשיכטעס האָבן זיך געבלעטערט אין מיכקעס מויעך, און זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרמישן און פאַרבלעטערן די געשיכטע וועגן דעם, וויִאַזוי דער ווילנער גאָען האָט אָפּגע־שטויסן די אויסגעשטרעקטע שאָלעם־הענט, וועלכע האָבן זיך באַ אים געבעטן אַ סאַך מאַכן צו די מאַכלויקעס און רעדיפעס.

שנייער־זאַלמען און מענאַכעם־מענדל פון וויטעבסק[1] האָבן אָפּגעלייגט דעם קאָוועד אין אַ זיַיט, זיַינען געקומען קיין ווילנע זיך דורכשמועסן מיט זייער גרויסן קעגנער, מיטן ווילנער גאָען, אים דערוויַיזן, אַז צום איין־און־איינציקן פירן פאַרשיידענע וועגן. פאַרקערט, וואָס מער וועגן, אַלץ מער און מער איז דער איינציקער מער איינציק. דאָס פאַנאַנדערגיין זיך הייסט ניט אַוועק איינער פונעם צווייטן, נאָר פאַרקערט, דאָס הייסט — בענקען איינער נאָכן צווייטן, מיט סימכע און ליבע זיך צונויפטרעפן אָף איינעם און דעם זעלבן אָרט.

דער ווילנער גאָען האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי אויפנעמען:

אין שלום לרשעים[2] — מיט קיין רעשאָיִם קאָן קיין שאָלעם ניט זיַין! איך וויל ניט! איך דאַרף ניט! איך טאָר ניט!

שנייער־זאַלמען און מענאַכעם־מענדל פון וויטעבסק האָבן יעדן טאָג בריוו געשריבן דעם ווילנער גאָען און זיי אָפּגעשיקט דורך דער פּאָטשט, וויַיל אין ווילנע האָט זיך ניט געפונען אַזאַ איינער, וואָס זאָל וואַגן איבערגעבן דעם גאָען אַ בריוו פון זיַינע קעגנער. פאַר אַזאַ זאַך וואָלט מען דעם שאָליִעך גליַיך כוישעד געווען, אַז ער געהער צו דער סיטרע אַכרע, צום פיַינטלעכן לאַגער, און מ׳וואָלט אים אַריַינגעוואָרפן אין כיירעם.

אין זייערע בריוו האָבן שנייער־זאַלמען און מענאַכעם־מענדל פון וויטעבסק צונויפגערופן די אָוועס אַווראָם, ייִצכאָק און יאַנקעוו, אַרויסגעשטעלט פון די אימאָהעס אין פאָדערגרונט די מוטער ראָכל, וועמען גאָט אַליין ווישט אָפּ די טרערן פון אירע אויגן, האַלט זי אין איין טרייסטן, אַז שאָלעם וועט זיַין צווישן די ייִדן, אַז מיט שאָלעם וועלן זיי בײַקומען זייערע סאָנים, און מיט שאָלעם וועלן זיי אויפגעריכט ווערן.

זיי האָבן צונויפגערופן די צוויי ברידער, דעם באַשיידנסטן פון אַלע באַשיידנסטע אָף דער ערד — מוישען, און דעם גרעסטן רוידעפשאָלעמניק אַרענען. זיי האָבן צונויפגערופן אַלע שויפ־טים, אַלע נעוויִים, די ערשטע און די לעצטע, אַלע טאַנאָיִם און אַמוראָיִם און די געוינים פון פאַרשיידענע ציַיטן, זיי זאָלן זיך אַריַינלייגן אין שאָלעם צווישן זיי.

און ער, דער ווילנער גאָען, האָט עס אַלץ אָפּגעוואָרפן.

— וואָס האָבן זיי צו מיר, — האָט ער געטיַינעט און געשריגן, — מיט יעדן בריוו גיסן זיי אַלץ מער בוימל אינעם פיַיער, אין דער סינע, וואָס הערט ניט אוף ברענען אין מיר צו זיי.

און זיי, די איַינגעשפּאַרטע, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז דער מענטש איז בעסער און

---

[1] איינער פון די גרעסטע אווטאָריטעטן באַ די וויַיסרוסישע כסידים. אין זיַינע דראָשעס האָט ער זיך באַנוצט מיט עווענעזרע און מיטן ראַמבאַמס „מוירע נעווויכים״. דאָס האָט אָבער אין קיין פאַל ניט גע־שטילט דעם צאָרן פון די מיסנאַגדים קעגן אים. מ׳האָט אים אַזוי געיאָגט, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד.

[2] איין שאָלעם לאַרשאָים.

שענער פון זײַנע מײַסים, האָבן ניט אופגעהערט צו שרײַבן, האָבן ניט אופגעהערט בעטן, אַז דער גאָען זאָל זיי אופנעמען:

— רעבע, רעבע עליִיאָהו! די שײַן אין אונדזער פינצטערניש, דער האַמער, וואָס צעקלאַפּט בערג, דער קאַפּיטאַן, וואָס פירט די שיף, די קרוין פון אונדזער קאָפּ! ניט אײַך דאַרף מען דערקלערן, אַז די סינגע פון דרויסן ווערט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און שטאַרקער, פון אַלע זײַטן שטייט מען אויף אויף אונדז, קעדיי צו פאַרלענדן. אין דער צײַט פון סאַקאָנע דאַרפן מיר פעסטיקן די פעסטונג פון אינווייניק. קיין זאַך קאָן אונדז אַזוי ניט שטאַרקן, ווי שאָלעם, ווי פאַרייניקונג. יעדער ריטל באַזונדער לאָזט זיך לײַכט אײַנבויגן און לײַכט ברעכן, אָבער ווען די ריטער זײַנען פעסט אין איין בונד, איז ניטאָ אַזאַ קויעך, וואָס זאָל זיי צעשפּאַלטן, וואָס זאָל זיי צעברעכן. איז לאָמיר זיך איבערבעטן און ווערן איינס, איין גוף און איין נעשאָמע! און אויב איר ווילט עס ניט טאָן צוליב אונדז, איז טוט עס פאַרן פאָלק, וואָס שמאַכט אין גאָלעס. און אויב אויך דאָס פאָלק האָט ניט זוכע געווען אין אײַערע אויגן, איז טוט עס צוליב די קליינע קינדער, וועלכע האָבן ניט געזינדיקט, צוליב די כיידער־יינגלעך, וועלכע זײַנען דער קיִעם פון אונדזער פאָלק.

און דער ווילנער גאָען — איינמאָל ניין! ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט שוין געוואָלט אנטלויפן פון ווילנע, זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ הינטער דער שטאָט, ביזוואַנען דער צאָרן וועט דורכגיין. עפּעס אַ קליינִיקײַט, זיי ווען אים אַזוי לאַנג טאַטשען און טאַטשען, ביז דער מידאַס האַראַכמים וועט אין אים גוויווער זײַן דעם מידאַס האַדין. ניין, אין שלום לרשעים — ניטאָ קיין שאָלעם פאַר די רעשאָים!

אין אָט די שווערע טעג פון דעם שווערסטן ניסאָיען איז אוועק אַ יעדידי־בריוועלע צום דובנער מאַגיד: ס'איז אַ סרייפע, קומט און לעשט! ס'איז אַ סאַקאָנע — קומט און ראַטעוועט!

דער דובנער מאַגיד האָט געלאָשן דעם בייז פּאַנאַנדערגעפּלאַקערטן קאָנאַי־פײַער — הילעל און שאַמײַ האָבן זיך אַ לעבן געקריגט צווישן זיך, און מ'האָט איינעם דעם אַנדערן קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט. זייערע טאַלמידים און די טאַלמידימס טאַלמידים — די בייסהילעל און בייסשאַמײַ האָבן זיך מיסכאַטן געווען צווישן זיך, אָפּגעגעבן איינער דעם אַנדערן קאָוועד און גערופן איינער דעם אַנדערן רעבע!

אבײַע און ראָווע האָבן זיך שטאַרק געקריגט, ווען ס'איז געגאַנגען אַ רייד וועגן דער אויסטײַטשונג פון דער אָדער יענער האַלאָכע, און זיי זײַנען געווען און געבליבן די לעצטע גוטעברידער — דעם פאַרזאָרגטן און אומעטיקן ראָווען האָט אבײַע שטענדיק פאַרווײַלט און פריילעך געמאַכט. מר אמר הדא ומר אמר חדא ולא פליגי[1] — דער האַר האָט געזאָגט איינס, און דער צווייטער האָט געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש און מ'האָט זיך ניט געקריגט. דאָס איז געווען דער שטאָלץ פון די טאַנאָים און זייער אָנזאָג פאַר די קומענדיקע דוירעס.

מ'האָט זיך געקריגט און געקריגט, און אַז מ'האָט ניט געקאָנט קומען צו קיין אויסגלײַך, צו אַ פעסט באַשטימטער מיינונג, זײַנען ביידע צדדים מאַסקים געווען אויף אַ תיקו[2] — תשבי יתרץ קשיות ואביות[3] — דער מאַן פון טישבי (געמיינט עליִיאָהו האַנאָווי) וועט געבן דעם נייטיקן טערעץ אויף אַלע קאַשעס און האַרבע פראַגן, און זײַן וועט עס זײַן, אַז מאָשיִעך וועט קומען, ווען ער, עליִיאָהו, וועט זיך אַנטפּלעקן אַלס אָנזאָגער פון דער גוטער בסורע.

דער דובנער מאַגיד האָט געלאָשן דאָס פײַער, און אַוויגדער האָט עס פּאַנאַנדערגעפּלאַקערט שטאַרקער, איינער האָט געזאָגט איינס, און דער צווייטער — דאָס הייפּעכדיקע.

דער אומגעדולדיקער אַוויגדער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף דעם מאַן פון טישבי, אויף עליִיאָהו האַנאָווי, און ער האָט געצײַלט גלײַך אָפּן אָרט, אין זײַנע צײַטן און אין די צײַטן פון ווילנער גאָען, פאַרענטפערן אַלע האַרבע פראַגעס און קאַשעס אויף אַזאַ אויפן — דורך גוט באַצאָלטע געהיימע שליכים האָט ער איבערגעגעבן די כאַבאַדניקעס, אַז דער ווילנער גאָען רײַסט פון זיך שטיקער, וויינט און קלאָגט, בעט מעכילע בײַ שנייער־זאַלמענען און בײַ מענאַכעם־מענדלען פון וויטעבסק.

איינעם פון די שליכים האָט אַוויגדער אַרײַנגערוימט אין אויער אַ פאָרשלאָג פאַר די כאַבאַדניקעס, זיי זאָלן ערגעץ אויסגעפינען אַ קלוג יינגל מיט אַ שאַרף צינגל און אים פאַרשטעלן אַלס דעם ווילנער גאָענס מיזיניק, וואָס דאַרף איידעס זאָגן, אַז זײַן פאָטער לעבט שטאַרק איבער, וויינט און קלאָגט, האָט כאַראָטע און בעט מעכילע פאַר זײַנע זינד בײַ יעדן כאַבאַדניק. די כאַבאַדניקעס זײַנען גלײַך אײַנגעגאַנגען אויף דעם — אַ שיין קלוג יינגל מיט אַ

---

[1] מאַר אָמאַר כאָדאָ אומאַר כאָדאָ וועלאָ פּליגיי.

[2] טייקו.

[3] טישבי יעטאַרעץ קאַשעס וועאַבאַיעס.

שארף צינגל האָט ווי א מיזמער אומעטום אָפּגעקנאַקט דאָס איידעס־זאָגן, וואָס מ'האָט מיט אים איינגעכאַזערט:

— דער טאַטע וויינט, דער טאַטע קלאָגט! ער עסט ניט און טרינקט ניט, עטלעכע מאָל אין טאָג ציט ער זיך אויס מיטן פּאָנעם אַראָפּ צום דיל, דער שאַמעס שלאָגט אים מאַלקעס, נאָך די מאַלקעס קלאַפּט זיך דער טאַטע ווידער אַלכעט: עס שטייט דאָך געשריבן, אַז ווער עס פאַרשעמט זיין כאַווער אין דער אָנוועזנהייט פון א סאַך מענטשן, וועט ניט האָבן קיין אוילעמהאַבע, ווייל דאָס איז אַלציינס, ווי פאַרגיסן בלוט. ניטאָ נאָך אַזאַ רעציייעך, וואָס זאָל פאַרגיסן אַזויפיל בלוט, ווי איך האָב פאַרגאָסן. אַלע גענעמס וועלן פאַר מיר קאַלט זיין, און צוליב מיר אַליין, צוליב דעם זינדיקסטן פון אַלע זינדיקסטע, וועט מען באַדאַרפן אָנצינדן און פּאַנאַנדערפלאַקערן אַזאַ גענעם, וואָס קיין איין ראַשע האָט ניט פאַרזוכט זיין טאַם. ווויי איז מיר, איך בין דאָך א ראַשע שעבעראָשע! גיי זשע, קינד מיינס, פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, — האָט דער טאַטע מיך שטאַרק געבעטן, — און דערקלער מיין זינד בע־פאַרהעסיע. זיי מאַכריז אומוידיע, אַז דיין טאַטע איז אומריין געוואָרן, מ'זאָל זיך היטן פאַר אים און ניט שטיין אין זיינע דאַלעדאַמעס.

אוויגדער האָט פּאַנאַנדערגעשיקט בריוו אין אַלע מיסנאַגדישע קעהילעס, און יעדער קע־הילע באַזונדער זאָל געבן צו וויסן דעם ווילנער גאָען, ווי זיין נאָמען ווערט פאַרשמירט, אַז אַזאַ נעוואָלע, אַזאַ מיִעסע זאַך איז נאָך באַ ייִדן ניט געטאָן געוואָרן. די אַלטע כיירעמס דאַרפן אויסזען ווי בראַכעס לעגאַבע די נייע. נעקאָמע! און נאַכאַמאָל נעקאָמע! נאָר נעקאָמע וועט קאָנען אָפּוואַשן דעם שרעקלעכן פלעק פון באַשמוצן גאָט דעם באַשעפער, זיין רעכטע האַנט — דעם ווילנער גאָען און זייער טוירע.

פון אומעטום, פון אַלע מיסנאַגדישע קעהילעס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו צום וויל־נער גאָען מיט אָנפרעגן: „איז עס עמעס, אַז איר האָט כאַראָטע געקראָגן אַף דער הייליקער מילכאָמע, וועלכע איר האָט אַזויפיל יאָרן מעסירעסנעפעשדיק געפירט קעגן די כאַבאַדניקעס? איז עס עמעס, אַז איר האָט געשיקט אייער מיזיניק עס געבן צו וויסן ליפּני קאָהאָל וואָיידע?".

די באַקומענע יעדיִעס האָבן שטאַרק אופגערודערט דעם ווילנער גאָען, ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. דער שטענדיק איינגעזעסענער זיצער האָט גענומען לויפן איבערן צימער הין און צוריק. אים האָט זיך געוואָלט לויפן אומעטום, ווו דאָס אונטערגעשטעלטע יינגל אַלס זיין מיזיניק האָט אים אַזוי שענדלעך באַשמוצט, און שרייען: „גוואַלד! גוואַלד! ייִדן! וואָס טוט זיך עס? ווי־אַזוי האָט איר עס געקאָנט גלייבן אין אַזאַ זאַך?"

דאָס ערשטע מאָל אין דעם ווילנער גאָענס לעבן האָט די אופגערעגטקייט אים געבראַכט צו ביטול טוירע — פון ניט קאָנען לערנען צום ביטל געדאַנקען — פון ניט קאָנען טראַכטן, צו ביטל פּען — פון ניט קאָנען שרייבן. זיינע נאָענטע האָבן אים געפּרוווט טרייסטן, און רעב עלייאָהו האָט זיך געבעטן באַ זיי: „לאָזט מיך צורו! זאָגט מיר בעסער, ווו איז אוויגדער, מיין געטרייסטער טאַלמיד, אוויגדער, מיין גרויסער פריינט, יוירעש און קאַנאַי? אוויגדער, ווו זיינט איר? דאָס וואָסער איז דערגאַנגען ביזן האַלדז! זאַמט זיך ניט, רעב אוויגדער, ראַטעוועט מיך!"

רעב עלייאָהוס פריינט האָט זיך געלאָזט אין אַלע זייטן זוכן אוויגדערן, און וואָס מער מ'האָט אים געזוכט, אַלץ מער איז ער אַנטרונען געוואָרן — אָט האָט מען אים געזען דאָ און אָט איז ער אויסגעוואַקסן ערגעץ אַנדערש!

אוויגדערן האָט זיך געוואָלט אָפּציִען די צייט, אַז אַלע זאָלן זען, פאַר אַלעמען זאָל קלאָר ווערן, סאַראַ קויעך ער שטעלט מיט זיך פאָר, ווי באַליבט און טייער ער איז באַ זיין רעבן.

ערשט אפן צענטן טאָג איז אוויגדער, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, ווי ער זאָל ניט וויסן, ווער ס'האָט אים געשליירט און וואָס עס טוט זיך אַרום אים, געקומען צום ווילנער גאָען.

דער רעבע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיין טאַלמיד:

— זון מיינער, גאָט אַליין האָט אייך אַראָפּגעשיקט אַהער! איך האָב זיך די אויגן אויס־געקוקט אַף אייך! איר זיינט מיין האָפענונג און מיין טרייסט.

— רעבע, וואָס איז געשען? רעבע, וואָס ס'זאָל ניט געשען, בין איך גרייט פאַר אייך אין פייער און אין וואַסער גיין!

און ווען אוויגדער האָט זיך דערוווּסט, וואָס ס'איז געשען, איז ער אַריין אין גרימצאָרן און האָט געשווירן באַ אַלע הייליקייטן, אַז ער זאָל ניט ווערט זיין א טאַלמיד זיין פון דעם גאָען, אויב ער וועט ניט צעטרעטן, ווי מ'טרעט ווערעם, די פאַרשווועכער און גאָטס לעסטערער.

— איך גלייב אייך, — האָט רעב עלייאָהו געציטערט פון פרייד, — איר זיינט מיין פּאַנ־צער, מיין אָנשפּאַר, מיין פעסטונג! געבענטשט זאָלט איר זיין פון הײַנט און אַף אייביק.

דער האַקכאָשע־בריוו, וואָס אוויגדער האָט אָנגעשריבן, איז אַף אַזויפיל געפעלן געוואָרן

דעם ווילנער גאָען, אַז ער האָט מודיע געווען, אַז אַלע זײַנע כּיִרעמס, אַלע קלאָלעס אוכראַ־מעס, מיט וועלכע ער האָט געשאָלטן די כאַבאַדניקעס, פֿאַרמאָגן קיין הונדערטסטעלע גאַל, ווי אָט דער בריוו, ס'איז מאַמעש אַ טויכעכע פֿון דער טוירע.

דער ווײַסער ניגון

וועלוועלע האָט שוין געהאַט פֿאַרענדיקט דעם „ווײַסן ניגון“, און ס'איז ניט געווען דער טאָג, ער זאָל זיך ניט אָנהייבן מיט אַ נײַער פֿאַרבלענדיקער ווײַסקייט.

מיכקעס סאָלאָ אויף דער פֿליט וועגן שנייער־זאַלמענס טויט האָט אַזוי איבעראַשט, אַז ער האָט געמוזט צוליב טאָן די קלעזמער פֿון דער קאַפּעלע און איבערשפּילן יעדן אָוונט די סאָלאָ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

אַפֿילע מיכקעס ברידער — מאָרדכעלע און שלוימקע, וועלכע האָבן שטענדיק געשפּילט מיט אַ קאַלטן לונג־און־לעבער, איז ניט געווען צו דערקענען, זיי פֿלעגן קומען די ערשטע, און ווען אַלע לעצטע פֿלעגן זיך פֿאַנאַנדערגיין, פֿלעגן זיי בלײַבן און אויסבעטן בײַ מיכקען, מיט דער הילף פֿון דער מאַמע סאָרע און פֿונעם פֿאָטער אַזריִעל, ווידעראַמאָל איבערשפּילן די סאָלאָ.

די ברידער זײַנען אַזוי אַרײַנגעצויגן געוואָרן, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אַפֿילע קומען אין די פּרײַטיק־אָפּדערנאַכטן הערן, ווי וועלוועלע דערציילט וועגן דער מילכאָמע פֿון 1812־טן יאָר, ווי די מילכאָמע האָט שאָלעם געשאַפֿן צווישן די צוויי פֿײַנטלעכע לאַגערן — כסידים און מיס־נאַגדים. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרמאָסטן, ווער וועט גיכער קומען צוהילף דער רוסישער אַרמיי, ווער וועט אַרויסווײַזן מער בערייעשאַפֿט און העלדישקייט אין די געפֿערלעכסטע שליכעסן.

אַלץ, וואָס מיכקע האָט געדענקט צו זעקס יאָר, ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן, און אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט אין מעשעך פֿון די ווײַטערדיקע עלף יאָר, האָבן זיך פֿאַרײַ־ניקט אין אים. ווו ער איז געגאַנגען און ווו ער איז געשטאַנען, האָט ער געזען פֿאַר זיך דעם דרײַסיקיאָריקן מאָהיליאָווער יונגערמאַן כאַים ראַטנער, וועלכער האָט באַשטעלט בײַ כּוורע־קאַדישע טאַכריכים, זיי אָנגעטאָן און אויסגעטאָן, באַטראַכט זיך אין שפּיגל, ווי ער זעט אויס אַלס לעבעדיקער און יונגער מעס. עפּעס אַ קלייניקײַט, דער מאָהיליאָווער גובערנאַטאָר האָט אים פֿאַרגעלייגט זיך לאָזן איבער מינסקער גובערניע, באַקומען די נייטיקע יעדיִעס, ווו און אין וועלכע ערטער קומען זיך צונויף די פֿראַנצויזישע כאַיאָלעס, זיך דערוויסן זייער צאָל, זייער צושטאַנד, אָנטאַפּן די שטימונגען פֿון דער דאָרפֿישער און שטאָטישער באַפֿעלקערונג — וואָס זאָגט און וואָס רעדט דאָס פֿאָלק? מיט וועמען איז ער? וואָזוי לעבט ער איבער און וואָזוי טוט אים ווײ פֿאַר דער ערד, וואָס ווערט באַטראָטן פֿון דעם סוינע?

— איר זײַנט גרייט פֿאַר דעם?

— יאָ, איך בין גרייט, — האָט ראַטנער געגעבן זײַן וואָרט, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ שוווע, — מײַן נאָמען איז כאַים, וואָס באַטײַט לעבן, און מיך וועט ניט איבעראַשרעקן דער טויט פֿאַר דער ערד, פֿון וועלכער איך שטאַם, פֿאַר דער ערד, ווו מײַנע זיידעס און עלטערזיי־דעס האָבן געפֿונען זייער אייביקע רו.

ווען כאַים ראַטנער איז ניט געקומען צו דער באַשטימטער צײַט, האָבן אים דאָס ווײַב און די קינדער, אַלע שכיינים, נאָענטע און פֿרײַנט, באַוויינט, ווי מ'באַוויינט אַ טויטן, מ'האָט ליכט געצונדן און שיווע געזעסן. און פּונקט צו די צוויי מאָל שלוישים — אין צוויי כאָדאָשים אַרום, איז דער „מעס“ אַראָפּגעקומען אַ לעבעדיקער, גלײַך ווי פֿון יענער־וועלט צו דער־וועלט זאָל זײַן גאָרניט קיין גרויסער מעהאַלעך.

די פֿריילעכע יעדיִע האָט זיך גלײַך פֿאַנאַנדערגעטראָגן איבער מאָהיליאָוו:

— כאַים לעבט! זײַנע טאַכריכים זײַנען ווי נאָרוואָס פֿון נאָדל אַרויס, האַלעווײַ זאָלן זיי האָבן אַזאַ פּאָנעם, לעכאַלהאַפּאָכעס, איך זיבעציק יאָר אַרום.

— כאַים, לעכאַים!

— לעכאַים, כאַים!

— זאָל טאַקע זײַן לעכאַים וועלוי לאַמאָוועס — זאָל זײַן צום לעבן און ניט צום טויט!

ניט אַלע ייִדישע העלדן אין דער מילכאָמע פֿון 1812 איז באַשערט געווען אַזאַ גליקלע־כער סאָף — דורכגיין בעשאָלעם אַלע געפֿאַרן און בלײַבן לעבן.

פֿון מאָהיליאָוו ביז באָריסאָוו איז אין מיכקעס זעונגען בלויז אַ קער מיטן קאָפּ, בלויז אַ רעגע פֿון פֿאַרמאַכן און עפֿענען די אויגן, און די געשיכטעס, פּאַסירונגען און געשעענישן פֿאַרמאָגן אין זיך אַזויפֿיל מעהאַלעכן, פֿאַרנעמען אַזויפֿיל אָרט!

דער באַריסאָווער יונגערמאַן, נאָך ווענען קיין נאָמען איז ניט פאַרבליבן און מ'האָט פאַר־געדענקט בלויז זײַן פאַמיליע איהומענער, זאָגט זיך אָפּ אויספּילן דעם באַפעל פונעם פראַנ־צויזישן גענעראַל — באַקומען די נייטיקע אויסשפּיר־מאַטעריאַלן וועגן די רוסישע כאַיאַלעס.

דער גענעראַל גיט אַ שאָ צו באַטראַכטן די זאַך.

דער איהומענער האַלט, אַז אַ שאָ איז צופֿיל, אַפֿילו אַ רגע איז איבעריק. וויפֿל דער גענעראַל זאָל ניט צעציִען און אָפּציִען די צײַט, וועט דער ענטפֿער בלײַבן אײנער און דער זעלבער — ניין!

— אַ געזונטער און שיינער יונגערמאַן זאָל אַזוי יונג פאַרלאַנגען אַוועקגעבן דאָס לעבן, אַזוינס זע איך צום ערשטן מאָל, — ווונדערט זיך דער גענעראַל און הייבט אויף דעם פֿאַרהאַנג פונעם פענצטער, אַז די וועלט אַליין מיט אירע שיינקײַטן זאָלן אַ רעד טאָן מיטן אײַנגע־שפּאַרטן.

און דער אײַנגעשפּאַרטער — איינמאָל ניין! בעסער זײַן אַ טויטער מענטש איידער אַ לע־בעדיקער פאַררעטער!

דער פראַנצויזישער גענעראַל האָט באַפוילן אַ שײַטער פּאַנאַנדערלייגן אָפּן באַריסאָווער שול־הויף און אין דער אָנווזנהײַט פון ווײַב און קינדער, פון טויזנטער ייִדן אַרײַנגעוואָרפֿן דעם אײַנגעשפּאַרטן ייִדן, דעם סוינע פון די פראַנצויזן, אין פֿײַער אַרײַן.

צענדליקער פויקן האָבן פֿאַרפויקט די געשרייען און געוויינען פון די אָנוועזנדע.

מיכקע שטאַלצירט, וואָס דער שקלאָווער עטינגאָן איז ניט ווייניקער דרייסט געווען, ווי דער באַריסאָווער העלד, וועלכער איז אומגעקומען אַף קידוש האָאָם און וועאל קידוש רוסלאַנד. דער שקלאָווער עטינגאָן זאָגט זיך אָפּ וויַיזן די פראַנצויזן דעם וועג פון שקלאָוו קיין מאָהיליאָוו.

— איך בין אַ גלויביקער ייִד, — האָט עטינגאָן דערקלערט, — לויט די געזעצן פון מײַן עמונע טאָר איך עס ניט טאָן, ווײַל פאַראַטן דאָס פֿאָטערלאַנד איז אַלץ־איינס ווי פאַראַטן גאָטס קיניגרײַך אָפּן הימל.

עטינגאָנען האָבן די פראַנצויזן אויפֿגעהאַנגען אַף אַ צווײַג פון אײנעם אַ פעסטן דעמב אָפּן גרויסן גרינעם פּלאַץ הינטער דעם פּוילישן קאָסטיאָל. דער קערפּער פונעם געהאַנגענעם איז ניט אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער טליִע אין מעשך פון זיבן טעג. דאָס איז געטאָן גע־וואָרן צוליב דעם, אַז די שקלאָווער ייִדן זאָלן פאַרגעדענקען, וואָס עס דערוואַרט יעדן אײנעם פון זיי פאַר זיך אײַנשפּאַרן און זיך קעגנשטעלן די באַפעלן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי.

שטענדיק, ווען מיכקע איז אָפּן גרויסן גרינעם פּלאַץ, קומט ער צום עטינגאָן־דעמב באַערן דעם אָנדענק פון דעם שקלאָווער מויסערנעפּעשניק.

די צווײַגן פונעם דעמב, דאַכט זיך מיכקען, הערן ניט אויף צו רוישן אַפֿילו אין דער שטיל־סטער שטילקײַט, זיי פאַרשטעלן און באַהאַלטן אויס פאַר זײַנע אויגן די טליִע־צווײַג.

— אויב באַשולדיקן, — רוישן די צווײַגן, — איז באַשולדיקט אונדז אַלע, באַשולדיקט דעם דעמב, באַשולדיקט די טיפֿע וואָרצלען, וועלכע האָבן זיך ניט אַרויסגעריסן און ניט אײַנגע־וואַלגערט אונדז אַלעמען.

אין כאַלעם איז גאָר עפּעס אַנדערש געווען, ווי אָף דער וואָר. אָף דער וואָר האָט מיכקע געדאַרפֿט אָנקומען צו אַנדערע, צו אַ סאַך עלטערע פון אים, זיי זאָלן מיט זייערע דערמאָנונ־גען פאַרמערן, פאַרגרעסערן, פאַרטיפֿערן און פאַרזעצן אַלץ, וואָס עס איז פאַרבליבן אין זײַן נאָך גאָר יונגן קינדערישן, זעקסיאַריקן זיקאָרן. אין כאַלעם איז ניט שײַעך קיין יאָרן, ער דערזעט זיך אַלס אַ דערוואַקסענער, וועלכער איז אומעטום, בײַ יעדן צוזאַמענשטויס, בײַ יעדער אַטאַקע אַן אָנטיילנעמער.

דעניס דאַווידאָוו, דער אָנפֿירער פון די פּאַרטיזאַנער, נעמט אָנטייל אין די שלאַכטן קעגן די פראַנצויזישע מיליטער־טיילן. ער טראָגט זיך ווי אַ פֿײַל פון בויגן אַף זײַן פערד, און פאַרויס פאַר אים הילכן אָף זײַנע באַפעלן. מיכקע שטייט ניט אָפּ פון אים, זײַן ווײַס פערד טראָגט זיך צוזאַמען מיט דעניסאָווס פערד, ווי זיי זאָלן ביידע זײַן אײַנגעשפּאַנט אין אײַן שפּאַן. שטעלט זיך אָף דאָס שוואַרצע פערד — ווערט דאָס ווײַסע פאַרגליווערט, ווי ס'זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דענקמאָל.

צוזאַמען מיט דעניס דאַווידאָוון נעמט מיכקע ניט אַראָפּ די אויגן פון אײנעם אַן אולאַן, וועלכער יאָגט זיך רײַטנדיק אַף זײַן פערד מיט אַן אַנטבלויזטער שווערד נאָך אַ פראַנצויזישן רײַטער. ווי נאָר דער רײַטער שטעלט אָן אַף אים זײַן ביקס, גיט זיך דער אולאַן אַ קערעווע אָפּ אין אַ זײַט. אַ רגע — און ער יאָגט זיך ווידער נאָכן רײַטער.

דעניס דאַווידאָוו שרײַט אויס: „אולאַן, ווי שעמסטו זיך ניט? ס'איז דאָך אַ כאַרפּע און בושע!"

ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט, האָט דער אולאַן אונטער אַ האָגל קוילן דערייאָגט דעם פראַנצויזישן רײַטער און מיט דער פלינק פּאַכענדיקער שווערד אָפּ רעכטס און אָפּ לינקס צעבראָקט זײַן קאָפּ.

די שווערד איז נאָך ניט אַראָפּ אין שייד, און דער אולאַן ראַפּאָרטירט דעניס דאַווידאָוון, פרעגנדיק אים מיט אַ ניצאַכנדיקן שמייכל: „נו, אײַער הויכעקסעלענץ, איצט זײַנט איר צופרידן?"

אין דער זעלבער רעגע איז דער אולאַן שווער פאַרווונדעט געוואָרן. דעניס דאַווידאָוו כאַפּט אים אונטער, ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן פונעם פערד.

פאַר זײַן העלדישן טאַט איז דער אולאַן באַלוינט געוואָרן מיט אַ געאָרגי־קרייץ. די הויכע באַלוינונג האָט אָבער ניט געקאָנט באַשײַנען די ברוסט פון דעם פאַרווונדעטן: לאָזט זיך אויס, אַז דער אולאַן איז געווען... אַ בערדיטשעווער ייִד.

דער כּאַלעם שפּינט זיך ווײַטער, און ער ווערט אויסגעשפּינט, אַז ער, מיכקע, קומט אין שפּיטאָל מעוואַקער כּוילע זײַן דעם שווער פאַרווונדעטן אולאַן, ברענגט אים בלומען, אַ פולע טאָרבע מיט געשמאַק עסנוואַרג, פרעגט זיך נאָך אָפּ זײַן געזונט און ווינטשעוועט אים אַ רעפוע שליימע.

דער אולאַן נעמט אַרום מיכקען און אָפּ אַ זאַפּטיקן בערדיטשעווער ייִדיש דאַנקט ער אים: „איך האָב עס גאָרניט פאַרדינט, איך בין עס גאָרניט ווערט, יעדער איינער אָפּ מײַן אָרט וואָלט אַזוי געהאַנדלט".

דער כּאַלעם מאַכט ניט קיין אונטערשייד פון געווען און ניט געווען, און עס כּאַלעמט זיך מיכקען אַ שווערער אַנגריף. דעניס דאַווידאָוו באַפוילט אים זיך אַראָפּלאָזן פונעם ווײַסן פערד, זיך דערנעענטערן צום פּײַנטלעכן לאַגער און אים באַפאַלן מיט די קלאַנגען פון זײַן פלייט.

דער שטאָט־אַפּיקוירעס, שמוניע דער שניצער, האַלט אַ וועלט פון דעניס דאַווידאָוון, פון דעם איש־מילכאָמע און פונעם איש־האַגוווּרע, וועמענס שווערד עס האָט געקעפּט, געבליצט מיט וואָרט און קלאַנג. וואָס פלינקער זײַן מילכאָמע־פערד האָט אים געטראָגן, אַלץ שטאַרקער זײַנען געוואַקסן זײַנע פליגלען, אַלץ זיכערער האָט ער זיך דערפילט אין זאָטל, זיכערער, ווי ער זאָל זיצן בײַ אַ פעסטן דעמבענעם שרײַבטיש. פון שמוניען האָט זיך מיכקע דערוווּסט, אַז דעניס דאַווידאָוון האָבן הויך אָפּגעשאַצט אַלס באַדײַטנדיקן דיכטער די אָנגעזעענסטע שרײַבער פון זײַן צײַט, זײַן רום האָט איבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון רוסלאַנד — דעניס דאַווידאָווס פּאָרטרעט איז געהאַנגען אין קאַבינעט פון וואַלטער סקאָט, מיט וועמען ער האָט זיך איבערגעשריבן. דער שאָטלענדישער ראָמאַניסט האָט געהאַלטן, אַז דער פּאָעט־פּאַרטיזאַן געהער צו די, „וועמענס נאָמען עס וועט פאַרבלײַבן אָפּ דאָר־דוירעס אין די סאַמע גלענצנדסטע און לײַדנדיקסטע בלעטער פון דער רוסישער געשיכטע".

סאַרא זכיִע צו זײַן אַזוי נאָענט מיט אַזאַ מענטשן... און מיכקע פאַרלאַנגט בלויז איינס: דער כּאַלעם זאָל זיך ציִען און ציִען און קיינמאָל ניט אויפהערן.

דעניס דאַווידאָוו פאַרטרויט אים!

יאָ, אַ קלאַנג איז ניט גלאַט אַ קלאַנג, ער איז שטילער פון אַ האַרמאַטן־קנאַל, אָבער טרעפן טרעפט ער אין סאַמע האַרצן. די פלייט האַלט אין איין פאַנגען און פאַנגען. די געפאַנגענע קוקן זיך אַרום, אָפּ וואַסער וועלט זיי זײַנען:

— דו הערסט?

— יאָ, עפּעס אַ קישעפמאַכער קישעפט.

— וואָסער קישעף, וועלכער קישעף? דער טויט ווייסט ניט פון קיין קישעף.

— עס דוכט זיך דיר.

— ניין, עס דוכט זיך ניט.

— דו הערסט?!

די פלייט צויבערט און צויבערט און ברענגט גרויסן פונעם לעבן.

אַ גוטמאָרגן דער אויפגייענדיקער זון, אַ ציטער און בענקעניש פאַר איר שקיִע, אַ האָפענונג און גלויבן פאַר איר מאָרגנדיקן נײַעם אויפגאַנג!

די פלייט ציטערט אויף מיטן האַרץ־ציטער פון פאַרליבטע. אַזויפיל פרייד, און די צעשייִדונג איז פול מיט אומעט און מיט בענקעניש. צום ווידערזען!

דער וועג ווערט באַשאָטן מיט קלאַנגען, ווי מיט בלומען פאַר די זיך אומקערנדיקע טריט. אַזויפיל האַרמאַטן, און איין פלייט נעמט בײַ זיי אָפּ דאָס לאָשן!

— פײַער! פײַער! — פלִיען באַפעלן פון אַלע זײַטן, און עס לעשט זיך אויס דער לעצטער פונק פון די סרייפעדיק־פײַערדיקע טויט־געזאַנגען.

א האָגל פון קוילן. זיי פליִען און פאלן פון אלע זײַטן, ווי אונטערגעשאָסענע ראָבן. א וואלד מיט אופגעהויבענע הענט!..

— בראוואָ, מיכקע! — שרײַט אויס דעניס דאווידאָוו, — וואָס קאָן זײַן שטארקער און וואָס קאָן זײַן בעסער און שענער, ווי ניצאָכן אָן א טראָפן בלוט!

— בראוואָ, מיכקע! ס'איז נאָך ניט באשאפן געוואָרן די באלוינונג אף דיך צו באלוינען!

דעניס דאווידאָוו גיט אָפּ א צווייטן באפעל, און ער, מיכקע, יאָגט זיך אף זײַן ווײַס פערד פון איין ניצאָכן צו א צווייטן.

אפן רומפולן וועג קומט אים אנטקעגן כאנקע. ער גיט זי פלינק א כאפ אוף צו זיך אפן פערד. זי באגריסט אים, זי לויבט אים: „העלד מײַנער, גיין זאָלסטו אזוי פון איין ניצאָכן צום צווייטן!"

און ער, מיכקע, שווערט זיך איר, אז דאָס איז נאָר אָן אָנהייב, ער וועט נאָך ערשט ווײַזן און ווײַזן וואָס ער קען, וואָס ער איז בעכוילעס אופצוטאָן.

די ערשטע פרײַטיקצונאכטיקע שאבעסדיקע סודע[1] איז שוין געווען אָפגעריכט. בא אזריִעל דעם קלעזמער האָבן די ליכט פארמאָגט גענוג כיילעוו און די לאָמפן גענוג גאז, זיי זאָלן זיך אויסלעשן בלויז דאן, ווען זייער שײַן וועט פארבײַטן די שײַן פונעם קומענדיקן טאָג, פון דער אופגייענדיקער זון.

דער זאל, דער אלקער, די קיך און דאָס פאָרהויז זײַנען פול געווען מיט גוטשאבעסן, ויפל מענטשן — אזויפיל גוטשאבעסן. די פײַעלעך פון די ליכט און פון די לאָמפן האָבן זיך ווי געשראָקן פאר אזויפיל גוטשאבעסן, פאר אזא גרויסן אוילעם — וועט זיי סטײַען שײַן ביז טאָג? א פלאטערל נאָך א פלאטערל, און די פלעמלעך נעמען זיך אָן מיט קויכעס און מיט גלויבן — עס וועט סטײַען! אלץ איז פון פריִער באוואָרנט געוואָרן.

ועלוועלע פירט צו די קוואלן, פון וועלכע ער האָט געשעפט זײַן „ווײַסן ניגן". און אז ועלוועלע רעדט, איז שווער אונטערצושיידן פון רייד ביז געזאנג — אזוי זיס און אָנגענעם איז זײַן שטים, אזוי אויסדריקלעך איז זײַן וואָרט. און ווידער קומט ועלוועלע צו דער הויפט־געשטאלט, צו דער הויפט־טעמע פון זײַן „ווײַסן ניגן". לאָזט זיך אויס, אז שנייער־זאלמענס סינע צו די פראנצויזישע פארכאפערס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים נאָך פאר דער מילכאָמע פון 1812. מיט עטלעכע יאָר פריִער האָט ער פאָרויסגעזאָגט נאפאָלעאָנס מאפאָלע. ער האָט אויסגעקליבן פיר און צוואנציק ווערטער פונעם טאנאך, וועלכע זײַנען באשטאנען פון זעקס און נײַנציק אויסיִעס, און ער האָט אויסגעפאָסעקט דעם פאָסעק, וועלכער האָט אויסגעדריקט זײַן ווילן, זײַן פארלאנג — די פראנצויזישע ארמיי, וואָס פרוווט פארכאפן די וועלט, וועט לײַדן א מאפאָלע. די פיר און צוואנציק ווערטער פונעם טאנאך מיט אלע זייערע זעקס און נײַנציק אויסיִעס זײַנען מעגולגל געוואָרן אין א שפאָגל־נײַעם פאָסעק, האָבן בארויִקט שנייער־זאלמענען. ער האָט מאוטיִעך געווען, אז זײַן ווילן וועט אָנגענומען ווערן פון דעם אייבערשטן און וועט אויסגעפילט ווערן. סארא גוטע נעוווּע, סארא פרײַנטלעכע ווערטער! דאָס זײַנען דאָך זײַנע ווערטער. וויפל מאָל האָט ער זיי שטיל אין זיך איבערגעכאזערט!

יעדעס וואָרט פון דעם נײַעם פאָסעק איז שנייער־זאלמען מאכניס אוירעך, ווי א געהויבענעם גאסט, ווי איינעם פון יענע געהויבענע געסט, וועלכע קומען צו יעדן פרומען ייִדן סוקעס־צײַט גלײַך אין סוקע ארײַן. פאר יעדן וואָרט — א נײַעם באָרוכהאבאָ, פאר יעדן וואָרט א באָרוך הוא אוווארוך שמוי און אן אָמיין פארן אייבערשטן.

די לאָשנקוידעשדיקע ווערטער אין זייער צוזאמענבאהעפט טוען נעוווּע, זאָגן זייער לאָשנ־קוידעשדיקע נעוווּע אף אזא אויפן:

— ראשי מורדי צרפת בראשית יצליחו. אבל לאחרית הם יבושו, שמלכי אמת ינקם בם, ידקרם בחרב ויכבשו ויאבד איש באנאפארט, אָז עולם נח שש ושמח[2] — די הויפט־ווידערשפעניקע פון פראנקרײַך וועלן צוערשט מאצליִעך זײַן, און צום סאָף וועלן זיי פארשעמט ווערן. די הערשער פון עמעס וועלן זיך אָפרעכענען מיט זיי, מיט דער שווערד זיי צעשטעכן און וועלן מענאצייעך זײַן. און ווען עס וועט פארלוירן גיין דער מענטש באָנאפארט, וועט די וועלט זיך בארויִקן און זיך פרייען.

די נעוווּע פון שנייער־זאלמענס פאָסעק האָבן גלײַך ניט אלעמען דערפרייט. עס זײַנען

---

[1] דרײַ סודעס ווערן אָפגעריכט שאבעס: די ערשטע — פרײַטיק אפדערנאכט, די צווייטע — דער שאַבעסדיקער וואָרמעס, די דריטע — פארנאכט, ווען דער שאבעס האלט באם אוועקגיין, זי הייסט שאלעש־סודעס.

[2] ראשיי מוירדיי צאָרפאס ברײשיס יאצליכו. אוואָל לעאכריס היים יעווישו שמאלכיי עמעס ייִנקוים באָם, ייִדקריים באכערעוו וועיכנעשו וועייוואד איש באָנאפארט, אָז אוילאָם נאָך סאָס וועסאמייעך.

געוועזן אַזעלכע. וואָס האָבן געהאַלטן די „נעוווע" פאַר אַ בייזער נעוווע. דאָס זײַנען געווען די, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז נאַפּאָלעאָן וועט אַלע וועגן פרײַ מאַכן, אַלע טירן און טויערן פון דער וועלט עפענען און אַז ס'וועט ניט זײַן קיין אונטערשייד פון ייִד און ניט־ייִד. נאַפּאָלעאָן, האָבן זיי געהאַלטן אין איין דערווײַזן, איז ניט קיין סוינע, נאָר אַ גויעל, אַן אויסלייזער, אַ באַפרײַער, ער טראָגט און ברענגט מיט זיך ליכט און שײַן.

די מיסנאַגדים האָבן געכויזעקט: „אַ נאַר איז אַ נאַווי, און וויבאַלד אַזוי, זײַנען זײַנע נעוועס נאַרישע".

די כסידים האָבן זיך געשראָקן פאַר נאַפּאָלעאָנס יעדן נײַעם ניצאָכן — עפּעס זעט מען ניט, אַז רעב שנייער־זאַלמענס נעוווע זאָל מעקויעם ווערן. די געטרײַסטע כאַבאַדניקעס האָבן זיך און אַלע איבעריקע אַרום געטרייסט מיטן רעבנס ווײַטן קוק: יאָ מעקויעם געוואָרן, ניט מעקויעם געוואָרן, דעריקער איז דער קוק, סאַראַ ווײַטן קוק דער רעבע פאַרמאָגט!

די מילכאָמע, וועלכע האָט געשפּאַנט ערגעץ ווײַט פון די רוסישע גרענעצן, האָט אין 1812 אויסגעבראָכן אַף דער רוסישער ערד, זי איז געקומען מיט שווערד און מיט פײַער אויספּרוּוון יעדן איינעם.

שנייער־זאַלמען גורט אָן זײַנע שוואַכע אַלטע לענדן און שטעלט זיך אַף דער זײַט פון דער רוסישער אַרמיי, אַף דער זײַט פון דעם אופשטייענדיקן רוסישן פאָלק, ער ווענדט זיך צו די וואַקלענדיקע ראַבאָנים און פרעגט בײַ זיי: מיט וועמען זײַנט איר, מיט אונדז צי מיט אונדזערע סאָנים? איך שטרעק אײַך אויס מײַן האַנט, און לאָמיר צוזאַמען געהייליקט ווערן דורך דער הייליקײַט פון דער גערעכטער מילכאָמע.

שנייער־זאַלמען לאָזט ניט צורו איינעם פון זײַנע נאָענטסטע פרײַנט — דעם ראָוו רעב מוישע מײַזלש פון ווילנע, וועלכער איז בויטע צו נאַפּאָלעאָנען און באַקומט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אָנהענגער. אין אַ ריי בריוו בעט ער זיך בײַ אים אָפּקערן פונעם שלעכטן וועג — נאַפּאָלעאָן איז אין קיין פאַל ניט קיין שטראַל פון דער זון, דער גלאַנץ פון גאָלד. ער איז ניט מער ווי דער בליאַסק פון אַ מעשענעם קנעפּל. שנייער־זאַלמען טיילט מיט זײַן פרײַנט מוישע מײַזלש די זאָרגן, וואָס אים איז געגעבן געוואָרן צו זען פון אויבן אין דעם ערשטן טאָג ראָשעשאָנע פאַר מוסעף. יעדע זאָרג האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַן אָנזאָג — ניט פאַראַטן די רוסישע ערד, בלײַבן איר געטרײַ, ווי געטרײַ ס'איז אַ קינד זײַן מוטער. מעגלעך, אַז אַף אָפּצונאַרן און אַרײַנאַרן וועט אונטער נאַפּאָלעאָנס מעמשאָלע ייִדן ווערן אַף אַ ווײַלע לײַכטער, נאָר די ווײַלע וועט קאָסטן זייער טײַער. עס וועט זיך באַקומען קושנדיקערהייט אַרויסגענומען די נעשאָמע.

שנייער־זאַלמען ווענדט זיך אַלע טאָג מיט אַ נײַעם קוילקוירע צו די כאַבאַדניקעס און צו די מיסנאַגדים באַגלײַך. איצט איז ניט קיין צײַט פון קריג און וויקוכים צווישן זיך, שאָלעם דאַרף הערשן צווישן אונדז, מיט שאָלעם וועלן מיר קאָנען אַרײַנפליסן, ווי אַ שטראָמיקער טײַך אין יאַם פון דעם אופשטייענדיקן רוסישן פאָלק.

שנייער־זאַלמען באַשווערט הימל און ערד, אַז זײַנע קוילקוירעס, זײַנע אופרופן זאָלן ניט זײַן קיין קול קורא במדבר[1] — אַ קאָל, וואָס רופט אין מידבאַר און ווערט פאַרלוירן אָן דעם מינדסטן אָפּהילך.

נעמט אויף, איר, הימלען, וואָס איך וועל ריידן, און זאָל די ערד הערן די זאָגעכצן פון מײַן מויל.

אַפן נאָענטן מיזרעך, אַף דער ערד פון מיצראַיִם, האָט נאַפּאָלעאָן מאַוטיִעך געווען, אַז ער וועט די ייִדן אַרויספירן פון אַלע מיצראַיִמס און בעקאָוועד גאָדל מיט שויפערס, מיט פײַפלען און טראָמפּייטן באַגלייטן און ברענגען זיי אַהין, פונוואַנען זיי זײַנען פאַרטריבן געוואָרן. זייער כאַרעווע אַלטע היים וועט ווערן די שענסטע היים אַפן נאָענטן מיזרעך, דער כאַרעוו געוואָרענער בייסהאַמיקדעש וועט אופשײַנען מיט אַלע זײַנע שיינקײַטן, מיט דער גאַנצער פּראַכט, און פון גאָר דער וועלט וועט מען אוילערעגל זײַן צו אים. האָט אים גאָט אַליין געזאָגט: מי שמך[2] — ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַזאַ מאַכער. דו ביסט דאָך אַ פאַרכאַפער, און קיין פאַרכאַפער קאָן קיין אויסלייזער ניט זײַן.

דער עמעסער אויסלייזער פון די ייִדן וועט זײַן מאָשיִעך בען דאָוויד, אַף אים קוקן די ייִדן אַרויס, פאַר אים טוען זיי טפילע, און וועגן אים זאָגן זיי אין זייערע אַנימײַמינס: און כאָטש ער פאַרזאַמט זיך, וואַרטן מיר אַף אים פון טאָג צו טאָג.

און וואָס האָט זיך טאַקע באַקומען? עס האָט זיך באַקומען דאָס, וואָס עס באַקומט זיך פון

[1] קויל קוירע באַמידבער.

[2] מי סאַמכאַ.

יעדער פאלשער נעוווע, פון יעדער פאלשער האוואָכע. קארג צאָרעס האָבן מיר געהאַט פון די אייגענע פאלשע מאַשיִעכס, איז אָט נאָ דיר א פראנצויזישער מאַשיִעך, א נאַפּאָלעאָן ימח שמו וזכרו[1] — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זײַן נאָמען און זײַן געדעכעניש.

ס׳איז דאָך הימלשרײַענדיק — נאַפּאָלעאָן אליין האָט צוגעזאָגט די ייִדן אלע „פרײַהײַטן" אין גאָלעס און זיי אומקערן צו זייער היים, אָבער ס׳איז גענוג געווען די קלענסטע מעסירע אף ייִדן, אז ער זאָל גלײַך נעמען שעלטן און דראָען, פונקט דאָס פארקערטע, ווי בא בילאָמען. דער „גרויסער פרײַנט" נאַפּאָלעאָן טרעט ארויס מיט סוינע־ייִסראָעלדיקע אונטערהעצנדיקע רעדעס און גיט ארויס א ריי באַגרענעצונגס־געזעצן. זאָל דער סאַנהעדרען שעל מײַלאָ מיש־פּעטן נאַפּאָלעאָנען פאר זײַן סאַנהעדרען שעל מאַטאָ, וואָס ער האָט געשאַפן אין סאַמע פּאריזש, ווײַל דאָס איז געווען א סאַנהעדרען ניט פארן פאָלק, נאָר קעגן פאָלק, קעגן זײַנע מישפּאָטים, געזעצן און מינהאָגים. לאָזט זיך ניט אײַנריידן פון נאַפּאָלעאָנס אָנהענגער, וועלכע געפינען זיך אין מיכוץ לאָארעץ און אזוי אויך אין רוסלאנד.

לאָזט זיך ניט פארפירן, טײַערע ברידער מײַנע!

קיין פּאָוועסטקעס וועט איר ניט באַקומען, ווײַל קיינער פון אײַך האָט ניט געדינט און דינט ניט אין דער ארמיי, און דאָס איז איצט לעטויווע[2]. פּאָדערט און מעלדעט זיך אין ארמיי פרײַער פון די, וועלכע באַקומען „פּאָוועסטקעס", באַווײַזט, אז איר טוט עס פון ליבע און גע־טרײַשאַפט און ניט פון מוירע פאר דעם דראָענדיקן באַפעל. די העכסטע קאַבאָלע בא הײַנטיקן טאָג איז מעקאַבל בעאַהאווע זײַן דעם שווערן גוירל פון אלע די, וואָס באַווינען די רוסישע ערד. איצט איז די גרעסטע כאָכמע, דער גרעסטער פארשטאַנד, דער טיפסטער וויסן בײַקומען דעם סוינע.

ווען די טוירע האָט אראָפּגענידערט פונעם הימל אף דער ערד, זאָגן אונדזערע כאַכאָמים, איז א שווערד געווען אײַנגעוויקלט אין איר — אָן אָנצוהערעניש, אז צו יעדער שאָ, צו יעדער רעגע פון סאַקאָנע זאָל מען זי קאָנען באַשיצן. באַווײַזט זשע איצט אײַער ליבע צו דער טוירע, צו דער ערד, אף וועלכער די טוירע האָט זיך אנטפּלעקט פאר אײַך, צו דער ערד, וואָס האָט מיט אירע זאַפטן אײַך גענערט, און מיט אירע ראַכוועסן אײַער אָטעם פאר־ברייטערט און פארטיפערט.

ווײַזט ארויס אײַער ליבע צו דער ערד, פאר וועלכער איר האָט דעם באַשעפער מיט אזוי־פיל היספּײַלעסדיקע בראָכעס געדאַנקט פאר יעדן ביסן ברויט, פאר יעדן טרונק וואַסער, פאר יעדן געוויקס, פאר יעדער פּיירע, פאר יעדן ביסל ווײַן, וואָס האָט געמאַכט דערפרייען אײַערע הערצער.

גייט פרײַוויליק אין דער רוסישער ארמיי, שאַפט פרײַוויליקע מיליטערישע אויסשפּיר־גרופּעס, און ווי נאָר א סאַקאָנע, זאָלט איר דאָרט זײַן די ערשטע.

מיט דער זעלבער היסלײַוועס, וואָס איר האָט געהערט מײַן טוירע, געזונגען מײַן ניגן, זאָלט איר אויסהערן יעדן באַפעל, יעדער מיליטערישע קאָמאַנדע.

רופן יענעם, הייסט פריִער פאר אלץ זיך אליין אָפּרופן אפן אייגענעם רוף, און שנייער־זאַלמען באַשטימט פעסט פארלאָזן דאָס אײַנגעזעסענע אָרט אף דער ליאַדיער ערד, צוזאַמען מיט זײַן הויזגעזינד זיך פאַרייניקן מיט די רוסישע כאַיאָלעס און אָפּריכטן גאָלעס.

שנייער־זאַלמען געזעגנט זיך מיט ליאַדי, מיט יעדער שטוב, מיט יעדן פעלד, מיט יעדן בוים, מיט יעדן שטיק הימל, ער געזעגנט זיך מיט אלע פייגלען, וועמענס שירע ער האָט גע־הערט זינגען, מיט אלע קאַיאָרן, מיט אלע זונען־אויפגאַנגען און שקיִעס, מיט דער לעוואָנע, וועלכע ער האָט יעדן כוידעש מעכאַדעש געווען, מיט יעדן שטערן באַזונדער, וואָס האָט צו אים געוווּנקען, ווי דער בליק פון א סאַמע נאָענטן און טײַערן.

פון אלע פיר זײַטן פון ליאַדי שיט ער אָן צוביסלעך ערד אין א זעקעלע, דאָס דריטע זעקעלע נאָך ליִאָזנער און נאָך מאָהיליאָווער. דרײַ זעקעלעך פון איין ערד און פון פארשיי־דענע קאַנטן וועלן מיט אים מיטזײַן אין זײַן מילכאָמע־גאָלעס.

---

[1] יימאַך שמוי וועזיכרוי.

[2] ביזן 1827 האָט מען קיין ייִדן ניט גענומען אין דער רוסישער ארמיי. די קעהילעס האָבן פאר דער באַשטימטער צאָל רעקרוטן, וואָס עס איז אויסגעפאלן אף זיי, געצאָלט אויסלייז־געלט. דאָס, וואָס ייִדן האָבן אופגענומען אלס ביטערע גזיירע, אלס גרעסטע בייז, האָט ניט איין סוינע אויסגעטײַטשט אלס „פּריווילעגיע". די ייִדן האָבן טאַקע ניט פארדינט, מ׳זאָל זיי טרויען, נאָר אין דער ארמיי דאַרף מען זיי נעמען. אויב זיי טויגן ניט פאר סאָלדאַטן, וועלן זיי קאָנען צוניץ קומען אלס טרעגער, אָנטרײַבער, דענשטשיקעס, קורירן, האָלצהעקער און וואַסערפירער.

3*

ליאַדי! ליאַדי! און די ליפּן שעפּטשען לידי[1] — צו מײַן האַנט, ללבבי[2] — צו מײַן האַרץ! ליאַדי! ליאַדי! איבּ איך וועל דיר פאַרגעסן, זאָל פאַרגעסן ווערן מײַן רעכטע האַנט, זאָל איך ניט הייסן שנייער־זאַלמען.

ליאַדי! ליאַדי! ווי שיין דו ביסט באַם געזעגענען זיך! ווי שיין דו ביסט באַם לעצטן בליק! איך האָב עס ביז אַהער גאַרניט באַמערקט, ווען דו האָסט מיר אַלע שיינקייטן געטראָגן אַנט־קעגן.

שנייער־זאַלמען קאָן ניט גויוער זײַן דאָס פּולע האַרץ, דאָס איבערגעפּולטע אויג, און ער וויינט. ער וויינט, ווי ער זאָל בוילעט זען, ווי ליאַדי ווערט פאַרברענט פון די פראַנצויזן, אַז קיין זייכער בלײַבט פון איר ניט. עס וועט אויסגעבויט ווערן אַ נײַע ליאַדי, אָבער דאָס אַלטע, אַזאַ, ווי ער זעט זי איצט, וועט שוין קיינמאָל ניט זײַן!..

די נאַפּאָלעאָנאָוצעס, די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז נאַפּאָלעאָן איז אַ גרויס גליק פאַר ייִדן, האָבן בעשׂום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם רעבנס רוף צו פאַרלאָזן די היים און זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן. ווער ס׳זאָל ניט הערשן, בלײַבט די ערד די זעלבע ערד, בלײַבן די הימלען די זעלבע הימלען.

— ניין! — האָט שנייער־זאַלמען דערוווידערט, — עס וועט זיך אַלץ ענדערן, די פראַנצויזן וועלן מעטאַמע מאַכן די רוסישע ערד, זיי וועלן מעטאַמע זײַן יעדנס נעשאָמע.

— און ווי־אַזוי האָט איר אויסגעהאַלטן פון דער אַכזאָריעסדיקער רוסישער מעמשאָלע, וואָס האָט אײַך אַזויפיל בייז געטאָן — צוויי מאָל איך פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג אײַך אַרײַנ־געזעצט ווי אַ פאַרברעכער, ווי אַ מוירעד?

— פאַרפלאָנטערט ניט די יאָצרעס, — איז שנייער־זאַלמען פעסט געבליבן באַ זײַנס, — מישט ניט צונויף די רוסישע מעמשאָלע מיט דער רוסישער ערד, מיטן רוסישן פאָלק. יעדער הערשער, ווי פעסט און אַכזאָריעסדיק ער זאָל ניט זײַן, איז דאָך פאָרט ניט מער ווי אַ באַ־סאַרוודאָם, וועלכער איז ניט מער ווי אַ דורכלויפנדיקער שאָטן, ווי אַ שפּויככאַכמאַסקאַ־וואָלקן, וואָס רעגנט אויס זײַן צאָרן און ווערט ווי אַ ווינט, וואָס ווייעט אויס זײַן געוווי — און אויס, אַזוי ווי גאַרניט געווען אויף דער וועלט. די ערד אָבער איז אײביק, און ווער עס איז געבוירן געוואָרן אויף איר, איז פאַרקניפּט און צוגעבונדן צו איר, ווי אַ קינד צו זײַן מוטער.

— עס לייגט זיך ניט אויפן סייכל, — האָבן דערווידערט די נאַפּאָלעאָנאָוצעס, — באַ אַוורום אָווינו איז דער לעכלעכאַ געווען אַ געצוווּנגענע זאַך — גאָט האָט אים געהייסן פאַרלאָזן די ערד, אויף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, און גיין אינעם לאַנד, וועלכן ער וועט אים ווײַזן. מיר פאַרשטייען די גיירושים, ווען ייִדן זײַנען אין פאַרשיידענע צײַטן געצוווּנגענערהייט פאַר־טריבן געוואָרן פון דעם אָדער יענעם לאַנד, אָבער אײַער לעכלעכאַ איז דאָך אַ פרײַוויליקער!

— יאָ, יאָ, אַ פרײַוויליקער, — איז שנייער־זאַלמען מאַסקים געווען, — פרײַוויליקײַט, זאָלט איר וויסן, קומט שטענדיק פון טיפער ליבע און איז שטענדיק פרײַ פון יעדער מוירע, פון יעדער האַכנאָע אויסצופילן די אָדער יענע גזיירע, דעם אָדער יענעם באַפעל, דערבײַ פאַרגעסט איר, אַז מײַן לעכלעכאַ הייסט זיך ניט אויסוואָרצלען פון מײַן ערד, פאַרקערט, דאָס באַווײַזט, אַז איך פאַרלאַנג, מײַנע וואָרצלען זאָלן טיפער אין איר שלאָגן. איך פאָר צײַטווײַליק אַוועק אַהין, פונוואַנען עס וועט זיך אָנהייבן און פונוואַנען עס וועט קומען די יעשועס, דער ניצאָכן. ווי נאָר אָט די ערד, וועלכע איך פאַרלאָז, וועט אָפּגערייניקט ווערן פון דער פראַנצויזישער אומריינקײַט, וועל איך זיך אומקערן אויף צוריק. די טפילע פון אַלע מײַנע טפילעס וועט זײַן די „האַשיוויינו״־טפילע — „קער אונדז אום, גאָט, צו דיר, און מיר וועלן זיך אומקערן, באַנײַ אונדזערע טעג, ווי פריִער״.

שנייער־זאַלמענס וויקוכים און קוילקוירעס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, זיי זײַ־נען איבערגעשריבן געוואָרן, געגאַנגען פון האַנט צו האַנט — פון כסידים צו מיסנאַגדים און פון מיסנאַגדים צו כסידים, זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש און דערגאַנגען צו די העכסטע מיליטערלײַט.

די מיסנאַגדים זײַנען זיכער געווען, אַז ווען דער ווילנער גאָאָן וואָלט געלעבט, וואָלט ער מיט שנייער־זאַלמענען געזעסן באַ איין טיש, וואָלט ער מאַסקים געווען מיט אַלע זײַנע גע־דאַנקען און וואָלט אין די קוילקוירעס צוגעגאָסן בוימל אין פײַער. די כסידים האָבן אין דעם ניט געצווייפלט.

אין יענער צײַט איז ניט געווען אונטערצושיידן פון אַ כסידישער און מיסנאַגדישער קעַ־הילע, אַלע זײַנען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שוץ־פונקטן, אין אייגנאַרטיקע געהיימע שטאָבן.

[1] לעיאַדי.

[2] לילוואָווי.

ווי נאָר א כעוורע, איז עס געוואָרן א מילכאָמע־כעוורע. די כעוורע מאַלביש־ארומים האָט זיך געסטאַרעט צושטעלן די סאָלדאַטן און די פּאַרטיזאַנער וואָס מער וואַליקעס, וואַלנע שקאַרפּעטקעס און הענטשקעס.

די כעוורע עזראַס־כוילים האָט אין די שפּיטאָלן צוגעשטעלט פאַרשיידענע אײַנגעמאַכטסן, נאַליווקעס אף אײַנצוהאַלטן די מאָגנס און דערקוויקן די הערצער.

די כעוורע האַכנאָסעס־קאַלע האָט געזאָרגט פאַר די רוסישע באָכערים אף די שלאַכטפעלדער און פאַר זיי אָפּגעשיקט דעם אָנגעזאַמלטן נאַדן פאַר אָרעמע מיידלעך.

די כעוורע־טילים, כעוורע־מישנאַיעס און כעוורע־אײַ־עני־אַנקעוו זײַנען פון די שולן און באָטעמעדראָשים ניט ארויס, זיי האָבן טאַנייסים דערקלערט און געהאַלטן אין איין אויסבעטן א ניצאָכן פאַר דער רוסישער אַרמיי.

די כעוורע פון אַלע כעוורעס, — קלינגט אָפּ וועלוועלעס שטים, ווי באַם דערגיין צום סאַמעשענסטן און צום סאַמע רירנדיקסטן אָרט אין א געזאַנג פון זײַנע געזאַנגען, — איז געווען די נײַע כעוורע, די כעוורע אויסשפּירער, וועלכע האָבן פרײַוויליק אויסגעפילט די געפערלעכסטע שליכעסן. א טייל פון זיי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצייכנט אין 1910, ווען די מילכאָמע צווישן רוסלאַנד און פראַנקרײַך איז געהאַנגען אינדערלופטן, ווען פון אומעטום האָט זיך געטראָגן דער רייעך פון פּולווער.

ביז גאָר וויכטיק זײַנען דאַן געווען די נייטיקע פּאָליטישע און מיליטערישע יעדיִעס וועגן די לענדער, וואָס גרענעצן זיך מיט רוסלאַנד.

דער ביאַליסטאָקער פּאָלקאָווניק טורסקי טיילט מיט דעם מיליטער־מיניסטער מ. ב. באַרקלײַ דע טאָלי מיט א באַזונדער באַגײַסטערונג, אז ער שטעלט זיך גאָרניט פּאַר זײַן גהעיים־אַרבעט אָן דער מיטהילף פון די ייִדישע אויסשפּירער: פון גרענעץ צו גרענעץ, פון געפאַר צו געפאַר גייען זיי איבער, ווי פון צימער צו צימער. וועגן זעליק פערסיץ און זכריה פרידנטאַל קאָן מען דערציילן צענדליקער פאַרכאַפּנדיקע געשיכטעס, און וועגן הערש אלפערנס אופטועָן קאָן מען און מע דאַרף ביכער שרײַבן.

אין 1911 ווערט הירש אלפערן געשיקט קיין פּוילן. די צוויי וואָכן טפיסע האָבן אים ניט איבערגעשראָקן, נאָר פאַרקערט — נאָך מער פאַרפעסטיקט, נאָך מער אקשאָנעסדיקער געמאַכט. מע שפּירט אים נאָך אף טריט און שריט, אָבער ער טוט זיך זײַנס און פאַרלאָזט וואַרשע בלויז דאַן, ווען ער פילט אויס און שטײַגט איבער אַלע געהיימע פאַרגעבונגען. אלפערן ווערט ארויסגערופן צום מיליטער־מיניסטער, אַלעמען איז טשיקאַווע געווען אָנצוקוקן דעם דרייסטן און געוואַגטן ייִדן, וועלכער איבעראַשט מיט זײַן מעסירעסנעפעש, מיט זײַנע אײַנפאַלן, באַוואָרענישן, פאַרשטעלענישן און אײַנשטעלענישן, מיט זײַן ווירטואָזער בעריעשאַפט ארויסבאַקומען יעדיִעס פון אַזעלכע ערטער, וווּ דער טײַוול אַליין וואָלט ניט געקאָנט אָנשפּאַרן און זיך דורכרײַסן.

אין א בריוו פאַרן דריטן אָקטיאַבער 1811 שרײַבט דער מיליטער־מיניסטער אלפערנען, אז ער האָט וועגן זײַנע העלדישע מײַסים צו וויסן געגעבן זײַן מאַיעסטעט, דעם אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, און אויך ער האָט זיך ניט געקאָנט אָנכידעשן און אָפּלויבן: „ער האָט מיך געבעטן אײַך איבערגעבן זײַן גרוס, זײַן דאַנק און זײַן באַלוינונגס־מאַטאָנע — א גאָלדענעם רינג. איך טו עס פון פולן הארצן און וויל האָפן, אז אויך אף ווײַטער וועט איר מיט אײַער געטרײַשאַפט, קלוגשאַפט און גאָטסגעבענטשטער געשיקטקײַט איבעראַשן דעם קייסער, מיך, אַלע גענעראַלן, יעדן סאָלדאַט, יעדן איינעם, וועמען עס איז ליב און טײַער די רוסישע ערד".

דער זייגער האָט געקלונגען איינס. די, וועלכע האָבן זיך גלײַך נאָך דער ערשטער שאַבעסדיקער סודע געלייגט שלאָפן, קערן זיך איבער מיט א האַלב־כראָפּענדיקן קרעכץ אף דער צווייטער זײַט — ווי ווײַט ס'איז נאָך צו טאָג! סאַראַ לאַנגע נאַכט. און די וואַכנדיקע, בא אַזריעל דעם קלעזמער אין שטוב, קלאָגן זיך: ערשט געקומען, און ס'איז שוין איינס באַנאַכט. מע וועט זיך ניט באַווײַזן אַרומקוקן, און די זון וועט אופגיין.

די ברענענדיקע ליכט און די לאָמפּן זאָגן צו, אז קיין איין קנויט וועט ניט פאַרלאָשן ווערן, ביז עס וועט נעמען שאַרִיען אף טאָג. וועלוועלעס שטים ווערט ליכטיקער, די קעהילעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מיטהעלפן דער רוסישער אַרמיי, האָבן בא וועלוועלען קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט, ווי די קעהילוס האַקדוישויס — די הייליקע קעהילעס.

א קעהילע נאָך א קעהילע — די פּאָלאָצקער קעהילע, די וויטעבסקער קעהילע, די מינסקער קעהילע, די גראָדנער קעהילע, די ווילנער קעהילע.

וועגן יעדער קעהילע א באַזונדערער ראַפּאָרט, א באַזונדערע געשיכטע. אין יעדן ראַפּאָרט רופט אָן יעדער גענעראַל די אָדער יענע קעהילע — מײַן קעהילע!

— האָט איר געהערט וועגן מײַן קעהילע?

— דאָס, וואָס איך האָב געזען פון מײַן קעהילע, דאַרף איך שוין גאָרניט הערן.

און עס גייט אוועק א רייד וועגן מײַסים, א פאַרמעסט פון מײַסים — וועלכע מײַסים פון דער אָדער יענער קעהילע וועלן איבערוועגן.

וועלוועלעס פינגער בלעטערן אינדערלופטן פּינקייסים און ראַפאַרטן, און מיכקע הערט דעם געפלאַטער פון די בלעטער, הערט יעדן שוואָך, זעט יעדע שורע, יעדעס וואָרט, יעדן אָס און כאַפּט אויף דעם קלאַנג פון יעדן נאָמען.

יודל בען שמועל, זכאַריע בען נאַפטאָלע, מייער מאַרקאָווסקי, הערש גאָרדאָן, לייב מעדוועדעוו, יודל בערקאָוויטש — דער שטאָלץ פון זייער קעהילע.

און גלײַך א צווייטער שטאָלץ, א דריטער און א פערטער שטאָלץ.

אין זײַנע ראַפאָרטן דעם מיליטער־מיניסטער פאַרן 2־טן און 6־טן יון 1812 טיילט מיט דער גענעראַל־לייטענאַנט באַגראַטיאָן וועגן די העלדישע טאַטן פון מאָושע דאַווידאָוויטש, יאַנקעוו יאָסעלעוויטש, איסאַק אידעלסאָן, לעווין, העלקאָוויטש, דאָוויד וואַלאַך און דאָוויד באָרוכאָוויטש.

וועלוועלע רעדט מיט א באַזונדערן שטאָלץ וועגן די מעסירעסנעפעשדיקע יידן, וועמענס נעמען ס'זײַנען פאַרבליבן אומבאַוווּסט: אין אַלע ראַפאָרטן, אין אַלע שטאַב־אַרכיוון הייסן זיי מיט איינעם און דעם זעלבן נאָמען — ייִד.

איינער א „ייִד", איינער א „ייִד", איינער א „ייִד", — דערמאָנען זיך און דערציילן די גענעראַלן, אַז דער „איינער", וועגן וועלכן ער וויסט, האָט אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס עס איז נאָר צום באַוווּנדערן.

„איינער א ייִד", און ווידעראַמאָל „איינער א ייִד".

„אין באָריסאָוו, — דערציילט דער גענעראַל א. פּ. לאַנדזשעראָן, — האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז איינער א ייִד האָט מיר איבערצוגעבן עפּעס בעסאָד־סוידעס. איך האָב אים א רוף געטאָן צו זיך, האָט ער מיך גלײַך געפרעגט, צי בין איך דער אַדמיראַל טשיטשאַגאָוו? ווען איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב ניט די ערע צו זײַן דער אַדמיראַל, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ייִד איז זייער אומעטיק געוואָרן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט איבערצוגעבן טשיטשאַגאָוון זייער ווילכטיקע זאַכן, וועלכע קאָנען ניט אָפּגעלייגט ווערן. דאַן האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין אין דער אַרמיי (דונײַ־שער) דער צווייטער גענעראַל, אַז דער אַדמיראַל איז ווײַט פונדאַנען, אַז ער קאָן פרײַ מיר פאַרטרויען דעם סאָד. דער ייִד איז מאַסקים געווען, האָט אויפגעהויבן די פאָלע פון זײַן פאַרבלאָטיקטן בעגעד און אַרויסגעשלעפּט פונעם אונטערשלאַק א פאַפּיר און מיר איבערגעגעבן".

די יעדיעס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זײַנען געווען ביז גאָר ווילכטיקע. דער מידער ייִד, וועלכער האָט אַזוי געוואָגט זיך דורכגעריסן אַזויפיל געפאַרן, האָט זיך גלײַך געלאָזט נײַע געפאַרן אַנטקעגן אַף אָפּטראָגן דעם גענעראַל לאַנדזשעראָנס געהיימען ענטפער. אויך דער צוריקוועגס האָט אָפּגעגאָלטן, און דער מידער ייִד האָט דעם ענטפער צוגעשטעלט צו דער באַשטימטער צײַט.

דער פאַרטיזאַנישער אָנפירער סעסלאַווין איז מיט זײַן פאַרטיזאַנישן אָטריאַד פּלוצעם אָנגעפאַלן אַף אָשמיאַני, ווו עס האָט, לויט די יעדיעס פון איינעם אַן אָשמיאַנער ייִדן, צו יענער צײַט זיך געפונען נאַפּאָלעאָן אַליין ביכוווידו אוועצמוי. דער ייִד האָט דורכגעפירט דעם אָטריאַד דורך דער זײַט פון דער מיל איבער א שמאָלן וועג, וועלכער איז באַשאָטן געווען מיט א טיפן שניי.

נאַפּאָלעאָן האָט צוליב זיכערקײַט וועגן עטלעכע מאָל געהיים געביטן די דירעס אין אָשמיאַני. סעסלאַווין איז זיכער געווען, אַז נאַפּאָלעאָן געפינט זיך אין דער שענסטער שטוב פון שטאָט, און ער האָט זי גענומען באַשיסן פון אַלע זײַטן. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך דאַן געפונען אין דער צווייטער עק שטאָט אין א קליין שטיבל, וואָס האָט ניט געקאָנט אַרויסרופן דעם מינדסטן פאַרדאַכט.

סעסלאַווינס פאַרטיזאַנער האָבן צעשמעטערט און פאַרניכטעט די פראַנצויזישע מיליטער־טייל, וואָס האָט געהאַט דעם קאָווער און דאָס גליק אומעטום צו באַגלייטן און היטן זייער אימפּעראַטאָר.

אין דעם גערודער און פּאַניק האָט נאַפּאָלעאָן אַלפי־נעס זיך געראַטעוועט און איז אַנטלאָפן מיטן קאָנווי פון זײַן גוואַרדיע קיין ווילנע, פון ווילנע האָט ער זיך אָפּגעטראָגן קיין אויסלאַנד.

וועלוועלע נעמט זיך שטאַרק איבער מיט די ייִדישע אויספירער, וועלכע האָבן זיך מויסערנעפעש געווען און ניט פאַרלאַנגט קיין געצאָלטס דערפאַר.

דער גענעראַל מילאָראַדאָוויטש איז געווען מער ווי פאַרוווּנדערט, ווען דער ייִדישער אויסשפּירער, וועלכער האָט אַרויסבאַקומען פאַר אים זייער וויכטיקע ידיעות, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער מין באַלוינונג.

איצט, האָט געזאָגט דער ייִד, ווען דאָס לאַנד איז אין געפאַר, דאַרף אַלץ געטאָן ווערן אין נאָמען פון ליבע און כּיווּד, און אין קיין פאַל ניט פאַר באַלוינונג. זיך מויסערנעפּעש זײַן פאַר געלט איז מיִעס, און זיך מויסערנעפּעש זײַן פאַרן לאַנד איז שיין, איז די העכסטע מאַדרייגע, בעט ער זײַן מאַיעסטעט, ער זאָל אים ניט דערנידעריקן פון דעם העכסטן שטאַפּל אַראָפּ ביז צום סאַמע נידעריקסטן.

אַ העלד נאָך אַ העלד, אַ קעהילע נאָך אַ קעהילע, און וועלוועלע מישט אויף אַ נײַ בלעטל וועגן דער „ייִדישער פּאָטשט".

איצט איז די „ייִדישע פּאָטשט" צו כּויזעק און צו שפּאָט. גיט איבער אַ ייִד אַ ייִדן אין עטלעכע טעג אַרום אַ וויכטיק צעטעלע, וואָס האָט דרינגענדיק געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן אין דעם זעלבן טאָג, וווּנדערט מען זיך ניט: וואָס ווילט איר, ס'איז דאָך אַ ייִדישע פּאָטשט!

און האָט פאַרזאַמט אַ בריוו אָף אַ כּוידעש, פּלעגט מען זאָגן: ס'איז נאָך מיט כּעסעד, די „ייִדישע פּאָטשט" האָט דאָך געקאָנט פאַרשפּעטיקן אויך אָף צוויי און אויך אָף דרײַ כאָדאָשים.

לייצים האָבן געלעצעוועט, אַז ווען טאַטע־מאַמע וועלן דורך דער „ייִדישער פּאָטשט" באַקומען אַ בריוו, זיי זאָלן קומען אָף זייער זונס כאַסענע, וועלן זיי דעם בריוו באַקומען פּונקט צו זייער אייניקלס בריס. און איבער איר טאַקע, איבער דער „ייִדישער פּאָטשט", קומט ניט מאַשעך, ווײַל ער קאָן קומען הײַנט, און מ'זאָל זיך דערוויסן ערשט אין אַ יאָר אַרום. אָבער דאַן, אין 1812, האָט די „ייִדישע פּאָטשט" דער פלינקסטער רײַטער ניט געקאָנט איבעריאָגן, זי האָט געהייסן ניט אַנדערש ווי די אַכאַשטראָנעם־פּאָטשט, די פּאָטשט פון די פלינקע, וואָס קומט שטענדיק אָן אַ סאַך פריִער, איידער מ'האָט געוואַרט אָף איר.

די „ייִדישע פּאָטשט", ווי באַוווּסט, איז אויפגעקומען אַדאַנק דעם, וואָס די מעלוכע־פּאָטשט האָט געאַרבעט שלעכט, ביז גאָר לאַנגזאַם, האָט מען געהאַלטן אין איין פאַרשפּעטיקן.

די ייִדישע סאָכרים אָפּן מײַרעוו זײַנען געצוווּנגען געווען שאַפן אַ פּריוואַטע „אייגענע פּאָטשט", וועלכע האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט די ייִדישע סאָכרים צו פירן אַ מער רעגולערן, גיכערן און זיכערן בריוו־אויסטויש צווישן פאַרשיידענע שטעט און קאַנטן. די קרעטשמעס האָבן געדינט אַלס פּאָטשט־סטאַנציעס, יעדער אַזאַ פּאָטשט־סטאַנציע האָט פאַרמאָגט די ניטיקע צאָל פערד און שליכים — רײַטער, וועלכע האָבן דרינגענדיק פאַנאַנדערגעפירט די בריוו אין די טיפסטע עקן און אין די סאַמע פאַרוואָרפענע ווינקלען.

אַזאַ פּאָטשט איז פאַר דער רוסישער אַרמיי געווען מער ווי געוווּנטשן. די „ייִדישע פּאָטשט" האָט באַרעכטיקט דעם צוטרוי צו איר און אַרײַנגעשריבן אַ סאַך רומפולע בלעטלעך וועגן דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער מילכאָמע.

ס'איז שוין שפּעט באַנאַכט. אָף כאַסענעס זײַנען שוין אין דער צײַט די מעכוטאָנים נאָך אַרבאַ קויסעס, מע טאַנצט, פאַלנדיק פון די פיס, מע זינגט ווער אין ליסי און ווער אין סטריסי. און פון וועלוועלען רײַסט זיך פּלוצעם אַרויס דאָס קאָל פון סאָסן וועסימכע, דאָס קאָל פון כאָסן און קאַלע, דאָס קאָל, וואָס ווערט באַגלייט מיט קלעזמער־קלאַנגען און באַשײַנט מיט דער שײַן פון צענדליקער אָנגעצונדענע ליכט.

וועלוועלעס פּלאַטערנדיקע הענט איבערבריײט זײַנען, גלײַך ווי זיי זאָלן געבן אַ צי אַרויף אַ פּליושן דעכל פון אויבן און די צוויי מאָל זיך אויפהייבנדיקע הענט זאָלן פאַנאַנדערשטעלן פיר שטאַנגען — אַ כופּע, אַ כופּע בלויז פאַר אַ כאָסן, פאַר אַ כאָסן אָן אַ קאַלע.

„אַהאַריי אַט" אָן אַ גאָלדענעם רינג! האַריי אַט! און פון אַלע זײַטן: — שאַט! שאַט! און נאָך וועלוועלעס קאָל — אַ קאָל נאָך אַ קאָל:

— מאַזלטאָוו!

— מיט מאַזל זאָלט איר לעבן!

— אין אַ גוטער שאָ!

— אין אַ מאַזלדיקער שאָ!

— מאַזלטאָוו!

— מאַזלטאָוו!

אַלע גראָדנער ייִדן געהערן בלויז צו כאָסנס־צאַד, יעדער איינער בלאָזט זיך פאַר זיך, פאַר אַ צווייטן צאַד איז זיך ניטאָ וואָס צו בלאָזן.

מיט אַ וויוואַט־יאַמויד שטעלט וועלוועלע פאָר דעם כאָסן דעניס דאַווידאָוון, וועלכער האָט באַפרײַט גראָדנע פון די פראַנצויזן.

דער כאָסן איז שטאַרק פאַרוואַקסן, אַ געדיכטע שוואַרצע ניט געקעכלטע באָרד מאַכט

אים א סאך עלטער, ווי א כאַסן דאַרף אויסזען. די אויגן רויט פון לאַנגע נעכט וואך זײַן, פון לאַנגע טעג זיצן אין זאַל און בענקען נאָך א בעט אף זיך אויסציִען אין דער לענג, אף זיך איבערקערן פון איין זײַט אף דער צווייטער און שלאָפן, שלאָפן אַזוי, אַז ווען מ'זאָל אפילע שיסן מיט האַרמאַטן נאָענט לעבן זײַן בעט, זאָל מען אים ניט קאָנען אופוועקן.

וועלוועלע מאָלט אָפּ די גראָדנער ייִדן, וועלכע מײַדן אויס זיך באַגעגענען מיט דער איקאָנע פון ניקאָלײַ טשודאָטוואָרעץ, וואָס באַצירט דעניס דאַווידאָווס ברוסט. זייערע בליקן שטײַגן אָדער גאָר הויך, אָדער זיי פאַלן גאָר נידעריק, די איקאָנע איז א גרויסע שאַטנז־אַווירע, וואָס צעשטערט די סימכע.

און וואָס טראַכט דער כאַסן? ער טראַכט גאָרניט ווי א כאַסן, ער טראַכט ווי א דיקטער.

ווי די נעוווּע איז קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן פון דעם נאַווי, אַזוי טרעט קיינמאָל ניט אָפּ די דיקטונג פון דעם דיקטער. וואָס ס'זאָל מיט אים ניט געשען און פאַסירן, אין א וועלכן צו־שטאַנד ער זאָל זיך ניט געפינען, וואָס ער זאָל ניט טאָן, איז ער פריִער פון אַלץ א דיקטער.

און דער דיקטער דיקטעט: וואָס א מילכאָמע קאָן? וואָס א מילכאָמע פאַלט אײַן? זי קאָן צונויפירן א וואַנט מיט א וואַנט.

דעניס דאַווידאָווס שמייכל פליסט אין דער נײַער ליד, וואָס האַלט אין געבוירן ווערן, ווי שטראָמיק פריש־צוגעקומענע בלוט.

אויך די איקאָנע קאָן זיך ניט פאַרשטעלן, אַז זי געפינט זיך אונטער א ייִדישער כופע, אַז זי, וואָס געהערט צו אַן אַנדער גלויבן, צום קעדאָס יעסוס וועהאַקריסטן, זאָל זיך געפינען אונטער א כופע פון כדת משה וישראל[1] — לויטן געזעץ פון מוישע און פון די ייִדן, ווו יעדער כאַסן ברענגט אַרויס און זאָגט דער קאַלע דעם העברעיִשן „את״ — דו.

די ליד איז געענדיקט, און דעניס דאַווידאָוו פאַרבײַט גלײַך דעם העברעיִשן „את״ — דו אפן רוסישן „ווי״ — איר! איר, ברידער מײַנע, האָט א סאַך אָפּגעטאָן פאַרן ניצאָכן פון רוסלאַנד, פאַר דער באַפרײַונג פון אײַער שטאָט גראָדנע. א גרויסן דאַנק אײַך! די רוסישע געשיכטע וועט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

עס טרעטן אַרויס מיט רעדעס די ייִדישע העלדן, די פאַרשטייער פון דער קעהילע. „הוראַ״־אויסגעשרייען מישן זיך צונויף מיטן הילכיקן געקלאַפּ פון די פויקן. פון אַרום־און־אַרום:

— רום! רום דעניס דאַווידאָוון!

— לעבן זאָלן די באַפרײַער!

— לעבן זאָלן די, וועלכע האָבן העלדיש און מעסירעסנעפּעשדיק זיך געשלאָגן פאַר יעדן טראָט פון דער רוסישער ערד!

דעניס דאַווידאָוו גיט מיט אַן אופגעהויבענער האַנט צו וויסן, אַז ניט אַלץ איז געזאָגט געוואָרן. עס ווערט שטיל, יעדער איינער פאַרטײַעט דעם אָטעם. אין דער שטילקײַט קלינגט אָפּ דעניס דאַווידאָווס הילכיקע שטים נאָך הילכיקער:

— פאַרכאַפּן א שטאָט איז ווייניק, זי קאָן גלײַך אויסגעכאַפּט ווערן פונעם פײַנט אף צו־ריק. ווען א שטאָט גייט איבער פון האַנט צו האַנט, קאָסט עס א סאַך בלוט, א סאַך קאָרבאָנעס. מע טאָר ניט דערלאָזן צו דעם, און דעריבער ווענדע איך זיך צו דער גראָדנער קעהילע, אַז פונקט ווי זי האָט מיטגעהאָלפן באַפרײַען גראָדנע, אַזוי זאָל זי מיטהעלפן אײַנהאַלטן די שטאָט, אָפּהיטן די אָרדענונג.

— אײַער ווענדונג צו אונדז, — האָט דער ראָש־האַקעהילע פאַרזיכערט דעניס דאַווידאָוון, — וועט אויסגעפילט ווערן ווי דער שטרענגסטער באַפעל. אונדזערע שאָמרים באַוואַכן די שטאָט סײַ באַטאָג און סײַ באַנאַכט. יעדן איינעם פון אונדז, ווען מע וועט אים א פרעג טאָן: שוימער, דו שוימער, וואַזוי איז אַדורך דער טאָג? וועט ער ענטפערן: דער טאָג איז אַדורך מיט זון, מיט שײַן און מיט פרידן, אפילע א פרעמד אַנגעקומענער ווינט פון ערגעץ האָט ניט געוואַגט אַריבער די גרענעצן און אַרײַנדרינגען אין די טויערן פון אונדזער שטאָט. און דער נאַכט־שוימער, ווען מע וועט זיך ווענדן צו אים: שוימער, דו שוימער פון דער נאַכט, וואָס האָט פאַסירט אין דער פינצטערניש? וועט ער, א באַשײַנטער פון דער אופגייענדיקער זון, ענטפערן: ס'איז ניט געווען אַזאַ טראָט, ער זאָל ניט דערהערט ווערן, ער זאָל ניט אָפּגעשטעלט ווערן. ס'איז ניט געווען אַזאַ שאָטן אין דער פינצטערניש, וואָס זאָל ניט דערזען ווערן. פרײַ דער אַרײַנגאַנג איז געווען בלויז פאַר גוטע כאַלוימעס.

עס האָט גענומען שאַריִען אף טאָג, און א פראַגע נאָך א פראַגע האָבן געוואַרט אף א קלאָרן ענטפער וועגן דעניס דאַווידאָוון.

וועלוועלע טרעט אָפּ זײַן אָרט פאַר שמוניע דעם שניצער, פאַרן שטאָט־אַפּיקוירעס. אין

1 קעדאָס מוישע וועיִסראָעל.

סאמע ברען פון דער מילכאָמע האָט דעניס דאווידאָוו שאָלעם געמאכט צווישן מילכאָמע און פּאָעזיע, — באַגײַסטערט זיך שמוניע, — ער האָט ניט געמאכט קיין אונטערשייד פון קוילן און ווערטער, פון שפּיזן, שווערדן און קלאַנגען. לידער האָט ער געשריבן, זיצנדיק אין זאָטל, און אין דער צײַט פון שאָלעם, ווען די זיכרוינעס פון מילכאָמע האָבן געגנומען אָף אים אַנגרײַפן פון אַלע זײַטן, האָט ער דערציילט, געלערנט און געוואָרנט, ווי אין די ווײַטערדיקע מילכאָמעס אויסצומײַדן די באַגאַנגענע פעלערן פון די פריערדיקע, פון די געוועזענע[1]. אין זײַן פאַרשײַט־קײַט, מעגושעמדיקײַט און עטוואָס פאַרגראָבטן סאָלדאַטישן לאַשן האָט מען אײַנגעזען אַלע שיינע און דערהויבענע מענטשלעכע צאַרטקײַטן.

שמוניען איז אַ שאָד זיך צעשיידן מיט יעדן אויסגעזאָגטן געדאַנק, און ער ציט פאַנאַנדער יעדעס וואָרט:

— דיכטער זײַנען געווען, זײַנען דאָ און וועלן זײַן אַ סאַך, נאָר דיכטער, וועלכע ווערן באַזונגען פון פאַרשיידענע דיכטער, זײַנען דאָ בלויז געציילטע. דעניס דאווידאָוו האָט זויכע געווען צו זײַן איינער פון די געציילטע, — פאַרמאַכט אַזש מוניע פון פאַרגעניגן און היספּײַ־לעס זײַנע אויגן.

לידער און שורעס פון לידער פּרוּוון איבעריאָגן איינס דאָס צווייטע, זיי האָבן אַזויפיל צו זאָגן!

עס ווערט געלויבט דעניס דאווידאָווס ברידערן זיך מיט די סאָלדאַטן, מיט די פּאַרטיזאַנער, מיט די פּויערים, מיט אַלע די, וואָס באַוווינען די רוסישע ערד, אָן אונטערשייד, צו וועלכן פאָלק זיי זאָלן געהערן.

עס ווערט געלויבט זײַן סינע צו דער צאַרישער מאַכט, צו די אַפּיצערן, וועלכע בראַווירן מיט זייערע מונדירן, עפּאָלעטן און קלינגענדיקע שפּאָרן, זײַן סינע צו דער פּרײַסישער מיליַ־טער־סיסטעם, צו דער פּרונטאַמאַניע, וואָס עס האָט אײַנגעפירט פּאַוועל און וועלכע עס האָט פאַרגעזעצט זײַן יורש אַלעקסאַנדער דער ערשטער.

אַ סאָלדאַט, אין וועלכן מ׳האָרגעט אָוועק דעם מענטשן, — האָט דעניס דאווידאָוו געהאַלטן אין איין דערווײַז, — איז אַ גוילעם־סאָלדאַט, אָף העלדישקײַט און מעסירעסנעפעש איז פּײַיִק בלויז דער סאָלדאַט דער מענטש, וואָס איז פול מיט ווירדע און מיט שטאָלץ.

אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט ניט געקאָנט מויכל זײַן דעניס דאווידאָוון פאַר אַלע זײַנע ווידערשפּעניקע געדאַנקען, פאַר זײַנע בייזע מעשאָלים, וואָס צילן און טרעפן גלײַך אינעם קייסערס שטול און אין זײַן קרוין.

— אַזאַ באַלאַווייִרעניק איז מער ווערט, ווי דער גרעסטער צאַדיק! בראַוואָ, דעניס דאווי־דאָוו! — שרײַט אויס בערקע דער פּויקער.

— ריכטיק! ריכטיק! — האַלט מען פון אַלע זײַטן אונטער בערקען.

בערקע בעט שמוניען, ער זאָל אַ מאָשל טאָן מיט דעניס דאווידאָווס אַ מאָשל. סײַדן פון וויבאַלד אַ מאָשל, ווערט זײַן אַ נימשל, און יעדער נימשל ברענגט מיט זיך אַ נײַעם מאָשל, וואַקסט די טײַווע בײַ די צוהערער זיך צו דערוויסן וואָס מער וועגן דעניס דאווידאָוון, און אַלע אין איין קאָל:

— מיר בעטן אײַך, זײַט אַזוי גוט, שמוניע!

דאָס איבערײַסן אים, דאָס באַשטעלן בײַ אים דעניס דאווידאָווס מעשאָלים נעמט אוף שמור־ניע ווי די העכסטע באַלוינונג. ער פאַרטראַכט זיך אָף אַ ווײַלע און קלײַבט אויס צום אַלעם ערשטן פון דער סטײַע מעשאָלים, וועלכע זײַנען אים באַפאַלן, דעם מאָשל „דער קאָפּ מיט די פּיס“.

דער קאָפּ — דאָס איז דער קייסער, און די פּיס — דאָס איז דאָס פאָלק. און די פּיס ווענדן זיך צום קאָפּ: צווישן אונדז גערעדט, קאָנען מיר דײַנע ווילדע קאַפּריזן מער ניט אַריבערטראָגן. איז זײַ וויסן, אויב דו האָסט דאָס רעכט צו געוועלטיקן, האָבן מיר דאָס רעכט זיך ספּאָטיקען, זיך אויסגליטשן, און דאַן קאָן נאָך אַמאָל דײַן מאַיעסטעט אין אַ שטיין זיך צעקלאַפּן.

גלײַך נאָך דעם קומט אַ צווייטער מאָשל, אַ דריטער, אַ פערטער. די מעשאָלים מיט די

[1] אין פאַרשיידענע צײַטן האָט מען אין דער געשיכטע פון דער רוסישער פּאָעזיע, אין דער געשיכטע פון מילכאָמעס און פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג מיט דאַנקבאַרקײַט דערמאָנט דעניס דאווידאָוון. א. פּושקין האָט אים אָנגערופן „פּאָטער און קאָמאַנדיר“, „זינגער און העלד“. א. גריבאָיעדאָוו האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז ניטאָ נאָך אַזאַ „שטורעמדיקער קלוגער קאָפּ“, ווי בײַ דאווידאָוון, „אַלע פאַרשלאָפענע מעלאַנכאָ־ליקער זײַנען ניט ווערט דעם אַש פון זײַן ליולקע“. „דאָס לעבן, — האָט געשריבן ו. ג. בעלינסקי, — איז בײַ דעניס דאווידאָוון געווען דיכטונג און דיכטונג — לעבן“, און וואָס שײַך זײַנע מילכאָמע־מע־מוארן, „גיבן זיי אים די פולע רעכט צו פאַרעכנט ווערן צווישן די בעסטע פּראָזאַיִקער פון דער רוסי־שער ליטעראַטור“.

נימשלס זאָגן איידעס, ווי די צאַרישע קנופיע האָט פּיַינט געהאַט און זיך געשראָקן פאַר דעם, וועלכער איז ניט מיט איין קאָפּ געשטאַנען העכער פונעם סאַמע העכסטן צווישן זיי. מ׳האָט זיך אַפילו געשראָקן פאַר זיַינע פּאַרטיזאַנישע כאַיאָלעס, וויַיל באַוואָפנען דאָס פאָלק הייסט אַליין, מיט די אייגענע הענט אַראָפּברענגען אַ נייַעם פּוגאַטשאָוו. און ווער ווייסט, אַזאַ מוירעד קאָן אין אַ געוויסער צייַט אַליין אין אַ פּוגאַטשאָוו מעגולגל ווערן.

דאָס צאַרישע וואַכזאַמע אויג האָט אים נאָכגעשפּירט אויף טריט און שריט. מ׳האָט באַוואַכט און פאַרשטעלט פאַר אים אַלע וועגן, ער זאָל ווייַט ניט אַוועק — שטענדיק, ווען ער האָט פאַרדינט אַ מער העכערן מיליטערישן ראַנג, איז ער אויף אַ שטאַפּל נידעריקער געוואָרן.

נאָך אין 1804 ווערט דעניס דאַווידאָוו איבערגעפירט אין אַ גוסאַרישן פּאָלק, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ פאַרוואָרפענעם פּראָווינציעלן העק. אַזאַ איז געווען דער גוירל פון די סאַמע פייַנקסטע מיליטערלייַט. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז בלויז פאַר די ערשטע דריַי יאָר פון פּאַוועלס קיניגן זיַינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער אַרמיי צוועלף טויזנט בעסטע גע־בעראַלן און אָפיצערן.

דעניס דאַווידאָוו האָט זיך געקלאָגט, אַז פאַר די פערציק יאָר זיַין אין אַרמיי איז ער הונ־דערט מאָל באַליידיקט און דערנידעריקט געוואָרן. די רעדיפעס און באַליידיקונגען האָבן אונטערגעשניטן דעם פעסטן דעמב — דעם 22 אַפּרעל 1839, אויפן פינף־און־פופציקסטן יאָר פון זיַין לעבן, איז דעניס דאַווידאָוו, וועלכער האָט אַזויפיל מאָל באַגעגנט דעם טויט און אים אויסגעמיטן, שטיל און אייַנזאַם געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַק.

מיטן זונען־אויפגאַנג גייט אויף און דרינגט אַריַין אין אָזריעל דעם קלעזמערס שטוב אַ טיפער אומעט.

שמוניע מונטערט אויף דעם אוילעם מיט דעניס דאַווידאָווס כאַכמעס, שטעכווערטלעך און בראַווע סאָלדאַטישע לידער.

און ווידער לעבט אויף דאָס 1812 יאָר, און ווידער איז דעניס דאַווידאָוו אויפן זאָטל, און ווידער פליט ער אַדלעריש דורך פאַר אַלעמענס אויגן פון איין ניצאָכן צום צווייטן.

דער אוילעם לעבט אויף, פון אַלע זיַיטן טראָגן זיך „גוטמאָרגנס" און „גוט־שאַבעסן":

— אַ גוטמאָרגן!

— אַ גוט־יאָר!

— אַ גוט־שאַבעס!

— אַ גוט־שאַבעס!

די לעצטע עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָרן קיין מאָסקווע האָט די קאַפּעלע געהאַלטן אין איין שפּילן און איבערשפּילן דעם „וויַיסן ניגון". מ׳האָט געשפּילט אינדערפרי ביז וואַרמעס, און נאָך וואַרמעס ביז מינכע, און גלייַך נאָך דער מיַירעווודיקער וועטשערע האָט מען געשפּילט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין די אָפּדערנאַכטן איז פול געווען אָזריעל דעם קלעזמערס שטוב מיט שכיינים און מיט ייִדן פון אַנדערע גאַסן. די, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אַריַין אינווייניק, האָבן באַלאַגערט אָזריעל דעם קלעזמערס שטוב פון דרויסן, פאַרפולט דעם הויף און די קלעזמער־גאַס. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די קלאַנגען פון דער קאַפּעלע האָבן אויסגעשאַלט אַ געפאַר־רוף, וואָס האָט קיינעם ניט געלאָזט אייַנזיצן אין שטוב.

די ייִדער־ייִנגלעך פון דער קלעזמער־גאַס האָט אויסגעפּעלט דאָס געדולד פון די עלטערע, זיי איז שווער געווען זיך דערוואַרטן ביז אָפּדערנאַכט. נאָך וואַרמעס זיַינען זיי צוריק אין כיי־דער ניט געגאַנגען, אונטער די קלאַנגען פון מיליטערישע מאַרשן, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון אָזריעל קלעזמערס שטוב אין דרויסן אַרויס, האָבן זיי זיך צעטיילט אין מאַכנעס — „אַ מאַכנע רוסישע" און אַ מאַכנע „פראַנצויזן". אין דער שטיינער־מילכאָמע האָט אומבאַדינגט געמוזט מענאַצייעך זיַין די רוסישע מאַכנע.

די סאָלדאַטן פון דער פראַנצויזישער מאַכנע פלעגן מיט אויפגעהויבענע הענט און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי די געפאַנגענע, קוים געשלעפּט די פיס און מיט יעדן וואַקלדיקן טראָט געגעבן אָנצוהערן, אַז אַזאַ סאָף דערוואַרט יעדן איינעם, וואָס וועט אָנפאַלן אויף רוסלאַנד.

קיינער פון די שקלאָווער ייִנגלעך האָט ניט געוואָלט זיַין קיין פראַנצויז, קיין געפאַנגענער, און מ׳האָט געמוזט וואַרפן גוירל. יעדער איינער, אַף ווען ס׳איז אויסגעפאַלן דער ביטערער גוירל, האָט געבעטן ראַכמים און גנעדיקייַט צו זיך, וויַיל דאָס רעדעלע קאָן זיך געבן אַ דריי אויף צוריק, און מאָרגן, ווען מ׳וועט וואַרפן גוירל, קאָן דער הייַנטיקער פראַנצויז ווערן אַ רוסישער, און דער הייַנטיקער רוסישער — אַ פראַנצויז. וועט מען אים ברעכן די ביינער, וועט מען אופהייבן איבער אים אַ שווערד — וועט מאָרגן זיַין שווערד ניט בלייַבן רויק אין שייד

און װעט צאָלן מידע קענעגעד מידע נאָך מיט א סמיטשיק. װעט מען אים נאָר אײן מאָל באַלײדיקן מיט א „פּראַנסע", מיט א „מערסי" און מיט א האָניאװע אונטער דער נאָז — װעט ער אַזאַ האָניאװע טאָן, אַז מע װעט פאַרגעסן, װאָס א ײִדיש װאָרט באַטײַט.

דאָס דיריזשאָר־שטעקעלע, װאָס צויבערט, פירט נאָך זיך אַלע קלאַנגען פון דעם „װײַסן ניגון", אַז זײ זאָלן ניט אַראָפּ פון װעג, זיך ניט אָפּטײלן באַזונדער און גײן אין אַלגעמײנעם גאַנג, גײט איבער פון האַנט צו האַנט — פון אַזריעלן צו עדוארד פּשילענצקין, פון עדוארד פּשילענצקין צו װעלװעלען.

װי נאָר דאָס ערשטע פידל כאַפּט איבער דעם אָטעם, װאַקסט אַזריעל אויס דאָרט, פּונװאַנען עס דראָעט א געפאַר — אָט קומט ער צוהילף אָשער דעם טרובאַטש אויף א צװײטער צוגאָבטרובע, װעלכע איז געהאַנגען אויף דער װאַנט, און גלײַך װאַקסט ער אויס לעבן זישע דעם טראָמבאָניסט, און דער צװײטער טראָמבאָן קומט צוהילף דעם ערשטן.

מיכקע טוט נאָך דעם טאַטן זײַנעם, װײַל, װי דער טאַטע זײַנער, קאָן ער שפּילן אויף פּאַרשײדענע אינסטרומענטן. באַזונדערס ציט מיכקען צום צוגעקומענעם פּײַקל, װאָס שיט פּאַנאַנדער זײַנע דרױבן און שרױט־קלאַנגען. מאָרדכעלע איז צוגעטוליעט צום פידל, און דער סמיק יאָגט זיך פלינק הין און הער, װי אַן אונטערגעשיקטער שאַליעך, איבערבעטן דעם פידל, איבערבעטן די סטרונעס, איבערבעטן יעדן קלאַנג. איצט, װען מע פאָרט קײן מאָסקװע, דאַרפן זײ אים פאַרגעבן אַלע זײַנע זינד און שפּילן אַזױ, װי עס דאַרף שפּילן א גוזיקאָװ. שלוימקע בײגט זיך שטײענדיק אָן צום װיאָלאָנטשעל, װײַל ער, דער װיאָלאָנטשעל, איז ניט קײן אײפעלע, װי דער פידל, װעלכן מע נעמט אויף די הענט און מע טוליעט צו צו זיך. פון אַלע פידלען איז ער דאָך דער גרעסטער, ער איז א פידל א ריז. אַזאַ הױכער, װי ער איז, זײַנען די טענער זײַנע אַזעלכע נידעריקע. װאָס נידעריקער, אַלץ העכער שטײַגט ער. אַזאַ גװאַר, ער איז דער אומויסשעפּנדיקער קװאַל פון טרויער. ס'איז אים גענוג אַרױסברענגען אײן טאָן זײַנעם, אײן קלאַנג, װאָס זאָגט נאָך גאָרניט, און דער קלאַנג איז װי א װאָלקן, װאָס דריקט די שטימונג.

בײגנדיק זיך צום װיאָלאָנטשעל, בעט זיך שלוימקע בא אים, ער זאָל זיך דערגרונטעװען ביז די טיפסטע גרונטן.

עדוארד פּשילענצקי דיריזשירט די מאַרשן, די רוסישע סאָלדאַטישע לידער. זײַנע בליקן, װאָס זײַנען געװענדט באַם שפּילן אויף דער פּיסהאַרמאָניע בא זיך אין שטוב און אויפן אָרגאַן אין קאָסטיאָל, זײַנען שטענדיק געװוינט צו קלעטערן אַרויף פון אױבן, זײ באַגלײטן דאָך די טפילעס, װעלכע טראָגן זיך, װי די סטײַעס פײגלען אין זײערע נעסטן, פון אױבן, אין די הימלען, װי גאָט איז זײ מעקאַבל. און דאָ, בא אַזריעל דעם קלעזמער אין שטוב, װו עס טראָגן זיך קלאַנגען פון מיליטערישע מאַרשן און סאָלדאַטישע לידער, ענדערן זיך זײַנע בליקן אויף ניט צו דערקענען זײ, זײ באַהעפטן זיך מיט די שפּאַנענדיקע צום טאַקט. דאָס העכסטע איז דאָ מיטגײן צוזאַמען, פאַרלײַכטערן דעם טראָט, אויפמונטערן דאָס האַרץ און פעסטיקן די נעשאָמע.

און ניט נאָר די בליקן זײַנע ענדערן זיך, נאָר אויך דאָס פּאָנעם, זײַן פיגור, װאָס װערט אויסגעגלײַכט און אויסגעשטאַלטיקט. די פיס, װאָס טרעטן שטענדיק אָן אויף ברומענדיקע קלאַנגען, שלאָגן זיך איצט ניט אָפּ פונעם שפּאַנענדיקן טאַקט, זײ זײַנען אין אײַנקלאַנג מיט די סאָלדאַטישע טריט. די לענגלעכע װאָנצעס, װאָס עס דוכט זיך שטענדיק, אַז זײ װערן אויפגעהאַלטן, געקעכלט און געצופּט צוליבן „עפּשער" און „טאָמער", צוליבן „יאָ" און צוליבן „נײן", זעען אויס באַם דיריזשירן מיט דער קאַפּעלע, װי סמיקן פון צװײ באַזונדערע זײַטן, װעלכע העלפן מיט אין דער שפּיל.

װעלװעלע דיריזשירט זיך אַלײן, זײַן זינגענדיקע סאָלאָ אין דער באַגלײטונג פון דער קאַפּעלע, אַזױ אויך מיכקעס סאָלאָ און זײַן דועט מיט אים.

װער נאָר ס'האָט געהערט דעם „װײַסן ניגון", איז ניספּאָעל געװאָרן און זיך ניט געקאָנט אָפּלױבן פון די מיליטער־מאַרשן, פון די סאָלדאַטישע לידער, װעלכע האָבן זיך פאַרברידערט און זײַנען געװאָרן אײנס מיט װעלװעלעס און מיכקעס סאָלאָ און דועטן.

מיכקע איז אַזױ טיף אַרײַנגעדרונגען אינעם „װײַסן ניגון", אַז פאַרן שפּילן און בעשאַסן שפּילן האָט ער ניט בלױז געהערט און געװוסט אויף אויסװײניק יעדן קלאַנג, נאָר אויך געזען דײַטלעך און קלאָר די אַלע מילכאָמע־בילדער פון 1812, ער האָט זײ געזען אַזױ דײַטלעך און קלאָר, װי דאָס זאָל ערשט פאָרקומען, װי אומעטום איז ער בײַגעװען און אומעטום אָנטײלגענומען.

אַזריעל גיט א הײב אויף דעם סמיק פון זײַן פידל, װאָס האָט אים אָפּגעדינט אַלס דיריזשאָר־שטעקעלע, און מיכקע ציטערט אויף.

דאָס לאַנד איז אויפגערודערט. מאַכנעס נאָך מאַכנעס, אַבאַזן נאָך אַבאַזן, און עוואַקויִרטע פון אַלע זײַטן.

שווערע האַרמאַטן־רעדער האָבן זיך טיף אײַנגעגראָבן אין דער ערד און טיפע וווּנדן געלאָזט. אומעטום פּעסט געקאָווערטע סאָלדאַטישע שטיוול־טריט. די פּעסט געשמידטע סאָלדאַטישע וואָגנס, וועלכע טראָגן זיך מיט אַ טראַסקערײַ, בלײַבן פאַרהאַטעט און פּאַרפּאַפּוועט אַף שאַנלאַנג.

עס רײַטן די רײַטער, עס פאָרן די פאָרער. מ'פאָרט און מ'פאָרט, מ'גייט און מ'גייט, און ס'איז גאָר קיין סאָף און קיין עק ניט פאַראַן.

אַ געדיכטער וואַלד פון מענטשן, וואָס רירט זיך, באַוועגט זיך און שטייט, דאַכט זיך, אַף איין אָרט.

די אויסגעכאַליעטע פערד, וועלכע זײַנען געוווינט צום גאַלאָפּירנדיקן געלויף, קאָנען ניט אײַנשטיין, זיי שפּרינגען, זיי פּרוּוון זיך אַרויסרײַסן פון שפּאַן און זײַנען גרייט זיך לאָזן לויפן איבער די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קעפּ, ווי איבער אַ בריק.

די אויסגעהאָרעוועטע האָרעפּאַשנע פערד הירזשען מיט אַ שרעקלעכער הירזשערײַ, אַפילע זיי קאָנען אין אַזאַ צײַט ניט אײַנשטיין אַף איין אָרט.

— גיכער! גיכער! — שרײַען טויזנטער הערצער. — גיכער! גיכער! — פאַלן אומבאַמערקט און ווערן פאַרזונקען אין טיפן שניי בעטנדיקע בליקן. נאָר שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגן, אַז דײַן געשריי איז ווי אַ געשריי אין אַ כאָלעם, וואָס ווערט דערשטיקט אין זיך, אַ געשריי אָן אַ קאָל און אָן אַ ווידערקאָל.

און וואָס גיכער אַלעמענס פאַרלאַנג איז, אַלץ מער ציט זיך די צײַט, אַ מינוט — אַ שאָ, אַ שאָ — אַ טאָג, אַ טאָג — אַ יאָר!..

און אָט אַהער, אין דעם שרעקלעכן טומל און ראַש פון אײַלן, יאָגן און בלײַבן ווי אַפּצולאָכעס שטיין אַף איין אָרט, האָט געצויגן שנייער־זאַלמענען.

פון ליאַדי איז שנייער־זאַלמען מיט דער רעבעצן סטערנע מיט אַלע זײַנע בניי־באַיִס — מיט זייערע זין, שניר, טעכטער, איידעמס און אייניקלעך אַנטלאָפן אַף באַלעגאָלישע פורן. דאָס לויפן און אַנטלויפן איז געווען אַזוי בעהאַלעדיק, אַז מ'האָט מיט „אַ ניט איינס", מיט „אַ ניט צוויי", מיט „אַ ניט דרײַ", ס'זאָל קיין בייז אויג ניט שאַטן, און ס'זאָל קיין אײַנהאָרע ניט צושטיין, זיך געהאַלטן אין איין ציילן און איבערציילן באַ יעדן אָפּשטעל.

און אָט אַף אייניקעם אָן אָפּשטעל, וויפל מ'האָט ניט געציילט און איבערגעציילט זיך, האָט זיך באַקומען זיבן און צוואַנציק, און ניט אַכט און צוואַנציק. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ס'איז פאַרלוירן געוואָרן דער יִינגסטער פון דער מאַכנע, דאָס צווייייאָריק אייניקל.

שנייער־זאַלמען האָט געבעטן די באַלעגאָלעס זיך גלײַך אומקערן אַף צוריק, ער איז גרייט איבערגעבן זיי פאַר דעם זײַן שטוב מיט זײַן גאַנצן פאַרמעגן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין ליאַדי, און די בניי־באַיִס, פון קליין ביז גרויס, האָט ער באַפוילן, ווער עס קאָן ניט וויינען שטיל אין זיך, זאָל ניט אויפהייבן קיין גוואַלד, ווײַל דאָס קאָן פאַטערן די שטימונג באַ די סאָלדאַטן.

עטלעכע ווייאָרסט ניט ווײַט פון ליאַדי איז דאָס פאַרלוירגעגאַנגען אייניקל געלעגן אַפּן מיטן וועג און צעריסן געוואָרן פון געוויין.

שטאַרק פאַרמאַטערטע, זײַנען שנייער־זאַלמען מיט זײַן מאַכנע אָנגעקומען קיין קראַסני. דער גענעראַל אָלענאַוו, וועלכער האָט געקענט שנייער־זאַלמענען פון ליאַדי, ווו ער איז אײַנגעשטאַנען באַ אים אין שטוב און ניט איין געשפּרעך געפירט מיט אים וועגן דער ליבע צום פאָטערלאַנד, האָט אים זייער פרײַנטלעך אויפגענומען און אים פאָרגעשטעלט פאַרן גענעראַל נעוועראָווסקי.

אויך נעוועראָווסקי האָט אַ סך געהערט וועגן שנייער־זאַלמענען, אים זײַנען געווען באַקאַנט זײַנע אויפרופן צו די ייִדן פון רוסלאַנד. ער האָט שטאַרק באַוווּנדערט דעם זאָקן: אין דער צײַט פון געפאַר האָט ער זיך ניט געקלערט דאָס האַרץ, איז ניט אַריבער צום סוינע אַף זײַן אָפּצורעכענען מיט די, וועלכע האָבן פאַרביטערט זײַן לעבן, געפּרוּווט אים אויסוואָרצלען פון דער רוסישער ערד, געטריבן קאַליסטרוי און צוויי מאָל אַרײַנגעזעצט אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג ווי אַ מוירעד בעמאַלכוס, ווי דעם גרעסטן פאַרברעכער.

די גענעראַלן אָלענאַוו און נעוועראָווסקי האָבן געשאַפן אַלע נייטיקע באַדינגונגען, אַז שנייער־זאַלמען מיט דער רעבעצן סטערנע און מיט אַלע בניי־באַיִס זאָלן זײַן באַהיט און באַוואָרנט, ס'זאָל זיי גאָרניט אויספעלן. מ'האָט אויסגעטיילט פאַר זיי גוטע פלינקע פערד, פעסט געשמידטע סאָלדאַטישע וואָגנס. צוויי וואָגנס זײַנען באַזונדער געווען אויסגעטיילט, איינער פאַר שנייער־זאַלמענס גײַסטיקער שפּײַז — פאַר די ספאָרים, כיבורים און קסאָוויאָדן, מיט

וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט צעשיידן, און דער צווייטער — פּאָר קאָשער עסן — זעק מיט געטריקנטע סוכערעס, אז דעם רעבן, כאַסוועכאָלילע, זאָל ניט אויסקומען עסן ברויט, פון וועלכן מ׳האָט קיין כאלע ניט גענומען, געטריקנט קאָשער פלייש און פלעשער ווײַן אף קידעש און האוודאָלע.

שנייער־זאַלמען מיט זײַן געזינדל פון אכט און צוואנציק האָבן די סאָלדאַטן גוטמוטיק גערופן „דעם ראבינס אָטדיעלעניִע, די מאכנע, דער מאכנע אין דער אָבאָז אין דעם אָבאָז״.

אין וואָגן צוזאמען מיט שנייער־זאַלמענען, וועלכן מ׳האָט גערופן מיטן טיטל אדמור הזקן[1], איז מיטגעפאָרן זײַן זון ראבי דובער, וואָס איז געווען א נאָמען נאָכן רעבנס רעבן רעב דוויור בער מעזשיריטשער. ראבי דובער האָט געהייסן האדמור האמצעאי[2] — דער מיטעלער רעבע.

דער צווייטער זון, רעב כאַיִם־אווראָם, איז מיטגעפאָרן מיט דער מאמע סטערנע אף א צווייטן וואָגן, ער האָט זי באַדינט און מעקײַעם געווען די מיצווע פון קיבוד איים.

יעדן פרימאָרגן פלעגן די זין, די טעכטער, די איידעמס און אייניקלעך אונטערטראָגן שנייער־זאַלמענען דעם גוטמאָרגן און זיך פאנאנדערגעפרעגט, וויִאזוי איז בא אים דורך די נאכט, און פארן לייגן זיך שלאָפן געווונטשן א גוטע נאכט מיט גוטע כאלוימעס. בא די באגעגענישן פלעגן שנייער־זאַלמענס זוכנדיקע בליקן שטענדיק זיך ווארפן הין און הער איבער די רוסישע ראכוועסן און געזוכט דעם דריטן זון — מוישען, וועלכער איז אראָפּ פון גלײַכן וועג. א קרומער וועג איז דאָך אלציינס ווי אָן א וועג, איז ווי קאָן מען גיין און וווהין קאָן מען קומען אָן א וועג? א מענטש אָן א וועג איז דאָס זעלבע, ווי א וועג אָן א מענטשן. שנייער־זאַלמען האָט געוואַרט אף א נעס, עפשער וועט מוישע ווי פון אונטער דער ערד אויסוואקסן און זיך באהעפטן מיט טאטע־מאמע, ברידער און שוועסטער דאָ, אף די מילכאָמע־וועגן.

שטענדיק, ווען מוישע קומט אוף שנייער־זאַלמענען אפן זינען, ברומט אין אים זײַן הארץ, ברומען אין אים אלע איייורים, אלע אָדערן און אלע געדערים — אזא מוישע, און וואָס איז פון אים געוואָרן? אזא שארפער טראכטער און באטראכטער, האָט ער זיך גאָר דערטראכט צו דעם, אז מוישע ראביינו איז ניט עמעס און זײַן טוירע איז ניט עמעס. ער האָט אויסגעביטן דאָס רענדל און זיך געלאָזט קרייצן אפן קרייץ פון דער קריסטלעכער עמונע.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער שרעקלעכער וואִסרויצעצו. אף איינער א ווסענאָשטשנע האָט ער אין קלויסטער, ביז דער בסורע טויווע, אז דער געקרייצטער איז לעבעדיק געוואָרן, אײַנגעשלאָפן. און עס האָט זיך אים געכאָלעמט א כאָלעם, אז ער איז צווישן יִידן אין בעסמעדרעש און זאָגט צוזאמען מיט זיי סליכעס. ווען די גלעקער האָבן זיך צעקלונגען, האָט ער זיך אופגעכאפּט און אויסגעשריגן, ווי יִידן שרײַען אויס בא סליכעס: „ויקרא בשם אדוני״[3] — און ער האָט גערופן גאָטס נאָמען, האָט מען אים אין דעם הויז פון ראכמים, ווו עס ווערט געפריידיקט, אז ווען מע פּאטשט דיך אין איין באק, שטעל אונטער די צווייטע, אזוי צעמיימעסט, אזוי צעבלוטיקט, אז ער איז קוים מיטן לעבן ארויס.

פון יענעם טאָג אָן איז מוישע געבליבן גאָר אָן אן עמונע, ניט אהער און ניט אהין. האָבן אים באגעגנט יִידן — האָט מען אים גערוידעפט און געזידלט מיט די ערגסטע זידלערײַען פאר זײַן שמאַדן זיך. האָבן אים באגעגנט קריסטן — האָט מען אים צו שאנד און צו שפּאָט געמאכט דערפאר, וואָס, אָנעמענדיק דעם קריסטלעכן גלויבן, איז ער טיף אין הארצן פארבליבן א יִיד. אזויארום האָט מוישע, נעבעך, פארלוירן אויך דעם דריטן גלויבן — מענטשן זײַנען גאָר קיין מענטשן ניט!

א שטיק צײַט האָט מוישע אָפּגעריכט גאָלעס אין די פּוילישע וועלדער, דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט גיין אהין, וווהין נאָר די פיס האָבן אים געטראָגן. געגנעכטיקט אף די הארטע בענק פון די באָטעמעדראָשים מיט א פּויסט צוקאָפּנס, אומעטום זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן אן אוי־רעך אף שאבעס, ער פלעגט נעמען בלויז א שטיקל אלטגעבאקן ברויט אף דערהאלטן די נעשאָמע. אין א שטעטל לעבן זשיטאָמיר איז ער שטארק קראנק געוואָרן. מ׳האָט זיך אלע טאָג געקאָנט ריכטן אף זײַן טויט. האָט מען אים געבעטן, ער זאָל צו וויסן געבן זײַן נאָמען, דעם פאָטערס נאָמען און די פאמיליע זײַנע. האָט ער אנטפּלעקט בלויז זײַן נאָמען און געבעטן אָנשרײַבן אף זײַן מאצייווע: משה בן בלי שם[4] — מוישע, דער זון, וואָס האָט ניט קיין פאָטער־נאָמען.

---

[1] אדמויר האזאָקן. די ראָשעטייוועס פון אדמור באטײַטן אדוננו ומורנו (אדויניינו אומוריינו) — אונדזער האר און אונדזער לערער.

[2] האדמויר האָעמצאָיִ.

[3] וואִיקרא בעשיים אדויִנוי.

[4] מוישע בען בעלי שיים.

— סאַראַ קיבעד אָוו! — ציטערט אויף שנייער־זאַלמען, — ער האָט ניט געוואָלט פאַרשעמען דעם טאַטן זײַנעם!..

שנייער־זאַלמען קוקט אַף די מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן און איז מעקאַנע זייערע עלטערן, וואָס זיי האָבן מעגאַדל געווען אַזעלכע זין, וועלכע גייען אָפּגעבן זייער לעבן פאַרן לאַנד. האַלעווײַ וואָלט זײַן מוישע געווען צווישן זיי! האַלעווײַ וואָלט ער בעסער געווען אומגעקומען אויפֿן שלאַכטפעלד. אַזוי איז דאָך די וועלט געשטעלט געוואָרן — אין דער צײַט פון דער מילכאָמע זײַנען עלטערן מעקאַבער זייערע זין, און אין צײַט פון שאָלעם באַגלייטן קינדער אין לעצטן וועג אַרײַן זייערע עלטערן. האַלעווײַ וואָלט מוישע אים געווען באַגראָבן, ער זאָל ניט געווען דערלעבן צו אַזאַ כאַרפּע, צו אַזאַ אומהיילבאַרן ווייטעק.

און ווידער נעמט שנייער־זאַלמענען פּײַניקן דער קעראַכעם אָוו — ווו איז מוישע? ווו רוען זײַנע ביינער? און עפּשער לעבט ער? עפּשער איז ער אין זײַן פּײַנפולן אָפּריכטן גאָלעס געוואָרן אַ באַלטשוווע און גאָט האָט אים מויכל געווען? עס ווערט דאָך געזאָגט וועגן טאַטן אין הימל, אַז ער וויל ניט, דער ראָשע זאָל שטאַרבן, ער וויל בלויז, ער זאָל זיך אומקערן אויפֿן ריכטיקן וועג. ביז לעצטן טאָג פון זײַן לעבן וואַרט ער אַף אים. ס'איז גענוג די ערשטע מאַכשאָווע פון דעם ראָשע, די ערשטע כאַראָטע זײַנע, דער ערשטער טראָט אויפֿן ריכטיקן וועג, אַז ער זאָל אים אויסשטרעקן זײַנע הענט, און דער פאַרבלאָנדזשעטער זון זאָל געפינען זײַן טיקן, זײַן רו אונטער די פליגלען פון דער שכינע.

וועט ער זיך נאָך באַגעגענען מיט אים דאָ אַף דער וועלט? ווײ דעם טאַטן, וועמענס זון ס'איז פאַרטריבן געוואָרן פון זײַן טיש!

ווײ דעם טאַטן, וועמענס זון עס קומט אָפּ פאַר אַלעמענס זינד.

פאַרוואָס קומט עס דעם טאַטן מיטן זון אַזאַ שטראָף? פאַרוואָס?

רעב דובער האָט אין ליאַדיער פּינקעס, וועלכן זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך, פאַרצייכנט יעדן וויאָרסט, יעדן טראָט, וואָס זײַנען דורכגעמאַכט געוואָרן אין דעם גרויסן ויסעו[1] — פון פאָרן און אַרומפאָרן. ער האָט פאַרצייכנט יעדעס דאָרף, יעדעס שטעטל, ווו עס איז פאָרגעקומען דער ויחנו[2] — דאָס אָפּשטעלן און אָפּרוען זיך.

אין קראַסני איז זיך לאַנג ניט אויסגעקומען צו פאַרהאַלטן, ווײַל די נאַפּאָלעאָנישע כאַיאָלעס האָבן דורך קראַסני אָנגעגריפן אַף סמאָלענסק.

זיך דערנענטערנדיק צו סמאָלענסק, איז שנייער־זאַלמען מיט זײַן מאַכנע פון אַכט און צוואַנציק שיר ניט אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די פראַנצויזן. ס'איז געווען פּונקט שאַבעס, און שנייער־זאַלמען האָט באַפוילן פאָרן ווײַטער: ס'איז אַ העטער, ס'איז אַ גרויסע מיצווע זיך ראַטעווען פון מאַזיקים; ס'איז אַ גרעסערע מיצווע, ווי אָפּהיטן שאַבעס. פּקוח נפש דוחה שבת[3] — ראַטעווען דאָס לעבן שטויסט אַרויס דעם שאַבעס.

אויפֿן וועג האָט זיך שנייער־זאַלמענס מאַכנע צוזאַמענגעטראָפן מיט די כאַיאָלעס פונעם גענעראַל טאָלסטאָי. דער גענעראַל האָט אויפגענומען שנייער־זאַלמענען ניט ווייניקער גאַסטפרײַנטלעך, ווי די גענעראַלן אָלענאַוו און נעווערויסקי. דער „ויסעו" איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן — פון וויאַזמע קיין מאָזשײַסק, פון מאָזשײַסק קיין טראָיִצע־סערגיִע.

די צײַט איז גלײַך ווי צו איר האָט עס קיין שײַכעס ניט, זי פליט זיך פאַרויס, זי האָט קיין צײַט ניט צו בלײַבן שטיין אַף איין אָרט. אין טראָיִצע־סערגיִע איז שוין געווען סאָף עלול, און שנייער־זאַלמען באַשטימט אָט דאָ זיך שטעלן צום מישפּעט פאַרן שויפעט איבער אַלע שאָפטים, פאַרן מעלעך איבער אַלע מאַלאָכים, אויסבעטן בא אים אַ קסוווע טויווע, אַז ס'זאָל זיך ענדיקן דאָס אַלטע יאָר מיט זײַנע קלאָלעס און ס'זאָל זיך אָנהייבן דאָס נײַע יאָר מיט אַלע זײַנע בראָכעס, די רוסישע ערד זאָל אָפּגערייניקט ווערן פון דער פראַנצויזישער אומרייניקײַט און אַלעקסאַנדער דער קייסער זאָל מענאַצייעך זײַן נאַפּאָלעאָנען דעם ראָשע. דער מעלעך מאַלכיי האַמלאָכים, דער קייסער איבער אַלע קייסאָרים, זאָל דעם רוסישן קייסער פאַרלענגערן די יאָרן און אויסהיטן פון יעדער צאָרע, פון יעדן טרויער און פון יעדער געפאַר, ער זאָל אונטערטעניק מאַכן פעלקער אונטער זײַנע פיס, אַלע סאָנים זאָלן פאַר אים פאַלן, ווו ער וועט זיך קערן און ווענדן, זאָל ער מאַצליִעך זײַן!

נאָך ראָשעשאָנע איז שנייער־זאַלמענס מאַכנע אָנגעקומען קיין יוריעוו, עטלעכע שאָ פאַר קאָלנידרע איז זי אויסגעוואַקסן אין וולאַדימיר, דעם ערשטן טאָג סוקעס איז אויסגעקומען פראַווען אין אָסאַ בא דעם טײַך אָקאַ. אין די איבעריקע טעג, איז יעדן טאָג באַגלײַך מיט אַ

---

[1] וואַיִסו.

[2] וואַיאַכנו.

[3] פּיקועך נעפעש דויכע שאַבעס.

ניַעם אושפיז, מיט אַ ניַעם גאַסט פון די אָוועס, וועלכע קומען באַזוכן יעדן ייִדן אין זיַן סוקע, צוגעקומען אַ ניַע שטאָט.

סאַרא גוואַלדיק גרויסע סוקע איז די נאַוועגאַד־סוקע אַף די גרויסע, ברייטע רוסישע וועגן, גליַך, ווי אַלע ביז־אַהעריקע סוקעס האָבן זיך איין אַיין סוקע פאַרוואַנדלט. און סאַרא סכאַך, ער וואָלט געסטיַעט אַף טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אַזעלכע סוקעס — דער אומענדלע־כער סכאַך פון הימלען און וואָלקנס.

די בלעטער פון ליאַדיער פּינקעס זיַנען פון טאָג צו טאָג פולער און פולער געוואָרן מיט וועגן, מיט דערפער, שטעט און שטעטלעך.

אין ליאַדיער פּינקעס האָט רעב דובער אַריַנגעשריבן און אַרויסגעשריבן ווי אַ בסורע טויווע, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן צו די ייִדן, וועלכע האָבן אָפּגעריכט גאָלעס, און צו די, וועלכע זיַנען אַריַנגעפאַלן אין דעם סויגעס הענט, דעם פּאָטערס אויסטיַיטשונג פונעם יאָר תקע״ב[1], וואָס האָט לויט די צאָלן, לויט די אויסיַעס און לויט די אַרויסגעבראַכטע ווערטער און שורעס איבערגעכאַזערט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די מאַפּאָלע פון נאַפּאָלעאָנען און דעם ניצאָכן פון די בניי רוס — פון דעם רוסישן פאָלק.

רעב דובער האָט אין ליאַדיער פּינקעס געגוי פאַרצייכנט דעם פּאָטערס ניַע צוגאָבן צו זיַן געדאַנקענגאַנג וועגן היספּאַשטעס און צומצעם.

ווי גרויס ס׳איז רוסלאַנד! ווי פול און פול זי איז מיט היספּאַשטעס!.. ווי טיַער ס׳איז רוס־לאַנד! אַזעלכע מערכאָקים און אַזעלכע ראַכוועסן, און זיי זיַנען זיך אַזוי מעצאַצעם, אַז אַף יעדער דאַלעדאַמעס, אונטער יעדן שטיקל ערד, אַף וועלכן עס פאַלט צו דעם מענטשנס קאָפּ, זעט מען און מע פילט דאָס לאַנד פון אָנהייב ביזן סאָף.

פון דעם ליאַדיער פּינקעס האָבן אויך אַרויסגעשמייכלט שנייער־זאַלמענס מיכאַס־רולין, באַזונדער האָט דער אַלטער ליב געהאַט שפּאַסן איבער זיַן גאַל, וואָס איז אים דערגאַנגען די יאָרן — ניט געגנוג, וואָס די גאַל איז ביטער ווי גאַל, איז זי אים נאָך מעוואַזע — אַף אַ גוטן מענטשן זאָגט מען, אַז ער איז אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַף מיר קאָן מען אַזוינס ניט זאָגן, באַקומט זיך, אַז איך בין ניט אַנדערש ווי אַ שלעכטער מענטש.

עס ווערט געזאָגט, אַז דער קאַס קומט פון דער לעבער, איז ווי איז מיר פון דער גאַל, און ווונד איז מיר פון דער לעבער. אַז אַ געזונטע לעבער איז אַזאַ קיַיסן, היַינט וואָס פאַר אַ קיַיסן דאַרף שוין זיַן אַ קראַנקע לעבער? קראַנקע זיַנען דאָך שטענדיק אין קאַס.

אַזוי האָט טאָג־איַין און טאָג־אויס שנייער־זאַלמען געזוכט צווישן זיַנע רמ״ח[2] — צווישן די צוויי הונדערט אַכט און פערציק אייוורים, און שס״ה[3] — דריַי הונדערט פינף און זעכציק אָדערן עפּעס בייז, אַף זיך אַליין בארעדן, אַף אונטערצוהאַלטן דעם שמייכל אין אַזאַ ציַיט, ווען עס האָט זיך וויַיט ניט געשמייכלט. ס׳איז שוין לאַנג געווען נאָך תקע״ב, באַ דריַי כאָדאָשים, אַז דער תקע״ג האָט שוין געשפּאַנט איבער דער וועלט.

דעם פינף־און־צוואַנציקסטן טאָג אין קיסלעוו, דעם ערשטן טאָג כאַנעקע, איז אַף די וועגן אויסגעפאַלן אַ טיפער, געדיכטער וויַיסער שניי. לויטן באַפעל פונעם גענעראַל טאָלסטאָי האָט מען שנייער־זאַלמענען און זיַן געזינד פון אַכט און צוואַנציק איבערגעזעצט פון די וואָגנס אין שליטנס, אַז ס׳זאָל אַזוי ניט טרייסלען.

אַזויפיל ערד, אַזויפיל הימלען, אַזויפיל דערפער, אַזויפיל שטרויענע דעכער, אַזויפיל קווי־מענס, אַזויפיל רויכן — און אַלץ טוט באַנק, פאַר אַלץ טוט וויי. מיט אַלץ און מיט אַלעמען דאַרף ער זיך שיידן. יעדע צעשיידונג איז אַ ווונד, אַ ווונד אַף אַ מאַקע, אַ מאַקע אַף אַ מאַקע, אָן אומ־גליק אַף אָן אומגליק. די קעלט רײַסט זיך דורך דער וואַטאָווער קאָלדרע און דורך די פעלצן, אין וועלכע שנייער־זאַלמען איז געווען צוגעדעקט און איַינגעקוטעט, און דעם זאָקן איז וואַרעם, ער קוועלט אָן פון די פּראָסטיקע גיבוירים, וועלכע גייען פאָרויס, רעכטס, לינקס און פון הינטן אַרום מיט די רוסישע מאַכנעס.

די צעפּלעך איַיז, געבוירענע פון זיַן אָטעם און אַריַינגעפלאָכטענע אין זיַן באָרד, גלעט

---

[1] די ייִדישע רעליגיעזע יאָר־ציילונג רעכנט זיך פון בריִאַס האָוילעם — פונעם וועלט־באַשאַף. צו די צוגעקומענע הונדערטער און צענדליקער ווערט צוגעשטעלט דער אָס „ה״, וואָס באַטיַיט די צאָל פינף — פון די פינף טויזנט דורכגעגאַנגענע, אויסגערעכנטע און אָפּגעלייגטע יאָרן. צולייגנדיק דעם „ה״ צום יאָר תקע״ב, אין וועלכן עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע פון די רוסן מיט די פראַנצויזן, וועט זיך באַקומען ה׳תקע״ב — פינף טויזנט פינף הונדערט צוויי און זיבעציק יאָר.

[2] ראַמאַך.

[3] שאַסאַהאַ.

ער און צערטלט, ווי די סאַמע אָנגעלייגטסטע שליכים, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך א סאַך גוטע בסורעס.

עס פרייט אים שטאַרק, וואָס אַפילע די טיפע שנייען קאָנען רויק ניט אײַנליגן, יעדעס פאַרטראָטן שנייעלע הייבט זיך אוף און טראָגט זיך צו די הייכן, פונוואַנען עס איז אַראָפּגעפאַלן. דער ווינט בלאָזט, פײַפט און סווישטשעט, און שנייעלעך מיט שטערן אין הימל טאַנצן זייער וויכער־טאַנץ און טראָגן זיך פלינק, ווי א מאַבל, אַף צו פאַרשיטן דעם סוינע.

אַזויפיל מיצווּעס איז אים אויסגעקומען צו מעקײַעם זײַן, און אָט איז אים באַשערט צום סאָף פון זײַן לעבן מעקײַעם זײַן די מילכאָמע־מיצווּע.

איינע פון די גרעסטע אַוויירעס איז די מילכאָמע פון אָנפאַלן, און איינע פון די גרעסטע מיצווּעס איז די מילכאָמע פון זיך פאַרטיידיקן. ווער עס קומט דיך הארגענען, איז פעדער זיך און הארגע אים פריִער! אין דעם געגעבענעם פאַל איז אַפילע ראַטעווען דעם אייגענעם נעפעש הייסט אײַנצײַטיק ראַטעווען דעם נעפעש פון צווייטן און דריטן: ווייניקער מיט א סוינע — איז מער מיט א פרײַנט. ווער עס פאַרמערט די צאָל פרײַנט און ווער עס ראַטעוועט אַפילע איין נעפעש, איז אַלציינס, ווי ער האָט באַשאַפן א נײַע וועלט.

וועלוועלע כאַזערט שטענדיק איבער שנייער־זאַלמענס געדאַנק וועגן צומצעם: „איין ניגן קאָן פאַרבײַטן א שראַנק מיט ספאָרים".

— און ריכטיק, — איבערצײַגט זיך אַלע מאָל מיכקע, — וויפל ווערטער, שורעס און זײַטלעך וואָלט מען געדאַרפט אַף איבערצודערציילן, ווי פרײַנטלעך די רוסישע גענעראַלן און סאָלדאַטן האָבן אופגענומען שנייער־זאַלמענען, ווי געטרײַ דער אַלטער איז געבליבן רוסלאַנד ביז דער לעצטער מינוט, ווי זויבער־ווײַס ס'איז געווען זײַן טויט. און פאַרן „ווײַסן ניגן" זײַנען געבוג די מיליטערישע מאַרשן, די סאָלדאַטישע לידער, די ייִדישע מעלאָדיעס, די סאָלאָס און דועטן. אַלץ ווערט אַרומגעכאַפט, און וועגן אַלץ ווערט געזאָגט.

— צומצעם, — קומט מיכקע צום אויספיר, — דאָס איז דער קויעך האַדימיען ניט בלויז פון דער נעגינע, נאָר פון יעדן געדאַנק, פון איבערגעבן דעם הײַנט, פון באַטראַכטן דעם נעכטן און זיך פאָרשטעלן דעם מאָרגן. צומצעם הייסט אין קיין פאַל ניט פאַרקלענערן, נאָר פאַרקערט, אַרײַנכאַפן וואָס מער. ווייניקער קלאַנגען און מער געזאַנגען, ווייניקער ווערטער און מער געדאַנקען.

די קאַפעלע גייט איבער פון איין צושטאַנד צום צווייטן, מאָלט א בילד נאָך א בילד, און דער ניגן ווערט ווײַסער און ווײַסער.

אין סאַמע מיט פון דער סאָלאָ ציטערט מיכקע שטאַרק אוף, די פלייט גיט א ברי אַף די ליפן און אַף די פינגער, ווי א שטיק אײַזן, וואָס איז דורכגענומען אַף דורך און דורך מיט פראָסט און מיט קעלט. ס'איז אַסאָראָ בעטייוועס, א טאָנעס־טאָג, שנייער־זאַלמען פאַסט.

דעם צוועלפטן טאָג אין טייוועס האָט זיך שנייער־זאַלמענען שטאַרק פאַרדרייט דער קאָפ. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ניט־גוטע האָבן אים אַרויסגעכאַפט פונעם שליטן און אַרײַנגעשלײַדערט אין דעם זיך דרייענדיקן, ווינטערדיקן קאַראַהאָד. די הימלען און די ערד האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע ערטער, און ווי פאַרבלאָנדזשעטע לויפן זיי פון אָרט צו אָרט אויסזוכן זייערע פריִערדיקע און זייערע באַשטענדיקע ערטער. די סאָלדאַטן און די האַרמאַטן האָבן זיך געדרייט און געטראָגן מיט דער לײַכטקײַט פון אַראָפּגעפאַלענע שנייעלעך.

שנייער־זאַלמען פרוווט פאַרמאַכן די אויגן, און אַלציינס שווינדלט און שווינדלט, ער ברעכט מיט דער גרינער גאַל. דאָס האַרציקע האַרץ העלפט מיט דער לעבער פײַניקן שנייער־זאַלמענען, ער פאַלט אָן אַף דער לינקער זײַט, און פון דאָרט זײַנען אַלע זײַטן פאַר אים אָפן.

די היספאַשטעס פונעם לעבער ציט זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פונעם בויך און טרייסלט אוף אַלע זײַנע אינגעווייד, און דאָס האַרציקע האַרץ שטעכט ווי מיט שפיזן, דריקט, שטיקט און לאָזט ניט פרײַ אָן אָטעם טאָן.

די נאַטשאַלסטווע לייגט פאָר שנייער־זאַלמענען איבערליגן, ביז ער וועט קומען צו־זיך, אין א כאַטקע פון נאָענטן דאָרף, מיט אים וועט בלײַבן א מיליטער־דאָקטער.

אָבער שנייער־זאַלמען האָט אַפילע ניט געוואָלט הערן וועגן דעם:

— איך האָב געזונטערהייט ניט געוואָלט אַרײַנפאַלן אין די הענט פונעם סוינע, און אוואַדע און אוואַדע וועל איך דאָס ניט טאָן קראַנקערהייט.

שנייער־זאַלמענס פאַרלאַנג ווערט אויסגעפילט, עטלעכע מאָל א טאָג קומט צו אים דער מיליטער־דאָקטער, יעדן טאָג גיט מען אים אַלץ אַנדערע רעפוּעס, איין רעפוּע ביטערער פון דער צווייטער. זיי סאַמען אַפ די ריינע און קרעפטיקע ווינטער־לופט.

שנייער־זאַלמען וויל ניט שטאַרבן, אים איז א שאָד זיך צעשיידן מיט דער וועלט. דער וויִאָלאַנטשעל ברומט פון דער טיף, פון אויבן א פידל־געוויין, און די פלייט פאַרגייט זיך און

האָט טײַנעס, פאַרוואָס די צײַט האָט אַזוי קיין צײַט ניט, פאַרוואָס איז דעם מענטשנס לעבן ווי א כאַלעם, וואָס אַט פירט ער צונויף א וואַנט מיט א וואַנט, און גלײַך פליט ער אַוועק ווי א שאָטן, וואָס באַווײַזט זיך ניט אַנוואַרעמען אַף איין אָרט און וואַקסט גלײַך אויס אַף א צווייטן.

נאָך איין יאָר! נאָך איין יאָר! — בעט זיך שנייער־זאַלמען באַם האַר פון לעבן. נאָך איין יאָר, און ער וואָלט אופגעטאָן א סאַך מער, ווי פאַר די אַלע יאָרן ביז אַהער, ער וואָלט אַלץ מעצאַמצעם געווען ביזן העכסטן...

אין די שווערע ווידע־טעג, ווען שנייער־זאַלמען האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּרייניקן פון זײַנע אַלע באַגאַנגענע זינד, איז אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, א שפּאָגל־נײַע אווייִרע, אַן אווייִרע, וואָס שמעקט מיט קפּירע, מיט אָפּלייקענען דאָס, אין וואָס ער האָט א לעבן געגלייבט, און ער דערפילט זיך, ווי איינער, וואָס טויוולט זיך און האַלט א שערעץ אין האַנט.

ער וויל ניט שטאַרבן, ער וויל ניט אַוועק פון דער וועלט — הייסט עס, אַז ער וויל ניט קומען אַף יענער־וועלט, הייסט עס, אַז דער קלענסטער כיילעק אוילעמהאַזע איז בא אים טײַערער, איידער דער גרעסטער כיילעק אוילעמהאַבע, וואָס וואַרט אַף אים.

ווי ריכטיק זײַנען די ווערטער: גלייב זיך אַליין ניט ביזן טאָג פון דײַן טויט. עס ווערט דערציילט, אַז איינער א ביז גאָר פרומער ייִד האָט געזאָגט: „איך זאָל אַפילע הערן פון א מאַלעך אַליין, אַז איך בין א צאַדיק, וואָלט איך אים ניט געגלייבט, און ווען דאָס זאָל אַפילע גאָט אַליין ביכוווידוי אוועצמוי אָנשרײַבן און כאַסמענען, וואָלט איך געגלייבט נאָר אין דער רעגע, ווען די כסימע וואָלט געכאַסמעט געוואָרן און גלײַך וואָלט איך עס אָפּגעלייקנט. דער גרעסטער און אויסגעפּרוּווטער צאַדיק קאָן ניט זיכער זײַן, וואָס עס וועט געשען מיט אים מאָרגן, וואָס עס וועט פּאַסירן מיט אים אין א מינוט אַרום.

געדאַנקען שטייען ניט אַף איין אָרט, זיי זײַנען ווי כוואַליעס, איינע יאָגט אַריבער די צווייטע, און ביז זיי קומען צום ברעג, איז זיי ניט צו דערקענען.

די קלאַנגען פאַרקערעווען אַלע מאָל אין אַן אַנדער ריכטונג, די אויבערהאַנט גייט איבער פון איין אינסטרומענט צום צווייטן, און די פלייט האַלט אין איין קישעפן און פאַרקישעפן.

שנייער־זאַלמען קלאַפּט זיך אַלכעט און פאַרענטפערט זיך פאַרן ריבוינעשעלוילעם — זאָל ער ניט מיינען, אַז ער האָט אַזוי געמיינט, אַזוי געטראַכט, ער וויל ניט אַוועק פון דער־וועלט, ווײַל ער האַלט, אַז ער איז נאָך ניט גענוג ראָיע צו קומען אַף יענער־וועלט, ער האָט נאָך ניט גענוג מיצוועס אויסגעפילט, ניט גענוג ניסיוינעס אויסגעשטאַנען. ער דאַרף זיך נאָך א סאַך, ביז גאָר א סאַך רייניקן, ער דאַרף נאָך א סאַך, ביז גאָר א סאַך דורכגיין איבערן פּרוויזדער — איבער דעם אוילעמהאַזע־קאָרידאָר, ביז ער וועט קאָנען אַרײַן א ריינער, אָן א שפּרענקעלע טומע, פאַרפּוצט אין די שענסטע מאַלבושים פון מײַסים טויוועס, אין טראַקלין — אינעם פּאַלאַץ פון יענער־וועלט. ווי לאַנג זי ציט זיך, די ווידע — א זינד נאָך א זינד, אַן אווייִרע נאָך אַן אווייִרע. זיי מאַרשירן דורך פאַרבײַ שנייער־זאַלמענס אויגן, ווי די אָנצאָליקע מאַכנעס סאָל־דאַטן.

ווען ער זאָל ניט געווען שאַפן קיין נײַע שיטע, ניט געווען אויסטרעטן קיין נײַעם וועג, וואָלט ער ניט געווען קומען צו אַזעלכע מאַכלויקעסן, צו אַזעלכע אומגליקן. אָבער אַז אַלע זאָלן גיין אַף איין וועג, איז דאָך אומעגלעך. ווען אַלע וואָלטן ציִען אַף איין זײַט, וואָלט זיך דאָך די וועלט איבערגעקערט. נאָר אַלציינס איז ער שולדיק — ער האָט שטענדיק געזוכט בלויז דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, און ניט דאָס, וואָס ס'איז געווען פאַר זײַנע אויגן מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן.

אַן אַלכעט נאָך אַן אַלכעט, און פאַר יעדן כעט א באַזונדער סלאַכלאָנו, א מעכילע־געבעט.

דעם 24־טן טאָג אין טייוועס האָט זיך שנייער־זאַלמענס שליטן אָפּגעשטעלט אין דאָרף פּעני, סומסקער אויעזד, קורסקער גובערניע. א העלער און זוניק־פראָסטיקער טאָג איז דאַן געווען. די שטראַלן פון דער זון האָבן טויזנטער און טויזנטער טראָפּנס שײַן פאַנאַנדערגע־שפּריצט איבערן ווײַסן שניי, דער גאַנצער אַרום האָט געפינקלט, ווי מיט אָנצאָליקע פלעמע־לעך פון אָנגעצונדענע ליכט. אַזויפיל ליכט בא יעצ׳יעס נעשאָמע, אַזויפיל ליכט!

די שפּיל פון דער קאַפּעלע ווערט שטילער און שטילער, לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער, די לעבנס־קלאַנגען ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. די לעצטע טריפנדיקע טראָפּנס פון אַן אויסגערונענעם לעבן!

ס'ווערט כאָרעוו א וועלט! אַזויפיל ספייקעס, אַזויפיל אומרו, אַזויפיל געדאַנקען, אַזויפיל ווייען און פאַרדראָסן, אַזויפיל כעדווע און סימכע, אַזויפיל ליבע און גלויבן נידערן צוזאַמען באַרג־אַראָפּ, אָט באַלד וועט זיי אָנקומען אַנטקעגן א לעצטער שקיִע־שטראַל, זיי א קוש טאָן, און אַלץ איז אויס.

א צאַפּל נאָך א צאַפּל, און אַלע פּענעמער, וואָס שנייער־זאַלמענען איז באַשערט געווען צו זען אין זײַן לעבן, ווערן מעצאַמצעם און אײַנגעשרומפּן אין איין אומענדלעך פּאָנעם...

די ספאָרים האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די פאַרשלאָסענע שראַנקען, וועלכע זײַנען גע־בליבן אין ליאַדי און זײַנען געקומען אַהער, אין דעם דאָרף פּעני, זיך געזעגענען מיטן אומ־דערמידלעכן מאַסמיד, מיטן גרויסן לערנער.

אַזויפיל ספאָרים, און קיין איינער פון זיי איז בײַ שנייער־זאַלמענען ניט איבעריק געווען. אין יעדן סייפער פלעגט דער מעכאַבער אופשטיין פאַר אים טכיאַס־האַמייסים: וויפל ספאָרים, אַזויפיל מעכאַבערים.

שנייער־זאַלמען קושט יעדן סייפער, געזעגנט זיך און דאַנקט יעדן מעכאַבער פאַר דער האַנאָע, פאַר די געדאַנקען, מיט וועלכע ער איז באַרײַכערט געוואָרן.

גלײַך נאָך די ספאָרים האָבן זיך אַלע ניגונים, וועלכע האָבן א לעבן אַרויסגעזונגען פון אים, זיך פאַררייניקט אין איין געזאַנג.

שנייער־זאַלמענס ליפּן האָבן גענומען ציטערן, אים האָט זיך געוואָלט די געזאַנגען אָפּ־דאַנקען מיט א געזאַנג, אָבער עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים יעדער קלאַנג. פון דעם מיליטער־ריש־סאָלדאַטישן שליטן ווערט שנייער־זאַלמען אַריבערגעטראָגן אין דער מערקאָווע, אין דעם פּײַערדיקן רײַטוואָגן: עס האָט זיך געענדיקט די ערדישע נעסיִע — בײַטן זיך די מאַרשרוטן.

דער פּײַערדיקער רײַטוואָגן פליט, יאָגט זיך און טראָגט זיך איבער די הימלען, דער וועג פירט צו דער פּאַמאַליע שעל מײַלע, צום קיסע האַקאָוועד.

דער אָול רעב דובער האָט מודיִע געווען: פרײַטיק אָפּדערנאַכט האָט נאָך דער פּאָטער קידעש געמאַכט, און שאַבעסצונאַכטס פאַרשע שמויס, פיר און צוואַנציק טעג אין טייוועס יאָר תקע״ג, איז ער ניסטאַלעק געוואָרן פון דער וועלט, ניט באַווײַזנדיק מאַכן קיין האַוודאָלע.

נאָך די זיבן טעג שיווע זיצן האָט רעב דובער איבערגעגעבן וועגן שנייער־זאַלמענס לעצטן טאָג, וועגן זײַנע לעצטע שאָען, מינוטן און רעגעס.

די זיך וויגנדיקע אומרויִקע רוסישע ערד איז אין דעם שאַבעס פון 24־טן טאָג אין טייוועס געוואָרן נאָך מער וויגנדיקער און נאָך מער אומרויִקער — די ערדן פון מיזרעך האָבן זיך גע־קריגט מיט די ערדן פון מײַרעוו, און די ערדן פון צאָפן מיט די ערדן פון דאָרעם:

— אָף אונדזער ערד דאַרף שנייער־זאַלמען קומען צו קייווער ייִסראָעל.

— ניין, אָף אונדזער ערד!

— אָף מיר דאַרף לייגן דער צאַדיק זײַן קאָפּ!

— וואָס עפּעס אָף דיר, און פאַרוואָס ניט אָף מיר?

— אָף מיר און נאָר אָף מיר דאַרף לייגן דער צאַדיק זײַן קאָפּ.

און געלייגט האָט ער זײַן קאָפּ און געפונען זײַן אייביקע רו אָף דער אוקראַיִנישער ערד, אין גאַדיאַטש, פּאָלטאַווער גובערניע.

שקלאָוו איז געגאַנגען כאַדאָראָם: עפּעס א קלייניקייט, שוין דאָס דריטע מאָל ווערט די גוזיקאָוו־קאַפּעלע אײַנגעלאַדן קיין מאָסקווע.

דאָס דריטע מאָל אויסנעמען און אײַנעמען אַזאַ שטאָט, ווי מאָסקווע, איז שווערער, ווי דאָס צווייטע מאָל, און אַוודאי און ווי דאָס ערשטע מאָל.

און דערפאַר טאַקע האָט זיך די קאַפּעלע צו דער דריטער אײַנלאַדונג געגרייט מער, ווי צו די ערשטע צוויי. דער „ווײַסער ניגון“, איז זיכער געווען די קלעזמער־גאַס, אַלע מענאַגנים אין שקלאָוו, אַפילו די מיסנאַגדישע, איז די בעסטע שמירע, די בעסטע קאַמייע, די זיכערסטע גאַראַנטיע אָף אײַנצונעמען ניט בלויז מאָסקווע, נאָר די גאַנצע וועלט.

די קלעזמער־גאַס האָט זיך גענומען געזעגענען מיט דער קאַפּעלע אָף א וואָך פריִער, איידער זי איז אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, די כאַבאַדניקעס — מיט א האַלבער וואָך, און די מיסנאַגדים — מיט א טאָג פריִער.

בראַכעס און ווינטשעוואַניעס האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זײַטן, און ווען בײַ די גוזיקאָווס איז שוין ניט געווען קיין אָרט אַפילו פאַר דער קלענסטער בראָכע און ווינטשעוואַניע, האָט די קלעזמער־גאַס גענומען אָפּגעבן מאַזלטאָוו דער בישכיינעסדיקער גאַס, די בישכיינעסדיקע גאַס — דער גאַס פון די כאַבאַדניקעס, און די גאַס פון די כאַבאַדניקעס האָט געמאַזלטאָוועט מיט מאַזלטאָווס פאַר יעדן איינעם, אָן אונטערשייד, אָף וועלכע וועגן ער גייט צו גאָט און קומט צו מענטשן. מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין ווינטשעוועון:

— זאָלן די גוזיקאָווס שפּילן און אין ערגעץ ניט פאַרשפּילן!

— זאָלן זיי פאַרייניקן די צעבראָכענע הערצער פון שקלאָוו מיט די צעבראָכענע הערצער פון מאָסקווע...

— זאָלן זיי אופּרודערן מאָסקווע, אַז די הויכע פּענצטער זאָלן זיך נעמען טרייסלען.
— זאָלן די מאָסקווער זען, אַז ווי דער קייסער זאָל אונדז ניט דריקן, שטיקן און טרעטן אונדז, קאָן ער די סטרונע פון אונדזערע הערצער ניט איבעררײַסן און ניט אַרויסרײַסן.
— מיר לעבן!
— מיר שפּילן!
— מיר זינגען!
— זאָלן זיי זען!
— זאָלן זיי הערן!
אין דעם טאָג, ווען די קאַפּעלע איז אָפּגעפאָרן, האָט די קלעזמער־גאַס זיך געגומען ריכטן, אַז עס וועט זײַן אַ מאַזלטאָוו אין אַ מאַזלטאָוו, אַ סימכע אין אַ סימכע. סימאָנים און באַווײַזן אויף דעם זײַנען דאָ גענוג. אין דעם לעצטן אָפּדערנאָכט פאַרן אָפּפאָרן, ווען כאַנקע האָט זיך אַרײַנגעריסן צו אַזריעלן אין דער פול געפאַקטער שטוב, אַרײַנגעקוקט מיכקען אין די אויגן און, ווי שטענדיק, געפּרוּווט אַנטלויפן, האָט מיכקע איר פאַרשטעלט דעם וועג. זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און אַוועקגעזעצט לעבן זיך. כאַנקע האָט ניט דערוווידערט און איז ביזן העלן טאָג אַרײַן אָפּגעזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן — זי האָט זיך געשעמט פאַר די קלעזמער און פאַר די געסט און מוירע געהאַט צו באַגעגענען מיט אירע בליקן דאָס גרויסע גליק, וואָס עס האָט איר געטראָפן.
דאָס איז נומער איינס. און נומער צוויי איז דאָס, וואָס באַם געזעגענען זיך האָט מיכקע בעפאַרעסיע, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַ גלעט געטאָן אַרויף און אַראָפּ כאַנקעס געדיכטע שוואַרצע האָר. און נומער דרײַ איז דאָס, וואָס גלײַך נאָכן גלעטן האָט ער מיט אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט עפּעס געצייכנט אויף זײַן לינקער דלאָניע.
— ווײַזט אויס, — האָט די קלעזמער־גאַס געפּרוּווט טרעפן, — אַז דער פינגער פון דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער דלאָניע האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז פון מאָסקווע וועט ער איר שרײַבן.
— און עפּשער גאָר פאַרקערט, עפּשער האָט מיכקע געבעטן כאַנקען, זי זאָל אים פון שקלאָוו שרײַבן קיין מאָסקווע?
— און עפּשער האָט ער פאַרן פאָרן געגעבן צו וויסן, אַז גאָר איינגיכן וועלן זיי טנאָים שרײַבן?
עפּשער און עפּשער... און אַלע פאַרשיידענע עפּשערס זײַנען זיך צונויפגעגאַנגען אויף איינעם און דעם זעלבן, אַז כאַנקע און מיכקע זײַנען אַ זיווג מין האַשאָמאַיִם — אַ פּאָר פון גאָט און גאָר איינגיכן וועט מען שטעלן אַ כופּע און פּראַווען אַ כאַסענע.
די קלעזמער־גאַס איז פאַרפּלייצט געוואָרן מיט מאַזלטאָווס און ווינטשעוואַניעס:
— מאַזלטאָוו פאַרן „ווײַסן ניגן“!
— מאַזלטאָוו פאַרן קלעזמער, וואָס וועט איבעראַשן מאָסקווע!
— מאַזלטאָוו פאַרן כאָסן!
— מאַזלטאָוו פאַר דער קאַלע!
— מאַזלטאָוו פאַר די מעכוטאָנים!
— מאַזלטאָוו פאַר דער קלעזמער־גאַס!
— מאַזלטאָוו פאַר גאַנץ שקלאָוו!
— שוין צײַט, שוין צײַט נאָך אַזויפיל שלימאַזל אַ ביסעלע מאַזל!
— איז זאָל זײַן מיט מאַזל!
— מיט מאַזל זאָלט איר לעבן!
— מיט מאַזל זאָלט איר דערלעבן!
— מאַזלטאָוו!
— מאַזלטאָוו!

מאָסקווע אַפּלאָדירט

ווען מ'האָט די גוזיקאָוו־קאַפּעלע צום ערשטן מאָל אײַנגעלאַדן אויף אַ ריי קאָנצערטן קיין מאָסקווע, האָבן אַ סאַך מאָסקווער ניט געגלייבט, אַז עס וועט זײַן וואָס צו הערן — מ'איז געגאַנגען ניט ווי אויף אַ קאָנצערט, נאָר ווי אויף אַ בייזוווּנדער. עס איז פאַרגעשטאַנען אַ געראַנגל, אַן אָנגריף — ווער וועמען? דעם „ווער“ האָט אויסגעשפּילט די גוזיקאָוו־קאַפּעלע... דאָס צווייטע מאָל האָט שוין קיינער ניט געספּעקט...

דאָס דריטע מאָל, ווען די קאַפּעלע איז אַ סך פֿאַרגרעסערט געוואָרן און האָט געבראַכט מיט זיך דעם „ווײַסן ניגון“, דעם זינגער וועלוועלע און דעם סאָליסט מיכקע, איז דער נײַגער געווען אַזוי גרויס, אַז דער אָפּמאַך אַף צען קאָנצערטן איז פֿאַרלענגערט געוואָרן ביז דרײַסיק.

עס האָבן זיך געביטן די געבײַדעס, די בינעס, דער עולם, און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן געדונערט, ווי אַ המשך. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זיי האָבן זיך אויך אַרײַנגעכאַפּט אין דעם גרויסן גלעקער־געקלאַנג פֿון די צעשײדטע, צעזייטע און צעשפּרייטע קלויסטערס, וועלכע ווערן פֿאַרייניקט דורך די קלאַנגען פֿון די אַנצאָליקע גלעקער, גלאָקן און גלעקעלעך, דורך די צעהוידעטע שווערע בים־באַמען, וועלכע נידערן אַלץ טיפֿער אַראָפּ, און דורך די דזין־דזין־דזינס, וועלכע ציִען זיך צו די הויכע באַגילדעטע ציילעמס און שטײַגן זיי אַריבער.

מיכקען האָט מען אין די צײַטונגען גענומען רופֿן מיכאַיִל־יאָסיף אַזריִעלעוויטש. האָט מען אים ניט פֿאַרביטן? איז עס טאַקע ער? ס׳איז ניט יוישערדיק, — האָט מיכקען שטאַרק וויי געטאָן פֿאַר מיכקען, פֿאַר דעם נאָמען פֿון זײַן קינדהײַט און יוגנט... פֿאַר דעם נאָמען, וואָס האָט אים אַ נאָמען געמאַכט...

די צײַטונגען גייען פֿאַרבײַ דעם אָנהייבער, גייען ניט נאָך די שפּורן פֿון די ערשטע טריט, זיי שרײַבן בלויז וועגן מיכאַיִל־יאָסיף אַזריִעלעוויטשעס רײַפֿקײַט:

„מיטן פֿלייטיסט גוזיקאָוו פּאַסירט אין ערגעץ ניט די ניט אויסגערעכנטקײַט פֿון דעם אומרײַפֿן, וואָס שיסט פֿון האַרמאַטן אַף פֿייגעלעך און גרײַפֿט אָן מיט קינדער־געווער אַף באַ־טאַרייעס“.

— מיכקע! מיכקע! — רופֿט מיכקע זײַן אַלטן נאָמען טיף אין זיך, — מיכקע, קער זיך אום, פֿאַרלאָז מיך ניט! ווער ס׳זאָל ניט ענדערן און וויאַזוי מע זאָל ניט ענדערן, וועסטו באַ מיר הייסן, ווי ביז איצט, ווי ביז מאָסקווע — מיכקע! מיכקע!

אַ נײַער נאָמען — און אַף אַ נײַעם אופֿן ווערן אַרויסגעבראַכט די שוואָכים. מיכקע איז געוווינט געוואָרן צו שוואָכים שעבאַלפּע, און מיכאַיִל־יאָסיף אַזריִעלעוויטש ווערט באַלוינט מיט שוואָכים שעביקסאָוו. סאַראַ גרויסער אונטערשייד — דער געזאָגטער שוואָך איז אָפּגעזאָגט און לאָזט בלויז איבער ווידערקלאַנגען אין זיקאָרן און דער אָפּגעדרוקטער שוואָך האַלט אין איין זאָגן און איבערזאָגן, ער זאָגט באַם זונען־אויפֿגאַנג און באַם זונען־פֿאַרגאַנג, ער זאָגט מאָרגן, איבערמאָרגן, וועט איינס און דאָס זעלבע זאָגן אין אַ כוידעש אַרום, אין אַ יאָר אַרום, אין פֿינף און אין צען יאָר אַרום, אין זײַן צײַט און אין די צײַטן פֿון די קומענדיקע דוירעס.

מיכקע לייענט און דערוויסט זיך וועגן מיכאַיִל־יאָסיף אַזריִעלעוויטשן, אַז ווען ער שפּילט, דאַכט זיך, אַז ער שפּילט פֿאַר אַ ליידיקן זאַל. אַ פֿולער זאַל מיט צושויער, און יעדער איינער פֿאַרטײַעט זײַן אָטעם, און יעדער איינער פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס האַרץ, אַז זײַן קלאַפּן זאָל ניט שטערן אויפֿכאַפּן דעם מינדסטן קלאַנג פֿון דער פֿלייטן־סאָלאָ.

יאָ, קיינער, דאַכט זיך, איז ניטאָ אין זאַל, גוזיקאָוו בלײַבט פּאָנעם־לעפּאָנעם מיטן „ווײַסן ניגון“. די שרעק פֿאַרן עולם דויערט באַ אים, ווי די קעלט, וואָס כאַפּט אַרום דעם שווימער באַם אַרײַנוואַרפֿן זיך אין יאַם — עטלעכע רעגעס — און גלײַך אויס צו איר. ווען ער שפּילט, שפּילט ער ניט אַף צו געפֿעלן ווערן, אַף אויסצונעמען, אַף צו באַלוינט ווערן מיט אַפּלאָדיס־מענטן. ער שפּילט, אַז אַלע סודיעס פֿון דער שפּיל זאָלן איבעראַנײַס פֿאַר אים אַנטפּלעקט ווערן, ער זאָל אויפֿשטײַגן צו אַלע אירע הייכן און דערגרונטעווען זיך צו אַלע אירע טיפֿן.

סאַראַ שטילקײַט. מע קאָן זי פֿאַרגלײַכן צו דער הייליקער שטילקײַט פֿון קאָדשיי־קאָד־שים, ווען טירן עס פֿלעגן זיך עפֿענען פֿאַרן קויהענגאָדל בלויז איין מאָל אין יאָר — יאָם־קיפּער. די געפֿאַר איז גרויס. בלויז איין פֿאַלשער מורמל פֿון דעם קויהענגאָדלס ליפּן, בלויז איין מאַכשאָווע זינע, וואָס קערט אָפּ אין אַ זײַט — און דאָס פֿאָלק וועט אים ניט באַגעגענען מיט די לויב־געזאַנגען פֿון „מאַרעקויהען“:

— שיין איז דער קויהענגאָדל נאָכן אַרײַנגיין און אַרויסגיין בעשאָלעם פֿון קאָדשיי־קאָד־שים. ער איז שיין, ווי דער כיין און כעסעד, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אָפּן כאָסנס פּאָנעם באַם אַרײַנגיין אונטער דער כופּע. ער איז לויטער און צאַרט, ווי דער שלייער פֿון דער קאַלע, בליציק, ווי אַ בליץ, וואָס שנײַדט דורך אַלע וואָלקנדיקע הימלען, אַלע פֿינצטערנישן פֿון דער נאַכט, רויִק און פֿאַרביק, ווי דער רעגנבויגן, דופֿטיק, ווי די רויז אין דעם אויסגעצערטלטן לוסט־גאָרטן.

דאָס זעלבע קומט פֿאָר מיטן שפּילער: איין פֿאַלשער קלאַנג, איין גלײַכגילטיקע רעגע — און אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן...

מיכקע דערוויסט זיך פֿון אַ צווייטער צײַטונג וועגן מיכאַיִל־יאָסיף אַזריִעלעוויטשן, אַז ער איז אַ צויבערער, וואָס קאָן מיט זײַן צויבער־פֿלייט פֿאַרקישעפֿן אַפֿילע אַ שטיין פֿון אַ וואַנט.

אָט פארמאכט ער די אויגן, אז קיין טראָפּנדל שײַן זאָל ניט גיין לעבעד, און גלײַך גיט ער זיי אַן עפן אוף אָף אײַנשלינגען נײַע שײַנען, נײַע ליכטיקײַטן. די ליפּן אָטעמען אַרײַן אין דער פּלייט דעם אָטעם פון לעבן, דער מויעך איז אָנגעשטרענגט, דאָס פּאָנעם איז אופגערו־דערט, און דאָס האַרץ איז אַרײַן אין דער פּלייט, צאַפּלט אין יעדן אַקשאָנעסדיקן פינגער. די פּלייט, דוכט זיך, בעט זיך: „איך קאָן שוין ניט מער, אַלע מײַנע קוואַלן זײַנען אויסגעשעפּט!" און די פינגער פאָדערן נאָך און נאָך — יעדער קוואַל האָט זײַן אונטערקוואַל, יעדער אַרויס־געבראַכטער קלאַנג מאַכט פרײַ דעם וועג פאַר אַ צווייטן, דער צווייטער פארן דריטן. אַזוי איז זינט די וועלט שטייט, און אַזוי וועט עס זײַן, ביז די וועלט וועט שטיין.

דערפאָלג דאָס איז ניצאָכן, — האָט דער זיידע יִיצכאָק געהאַלטן, — דאָס איז דאָס העכסטע גליק, אָף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן! מ'טאָר אָבער אָף קיין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז אינעם דערפאָלג ליגט, ווי אין בלומען אײַנגעהילט, די שלאַנג פון גײַווע, די סאַקאָנע פון אַלע סאַקאָנעס, אָף אַלע מײַנע סאָנים געזאָגט געוואָרן!

גײַווע — דאָס איז דער שלאַנגישער שיקרעס־גיפט, וואָס האַלט אין איין דרייען און פאַר־דרייען און איבערקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. דער באַלגײַווע איז אַזוי פאַרליבט אין זיך, אַז אויסער זיך זעט ער קיינעם ניט — ער איז דער ערשטער, און קיין צווייטער אַזאַ וועט שוין מער קיינמאָל ניט זײַן אָף דער וועלט. ער, דער באַלגײַווע, האָט די האָזע צו טראַכטן, אַז צוליב אים, בלויז צוליב אים, איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, אַז אַלע איבעריקע זײַנען ניט מער ווי שטיינער, וואָס ווערן אײַנגעשטיינערט איינער אָפּן צווייטן, אַז דער באַרג זאָל שטײַגן אַלץ העכער און העכער, אַז אָף דער העכסטער הייך זאָל ער זײַן דער העכסטער.

— געדענק, — האָט דער זיידע יִיצכאָק ניט איינמאָל אָנגעזאָגט מיכקען, — גײַווע יאַרשנט ניט, דער גײַווע שטייט ניט אָן שעפּן פון די אַלטע קוואַלן און זוכן נײַע, זי שפּילט זיך אַזוי לאַנג אין זיך, ביז זי פאַרלירט איר פּאָנעם, איר אויסזען, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שאָטן, וואָס אַנטלויפט, פאַרשווינדט און קערט זיך מער ניט אום.

יאָ, עפּעס־וואָס האָט זיך אין אים געענדערט, פילט זיך מיכקע שולדיק פאַרן זיידן פאַר ניט אויספּילן זײַן אָנזאָג — ער איז איצט אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ער קאָן ניט אָפּשיידן פינצ־טערניש פון ליכט, גוטס פון שלעכטס, שוואַרץ פון ווײַס, וואָך פון יאָמטעוו, אַלץ און אַרום איז ליכטיק, איז גוט, איז יאָמטעוודיק. ער האָט זיך שוין אַפילע פאַרגעשטעלט, ווי ער פאָרט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, די גאַנצע וועלט איז פול מיט אים, אָף אַלע לעשוי־נעס רימט מען דעם געוועזענעם מיכקען און דעם איצטיקן מיכאיל־יאָסיף אַזריעלעוויטש, דעם יִינגסטן פון די גוזיקאָווס, וואָס ברענגט אַרויס דורך זײַן פּלייט די קישעפדיקע קראַפט פון דוירעס קלעזמער.

שקלאָוו גייט כאַדאַראָם! די מאָסקווער צײַטונגען גייען איבער פון האַנט צו האַנט, יעדער איינער, וואָס האָט געלייענט און געהערט, גיט צו זײַנס, לייגט צו אַ קנייטל, און דער רום וואַקסט אויס הויך, אַזש ביז די הימלען.

יעדער שקלאָווער גוויר פּרוווט אַראָפּציִען מיכקען פון די הימלען אָף דער ערד, אַראָפּ־ציִען אים צו זיך, אַרופציִען אים אַלץ כאָסן פאַר זײַן טאָכטער. מע גילט אים אָפּ מיט די סאַמע גרויסע נאַדנס, טויזנטער האָגלען פון אַלע זײַטן, ער ווערט אַ גוויר אָן אַדיר.

מיכקע ציטערט אוף פון די ווײַט פאַרפירנדיקע פאָרשטעלונגען, אין אַזאַ לאַגע קאָן דאָך מיט זײַן פּלייט פּאַסירן דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דער פּלייט, וועלכע מ'האָט אין גאָלד באַפּוצט און מיט דעם דאָס לאָשן אָפּגענומען בא איר.

ניין, ניין! — אַנטלויפט מיכקע אין דער קלעזמער־גאַס, ווי אין אַן אָרעמיקלעט. ער פאַר־ענטפערט זיך פאַר אַלע אירע אײַנוווינער, וועלכע האָבן ניט געוואוסט נאָענט צוגיין צו אים, אַז ער איז געבליבן אַזאַ ווי געווען, ער וועט זיי קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

מע גלייבט אים! קליין און גרויס, יונג און אַלט באַגלייטן אים צו כאַנקען, קעדיי צו זען מיט די אייגענע אויגן, ווי ער, מיכקע, טיילט זיך מיט איר מיט זײַן קאָוועד, מיט זײַן דער־פאָלג און מיט זײַן רום — די מאָסקווער צײַטונגען פלאַטערן אין כאַנקעס הענט, ווי פליגלען.

מיכקע פּרוווט שפּאַנען אָף אַ דיל־ברעט פון דעם האָטעל־צימער ווי אַ שיקער, וועלכער פּרוווט לויט די געציילטע, פאַרבליבענע גלײַכע טריט אויסגעפינען די מאָס פון זײַן שיקרעס. ער גייט גלײַך, ער גייט, ווי ער איז געגאַנגען, קיין איין וואַקלדיקער טראָט. סאַראַ גליק, די גײַווע־קרענק, וואָס האָט אים באַרירט, האָט אים ניט אָנגעשטעקט אָף לאַנג. אַ סימען האָט ער, אַז וועלוועלעס דערפאָלג פרייט אים ניט ווייניקער, ווי זײַנער. ער האָט אַזויפיל מאָל געלייענט און איבערגעלייענט די אַרויסזאָגונגען וועגן וועלוועלעס שטים, וועגן וועלוועלעס שאַפן און וועגן וועלוועלעס זינגען, אַז ער קאָן זיי שוין אַלע אָף אויסווייניק.

4—656

די צווײ איטאַליעניש ווערטער „בעלי" און „קאַנטאַ", וואָס בוכשטעבלעך באַטײַטן זײ — זײַן געזאַנג, זײַנען אַרײַן אין מיכקען, ווי אַ דיבעק: זאָגט ער — וועלוועלע, קומען גלײַך אַפּן זינען דער „בעלי" און דער „קאַנטאַ", און גיבן אָט די צווײ קישעפדיקע ווערטער אַ ברי די ליפּן און פליִען פון קלאַנג צו קלאַנג, ווי די פייגלען פון צווײַג צו צווײַג, פּאָרט ער גלײַך אַרײַן אין דער מיט מיט וועלוועלען.

„בעלי" און „קאַנטאַ" — דאַכט זיך, צווײ ווערטער, און זײ זאָגן אַזוי פיל, זײ באַטײַטן ריין־נעשאָמעדיקע לײַכטע קלאַנגען, לויטערע געזאַנגען, דורכויסיקע מעלאָדישקײַט, דורכויסיקע ווירטואָזישקײַט, דורכויסיקע אייגנאַרטיקײַט.

סאַראַ גראַטענע ווערטער! זײ זײַנען באַשאָטן מיט שוואָכים, ווי העגנלעך מיט ווײַנ־ טרױבן אין אַ געראָטן יאָר.

בעלי קאַנטאַ! בעלי קאַנטאַ! נאָר פאַר נעגינע סטײַעט דאָך קײנמאָל קיין ווערטער ניט...

אין די צײַטונגען הערט מען ניט אוף צו לויבן ביזן הימל אַרײַן דעם „ווײַסן ניגן", די פאַרברידערונג און צונויפלעבונג פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע מעלאָדיעס, די פאָלקסטימלעכ־ קײַט, די ליבע צו דער רוסישער ערד. מע איז איבעראַשט פון וועלוועלעס אויסגעבילדעטער שטים, וועלכע די נאַטור אַליין האָט זי באַפרײַט פון יעדן רוי־געשריי, ווי דער סקולפּטאָר, וואָס האַקט אָפּ אַלע שטיינערנע ווילדפליישן, אַלע באַוואַקסענע געשווירן, טעסעט און שלײַפט דעם שטיין, וועלכן ער פאַרוואַנדלט מיט אַ מענטשלעך פּאָנעם, מיט מענטשלעכע אויגן און מיט אַ מענטשלעך האַרץ. די נאַטור אַליין האָט אין איר אַרײַנגעפליסט די זיסטע זאַפטן, ווי אין די בעכערלעך פון די בלומען.

וואָלף אַבראַמאָוויטשעס שטים איז אַ פאָלגנדיקע שטים, זי דערגייט לײַכט צום אייבערשטן „דאָ", פילט זיך, ווי באַ זיך אין דער היים, אינעם פּאַלאַץ, זי איז ברייטהאַרציק אין די מיט־ טעלע טענער און צערטלעך באַם אַראָפּלאָזן זיך אין דער נידער. יעדער טאָן אירער פאַרמאָגט זײַן באַזונדער ווייכקײַט. די קראַפט פון ווייכקײַט, ווי באַוווּסט, איז שטאַרקער פון דער שטאַרקסטער האַרטקײַט. וואָלף אַבראַמאָוויטש צוימט זײַן שטים, ער לאָזט זי אין ערגעץ ניט צו פאַרסירן. אַ פאָרסירנדיקע שטים קאָן ניט זײַן קיין לײַכט־באַוועגלעכע, קאָן ניט ניואַנסירן, קאָן ניט איבערגעבן דעם געדאַנק פונעם קאָמפּאָזיטאָר, גיט בלויז די מעגלעכקײַט אויסזינגען די נאָטן, נאָר ניט אויסדריקן די געפילן און איבערלעבונגען. די קלאַנגען פון זײַן שטים פאַר־ הילכן ניט די קלאַנגען פונעם וואָרט, זײ גיסן זיך צונויף און פאַרייניקן זיך אין איין גאַנצעס. די מוזיקאַלע דיקציע פון זײַן אַרויסגעבראַכט וואָרט העלפט מיט דערטראָגן די מעלאָדיע מער קלינגעוודיקער, מיט מער פאַרשיידנאַרטיקע שאַטירונגען.

מיכקע פרייט זיך פאַר וועלוועלען, וועלכער ווערט אַזוי געליבט, אָבער אים טוט וויי פאַר זײַן טאַטן אַזריעלן, וועלכער האָט פאַרדינט מער געליבט צו ווערן פאַר זײַן שפּילן אַפּן פידל, פאַר זײַן דיריזשירן מיט דער קאַפּעלע. ער דערפילט זיך שולדיק פאַרן זיידן ייִצחאָק, וועלכער האָט ניט זוכע געווען, מע זאָל וועגן אים שרײַבן אין די צײַטונגען. וואָלט דער זיידע ייִצחאָק ניט געווען אַזאַ אויסגעצייכנטער פּלייטיסט, וואָלט ער ניט איבערגעלאָזט אים, מיכקען, אַלס יוירעש, וואָלט ניט געווען קיין מיכאַיִל־יאָסיף אַזריעלעוויטש. ס'איז דאָך עמעסע גזיילע, ווען דאָס דאָר־דויר־עסדיקע ווערט צוגעשריבן בלויז איינעם, און די אַלע פאָרגייער — איז גלײַך ווי זײ האָבן קײנמאָל ניט געלעבט, קײנמאָל ניט געשפּילט, קײנמאָל ניט געזאַמלט און קיינ־ מאָל גאָרניט איבערגעגעבן און גאָרניט איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיקע דוירעס.

מיכקע ווייסט ניט, וויִאַזוי זיך צו פאַרענטפערן, וויִאַזוי איבערצובעטן די ברידער מאָרד־ כעלען און שלוימעלען, זישע דעם טראָמבאָניסט, אָשער דעם טרובאַטש און בערקע דעם פּוי־ קער. אָן זײ וואָלט דאָך די שפּיל קיין שפּיל ניט געווען, מ'קאָן דאָך ניט רעדן בלויז וועגן דעם דאַך און ניט דערמאָנען די ווענט, די באַלקנס. נאָר אַזוי איז עס, שטענדיק און טאָמיד פאַר־ געסט מען די, וואָס האָבן ליים געטראָגן, געקנאָטן, ציגל געברענט, אײַזן געשמידט, טשוועקעס אויסגעטשוועקעוועט, אָף די רוקנס שווערע מאַסעס געטראָגן און דערלאַנגט אַלדאָס נייטיקע צו דער מינוט. אַלץ גייט אַפּן כעזשבן פונעם מײַסטער, דורך דעם יאָכיד ווערט פאַרשלונגען דער ראַבים, פון וועלכן עס בלײַבט אפילע קיין שפּור ניט. און פאַר אים, פאַר מיכקען, באַ־ שטייט דער ראַבים פון אַ סאַך יעכידים, פון אַ סאַך באַזונדערע פּענעמער און באַזונדערע הערצער. באַ יעדן איינעם פון זײ בעט ער מעכילע, מיט יעדן איינעם פון זײ איז ער גרייט זיך טיילן גלײַך אָף גלײַך מיטן קאָוועד, מיט די שוואָכים.

פון טאָג צו טאָג איז מיכקעס באַקאַנטשאַפט מיט דער מאָסקווער יוגנט, מיט די מאָסקווער סטודענטן, פאַר וועמען די טירן פונעם אוניווערסיטעט האָבן ווײַט ניט גאַסטפרײַנטלעך זיך געעפנט, געוואָרן אַלץ פעסטער און פרײַנטלעכער, מ'איז געקומען צו אים אין האָטעל, אים

באקאנט מיט מאָסקווע — יעדע גאַס און געסל, יעדער פּלאַץ איז אופגעמישט געוואָרן פאַר אים, ווי אַ בלאַט געשיכטע.

האָט איינער פון די באַגלייטער אָנגעהויבן — האָבן אַ צווייטער, אַ דריטער און אַ פערטער צוגעגעבן, און אַ פינפטער האָט גלייך אָנגעהויבן פון גאָר אַ נייעם אָנהייב.

דער פאַרלאַנג אופצוּוועקן בײַ מיכקען די ליבע צו מאָסקווע איז געווען אַזוי גרויס, אַז וויפל באַגלייטער ס'זײַנען ניט געווען, האָבן אַלע אָפּטמאָל צוזאַמען גערעדט, ווי איינער, מאַ־מעש אַ ריידנדיקער כאָר.

מיכקעס אויערן, וועלכע זײַנען געוווינט געוואָרן צו פאַרשיידענע קאָפּעלע־קלאַנגען, האָבן זיך אָנגעשטרענגט און אין דעם פאַרשיידענעם גערייזדעריי קיין איין וואָרט ניט דורכגעלאָזט.

מ'שטעלט אַרויס אַלס איידעס פּושקינען: „מאָסקווע, סאַראַ סאַך זײַנען צונויפגעגאָסן אין דעם קלאַנג פאַרן רוסישן האַרץ". און לערמאָנטאָוו האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן פון דעם קרעמל, דער קרעמל האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט, ס'איז ניט צו באַשרײַבן: „מע דאַרף אים זען, זען... מע באַדאַרף פילן אַלץ, וואָס עס רעדט צום האַרצן, צו דער פאָרשטעלונג".

פּושקינס און לערמאָנטאָווס אַרויסזאָגונגען וועגן מאָסקווע און וועגן קרעמל זײַנען מיכ־קען גוט באַקאַנט געווען. פאַרן אָפּפאָרן קיין מאָסקווע האָט שמוניע זיי ניט איינמאָל איבער־געכאַזערט.

ס'איז צו באַוווּנדערן, ווי עס פאַלן זיך צונויף די בלעטער געשיכטע, וועלכע שמוניע האָט אופגעמישט, מיט די בלעטער געשיכטע, וועלכע עס לייענען אים דורך זײַנע מאָסקווער באַגליי־טער. אַלץ, וואָס מיכקע זעט איצט אין מאָסקווע, איז פּונקט אַף אַ האָר ניט געמינערט פון דעם, וואָס ער האָט געהערט פון שמוניען.

מיכקע גרויסט זיך פאַר זײַנע באַגלייטער מיטן שקלאָווער שטאָט־אַפּיקורעס, מיט שמוּ־ניען. פאַראַן מענטשן, וועלכע זײַנען אויסגעוואָנען די וועלט, און אויסער זיך אַליין האָבן זיי גאָרניט געזען, און מער ווי וועגן זיך האָבן זיי גאָרניט וואָס צו דערציילן. און פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן ניט איבערגעשפּאַנט די אייגענע שוועל, אָבער זיי זײַנען היימיש אומעטום, ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק, אַלע ערדן קענען זיי אַף אויסווייניק, ווי די ערד פון זייער הויף, פון זייער גאַס, פון זייער געבוירטס־אָרט. זיי בלעטערן די הימלען פון פאַרשיידענע לענדער, ווי פון אַ צען מאָל דורכגעלייענטן בוך, הייבן זיך אַף די העכסטע בערג, נידערן אַראָפּ אין די טיפסטע טאָלן, וואַנדערן אין מידבאָריעס, ווערן ניט פאַרבלאָנדזשעט אין די סאַמע געדיכטע וועלדער, סײַ אַף דער יאַבאָשע, סײַ אַף אַלע יאַמען און טײַכן. זיי פילן דעם רייעך פון יעדער לופט באַזונדער, און ווען זיי ווילן נאָר און ווען ס'איז נאָר פאַר זיי נייטיק, קערן זיי אום אַף צוריק אַלטע צײַטן, לעבן דורך פאַרגאַנגענע, פאַרשוווּנדענע יאָרן, אַלטע, שוין דורכגעלעבטע לעבנס.

אַזויפיל גאַסן און געסלעך שוין דורכגעגאַנגען — און שמוניע האָט קיין איינע פון זיי ניט דורכגעלאָזט, ער האָט אָפּגעמאָלט יעדן באַרג, יעדן טאָל, יעדן פּלאַץ, דעם קרעמל, יעדן קלויס־טער און מאָנאַסטיר באַזונדער און האָט ווי צייכנס פאַנאַנדערגעשטעלט אַלע צײַטן, זינט מאָסקווע עקזיסטירט ביז צום הײַנטיקן טאָג.

די באַגלייטער האַלטן אין איין פאַרהערן שמוניען, ווו נאָר אַ גאַס, וואָס קומט אָן אַנט־קעגן, ווו נאָר אַ געסל, וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך, קייטלט זיך אַרײַן באַם אַרײַנגיין און אַרויס־גיין, בײַ יעדער געבײַדע, בײַ יעדן קלויסטער, וועלכן זיי שטעלן זיך אָפּ צו באַטראַכטן, פרעגן זיי איבער בײַ מיכקען, וואָס שמוניע האָט געזאָגט און וואָס שמוניע האָט דערציילט וועגן זיי.

— יורי דאָלגאָרוקי און איוואַן קאַליטאַ האָט דער שקלאָווער שמוניע ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען?

— פון זיי האָט ער אָנגעהויבן, — פרייט זיך מיכקע, וואָס ער האָט אַ סאַך צו דערציילן וועגן זיי. — דאָס פירשטנטום איז דאָך אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער רוסישער געשיכטע.

— וואָס האָט ער אָפּגעמערקט איבעם סאָף פונעם פופצנטן יאָרהונדערט?

— אין יענער צײַט ווערט מאָסקווע די הויפּטשטאָט פון דער צענטראַלער רוסישער מע־לוכע.

— איז ער ניט געגאַנגען פאַרבײַ די „בעהאַלע־צײַט" אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט?

— ניין, ניין, אָט די צײַט האָט ער ווי אַן אָפּגעשיילט איי דערלאַנגט פאַר מיר און פאַר אַלע זײַנע צוהערער. די סרייפע־פײַערן האָבן באַלויכטן די ווילדע מײַסים פון די פּוילישע פאַרכאַפּער, וועלכע האָבן אָרודעוועט אין מאָסקווע. יעדער פלאַם האָט, ווי אַ באַזונדערער שפּיגל, ניט דורכגעלאָזט קיין איין בילד, איך האָב אַלץ געזען, ווי דאָס זאָל פאָרקומען פאַר מײַנע אויגן. ביז עס איז ניט אויסגעוואָרצלט געוואָרן דער לעצטער טראָט פונעם סוינע דעם

פאַרכאַפּער, האָט דער גרימצאָרן געבליצט אין קאָזמאַ מיִנינס און אין דמיטרי פּאָזשאַרסקיס אויגן און אין זייערע אַנטבלויזטע שווערדן. זיי האָבן דורכגעריטן פאַר מיר, און מײַן בליק האָט זיי באַגלייט אין זייער שווינדיק־העלדישן געלויף.

— ווען האָט פּיאָטער דער ערשטער איבערגעטראָגן די הויפּטשטאָט פון מאָסקווע קיין פּעטערבורג?

— אין 1712 יאָר! — שרײַט אויס מיכקע מיט אַזאַ אימפּעט און פרייד, ווי ער זאָל זײַן דער ערשטער, וואָס גיט איבער אָט די וויכטיקע נײַס אין דער רוסישער געשיכטע.

אַלס טרייסט פאַר מאָסקווע, וואָס איז געבליבן די צווייטע הויפּטשטאָט, ווארט ניט מיכקע, מ׳זאָל אים פרעגן, און ער מישט אויף דאָס 1755 יאָר, ווען אין מאָסקווע האָט זיך געעפנט דער ערשטער רוסישער אוניווערסיטעט. דער גרינדער איז געווען לאָמאָנאָסאָוו — דער גרויסער רוסישער געלערנטער און דיכטער, וועמענס אַ סאַך לידער קען שמוגיע דער שקלאָווער אויף אויסווייניק.

שטיל שעפּטשענדיק גייט אַוועק אַ רייד וועגן די פאָלקס־אומרוען אין מאָסקווע, וועגן דעם זאַלץ־בונט אין 1648, וועגן דעם קופּער־בונט אין 1662 און וועגן דעם טשומאַ־בונט אין 1771.

די צאַרישע מאַכט האָט פײַנט, אַז עמעצער זאָל פרוּוון דערמאָנען וועגן דעם — אַזעלכע דערמאָנונגען ווערן באַטראַכט ווי קראַמאָלע, פאַר וועלכע מ׳באַשטראָפט ביז גאָר שטרענג.

מיכקע רעדט שטיל, ווי ער זאָל אײַנרוימען אַ סאָד וועגן די פינצטערע, ענגע, דושנע און שמוציקע ווערקשטאַט־געבײַדעס, וווּ זײַלן שטויב פון די געוועבטע געוואַנטן האָבן געשטיקט, געעקבערט די לונגען און זיי פרײַ אָטעמען ניט געלאָזט. אַזאַ שטיקנדיקע לופט האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די אָרעמס און גאַסטפרײַנטלעך אויפגענומען די טשומאַ. די פאַרצווייפלטע אַרבעטער האָבן גענומען בונטעווען קעגן די באַלעבאַטים, אויפגעהויבן אַ צאָרנדיקן ווײ־געשריי קעגן דער טשומאַ. די בונטן זײַנען אַכזאָריעסדיק דערשטיקט געוואָרן...

און ווידער אַ פראַגע, און נאָכאַמאָל אַ פראַגע, און מ׳קאָן אין קיין פאַל ניט כאַפּן שמרניען אין אַ טאָעס. מיכקע בלעטערט זיכער די בלעטער געשיכטע פון מאָסקווע, ער דערציילט וועגן פּאַסירונגען, וועגן געשעענישן, ענדערונגען, וועגן מילכאָמעס, סרייפעס, כורבנעס און וועגן נײַע בויונגען.

צווישן אַלע צוגעשטעלטע צעטלען — אַ צעטל פון קריוודעס, וואָס די פירשטן און קייסאָרים זײַנען באַגאַנגען בענעגייע די ייִדן. יעדער טראָט פון אַ ייִדן איז נאָכגעשפּירט געוואָרן און איז באַשטראָפט געוואָרן, ווי ער זאָל אומריין מאַכן די מאָסקווער רוסישע ערד. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן בלויז פאַר די ייִדישע דימענטן־ און בריליאַנטן־סאָכרים. דער פאַרבלענדנדיקער קישעף פון די דימענטן און בריליאַנטן האָט אײַנגעשלונגען די סינע. אָט נעמען, לעמאָשל, שקלאָוו. אין 1772, ווען צו רוסלאַנד זײַנען פאַרייניקט געוואָרן די ווײַסרוסישע געגנטן, ווערט שקלאָוו אַ גרויסער האַנדלס־צענטער. די שקלאָווער סאָכרים האָט געצויגן קיין מאָסקווע. זײַנען די טויערן געווען פאַרמאַכט פאַר זיי — האָט מען געפונען אַן אַנדערן דורכגאַנג און אומבאַמערקט דורכגעקראָכן דורך די טירן, האָט מען די טירן פאַרשלאָסן — האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן דורך די פענצטער. מ׳האָט זיך אַן אייצע געגעבן. דער אויפגעקלערטער און גרויסער סויכער נאָטע כאַיִמאָוויטש נאָטקין מאַכט שוטפעס מיט צוויי מאָסקווער סאָכרים, און אַ ייִד אַ שוטעף מיט צוויי רוסישע איז שוין אַפילע קיין האַלבער ייִד ניט, אַזאַ איז צו דערטראָגן, אַזאַ קאָן מען שוין ניט באַמערקן. מיט דער צײַט ווערן דערלויבט אײַנפאָר־הײַזער פאַר ייִדישע סאָכרים. די אײַנפאָר־הײַזער זײַנען געווען אָוועקגעשטעלט אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז יעדער סויכער, וואָס איז געקומען אַהער, האָט זיך דערפילט, ווי ער זאָל פרײַוויליק אַליין זיך פאַרשליסן אין אַ פינצטערער און וויסטער טפיסע.

און אָט אין די פינצטערע, וויסטע טפיסעס האָט מען געהיים געהאַנדלט און פאַרקויפט אַזעלכע סכוירעס, וואָס זײַנען אין מאָסקווע ניט געווען בענימצע. ווען דאָס איז געוואָרן אומעגלעך, האָבן די ייִדישע סאָכרים גענומען פאַנאַנדערטראָגן זייערע סכוירעס איבער די הײַזער און פאַרקויפן אויף אַ סאַך וועלוועלער, איידער מ׳האָט פאַרקויפט אין די מאָסקווער קלייטן. דער געשלאָגענער רעווער באַ די רוסישע סאָכרים האָט גלײַך געפירט און געבראַכט צו די שפורן, פונוואַנען דאָס בייז דראָעט: שולדיק אין אַלץ זײַנען די ייִדישע סאָכרים. צו דער זינד קומט צו די אייביקע זינד פון זײַן אַ ייִד, די זינד פון יעדן ייִדן באַזונדער און פון אַלע ייִדן צוזאַמען — דאָס האָבן זיי און ניט קיין אַנדערע געקרייצט אונדזער גאָט, און איצט פאַרמעסטן זיי זיך אויף דעם קייסערס שטול, אויף דעם קייסערס קרוין. ייִדן ווערט פאַרווערט ניט נאָר האַנדלען, ניט נאָר האָבן זייערע אייגענע אײַנפאָר־הײַזער, נאָר אַפילע זיך ווײַזן אין מאָסקווע אויף אַ רעגע, אַפילע אײַנאָטעמען אין זיך אַ טראָפּן מאָסקווער לופט. דאָס האָט ניט געלוינט די

פאבריקאנטן, ווײַל מיטן אָנווערן די ייִדישע סאָכרים האָבן זיי פאַרלאָרן ביז גאָר וויכטיקע קונים, וועלכע האָבן געגעבן שטאַרק צו לייזן. די פאַבריקאַנטן ווערן גוטע בעטערס און מייִליציושערס פאַר די ייִדן. די ייִדן ברענגען אַ סאַך נוצן, זיי באַרײַכערן יעדעס לאַנד, וווּ זיי וווינען.

— אַזאַ איז דער ייִדישער גורל, אַזאַ איז די ייִדישע געשיכטע, — כאַזערט מיכקע איבער שמוניעס אָן אויספיר. — פעלן אויס אײגענע סאָכרים — זײַנען די ייִדישע סאָכרים בראַווע, געשיקטע, אַ מאַזלבראַכע פאַרן לאַנד. אָבער ווען עס באַווײַזן זיך אײגענע, ווערן די ייִדישע סאָכרים פאַרוואַנדלט אין שווינדלער, רויבער, בלוט־פאַרצאַפער, וועלכע מע דאַרף אויסרײַסן מיטן וואָרצל.

פעלן אויס אײגענע קונים, איז דער ייִדישער קונע מיט גאָלד גלײַך; דער ייִד איז טאַקע טרייף, נאָר זײַן גראָשן איז שטענדיק קאָשער. און אַז אין קיין קונים איז קיין מאַנגל ניטאָ, איז מען גרייט פאַרקויפן די ייִדן בלויז סאַם און טאַכריכים.

פעלן אויס באַל־אײצעס — ווענדט מען זיך צום ייִדן: גיב אַן אײצע! פעלן אויס פּיר־ און פּאַרויסזאָגער, זאָגט מען אים: זאָג!

פעלן אויס דאָקטוירים, בעט מען אים: זײַ אַזוי גוט און היילן!

זײַנען די כעזשבוינעס פאַרפּלאָנטערט, רופט מען אים צוהילף: צייל, רעכן און פיר אונטער אַ סאַכאַקל.

און ווערט דער מאַנגל אין דעם, וואָס מע נייטיקט זיך, געלייזט, יאָגט מען דעם באַל־אײצע, דעם פּיר־ און פּאַרויסזאָגער, דעם דאָקטער און באַלכעזשבן: ווער האָט אײַך געבעטן, ווער דאַרף אײַך, ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט זיך ארײַנמישן אין אונדזערע איניאָנים? איר זײַנט אונטערגעשיקטע און אונטערגעקויפטע פון אונדזערע סאָנים, איר זײַנט גרייט פאַר דרײַסיק זילבערנע טאָלער אַראָפּנעמען די קרוין פונעם קייסערס קאָפּ און פאַרהאַנדלען די רוסישע ערד אָף רעכטס און אָף לינקס.

פון רייד צו מײַסים — גזיירעס נאָך גזיירעס, איין גיירעש שרעקלעכער פון דעם צווייטן. אָבער אין יענע ביטערע צײַטן דערשלאָגן זיך די פאַבריקאַנטן, אַז די ייִדישע סאָכרים פון דער ערשטער און צווייטער גילדיע זאָל מען דערלויבן וווינען אין מאָסקווע אין מעשעך פון צוויי כאַדאָשים און פון דער דריטער גילדיע — אין מעשעך פון איין כוידעש. אַ קאָמייע און שמירע באַם רעבן האָט מען געקאָנט קויפן פאַר עטלעכע רובל, אָבער קעדיי צו באַקומען די גילדיע־קאָמייע און שמירע, האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סאַך, אַ סאַך געלט אָף צו געבן לייזן די פאַבריקאַנטן, אָף צו קויפן, פאַרקויפן און ווידער קויפן. אין מיכקעס צײַטן האָט דאָס ווױן־רעכט פון ייִדן אין רוסלאַנד נאָך ניט געהאַט דעם טכום האַמוישעוו־נאָמען, נאָר אָנגעהויבן האָט ער זיך, אײַגנטלעך, נאָך פון 1791 יאָר...

מיכקע האָט געהאַט צו דערציילן און דערציילן.

אָף דער צווייטער שאָל פון דער וואָג ווערן אוועקגעלייגט די פאַנשטשינע, די מאָסקווער בונטן, אָף צו לינדערן מיט דעם מיכקעס צאַר. עס האָט זיך באַקומען, ווי מע זאָגט, ווען יעדער אײנער וואָלט ארויסגעהאַנגען זײַן פּעקל צאָרעס, וואָלט יעדערער געוויילט אָף צוריק צו זײַן פּעקל, מע זאָל אים ניט אויסכאַפּן, ווײַל אַלע איבעריקע פּעקלעך, וועלכע הענגען אַרום־און־אַרום, זײַנען אָן ערעך גרעסער, פולער אָנגעשטאָפּט מיט צאָרעס און מיט אומגליקן.

צווישן די מיטפילנדיקע, באַדויערנדיקע און צאָרנדיקע שטימען רײַסט זיך דורך אַ קאָל פון שטאָלץ און טרייסט: שטענדיק, ווען רוסלאַנד האָט געדראָעט אַ געפאַר, האָט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט אונטערגעצויגן קיין כעזשבוינעס, קיינמאָל ניט צוגעשטעלט קיין צעטלען, האָט העלדיש און מעסירעסנעפּעשדיק פאַרטיידיקט זײַן פאָטערלאַנד.

עס ווערט אופגעמישט די ניט ווײַט פאַרמישטע בלאַט — 1812.

נאָך די באָראָדינער שלאַכטן האָט קוטוזאָוו באַפוילן אָפּצוטרעטן און פאַרלאָזן מאָסקווע. דאָס אָפּטרעטן האָט ער באַטראַכט ווי דעם סאַמע שטאַרקסטן אָנגריף, וואָס וועט ראַטעווען די אַרמיי און דאָס לאַנד.

די מאָסקווער אײַנוווינער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, זיי האָבן קיין סקאַרינקע ניט איבער־געלאָזט פון די עסנווארג־זאַפּאַסן. אַלץ, וואָס זיי האָט זיך אײַנגעגעבן ארויספירן, האָבן זיי ארויסגעפירט, דאָס איבעריקע האָבן זיי פאַרניכטעט.

דעם צווייטן סענטיאַבער, ווען נאַפּאָלעאָן מיט זײַנע כאַיאָלעס זײַנען ארײַנגעקומען קיין מאָסקווע, האָבן זיי געטראָפן אַ ליידיקע שטאָט, אָן אַ סימען פון לעבן. דער סוינע האָט זיך ניט באַוויזן ארומצוקוקן — און מאָסקווע האָט געגומען ברענען פון אַלע זײַטן. די סרייפע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג, האָט פאַרניכטעט דרײַ פערטל געבײַדעס פון דער שטאָט.

די סינע פונעם רוסישן פאָלק צו די פּאַרכאַפּערס, דער הונגער האָבן פאַנאַנדערגעלייגט די פראַנצויזישע אַרמיי, און זי איז געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן און פאַרלאָזן מאָסקווע.

מיכקע שפּאַנט איבער די מאָסקווער גאַסן צוזאַמען מיט זײַנע באַגלייטער מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ. דער ניצאָכן איז נאָך אַזוי פריש. פון אומעטום אַנטקעגן ווײַזן זיך הענט פון די דעכער און רישטעוואַניעס, זיי איז ניט צו דערלאַנגען, און מע דערפילט זייער וואַרעמקײַט אַזוי נאָענט, ווי זיי זאָלן פעסט דריקן די הענט און האַרציק באַגריסן. דאָס זײַנען די זעלבע הענט, וועלכע האָבן געצונדן, פאַרניכטעט, געשאָסן און מיט אַנטבלויזטע שווערדן דעם סוינע אַף אַ קאָפּ נידעריקער געמאַכט. אַזאַ איז דער קויעך פון דער ליבע צום פאָטערלאַנד, פון דער צוגעבונדנקײַט צו דער ערד, אַף וועלכער מע איז געבוירן געוואָרן.

ווי גרינג ס׳איז צו פאַרניכטן, און ווי שווער ס׳איז אויסבויען! שוין צוועלף יאָר נאָך דער מילכאָמע, אָבער די רישטעוואַניעס האָבן נאָך געהאַלטן אין איין אַרומגאַרטלען די שטאָט. מע שטעלט אוף, ווי ס׳איז געווען, מע בויט נײַע הײַזער, אַלטע גאַסן און געסלעך דערנעענטערן זיך בישכיינעס מיט נאָרוואָס אופגעקומענע, מיט יונגע, נאָרוואָס געבוירענע, וועלכע האָבן נאָך קיין נעמען ניט געהאַט.

קאַרעטעס טרעטן אָפּ דעם וועג פאַר די טאַטשקעס ליים און טאַטשקעס ציגל, וועלכע פאַרפולן די גאַסן, טויזנטער בליקן באַגלייטן די געטעסעטע קלעצער און געהובלטע ברעטער, וועלכע מע ציט מיט שטריק אין דער הייך.

דער געקלאַנג פון העק, האַמערס און זעגן רעדן זיך איבער מיטן גלעקער־געקלאַנג פון די קלויסטערס: בויט! בויט! לערנט זיך באַם בויער פון אַלע בויערס, באַ גאָט, וועלכער האָט אין מעשעך פון זעקס טעג אויסגעבויט די וועלט!

שטענדיק, ווען מיכקע גייט אין שקלאָוו פאַרבײַ אַ נײַ אויסגעבויטער שטוב, באַוווּנדערט ער דעם בויער. שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון דער שטאָט, באַוווּנדערט ער אויך יענע בויער, וועלכע זײַנען שוין פון לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ. ווו נאָר אַ שטוב, ווו נאָר אַ גאַס און אַ געסל, באַטראַכט ער דאָס ווי אַ דענקמאָל פאַר די, וועלכע האָבן פונדאַמענטן געפונדעוועט, ווענט געפעסטיקט, געקלעטערט און געקלעטערט, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו דער הייך פון די דעכער.

שטענדיק, ווען באַ מיכקען האָט זיך ניט באַקומען באַם דערלערנען אָדער שאַפן אַ נײַעם ניגן, פלעגט ער זיך פילן שולדיק פאַר די בויער, וועלכע האָבן אַזויפיל אופגעטאָן, און ער, מיכקע, איז געקומען אַף אַלעם גרייטן און וועט נאָך זיך גאָרניט איבערלאָזן — אַ ליידיקגייער, אַ קעסט־קינד, האָט ער ניט די רעכט צו טרעטן איבער די גאַסן, ער האָט ניט די ווערט צו האָבן אַ ווינקל אינעם טאַטנס שטוב. און גיט זיך אים אײַן דערגיין דעם טאַם פון אַ ניגן, גיט זיך אים אײַן באַם שאַפן און אויספילן אים, דוכט זיך אים, אַז די בויער פון הײַנט, די בויער פון נעכטן, די בויער פונעם ווײַטסטן אַמאָל לאַדן אים אײַן מיט אַ באָרעכהאַבאָ: גיי! גיי! קום אַהער צו אונדז! דו האָסט אַרײַנגעטראָגן אַ ביז גאָר וויכטיקן ציילעק!

אינדערעמעסן, וואָס פאַר אַ פּאָנעם וואָלטן געהאַט די גאַסן, ווען אין זיי וואָלט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט הערן קיין געזאַנג? די שטוב וואָלט אַ גרוב געווען, ווען קיין געזאַנג וואָלט אין איר ניט אַרײַן און פון איר ניט אַרויס. מיכקע ווערט דאַן באַ זיך פעסטער, יעדער טראָט זײַנער, יעדער בליק, יעדע האַנאָע זײַנען קאָשער פאַרדינטע: אויך ער איז אַ בויער!

אין שקלאָוו האָט מיכקע זיך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט וועגן קלויסטערס און קאָסטיאָלן. ווען ער פלעגט פאַרבײַ זיי דורכגיין, פלעגט זיך פון אים אַרויסכאַפּן דער אָנזאָג פון דוירעס: פאַרמײַעסן זאָלסטו עס, ווײַל ס׳איז מיִעס, ווײַל ס׳איז פּוסט און וויסט. און אין מאָסקווע, באַ די פאַרשיידענע קלויסטערס, סאָבאָרן און מאָנאַסטירן, האָט מיכקע גענומען שטרײַטן מיט די פּאָריקע דוירעס, מיט זיך אַליין: ווי קאָן מען עס פאַרמײַעסן, אַז ס׳איז אַזוי שיין!

יעדער קלויסטער, סאָבאָר און מאָנאַסטיר האָבן פאַר אים אַן אַנדער קלאַנג געקלונגען, אַן אַנדער געזאַנג געזונגען, אין יעדן איינעם פון זיי האָט ער דערפילט דעם צאַפּל פון אַ באַזונדער האַרץ, פון אַ באַזונדערן געדאַנק און מאַכשאָווע, פון אַ באַזונדער בענקעניש נאָך שיינקײַט, דעם אומרו פון שפּילנדיקע און שאַפנדיקע הענט.

מיכקעס אויגן האָבן זיך אײַנגעגראָבן אין דעם „וואַסילי בלאַזשעני־סאָבאָר” אין דעם קלויסטער „ראָזשדעסטוואָ באָגאָראָדיצי” און אין דעם „נאָוואָדיעוויטשי־מאָנאַסטיר”, ווי אין די זײַטלעך און שורעס פון אַ פאַרכאַפּנדיקן בוך, וואָס האַלט אין איין באַוווּנדערן און אין איין אַנטפּלעקן נײַס, אין איין באַרײַכערן. אין אָט די שאָען און מינוטן פון אָווידעזאָרע האָט מיכקע זיך דערמאָנט, ווי די מינסקער נעגידים האָבן פאַר זייער גווירישער שול אַ נייעם אָרנקוידעש באַ שמוניען באַשטעלט. זיי האָט ניט געאַרט שמוניעס אַפּיקאָרסעס, זיי טוען עס ניט

צוליב גאָט, זיי טוען עס צוליב זיך, זיי טוען עס צוליב דעם, אַז קיין איין אָרנקוידעש אין מינסק און אין דער געגנט ארום זאָל זיך ניט קאָנען פאַרגלײַכן מיט זייערן, אַלע זאָלן נאָך מער דערפילן דעם קויעך פון געלט, פון דעם גוויר, אַלע זאָלן מודיע זײַן, אַז דער „לנו״[1] — צו אונדז האָט גויווער געווען דעם „לי״[2] — צו מיר. גאָט באַרימט זיך, אַז „לי הכסף והזהב״[3] — מיר געהערן דאָס זילבער און גאָלד, באַווײַזן זיי אים, אַז „לנו הכסף והזהב״[4] — אונדז, די גווירים, געהערן דאָס זילבער און דאָס גאָלד.

דער אויסגעשניצטער אָרנקוידעש איז געווען ווונדערלעך שיין. האָט מיכקע א זאָג געטאָן שמוניען:

— איר גלייבט דאָך ניט אין גאָט, איז ווי קומט עס צו אײַך, איר זאָלט פאַר אים אזא פראַכטפולע שיינקײַט אויסשניצן?

— גאָט איז מיר אפילע אפּן זינען ניט אַרוף, — האָט שמוניע זיך צעלאַכט, — מיט יעדן מעסער־ און סטאַמעסקע־שניט, מיט יעדער טיפער דאָלאָטע־אַרײַנדרינגונג האָב איך א לויב־געזאַנג דעם מענטשן געזונגען, א געשיכטע אַנטפּלעקט, א מײַסע דערציילט, מיט א ווענדונג זיך געווענדט: „מענטש דו איינער, עפן אויף דײַנע אויגן און זע, ווי שיין ס'איז דער מענטש, וועלכער באַשאַפט שיינקײַט! ווי שיין ס'איז דער מענטש, וועלכער האָט האַנאָע פון שיינקײַט!״ מיט יעדן מעסער־ און סטאַמעסקע־שניט, מיט יעדער טיפער דאָלאָטע־אַרײַנדרינגונג האָב איך דורכגעעקבערט די אויערן און פאַנאַנדערגעריסן די נעפּל־שלייערן און דערוויזן, אַז מ'עס זײַנען די, וואָס פאַרמ'עסן אייגענע און פרעמדע שיינקײַט. דורך מײַן אָרנקוידעש האָב איך זיך געסטאַרעט דערווײַזן, אַז ס'איז ניטאָ קיין אווודעזאָרע — ווען מע גייט פאַרבײַ א שיינעם קלויסטער, א שיינעם קאָסטיאָל, טאָר מען ניט איבערכאַזערן דעם מ'עסן אָנזאָג, אַז ס'איז מ'עס, אַז ס'איז עקלדיק, אַז ס'איז וויסט און פּוסט. פאַרקערט, מע דאַרף פאַרגאַפּט באַוווּנדערן, ווי שיין ס'איז דער מענטש, ווי ווונדערלעך עס זײַנען זײַנע הענט, זײַן שטײַגן, זײַן טראָגן זיך אינדערלופטן.

מיכקע האָט ניט געהײַעט איבערצוגעבן די דערמאָנונג פאַר זײַנע באַגלייטער. די באַגלייטער זײַנען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט מיכקעס באַגײַסטערונג:

— סאַראַ ווונדערלעכער מענטש, אָט דער שמוניע איז!

— סאַראַ עכטער קינסטלער!

— ווי טיף ער דענקט! ווי טיף ער פילט!

— ער ווײַנט אין שקלאָוו און זעט פאַר זיך די גאַנצע וועלט!

אין מאָסקווע איז מיכקען באַשערט געווען יענע גליקלעכע שאָ פון האַלטן די גאַנצע וועלט אין די הענט, די שאָ פון אַלע שאָען, ווען אַלדאָס אומגלעכע ווערט מעגלעך, ווען דער טרוים און דיווירקלעכקײַט זײַנען ניט אָפּגעשיידט און זײַנען ענג פאַרבונדן צווישן זיך, ווי די צווײַגן פון דעם בוים. די שאָ האָט געדויערט דרײַ וואָכן. די דרײַ וואָכן זײַנען דורכגעפלויגן ניט ווי א שאָ, נאָר ווי א רעגע, דורכגעפלויגן ווי דער שאָטן פון א פליִענדיקן פויגל.

אזא טעווע האָט אין זיך שוין דאָס גליק — עס פאַרשפּעטיקט, ווי ער זאָל הינקען אף קור־ליעס, און קומט ער, באַווײַזט ער זיך ניט אָנצוווארעמען, און אויס, ווי גאָר ניט געווען. די שלעכטע שאָען קאָנען קיינמאָל ניט איבערטראָגן די גוטע שאָ, און זיי טוען אַלץ, אַז זי זאָל איבערגיין אין זייער מאַכנע: איז שלעכט, דאַרף אַלעמען זײַן שלעכט!

די לאָקערונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיכקען אין די לעצטע טעג פונעם כוידעש, ווען דאָס גליק האָט געהאַלטן באַם אופשטײַגן אפן העכסטן באַרג פון דערפאָלג, דער אומגליק איז געקומען צו רײַטן אף א הוסט.

א הוסט געטאָן — און פאַרטיק. אף מאָרגן איז גלײַך ווי דער ערשטער הוסט האָט געבוירן א צווייטן און א דריטן. א הוסט נאָך א הוסט האָט זיך געקײַקלט, ווי א רינג נאָך א רינג. דערנאָך האָבן געגומען טרעפן מינוטן, ווען דער הוסט פלעגט זיך געבן א צעפאַל, ווי שערבלעך, וואָס די צעשפּאַלטענע קיילע האָט זיי מער ניט געקאָנט פאַרייביקן און אײַנהאַלטן.

סאַראַ שרעקלעכע קלאַנגען דער הוסט פאַרמאָגט!

יעדן אָפּדערנאַכט ווארט דער צושויער־אוילעם אף מיכקעס סאָלאָ. סאַראַ שרעק, ער קאָן דאָך מעווײַעש מאַכן זײַן געטרײַע פּלייט, ס'איז געגוג איין הוסט אַרײַנהוסטן אין איר, און

[1] לאַנו.
[2] לי.
[3] לי האַקעסעף וועהאַזאַהאָוו.
[4] לאַנו האַקעסעף וועהאַזאַהאָוו.

דער פּולער זאַל זאָל אָנשטאָט באוווּנדערונג, איבעראַשונג, אנציקונג אויסברעכן מיט א הילכיקן געלעכטער, באקאנטע מיט באקאנטע, אומבאקאנטע מיט אומבאקאנטע זאָלן נעמען פירן צווישן זיך בײַסיק־כּויזעקדיקע געשפּרעכן:

— דער פּלייטיסט האָט שוין אָפּגעשפּילט.

— יאָ, ער האָט זיך אונטערגעריסן!

— ער האָט זיך צופיל איבערגעגעסן מיט דערפאָלג, און ס'האָט אים שטאַרק פאַרשאַט!

— ווי עס איז צו זען, קאָן פון א מוזיקאַנט א הוסטער ווערן, נאָר פון א הוסטער א מוזיקאַנט איז אויסגעשלאָסן.

— די פּלייט איז, נעבעך, אַלט געוואָרן, און וואָס האָט צו טאָן א פּלייט א זקיינע אַף דער בינע?

— אַף צו הערן, ווי מע הוסט, דאַרף מען קיין בילעטן ניט נעמען.

— אזוי גוט אָנגעהויבן און אזוי שלעכט פאַרענדיקט!..

אַנטלויפנדיק פון די אויסגעדוכטע געשפּרעכן, נעמט אוף מיכקעס אויער די פאַרשיידענע הוסטערײַען, וואָס ער האָט זיך פאַר זײַן לעבן אָנגעהערט אַף דער קלעזמער־גאַס: א הוסט, וואָס פאַרגייט זיך און לאָזט ניט כאַפּן דעם אָטעם אַף צוריק, א קוועטשנדיקן הוסט, וואָס פאַרקריכט אזש אין פּאַלצעט, א באַסאָווער הוסט, ווי ער זאָל אַרויסקריכן פון א ברונעם און אַרײַנקריכן אין א ליידיקער פאַס, א ניט געצײַלטער הוסט, וואָס ציילט אָפּ יעדן הוסט באַזונדער, ווי דער זייגער זײַנע שאָען־קלאַנגען, א נאַסער הוסט, פול מיט לייכעס, ווי א פול אָנגעשטאָפּט מויל באַ א זווילעל ווערסיוווע, א טרוקענער הוסט, וואָס אָט צינדט ער זיך אָן פון זיך אַליין און מאַכט א סרייפע.

מיכקע האָט אויסגעבאַהאַלטן זײַן הוסט, ווי מע באַהאַלט אויס א מיִעסן פאַרברעכן: פּאַקט מען אים — איז אַלץ פאַרפאַלן, איז אַלץ פאַרשפּילט.

זײַן פּלייט, וואָס האָט אין מאָסקווע אַנדערש ניט געהייסן ווי די צויבער־פּלייט, האָט אים פאַרשטאַנען און שטאַרק מיטגעפילט. ווי נאָר מיכקע פלעגט צופאַלן מיט די ליפּן צו איר, פלעגט זײַן אָטעם פאַרברייטערט ווערן און דער הוסט פלעגט אַראָפּ טיף אינווייניק אַף זיך אויסבאַהאַלטן, איבערוואַרטן און זיך דערוואַרטן אַף בעסערע צײַטן, ווען ער וועט מיכקען קאָנען כאַפּן פאַרן גאָרגל. אזוינס האָט שוין מיט מיכקען ניט איינמאָל פּאַסירט. מע דאַרף פירן כאַסן און קאַלע צו דער כופּע, און ער האָט זיך א גאַנצן טאָג געריסן אַף די ציין. ס'איז דערגאַנגען אזוי ווײַט, אַז מ'האָט באַשטימט אײַנלאַדן א פּלייטיסט פון א צווייטער קאַפּעליע. מיכקע האָט ניט דערלאָזט: איך וועל שפּילן!

ווי נאָר זײַנע ליפּן האָבן באַרירט די פּלייט, האָט זיך דער ציין־ווייטיק אָפּגעטראָגן, ווי דער טײַוול פאַרן ווײַרעך.

א צווייט מאָל האָט אים אַן אויער געריסן, אזוי געריסן, אַז ער האָט ניט געהערט קיין איין קלאַנג, קיין איין וואָרט. און גלײַך ווי ער האָט גענומען די ערשטע טענער אַף דער פּלייט, איז דער אויער געוואָרן הערנדיק. צו דער גרויסער פריידלפון שפּילן איז צוגעקומען די פריידפון גענעזן ווערן.

סאַראַ קויעך ס'ליגט אין די אָנגעשטרענגטע נערוון, זיי קאָנען בײַקומען דעם שטאַרקסטן ווייטיק, די גרעסטע שרעק!

סאַראַ קויעך עס ליגט אין א פול געפּאַקטן זאַל, ווען הונדערטער אויגן קוקן אַרויס אַף דיר, ווען הונדערטער הענט באַגעגענען דיך מיט אַפּלאָדיסמענטן!

צום געזעגענונגס־קאָנצערט האָט זיך די קאַפּעליע באַזונדערס געגרייט. מ'האָט ניט דורכגעלאָזט אַפילע דעם לעצטן טאָג, ווען אָפּדערנאַכט האָט געדאַרפט פאָרקומען דער שלוס־קאָנצערט, פאַרקערט, אין אָט דעם טאָג האָט מען זיך געפּעדערט און פון גאַנצפרי אָנגעהויבן שפּילן און איבערשפּילן דאָס פיל מאָל שוין געשפּילטע. האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס האָט זיך ניט געגנוג באַקומען, זײַנען אַלע קלעזמער מאַסקים געווען, אַז ס'איז שלעכט, האָט זיך באַקומען — האָט יעדער איינער געזאָגט זיך אַליין, אַז עס וואָלט געקאָנט זײַן נאָך בעסער. איז געקומען דער „נאָך בעסער" — האָט מען אים לאַנג ניט אָפּגעלאָזט, לאַנג זיך ניט צעשיידט מיט אים.

נאָך וואַרמעס זײַנען אַלע קלעזמער אַוועק אָפּרוען, זיך אָנעמען מיט קויכעס. מיכקע האָט זיך פאַרהאַלטן אין איינעם א צימער פונעם סאָכרישן קלוב, אין וועלכן עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דער געזעגענונגס־קאָנצערט, ער זאָל קיינעם ניט שטערן און קיינער זאָל אים ניט שטערן. מיכקע האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן זײַנע סאָלאָס, און ס'איז אים באַזונדערס געגאַנגען — אין איין אָרט האָט זיך געלאָזט הערן א נײַע אינטאָנאַציע, אין א צווייטן האָט זיך אויפגעוועקט דער בעלאַכאַש, און אין א דריטן אָרט האָט די פּאַרטאַ זיך געביטן מיטן

בעלאכאש. יעדן נײַעם שטריך האָט מיכקע איבערגעשפּילט צענדליקער מאָל, ער זאָל זיך ניט פילן מײַסע גאַסט, וואָס קומט אָף אַ ווײַל, נאָר זאָל פאַרבלײַבן אָף שטענדיק ווי אַ טוישעוו.

צוויי שאָ פאַרן אָנהײבן דעם קאָנצערט האָט זיך מיכקע געכאַפּט, אַז מע דאַרף זיך צווײַלן גײן אין האָטעל זיך צולייגן כאָטש אָף אַ האַלבער שאָ, זיך אַרומוואַשן און זיך איבערטאָן. שוין שטייענדיק באַ דער טיר, האָט ער זיך שטאַרק פאַרהוסט. אַ פאָלער צימער, אָנגעשטאָפּט אָף דורך און דורך מיט הוסט. עס האָט אים גענומען שטיקן, ווי דאַן, אין די ייִנגלשע יאָרן, ווען ער האָט זיך געטרונקען אינעם דניעפּער און איז געגאַנגען אַראָפּ צום גרונט. פון שרעק איז מיכקע צוגעלאָפן צום דיוואַן און זיך אַרופגעוואַלגערט אָף אים. דער הוסט האָט מער ניט געדאַרפט — ער איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, נאָך מער פאַרכלינענדיקער. ווען מיכקע האָט זיך אופגעהויבן און זיך אָוועקגעזעצט, האָט אַ שטראָם בלוט זיך געלאָזט פון האַלדז. אַ פריקרע זיסקײַט אין מויל, אַ שרעקלעכע היץ האָט זיך געטראָגן פון אינעווייניק, עס האָבן געברענט די באַקן, געסאַרפעט די ליפּן.

בלוט איז פײַער! פײַער איז רויט, און בלוט איז רויט. סאַראַ שרעקלעכע רויטקײַט! מיכקע וויקעט זיך אין אַלע פאַרגאָסענע בלוטן פון די פאַרשיידענע שלאַכטפעלדער, ווערט געוואָרפן אין קאַפּהאַקאַל פון אַלע פײַערן, וועלכע האָבן כאַרעוו געמאַכט מאָסקווע. בלוטיקע ציפערן ווערן געשריבן דורך דעם הוסט דעם בלוט־פאַרגיסער און בלוט־פאַרצאַפּער — 1238. די מאָנגאָליש־טאַטערשע אונטערצינדער האָבן אים, מיכקען, געפאַנגען און פירן אים אַ געשמידטן אין קייטן.

סאַראַ טריקעניש! אַלץ טריקנט אין אים! ניט אומזיסט הייסט די לונגען־קרענק טשאַכאָטקע — די סוכאָטעז!

די ליפּן פּלאַצן, די אויגן זײַנען געבליבן אָן אַ טרער. צוזאַמען מיט אים טריקענען די ציפערן 1365 — אין יענעם יאָר זײַנען אין מאָסקווע געשטאַנען גרויסע היצן. די פײַכטקײַט האָט פאַרלוירן איר לעצטן טראָפן, און מאָסקווע האָט זיך אונטערגעצונדן, ווי פון זיך אַליין.

און ווידער פײַערדיקע ציפערן — 1382. דער טאַטערשער כאַן טאַכטאָמיש האָט זיי אַרײַנגעשריבן אין דער פײַערדיקער געשיכטע פון מאָסקווע.

סאַראַ בעהאָלע! „די בעהאָלע־צײַט". די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. און מיכקע טײַנעט זיך אויס אָף פּויליש מיט זײַן הוסט, מיט זײַנע לונגען, מיט זײַן פאַרגאָסענעם בלוט, מיט די פּאָליאַקן די פאַרכאַפּערס, וועלכע האָבן פאַרברענט די שוין ניט איינמאָל פאַרברענטע מאָסקווע.

1812. מאָסקווע איז ווידער אין פלאַמען. עס ברענט! אַזויפיל סרייפעס זײַנען מיכקען באַפאַלן, און יעדע סרייפע וואַרפט אין אים אַרײַן פולע זשמעניעס מיט פונקען, ווי קערנדלעך פון טויט.

— עס ברענט! עס ברענט! — מורמלען מיכקעס ליפּן. — וואַסער! וואַסער!

סאָף אווגוסט. אווגוסט האָט געגויסעט, אַ ניגן האָט אָף מיכקעס ליפּן געגויסעט, אַ מאַכשאָווע האָט אין אים געגויסעט, און דאָס בלוט איז פול און פול מיט שקיִע־רויטקײַט.

פון דער שקיִע גייען אויף פאַר אים שרעקלעכע שורעס, וועלכע ער האָט מיט יאָרן צוריק איבערגעלייענט אין איינעם אַ ביכל, וואָס וועלוועלע האָט עס אײַנגעבונדן: ווער ס'האָט זיך באַגעגנט פּאָנעם־לעפּאָנעם מיטן מאַלעכהאַמאָוועס און האָט איינמאָל איבערגעלעבט דעם טויט, איז שוין דאָס גאַנצע לעבן זײַנס אַ האַלב געשטאָרבענער.

אַ האַלב געשטאָרבענער איז דאָך ניט טויט און ניט לעבעדיק, איז צוליב וואָס טויג אַזאַ לעבן?

ער ווייסט, מיכקע, אַז צוויי טעג אין מענטשנס לעבן — דער טאָג פון געבוירן און דער טאָג פון טויט, וואָס ווערן אויסגעקריצט אָף אַלע מאַצייוועס, זײַנען די צוויי זײַלן, אָף וועלכע עס האַלט זיך דער בריק פונעם לעבן.

דער בריק קאָן זײַן אַ קורצער און קאָן זײַן אַ לאַנגער. דער סאַמע קורצער בריק פאַלט שטענדיק אויס גראַדע פאַר די, וועלכע האָבן וווּהין צו גיין, ווייסן, צוליב וואָס זיי גייען, האָבן וואָס צו זאָגן און האָבן מיט וואָס צו באַרײַכערן די וועלט.

ביז אַהער האָט זיך מיכקע ניט פאַרטראַכט, אָף וועלכן בריק אין לעבן וועט אים אויסקומען דורכצוגיין, און איצט זעט ער, ווי דער בריק, אָף וועלכן ער דאַרף דורכגיין, ווערט אַלץ קירצער און קירצער, דער סאַמע קורצער בריק. מיכקען האָט אויסגעפעלט לופט. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער.

דער הימל מיט דער ערד, די פאַרגייענדיקע זון מיט אַלע אירע שקיִע־שײַנקײַטן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט פאַרשיידענע פייגל־געזאַנגען, מיט מענטשלעכע קוילעס און מיט מענטש־

לעכע טריט. דער שװנסטער טאַקט פֿון אַלע טאַקטן האָט זיך אַרײַנגעריסן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. אַלץ האָט גערעדט, און אַלץ האָט געזאָגט: דאָ איז אַלץ, דאָרטן — גאָלע גאָרניט! ס'איז דאָ איין װעלט, קיין צװײטע איז ניטאָ!

געדענקט איז מאַצאַרט: „דערגרייכן די הימלען — דאָס איז װוּנדערלעך און דערהױבן, און אַף דער באַליבטער ערד איז מיט גאָרניט צו פֿאַרגלײַכן די שײנקייט פֿון לעבן". די מוירע פֿאַרן טויט האָט געבראַכט מיכקען צו דער שרעק פֿאַרן לעבן. עס פֿאַרשװימען די הימלען, עס פֿאַרשװינדט די ערד, עס פֿאַרשװינדן די קױלעס און די טריט, און צװישן אַלע פֿײגלען קומט אים אַרויף אַפֿן זינען דאָס קליין פֿײגעלע, װאָס ער האָט שטאַרק באַדױערט, װען ער האָט עס האַיאַריקן פֿרילינג געזען אין שקלאָװ: ס'איז פֿון אַ הויכן בוים, פֿונעם העכסטן צװײַג אַרױסגעפֿאַלן פֿון דער נעסט.

דאָס פֿײגעלע איז געװען נאָך ניט באַפֿעדערט, בלינד, בלויז מיט סימאָנים פֿון פֿליגעלעך. און געהאַט האָט עס אַ ביז גאָר שװאַכן פּישטש, װאָס איז נאָך ניט בעקױיעך געװען רופֿן צו הילף. אָט צו דעם פֿײגעלע, װאָס איז אַרױסגעפֿאַלן פֿון זײַן הױכער נעסט, האָט זיך מיכקע פֿאַרגליכן.

עס האָט אים געגומען װאַרפֿן אין קעלט. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלע אײװורים האָבן זיך אָפּגעשײדט פֿונעם גוף און דער גוף האָט פֿאַרלאָזט אַלע אײװורים. דער אומגליק, װאָס האָט ערשט געטראָפֿן, איז זיך פֿאַנאַנדערגעװאַקסן מיט אַ סאַך, אַ סאַך אומגליקן, װי אַ בוים מיט געדיכטע צװײַגן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז איין צאָרע איז קיין צאָרע ניט, צװײ צאָרעס איז אַ האַלבע צאָרע, ערשט דרײַ צאָרעס צוזאַמען קאָן מען רעכענען פֿאַר אַ שטיקל צאָרע. באַלד װעט מען קומען אַהער אין צימער אים זוכן, ער האָט איבערגעגעבן די באַדינער פֿונעם קלוב, װוּ ער געפֿינט זיך. און אײדער מע איז געקומען, זעט ער יעדן אײנעם אין זײַן באַזונדער פֿאַרגליװערטן אױסזען. סאַראַ שרעקלעכע אױסזענס! נאָר פֿון אַזעלכע אױסזענס קאָן מען דערזען דעם טויט.

ביזן קאָנצערט איז נאָך דאָ אָן אָנדערהאַלבן שאָ, און מיכקע הערט, װי מע גיט צו װיסן דעם פֿאָלגעפֿאַקטן זאַל — דער געזעגענונגס־קאָנצערט װעט ניט פֿאָרקומען, דער הױפּט־סאָליסט מיכאַל־יאָסיף אַזרײעלעװיטש, דער פֿלײטיסט פֿון דער צױבער־פֿלײט, איז געפֿערלעך קראַנק געװאָרן.

מע צעגײט זיך. סאַראַ לאַנגזאַמע טריט — װי אַף אַ לעװײַע. מע זאָגט נאָך שװאַכים, װי נאָך אַ טויטן: געװען! געװען! געװען!

— געװען אַ װוּנדערלעכער מוזיקאַנט, אַ װוּנדערלעכער פֿלײטיסט!

— ער האָט ערשט געקאָנט װערן און װערן!

— ער איז שוין מער ניטאָ, ער װעט שוין מער ניט זײַן!

— שטערן לעשן זיך אױס גיכער, װי זײ צינדן זיך אָן.

— לעשט זיך אױס אַ שטערן — װערט טונקעלער אַפֿן הימל, טונקעלער אַפֿן האַרצן!

— אַ שאָד! אַ שאָד!

שקלאָװ גײט כאַדאַראַם. שקלאָװ פֿאַרברענגט די הענט: פֿאַרשפּילט אונדזער שפּילער! אָן מיכקען װעט זײַן אַ ראַכמאָנעס אַף כאַסן־קאַלע, אַף די מעכוטאָנים, אַף די כאַסענעס און סימכעס. אָן מיכקען װעט יעדער סימכע זײַן אַ פֿאַרשטערטע סימכע. די קלעזמער־גאַס מײַדט אױס די שטוב פֿון די גוזיקאָװס — אַזאַ שפּילנדיקע, אַזאַ זינגענדיקע איז זי געװען און אַ שטומע שװײַגערן געװאָרן. פֿאַר אַלעמען האָט זי טרײסט געטראָגן, יעדן אײנעם פֿרייד פֿאַרשאַפֿט, און איצט איז ניטאָ, װער ס'זאָל זי טרײסטן, װײַל יעדער טרײסט װעט אָפּקלינגען װי אַ ליגן. די קלעזמער־שטוב װײנט באַטאָג, װײנט באַנאַכט, און אירע טרערן הערן זיך ניט אױף צו קײַקלען.

די מאַמע רײַסט פֿון זיך די האָר פֿון קאָפּ און שעלט מיט ביטערע קלאָלעס די נעגידישע מאַמעס:

— איך האָב דאָס גאַנצע לעבן מוירע געהאַט פֿאַר זײ, איך האָב דאָס גאַנצע לעבן געפֿילט, אַז זײ פֿאַרגינען מיר ניט, אַז זײ הערן ניט אױף צו װאַרפֿן זײערע אײַנהאָרישע בליקן גלײַך אין מײַן מיכקען אַרײַן. זײ האָבן אַזױ לאַנג געצילט, ביז זײ האָבן געטראָפֿן — טרעפֿן זאָל זײ אַ דונער מיט אַ בליץ באַגלײט, טרעפֿן זאָל זײ איין אומגליק נאָכן צװײטן, װוּ זײ װעלן זיך קערן און װענדן.

נאָך שרעקלעכער װערט מיכקען, װען די מאַמע הערט אױף װײנען, הערט אױף רײַסן די האָר פֿון קאָפּ, הערט אױף שעלטן און נעמט אים אַרום, גלעט אים, צערטלט אים, האַלדזט און קושט אים. װעט ער דען קאָנען, װעט ער דען זײַן בעקױיעך אָפּצאָלן מיט ליבע פֿאַר אָט דער אומענדלעכער מוטער־ליבע?

— כאַנקע! כאַנקע! — הייבן זיך אויף מיכקעס הענט און פאַרשטעלן פאַר איר דעם וועג, — גיי ניט צו נאָענט צו מיר, אָטעם ניט מיט מײַן לופט, ווײַל ס'איז געפערלעך.

כאַנקע אָבער הערט אים ניט, פאָלגט אים ניט, האַלדזט אים, קושט אים און זאָגט:

— ליבע שרעקט זיך ניט פאַר קיין שום קרענק אין דער וועלט, ליבע איז שטאַרקער פונעם טויט.

כאַנקע פאַרשווינדט, און עס באַווײַזט זיך דער זיידע יִיצחאָק. מיכקע קאָן ניט צוקוקן, ווי דער אַלטער וויינט: „אזא יורעש, אזוי דערהויבן די ירושע־פּליִיט, און איצט זײַנען זיי ביידע, מײַן אייניקל און מײַן פּליִיט, פאַרמישפּעט אַף אייביקן שווײַגן. ווי שרעקלעך ס'איז דער גזאַר פון שווײַגן, ווען ס'איז דאָ וואָס צו זאָגן, ווען ס'איז דאָ וואָס צו מעכאַדעש זײַן".

צוליב וואָס איז דאָס האַרץ, אַז מ'קאָן זיך דאָס האַרץ ניט אויסרעדן? צוליב וואָס איז דער מויעך, אַז די געדאַנקען ווערן אַרופגעוואָלגערט איינער אַפן צווייטן און ווערן דערשטיקט פון זיך אַליין?

— צוליב וואָס און פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ גורל? — רעדט זיך דורך מיכקע מיט זײַן פּליִיט. ער נעמט זי אַרום, דריקט זי צו זיך און קושט זי.

די פּליִיט האַלט ניט אויס, און צום ערשטן מאָל, זינט פּליִיטן האָבן זיך באַוויזן אַף דער וועלט, האָט זי אַליין גענומען שפּילן און אויסשפּילן אַלץ, וואָס אין איר איז אַרײַנגעשפּילט געוואָרן פון דעם ערשטן גוזיקאָוו־פּליִיטיסט ביז מיכקען. די פּליִיט שפּילט, און מיכקע דערזעט פאַר זיך מאָצאַרטן אין די לעצטע מינוטן פון זײַן לעבן. מאָצאַרט הייבט אויף זײַנע הענט און נעמט דיריזשירן. ער דיריזשירט און ברומט אונטער אַ פריילעכע מעלאָדיע פון זײַן באַציאָנאַלער אָפּערע־מײַסעלע „די צויבער־פּליִיט". מאָצאַרט האָט ניט געוואָלט, אַז אים זאָל באַגלייטן אַ רעקוויִעם, אַז אים זאָל באַגעגענען אַ טרויער־מאַרש. ער האָט פאַרלאַנגט אויסגיין מיט אַ פריי־לעכן שמייכל. אים האָט זיך געוואָלט צום לעצטן מאָל זיך אַ טויוול טאָן אין די פרישע פאָלקס־קוואַלן.

עמעצער פון די בײַשטייענדיקע באַ מאָצאַרטס גסיסע האָט געפּרוווט אָפּשטעלן זײַנע דירי־זשירנדיקע הענט.

— איך בעט אײַך, שטערט מיר ניט, — האָט מאָצאַרט אויסגערעדט זײַנע לעצטע ווער־טער, — לאָזט מיך שטאַרבן, ווי איך וויל שטאַרבן. לאָזט מיר זיך געזעגענען מיט מײַן „צוי־בער־פּליִיט".

סאַראַ שטאַרקער קויעך! סאַראַ ליבע צום לעבן! פאַרשעמט זיך מיכקע פאַר מאָצאַרטן און פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם פאַרן ליכטיקן פון אַלע ליכטיקסטע, פאַרן אייביקן צויבערער, וועמענס צויבער עס וועט קיינמאָל ניט אויפהערן.

מיט אַ צאַרע איז בלויז שווער איבערנעכטיקן די ערשטע נאַכט. דערנאָך, ווי שווער ס'זאָל ניט זײַן, געוווינט מען זיך צוביסלעך צו צו איר. אַז ס'איז אַזוי, האָט מיכקע זיך איבערצײַגט, ווען ער האָט פאַרגלײַכט זײַן צושטאַנד אינעם צימער פון דעם סאָכרישן קלוב, ווו ער איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, מיט זײַן איצטיקן צושטאַנד אינעם שפּיטאָל, ווו די מאָסקווער מוזי־קאַלע געזעלשאַפט האָט זיך אויסגעסטאַראַעט אַן אָרט פאַר אים.

די שרעק פאַרן טויט האָט גענומען פון טאָג צו טאָג אָפּצוטרעטן אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און די טײַווע צום לעבן האָט זיך גענומען אומקערן. ווען עס אָטעמט זיך, פּילט מען גאָרניט. אַז מע אָטעמט, ווען מע איז געזונט, טראַכט מען ניט וועגן די אָנצאָליקע קרענק, וועלכע לויערן אַף טריט און שריט, פּונקט ווי מע טראַכט ניט אין דער יוגנט וועגן דער עלטער. ווערט מען קראַנק, כאַפּט מען זיך אָן אין דער ערשטער האָפענונג — געזונט צו ווערן, און מע הערט ניט אויף זיך צו צִיִען צום לעבן. יעדער קראַנקער, וואָס ווערט געזונט, לעבט איבער דעם געפיל פון טכיאַס־האַמייסים. אַלץ, וואָס ער האָט געזען, דוכט זיך אים, אַז ער זעט עס צום ערשטן מאָל: די הימלען זײַנען אַנדערע, די ערד איז אַן אַנדערע און די זון איז גאָרניט צו פאַרגלײַכן מיט דער פריִערדיקער זון. די פייגל זײַנען ניט די, וועלכע זײַנען געווען — אין זייערע געזאַנגען האָט נאָך קיין איין פויגל ביז אַהער אַזוינס ניט געזונגען. און ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז ס'זײַנען דאָ וואָלקנדיקע טעג, אַז ס'זײַנען דאָ שלעכטע מענטשן אַף דער וועלט? די וואָלקנס, דוכט זיך, שײַנען, און די מענטשלעכע טריט — דאָס איז אַן אומענדלעכער אָרקעסטער, וואָס פאַרענדיקט קיינמאָל ניט זײַן לעבנס־שפּיל.

די ערשטע טעג אין שפּיטאָל האָט מיכקע אין די בלייכע ווײַסע פּנעמער פון די קראַנקע געזען דעם אָפּשײַן פון טאַכריכים און אין די רויטע פלעקן — די שקיִע פון זייער לעבן. דער־נאָך האָבן זיך די פאַרבן שטאַרק געביטן פאַר אים — אין דער בלייכער ווײַסקייט האָט ער גענומען אײַנזען דעם שפּראָץ אַף טאָג, דעם קאַיאָר, און אין די רויטע פלעקן — דעם אויפגאַנג פון דער זון.

אין די פאַרנאַכטן, אַפּדערנאַכטן און אָפּט ביז שפּעט אין דער נאַכט זײַנען די געשפּרעכן צווישן די לונגען־קראַנקע באַשטאַנען דעריקער וועגן פרויען און וועגן ליבע. עלטערע רעדן וועגן די ליבעס, וואָס זיי איז באַשערט געווען צו שפּילן, און יונגע טראַכטן אויס די ליבעס, וועלכע עס שטייט זיי פאָר. יעדער איינער מאָלט זיך אויס אַ באַזונדער פרוי. אַ פּאַרמעסט פון שיינהייטן. מע באַטראַכט, מע זאָגט מעווינעס. געפעלט איינעם די פיגור — געפינט אויס אַ צווייטער אַ כיסאָרן אין די אויגן. ווערן אויסגעטיילט די אויגן — ווערט אָפּגעטיילט דאָס פּנים. באַזונדער שטרענג איז מען צו די פיס: עטוואָס ניט אַזוי געטאַקט. עטוואָס ניט אַזוי שטיפעריש טאַנצנדיק און ריידנדיק, ווערן זיי גלײַך געפּאַסלט.

יעדער איינער באַצירט זײַן אויסגעמאָלטע פרוי מיט די שענסטע צירונגען, בריליאַנטן און אוירינגלעך, בריליאַנטן אין די פינגערלעך, בײַטשן פערל אַף די העלדזער. יעדער איינער באַגלייט זײַן אויסדערוויילטע מיט די שענסטע קליידער, וואָס זײַנען ווען־עס־איז אויסגע־טראַכט געוואָרן, אַרײַן אין דער מאָדע, אַרויס און ווידער אַרײַן. אַ קריג פון פאַרבן, אַ קריג פאַר פאַרבן:

— דײַנער וואָלט בעסער געגאַנגען רויטס.

— ניין, פאַר אַזעלכע בלויע אויגן פּאַסט בעסער בלוי.

— און וואָס זאָגט איר אַף דעם ווײַסן קלייד פון מײַנער?

— צו אירע שוואַרצע האָר וואָלט בעסער געגאַנגען שוואַרצס.

— גרינס איז ניט פאַר איר, בעסער וואָלט געווען געלס.

— ניין, ניט געלס, נאָר באָרדאָ.

נאָכן אָנטאָן הייבט זיך אָן דאָס אויסטאָן. יעדער איינער טוט אויס זײַן אויסגעמאָלטע פרוי נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, ווי כאַווע אין גאַניידן פאַרן עסן דעם אייצהאַדאַס.

אַ טײַך, פול מיט טײַווע, גיסט זיך פאַנאַנדער איבער דער פּאַלאַטע, אַלע טרינקען זיך אין איר, און קיינער רופט ניט צוהילף, קיינער וויל ניט גערעטעוועט ווערן.

מיכקע קאָן ניט איבערטראָגן דעם ניבלפּע, וואָס פאַרשוועכט דאָס סאַמע הייליקע, דאָס סאַמע צאַרטע. ער וואַרפט אַרויף די קאָלדרע איבערן קאָפּ, און אין כאָלעם שטעלט ער אוועק אַן אײַזערנע וואַנט אַף צו באַשיצן כאַנקען, די טומע זאָל זי ניט באַרירן, די אומרייִנקייט פונעם טײַוועס־טײַך, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין דער פּאַלאַטע, זאָל אַף איר קיין שליטע ניט האָבן.

אין שפּיטאָל האָט מיכקע שטאַרק ליב באַקומען דעם דאָקטער וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש קי־רילאָוו. ליב באַקומען פון דעם ערשטן טאָג, ווען קירילאָוו האָט אים אויפגעמונטערט און גע־זאָגט: „מיר וועלן אײַך פונעם שפּיטאָל ניט אַרויסלאָזן, ביז מיר וועלן אײַך ניט מאַכן די נייטיקע פּאַטשינקע, גוט פאַרלאַטען און גוט פאַרהאַטען, איר וועט לעבן! איר וועט אומבאַ־דינגט לעבן!"

פון טאָג צו טאָג האָט וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש קירילאָוו אַלץ מער באַרעכטיקט זײַנע אַרויס־זאָגונגען, אַז אַ דאָקטער דאַרף היילן פריִער פאַר דער קרענק דעם קראַנקן, ווײַל קיינער קאָן אַזוי ניט מיטהעלפן היילן דעם גוף, ווי די נעשאָמע, דער גײַסט.

אין איינעם אַן אָבנאַד האָט קירילאָוו, איידער ער האָט צוגעלייגט זײַן אויער צו מיכקעס ברוסט, אים אַ פרעג געטאָן:

— איז וואָס זשע האָט זיך אײַך הײַנטיקע נאַכט געכאָלעמט? דערציילט, גאָלובטשיק, לאָזט ניט דורך קיין איין נאַרישקײַט, קיין איין ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, אַף וואָס אַ כאָלעם איז פייִק, דערציילט פון אָנהייב ביזן סאָף.

מיכקע האָט דעם כאָלעם ניט דערציילט דעם דאָקטער, נאָר אים אָנגעזאָגט ווי אַ גוטע בסורע:

— דער כאָלעם, וואָס מיר האָט זיך געכאָלעמט, איז געווען אַ מוזיקאַלער כאָלעם: אַ וווּנ־דערלעכער מיליטער־אָרקעסטער האָט געשפּילט איבער די מאַסקווער גאַסן, בין איך אים נאָכ־געלאָפן מיט אַלע ייִנגלעך צוזאַמען. ווען דער אָרקעסטער האָט זיך דערוויַיטערט פון דער שטאָט, האָב איך זיך ניט אומגעקערט אַף צוריק, איך בין אים נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, זיך געהויבן מיט אים אַף בערג און זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טאָלן. וואָס מער איך בין מיט אים געגאַנגען, אַלץ מער האָט זיך געוואָלט גיין, אַלץ פרייַער האָט זיך געאָטעמט.

— בראַוואָ, גאָלובטשיק! — האָט אויסגעשריגן קירילאָוו. די גוטסקייט האָט זיך איבערגע־גאָסן אין זײַנע גרויסע בלויע אויגן, דער ווײַסער כאַלאַט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ווײַסקייט פון זײַן קאָפּ און פון זײַן קורץ קײַלעכדיק בערדל. — אָט דאָס איז אַ כאָלעם! — אין זײַן פעסטברוסטיקע באַריטאָן־שטים געוואָרן נאָך פעסטער. — איר הערט? — האָט ער אײַליק גענומען שפּאַנען הין און צוריק און געדערדט פאַר אַלע קראַנקע אין דער פּאַלאַטע. — ווען מענס אויגן עס קוקן ווײַט און זײַנען געווענדט צו ווײַטע ברעגן, קאָן ניט זײַן קיין מאַרעשכוירעניק,

אזא קראַנקער גליבט, אַזאַ האָפּט, און מיט דעם היילט ער זיך בעסער, איידער אַלע רעפּועס צוזאַמען.

וואָלט זיך מיכאַיל־יאָסיף אַזריעלעוויטש געכאַפּט אַן אָרקעסטער, וואָס באַגלייט אים אַף יענער־וועלט מיט די שענסטע טרויער־מאַרשן, מיט די שענסטע רעקוויעמס, וואָלט געוווּן זייער שלעכט, וואָלט עס באַטײַט, אַז ער טראַכט וועגן טויט, און ווער עס טראַכט וועגן טויט, דער־ווײַטערט זיך ווײַט פונעם לעבן.

— מיר, די דאָקטוירים, האַלטן, אַז אַ קראַנקע פּרוי, וואָס טראַכט און שטעלט זיך פאָר, אַז איר לעווײַע וועט זײַן שענער פון אַלע לעווײַעס, אַז זי וועט אויסזען מאַיעסטעטיש אינעם אָרן אַף דעם קאַטאַפאַלק און אַז די שוואַרצע קליידער וועלן שטאַרק פּאַסטן צו איר שטאַרק אויסגעבלייכטן טויטן פּאָנעם, איז געפערלעך קראַנק, פאַר אַזאַ פּרוי איז ניטאָ קיין האָפענונג אַף צו געזונט ווערן. אַ קראַנקע פרוי, וועלכע ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל און וואָס פאַר אַ פאַסאָן אויסצוקלײַבן פאַר איר נײַער קלייד, און ווערט ניט מיד ציילן און איבערציילן די פאַלדן, אַז זיי זאָלן שפּילן, ווי די קלאַווישן — אַזאַ וועט ניט פאַרשפּילן, אַזאַ וועט נאָך יאָרנלאַנג טרעטן אַף דער ערד.

די אופמונטערנדיקע טרייסטנדיקע ווערטער האָט קירילאָוו ניט איבערגעכאַזערט, יעדן טאָג פלעגן זײַנע אויסקלאַפּנדיקע פינגער איבערן ברוסטקאַסטן ברענגען מיט זיך אַ נײַע טרייסט.

— ניט געדײַגעט, אַזריעלעוויטש, איר אָטעמט איצט אַ סאַך פרײַער, דער הוסט ווערט שטילער און שטילער, ס'איז צו האָפן, אַז גאָר אינגיכן וועט ער אינגאַנצן בלײַבן אָן לאַשן, אַזוי, האַ?

— אַזוי, אַזוי, — כאַפּט אַרום מיכקע זײַן ליבן דאָקטער און באַשטעטיקט מיט די לאַטײַנישע ווערטער, וועלכע ער, דער דאָקטער, האָט אַזוי ליב אָפט איבערצוכאַזערן: — ספּירא ספּע־רא — איך אָטעם! איך האָף!

אָטעמענדיק און האָפנדיק, פרעגט מיכקע:

— ליבער דאָקטער, וויפל וועט נאָך דאַרפן געדויערן, ביז איך וועל קאָנען און מעגן זיך אומקערן צו מײַן פלייט?

דער דאָקטער פאַרמאַכט די אויגן, ער זאָל ניט זען מיכקעס צאַר, און רעדט אַרויס יעדעס וואָרט מיט אַזאַ פאַרקרימטן ווייטעק, ווי באַם אַרויסרײַסן אַ צאָל נאָך אַ צאָן:

— גאָלובטשיק! נעמט זיך אין די הענט, איך קאָן ניט און וויל אײַך ניט אָפּנאַרן. צו דער פלייט וועט איר זיך שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען אומקערן, אונדז וועט נאָך אויסקומען היפּש אַ האָרעווע טאָן, ביז מיר וועלן דעם אָפענעם פּראָצעס פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרמאַכטן, און די פלייט קאָן דאָ ווערן אַ גרויסע אַפּצולאָכעסניצע — דאָס, וואָס מיר וועלן פאַרמאַכן, וועט זי עפענען.

— און אַף אַ פידל וועל איך קאָנען שפּילן? — צעפלעמלען זיך שטאַרקער די רויטע פלעקן אַף מיכקעס באַקן, די אויגן ווערן גרעסער, אָט־אָט — און זייער גאַנצער טרערן־פאַרמעגן טריפט אויס ביז לעצטן טראָפּן.

— ניין! איר וועט מעגן און קאָנען שפּילן בלויז אַף אַזאַ אינסטרומענט, וואָס איז ווײַטער פון די לונגען, ווײַטער פון האַרצן.

מיכקעס פאַרהוסט זיך שטאַרק. דער דאָקטער כאַפּט פלינק אַרויס פון דער טומבאָטשקע די באַרויקונגס־טראָפּנס, טריפט אַרײַן אין לעפל אַ צוויי־ענדיקע פּאַרציע, דריקט צו זיך צו מיכקען און בעט זיך בא אים:

— באַרויקט זיך! באַרויקט זיך!

לויט דעם, ווי מ'האָט באַזוכט מיכקען אין שפּיטאָל, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז מיכקע האָט טיפע וואָרצלען אין מאָסקווע, אַז זײַן מישפּאָכע, אַלע זײַנע קרויווים און פרײַנט וווינען דאָ.

עס פלעגן קומען די סטודענטן און יוגנטלעכע, מיט וועלכע ער האָט שפּאַצירט און וועלכע האָבן אים מיטגעהאָלפן דערלערנען די געשיכטע פון מאָסקווע, די געשיכטע פונעם קרעמל, פון יעדער גאַס, פון יעדן קלויסטער און פון די וויכטיקסטע מויערן.

עס פלעגן קומען אַ סאַך אומבאַקאַנטע פון די דאַנקבאַרע צושויער, וועלכע האָבן באַזוכט די קאָנצערטן פון דער גוזיקאָוו־קאַפּעלע.

באַזונדערס האָבן מיכקען געווירט די אַלטיטשקע פרויען מיט בלומען פון פאַרשיידענע פאַרבן און רייכעס אין די הענט, וואָס פלעגן פאַרשיקערן די פּאַלאַטע, מיט טאָרטן, מיט שאָ־קאָלאַדן, מיט קעסטעלעך קאָנפעטן און מיט האַרציקע געציילעמטע בראָכעס, אַז ער זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן.

קיינער, אפילע געקומענע פון אנדערע שטעט אין מאָסקווער שפיטאָל, האָבן זיך מיט מיכקען ניט געקאָנט פארגלײַכן לויט דער צאָל באקומענע בריוו. מיכקע פלעגט זיי אזוי לאנג לייענען און איבערלייענען, ביז ער האָט זיי אלע געקענט אף אויסווייניק. אין סאמע מיט פונעם לייענען פלעגט ער מיט א באזונדער פארגעניגן כאפן א קוק אין די בריוו, צי מאכט ער ניט קיין טאָעס, צי האָט ער ניט פארפעלט קיין שורע, ניט דורכגעלאָזט קיין וואָרט.

דער מאמעס בריוו זײַנען פאנאַנדערגעפלייצטע, פארפלעקטע, אף איין טראָפן טינט — צענדליקער טראָפנס טרערן. זי וויינט, זי שלאָפט ניט, זי עסט ניט. ווי קאָן איר אײַנגיין דאָס לעבן, אז איר מיכקע ליגט אין שפיטאָל.

דעם טאטן אזריִעלס קאָפ איז שטענדיק אײַנגעבויגן, ווי באם שרײַבן אָט דעם בריוו. „קרוין פון מײַן קאָפ", רופט ער אים אָן, אָבער ווו איז די קרוין און ווו איז דער קאָפ?

מאָרדכעלע און שלוימעלע, וועלכע האָבן ניט איינמאָל געטראכט וועגן מיכקען ווי די ניט פארגינערישע ברידער וועגן יויסעפן, ניט איינמאָל אים אָנגערופן דער קוטוינעספאָסעמדיקער — דער צעפּעסטעטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין א זײַדן העמדל, שרײַבן אים איצט, אז זיי האָבן גאָרניט געוווּסט, אז זיי האָבן אים אזוי שטארק ליב.

און כאנקע, סארא טײַערע זי איז! זי רופט אים אָן „טײַערער", און אָט דער „טײַערער" איז טײַערער פון אלץ אין דער וועלט. זי איז געגאנגען מיט דער מאמען אפן הייליקן אָרט רײַסן קוואָרים. די מאמע, — שרײַבט זי, — האָט זיך אויסגערעדט דאָס הארץ, ניט נאָר מיט אירע נאָענטע טויטע, נאָר מיט אלע טויטע, וועלכע רוען דאָ זייער אייביקע רו. זי האָט זיי אלעמען געגעבן צו וויסן, אז מיכקע איז געפערלעך קראנק, זיי זאָלן ניט הײַען, זיך דערשלאָגן צו דער אפטייק פון אלע אפטייקן, און באם מאלעך רעפאָעל, באם אפטייקער פון אלע אפטייקערס, אויסבעטן א רעפוע שליימע פאר איר קראנקן מיכקען. און וועט זיך דער מאלעך רעפאָעל אײַנשפארן, איז זײַט וויסן, אז יענע־וועלט איז ניט העפקער, ס'זײַנען דאָרט דאָ צאדיקים און הייליקע נעשאָמעס — איז זאָלן זיי זײַן די גוטע בעטערס פארן אייבערשטן, וועלכער איז דער דאָקטער פון אלע דאָקטוירים.

די מאמע האָט אזוי ביטער געוויינט, אז אלע שטיינערנע מאציייוועס האָבן, דוכט זיך, צוזאמען מיט איר געוויינט, און כאנקע איז געווען אזוי דערשיטערט, אזוי פארגליווערט, אז זי האָט אפילע קיין איין טרער ניט געקאָנט ארויסלאָזן. מיט דער מאמען איז זי געווען אויך אין בעסמעדרעש. זי איז ארײַנגעלאָפן מיט אזעלכע גוואלדן און מיט אזעלכע טײַנעס צו גאָט, אז דער אָרנקוידעש האָט פון שרעק, דוכט זיך, אליין זיך געעפנט פאר איר: שרײַ און גוואלדעווע וויפל דו וועסט נאָר קאָנען, וויפל דיר וועט נאָר קויעך סטײַען.

און די מאמע איז איין קאָל: פרווו מיך, גאָט, מיט וואָס דו ווילסט, נאָר ניט מיט מיכקען! שרעק מיך, נאָר שטראָף מיך ניט! זי האָט ווידער געוויינט, געשריגן, געגוואלדעוועט און ווידער געטײַנעט און געבעטן.

אין אָרנקוידעש, — האָט כאנקע געשריבן מיכקען, — איז ניט בלויז זײַן ארײַנגעשריגענער נאָמען פארבליבן, נאָר אויך אירער — די מאמע האָט זי פאָרגעשטעלט פארן אייבערשטן און געבעטן אים: „אויב ניט צוליב מיר, צוליב איר, צוליב כאנקען, צוליב מיכקעס זיווּעג...".

אין איינעם פון אירע בריוו האָט כאנקע געבעטן מיכקען, ער זאָל זיך דערוויסן בא זײַן דאָקטער, פון וועלכן ער האלט א וועלט און קאָן זיך גאָרניט אָפּליבן פון אים, אז ער זאָל גיבן צו וויסן וועגן דער קאווערנע, וואָס, ווי ער, דער דאָקטער, טײַטשט עס און דרינגט ארויס אלפּי־לאטײַן, איז א הייל, א גרוב, א לאָך, אן אָפענע וווּנד, — ווען זשע וועט זי, די קאווערנע, די הייל, אויסגעהיילט ווערן? ווען וועט די אָפענע וווּנד א פעסטן, גראָבהויטיקן דאך באקומען איבער זיך? זאָל ער אזוי גוט זײַן, דער גוטער דאָקטער, און אויך דערקלערן, פון ווען אָן האָט זיך די ביטערע לונגען־קרענק אָנגעזעצט אפן מענטשן? ווען וועט מען פון איר פּאָטער ווערן? זאָל מיכקע איבערגעבן דעם גוטן דאָקטער, אז די מאמע סאָרע, דער טאטע אזריִעל, די ברידער מאָרדכעלע און שלוימקע, וועלוועלע און שמוניע, די קאפעלע, די קלעזמער־גאס און גאנץ שקלאָוו בעטן גאָט פאר אים. אלע דאנקען אים, אלע גריסן אים, און מער פון אלע זי — כאנקע דעם באַנדערס.

וואסילי פיאָדאָראָוויטש קירילאָוו איז געווען שטארק גערירט פון אלע גרוסן, דאנקען, ווינטשעוואניעס, וואָס מיכקעס כאנקע האָט איבערגעגעבן אים אין נאָמען פון גאנץ שקלאָוו. גלײַך אפן אָרט אין שפיטאָל, בא מיכקעס בעט, האָט ער אין א בריוו צו כאנקען באדאנקט פאר די גוטע ווערטער, פאר די הארציקע גרוסן און געענטפערט אף אלע אירע פראגן.

„קעדיי צו פארמאכן דעם אָפענעם פראָצעס, דארף מען האָבן ניט ווייניקער ווי א יאָר. אין שפיטאָל טוען זיי אלץ אף צו פארקירצן דעם טערמין. מיכאיִל־יאָסיף אזריִעלעוויטש וועט גאָר

אינגיכן געזונט ווערן און נאָך ניט איינמאָל אלעמען דערפרייען און איבעראשן מיט זייַן מוזיקאלער געוינעס.

די בוגאָרטשאטקע, וועלכע איז דערנאָך פארביטן געוואָרן אף טשעכאָטקע (האלעווייַ וואָלט מען געקאָנט אזוי לייַכט אויסהיילן די קרענק, ווי לייַכט מע קאָן א נאָמען פארבייַטן), איז אלט, ווי דער מין מענטש איז אלט. צווישן צען סקעלעטן פון די מיצרישע מומיִעס פון די גאָר אלטע צייַטן האָבן פיר פון זיי געטראָגן די שפּורן פון אָט דער שרעקלעכער קרענק אף די רוקנביינער.

עס זייַנען אויסגעפונען שריפטלעכע דאָקומענטן נאָך ביז אונדזער ערע, אין וועלכע עס ווערט ריכטיק און דעטאל באשריבן די לונגען־קרענק. פּאָטער ווערן פון דער טשעכאָטקע וועט מען נאָר דאַן קאָנען, ווען די לופט, ווען די פרייַע אומזיסטיקע לופט וועט זייַן פרייַ און אומזיסט פאר יעדן אָטעמדיקן ניט נאָר אין דרויסן, נאָר אויך אפן זאוואָד, אף דער פאבריק, בא יעדן אין שטוב, ווו יעדער נעפעש וועט האָבן גענוג אָרט און זיך ניט דארפן שטיקן אין ענגשאפט; ווען אלע בלאָטעס וועלן אָפּגעווישט און אָפּגעוואשט ווערן, ווען יעדער הונגעריקער וועט האָבן ברויט עסן צו זאט און יעדער נאקעטער וועט האָבן א קלייד אף זייַן לייַב.

לונגען אָטעמען פרייַ, ווען מענטשן גייען זיכער אף דער ערד מיט אופגעהויבענע קעפּ, און אז אזוי זאָל זייַן, דארפן רוקנס זיך אופהערן בייגן. און אויב אזוי וועט זייַן, וועט די מעדיצין ניט זייַן קיין זאך פון האנדל — צום אלעם ערשטן וועט געהיילט ווערן דער, וואָס איז געפערלעך קראנק, און ניט דער, וואָס פארמאָגט די פעטע טויזנטער און קרענק פאר א גראָשן. אויב אזוי וועט זייַן, וועט די מעדיציניִשע וויסנשאפט ווערן אלץ גרעסער און גרעסער, און די קרענק, אלץ קלענער און קלענער, טשעכאָטקע, וואָס איז איצט נומער איינס, וועט פארוקט ווערן אזוי וווייַט, אז מע וועט זי קוים ארויסזען.

צום סאָף פון זייַן בריוו האָט קירילאָוו נאָכאמאָל און ווידעראמאָל באדאנקט כאנקען פאר אירע גרוסן און פאר אלע גרוסן פון מיכקעס מישפּאָכע, פון דער קאפּעלע, פון דער קלעזמער־גאס און פון גאנץ שקלאָוו: זייַט אלע געזונט, און איר זאָלט קיינמאָל ניט דארפן אָנקומען צו קיין דאָקטער. אזוי ווינטשט אייַך וואסילי פיאָדאָראָוויטש קירילאָוו".

שקלאָוו האָט געוווּסט פון א סאך פייַערלעכע באגעגענישן — די כאבאדניקעס האָבן מיט געזאנג און טענץ באגעגנט שנייער־זאלמענען, די מיסנאגדים האָבן אף די הענט געטראָגן דעם ווילנער גאָענס רעכטע האנט — דעם ראָוו אוויגדער בען כאַיִם. יעשועס צייטלין, דעם גרויסן גוויר, דעם יידישן פּאָרעץ, האָט מען ניט איינמאָל באגעגנט אף א פּריצישן אויפן, מ'האָט אויך ניט געזשאלעוועט קיין קאָוועד פאר נאָטע נאָטקינען. אָבער פון אזא באגעגעניש, ווי מיכקע האָט געהאט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים פון מאָסקווער שפּיטאָל, האָט שקלאָוו ניט געוווּסט.

ס'איז געוועזן טיפער הארבסט, און אין יענעם טאָג האָט די זון געשייַנט מאמעש ווי אין א לויטערן פרילינג־טאָג. דער שיינער וועטער האָט אף א סאך פארגרעסערט די יאָמטעוודיקייַט, די געהויבענע שטימונג.

עס האָבן זיך פארייניקט כאבאדניקעס און מיסנאגדים, מענער און פרויען, יונג און אלט, קליין און גרויס. די קלעזמער־גאס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געפילט אזוי פרייַ, אזוי יאָמטעוודיק, מייַסע כאָסנס־צאד אף די באלעבאטישע גווירישע גאסן, ווי איצט. אומעטום, אף יעדן טריט און שריט, האָבן זיך געלאָזט הערן אירע קוילעס: איצט איז אונדזער גאס די גאס פון אלע גאסן. און אלע גאסן האָבן אָפּגעגעבן קאָוועד דער גאס, וועלכע האָט אזוי בארימט געמאכט שקלאָוו.

מ'האָט אומעטום פרייַ געמאכט דעם דורכגאנג פאר סאָרען, פאר אזריִעלן און פאר כאנקען, וועלכע איז געגאנגען אינדערמיט. מאמעס זייַנען מעקאנע געווען דער גליקלעכער מאמע סאָרע, און זי, די מאמע סאָרע, האָט געוויינט און געוויינט. מיידלשע בליקן זייַנען באפאלן פון אלע זייַטן כאנקען און צוגעפאלן צו איר, ווי צו א פרישן קוואל, געשעפּט און געשעפּט און זיך געוווּנטשן, אז כאָטש איין שטראָמעלע, כאָטש עטלעכע טראָפּנס גליק זאָלן איבערגיין און בלייַבן בא זיי אף צו דערקוויקן דאָס לעבן.

ווועלוועלע און שמוניע האָבן אויסגעזען ווי שניטער, וועלכע נעמען אראָפּ רייַכע גערעטענישן. ווער עס זייט מיט טרערן, שנייַדט מיט געזאנג, ווער עס זייט מיט געזאנג, נעמט אראָפּ דעם געזאנג פון אלע געזאנגען.

איינע און די זעלבע געדאנקען קומען אוף אייַנצייַטיק אין ווועלוועלעס און אין שמוניעס מויכעס. פרווט ווועלוועלע אויסדריקן דעם אָקאָרשט געבוירענעם געדאנק, זאָגט שמוניע, אז יענער האָט עס בא אים אויסגעכאפּט. טיילט זיך שמוניע מיט זייַן געדאנק, וועלכער האָט זיך

נאָך ניט באַוויזן אָנוואַרעמען אין אים, כידעשט זיך וועלוועלע: ס'איז דאָך מײַן געדאַנק, ס'זײַנען דאָך מײַנע ווערטער, ווי קומען זיי צו אײַך? און קומען קומען זיי ביידע צו איינעם און דעם זעלבן אויספיר: ניטאָ קיין גרעסערער גליק, ווי קומען פונעם פאָלק, ווי זײַן מיטן פאָלק, ווי דערהייבן דאָס פאָלק, ווי אָנערקענט ווערן, געריימט און געליבט זײַן פון דעם פאָלק.

דער פויק גייט פאָרויס, נאָך אים בערקע דער פויקער. אויך זישע דער טראָמבאָניסט, אָשער דער טרובאַטש, מאָרדכעלע דער פידלער גיבן אָפּ קאָוועד זייערע קיילים און לאָזן זיי פאָרויס — נישקאָשע, זיי האָבן קאָשער פאַרדינט אזא קאָוועד. שלוימקע איז צופרידן, וואָס דער ברייטבײַכיקער ווי־אַלאַנטשעל גייט צוזאַמען באַגלײַך מיט אים — גיי רוק אים ארויס פאָרויס, אז ער איז קימאַט אין זײַן גרייס מיט אים. מיכקעס ברידער מאָרדכעלע און שלוימקע האָבן זיך אומגעקוקט פון אלע זײַטן און מיט יעדן אָטעם אײַנגעאָטעמט אין זיך שטיקער קאָוועד — עס קומט אונדז! עס קומט אונדז! מיר זײַנען מיכקעס ברידער!

א זיך טרייסלענדיקער אײַליקער געקלאַנג פון גלעקער האָט צו וויסן געגעבן, אז מיכקע איז שוין אַרײַנגעפאָרן אין שטאָט.

ס'איז געוואָרן שטיל, און וואָס שטילער, אלץ הילכיקער איז געוואָרן דער געקלאַנג פון די גלעקער.

דער לעצטער אויסגייענדיקער קלאַנג פון די נאָרוואָס קלינגענדיקע גלעקער — און די קאַפּעלע האָט א שפּיל געטאָן דעם באָרעכהאַבאָעדיקן באַגעגעניש־ניגן.

א וואַלד מיט הענט האָט זיך א ציי געטאָן צו מיכקען, שאָלעם־אַלייכעם־אויסגעשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אראַמעיִשער בראָכע, וואָס מע מאַכט איבער א געפערלעך קראַנקן, וועלכער איז געזונט געוואָרן: בריך רחמנא די יהבך ניהלן ולא יהבך לעפרא[1] — געבענטשט זאָל זײַן גאָט, וואָס האָט דיך אָפּגעגעבן אונדז און דיך ניט אָפּגעגעבן דער ערד. ווידער א שאָלעם־אַלייכעם און ווידער בראָכעס:

— שאָלעם־אַלייכעם, מיכקע!

— געזונט זאָלסטו זײַן, מיכקע!

— א דאַנק גאָט, וואָס מ'זעט זיך!

— דײַן קאָוועד איז אונדזער קאָוועד!

— דו ביסט די קרוין פון אונדזער קאָפּ!

— זאָל די קרוין מער זיך ניט א הוידע טאָן, און זאָל דער קאָפּ מער ניט אופּציטערן!

— זאָל גאָט אָפּהיטן, זאָל גאָט שוימער אומאַצל זײַן, אז דו זאָלסט קיינמאָל ניט איבער־כאַזערן דאָס שרעקלעכסטע, וואָס די אַמאָליקע ייִדישע שפּילער און זינגער האָבן אויסגעוויינט בא די טײַכן פון באָוול: אויס, מיר וועלן שוין קיינמאָל ניט שפּילן, מער קיינמאָל ניט זינגען. ווי־אַזוי קאָן מען שפּילן און זינגען, אז עס שפּילט זיך ניט, אז עס זינגט זיך ניט?

— דו, מיכקע, ביסט א קאָלאַצמויסײַ — טוימאַרנאָ־שפּילער, א שפּילער, אין וועלכן עס שפּילט יעדער ביין און יעדער אייווער, האָט עפּעס וואָס צו זאָגן. אזוי, אויב איין סטרונע האָט געפּלאַצט, וועלן זי צענדליקער סטרונעס פאַרבײַטן.

און ווידער פאַרבײַט א שאָלעם־אַלייכעם א בריך און א בריך א שאָלעם־אַלייכעם!

יאָמטעווודיק אויסגעפּוצטע מיידלעך האָבן ארומגערינגלט כאַנקען, די קאַפּעלע האָט גענומען שפּילן א קאַראַהאָד־טאַנץ.

פון דער אנטקעגנדיקער זײַט האָבן געטאַנצט באָכערים, עטוואָס ווײַטער פון זיי — כיידער־ייִנגלעך, עטוואָס ווײַטער פון די כיידער־ייִנגלעך — מיידלעך, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן זײַן קאַלעס פאַר זיי, פאַר די כיידער־ייִנגלעך.

די יוגנט האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אויסצוטאַנצן, האָט דער עלטסטער פון דער כאַבאַדי־שער איידע פאַרצויגן א כאַבאַדישן ניגן.

דער ניגן האָט זיך אָנגעהויבן דרעמלענדיק, ווי דאָס פאַנאַנדערצינדן זיך פון א פײַכט שײַטל האָלץ. א רעגע נאָך א רעגע — און דער ניגן האָט זיך גענומען וועקן, ווי דאָס פײַכט שײַטל האָלץ, וואָס איז פון אלע זײַטן באַגלייט און ארומגערינגלט מיט פײַער.

עס האָט אויסגעבראָכן א פלאַם, פליִענדיקע זײַלן האָבן זיך צעשאָטן אין פונקען, און די פונקען זײַנען, ווי פייגל אין די נעסטן, אַרײַנגעפלויגן אין די כאַבאַדישע הערצער.

א סרייפע!

פריִער פון אלעמען האָבן די מיסנאַגדים צוגעפּאַטשט דעם ניגן — דאָס האָט באַטײַט, אז זיי זײַנען מאַסקים מיט אים, אז זיי פאַרלאַנגען, ער זאָל אַרײַן אין זיי. און ווען דער ברי איז

[1] בריך ראַכמאָנאָ די יאַהאַוואָך ניהלאָן וועלא יאַהאַוואָך לעאַפראָ.

דערגאנגען צו די ליפּן, האָבן זיי גענומען מיטזינגען. דער ניגן איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער.

די שקלאָווער ייִדן, וועלכע זײַנען זויכע געווען מעקאבל פּאָנעם זײַן מיכקען, האָבן יאָרנ־לאַנג ניט געלאָזט איינער דעם צווייטן פאַרגעסן די באַגעגעניש. זיי האָבן געהאַלטן אין איין דערווײַזן, אַז אַפּילע באַם באַרג סינײַ, ווען אַלע ייִדן האָבן אין איין קאָל אויסגעשריגן: נעשה ונשמע[1] — מיר וועלן טאָן און הערן, זײַנען די צוהערער ניט געווען אַזוי אַכדעסדיק, ווי בּאַ אָט דער באַגעגעניש. זיי זײַנען ניט מיד געוואָרן צו איבערכאַזערן:

— אַזוי ווויל איז דעם דאָר פון יענעם גליקלעכן יאָר!

— אַזוי ווויל איז די אויגן, וואָס האָבן עס געזען!

— אַזוי ווויל איז די אויערן, וואָס האָבן עס געהערט!

ווײַזט אויס, אַז יעדן מענטשן איז געגעבן געוואָרן אַ מאָס רייד, וואָס ער מוז פאַרן טויט אויסריידן, און אויב דער טאָג איז געווען אַזאַ, אַז העלפט פון דער געגעבענער מאָס איז פאַר־בליבן אינווייניק און צענדליקער ווערטער, ווי פאַנאַנדערגעשאָטענע שטעכיקעביינדלעך, זאָלן אָרודעווען אין גאָרגל, באַשטייט שוין די מאָרגנדיקע מאָס פון אַנדערהאַלבן מאָסן.

עס טרעפן אַזעלכע אומשטענדן, אַז פון די אַנדערהאַלבן מאָסן ווערט דרײַ, פון די דרײַ — זעקס און פון זעקס — נאָך מער, און איז אַ גרויסער ראַכמאָנעס אַף דעם, וואָס פּאַקט זיך ארײַן און מוז אויסהערן אַלע ניט אויסגערעדטע מאָסן רייד ביז דער נײַנטער מאָס... אַזאַ דאַרף בענטשן גוימל, וואָס ער איז ניט דערטרונקען געוואָרן אינעם מאַבל פון ווערטער.

ניט אומזיסט איז די איינצל־קאַמער אין טפּיסע פאַררעכנט פאַר איינער פון די שרעקלעכסטע שטראָפן. עפּעס אַ קלייניקײַט, אַ מענטש איז אַ לענגערע צײַט איינער אַליין און האָט ניט מיט וועמען אויסצוריידן אַ וואָרט. עס דערגייט צו דעם, אַז דער איינצלנער אין דער איינצל־קאַ־מער הייבט אָן רעדן מיט זיך אַליין, און וואָס מער ער רעדט מיט זיך אַליין, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווערט די בענקעניש נאָך אַ מיטשפּרעכער, נאָך אַ דיִאַלאָג.

אין אַזאַ לאַגע איז דער פאַרהער אָן אויסלייזונג פאַרן אויסגעהונגערטן אַף אַ וואָרט און אַ געווינס פאַרן אויספאָרשער — ווען עס עפענען זיך פאַנאַנדער אַלע צאַפּנס, ווערט דאָס לאַנג־זאַמע שווײַגן אַזוי באַריידעוודיק, אַז מע קאָן עס ניט אײַנהאַלטן, מע קאָן עס ניט אָפּשטעלן. וואָס מער גערעדט, אַלץ ווייניקער געמיינט, אַלץ ווייניקער באַדאַכט, אַלץ ווייניקער באַלע־באָס איבערן אייגענעם וואָרט, אַלץ לײַכטער און לײַכטער ווערט דער באַשולדיקער אַרײַנגע־כאַפּט אין די נעצן, וואָס זײַנען אויסגעשפּרייט פאַר אים פון אַלע זײַטן.

צאָרעס רעדן אַ סאַך, גאַדלעס רעדט נאָך מער, טיפּשעס קאָן ניט שווײַגן, און די כאָכמע פון דער כאָכמע באַשטייט אין דעם, וואָס זי ווייסט, ווען, ווִיאַזוי און וויפל צו ריידן.

אַף דער עלטער, ווען עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען, פּוילט מען זיך ניט און מע קערט אום די יוגנט, די מיטעלע יאָרן, מע לאָזט ניט דורך קיין איין רעגע, קיין איין שאָ, קיין איין טאָג, קיין איין וואָך, כוידעש און יאָר. אַלץ קומט צונויף.

ווען אַלע צײַטן ווערן באַצײַטנס אָפּגעצײַטיקט, האָט די עלטער גענוג צײַט זיך נאָכאַמאָל אומקערן צו דעם „אַמאָל איז געווען אַ מײַסע". מע זעצט זיך ארײַן אינעם ברייִשיס און מע פּאָרט ווידער אַף אַלע אויסגעפּאָרענע און אויסגעטראָטענע וועגן. פּונקט ווי דאָס וואָרט, וואָס ווערט געגעבן מיט אַ מאָס און דער מענטש מוז עס ארויסרעדן, אַזוי איז מיטן קלאַנג. נאָך אַזאַ לאַנגן איבעררײַס האָבן די ניט ארויסגעבראַכטע קלאַנגען געשטורעמט אין מיכקען. זײַנע פינ־גער האָבן קיין רו ניט געפונען, זיי האָבן געהאַלטן אין איין אויסקלאַפּן טאַקטן.

מיכקע רעדט מיט כאַנקען, ער דערציילט איר וועגן מאָסקווע, באַמאָלט איר דעם קרעמל, גיט איר איבער וועגן די קאָנצערטן, וועלכע זײַנען דורך מיט גרוי׳ס דערפאָלג, וועגן דעם אויס־געצייכנטן גוטן דאָקטער וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש קירילאָוו, וועלכ׳ער האָט זיך באַצויגן צו אים, ווי אַ געטרײַער פאָטער, און די פינגער אַקאָמפּאַנירן. זיצט ער באַם טיש, ווערט דער טיש ווי באַזעצט מיט קלאַווישן, איז ער אָנגעלענט אַף אַ בענקל, פּאַסירט דער זעלבער נעס מיטן בענקל. און ווען ער ליגט אין בעט, שפּאַנען און יאָגן די פינגער איבער דער קאָלדרע, ווי איבער אַן אײַזערנעם בריק. און זאָגט שמוניע ארויס אַ נײַעם, נאָך ניט געהערטן געדאַנק, נע־מען צאַפּלען אַלע צען פינגער פון די הענט. מיט יעדן צוקלאַפּנדיקן טאַקט פאַרשפּרייטן זיי שמוניעס געדאַנק און כאַזערן אים איבער ווי די פּריידיקסטע בחורע. און זינגט ווענלוועלע אַ

[1] נאַסע וועניסמאַ.

די פינגער באָדן אין דער זיסקייט פון דער שטים — אָט ווערן זיי פארפלייצט, און אָט שווימען זיי ארויף און צעפליעסקען א כוואליע אַף דער העלפט.

קעדיי אויסצולאָדן אלע קלאנגען פון זיך, האָט מיכקע געשאפן א גרויסן און פארשיידנאר־טיקן אָרקעסטער פון בלעכענע, ציינענע, זילבערנע און הילצערנע לעפל, אָנהייבנדיק פונעם קאָכלעפל ביזן טיי־לעפעלע. מעסער און גאָפלען זײַנען אויך ניט געבליבן אָן א זײַט. עס האָבן זיך פארייניקט בעכער און בעכערלעך, גלעזער און גלעזעלעך, ליימענע קריגלען און קריגע־לעך, ליידיקע, איבערגעפולטע מיט וואסער, מיט דרײַ פערטל, מיט האלב און פערטל אָנגעגאָ־סענע. צוויי זילבערנע לעפל האָבן זיך באוועגט אהין און אהער, דורכגעלאָפן די גאנצע לענג און גרייס און אונטערגעטראָגן מיכקען די אלע קלאנגען, וועלכע ער האָט פארלאנגט.

א שווער שטיקל צײַט האָט איבערגעלעבט די גוזיקאָוו־קאפעלע, איבערשפּילן אן אלטן ניגן און אײַנשפּילן א נײַעם איז געוואָרן אומעגלעך, דאָס וואָלט אופגעוועקט מיכקעס ווונד, אז מיט דער פלייט איז ער שוין צעשיידט אַף אייביק.

אָן מיכקען האָט די גוזיקאָוו־קאפעלע נאָכן גרויסן דערפאָלג אין מאָסקווע פארלאָרן איר רום. מ׳האָט זי אופגעהערט אײַנצולאדן אַף כאסענעס סײַ אין שקלאָוו און סײַ אַף דער סוויווע. בלויז די קלעזמער־גאס איז געבליבן געטרײַ דער גוזיקאָוו־קאפעלע, נאָר וואָס פאר א ווערט האָט איין גאס, ביפראט נאָך א גאס פון קאפּצאָנים?

און דאן האָט וועלוועלע פארלאָזט זײַן אײַנבינדערײַ און מיט זײַן זינגען פארביטן מיכקעס שפּילן. דער רום פון דער קאפעלע האָט זיך ווידער אומגעקערט, און ווידער האָט די קאפעלע ניט געוווּסט וווּהין פריער צו פאָרן.

באם אײַנשפּילן איז מיכקע געוואָרן דער קאפעלמייסטער, אלס אזא איז ער אויך געווען אַף די כאסענעס און פארשיידענע סימכעס אין שקלאָוו. וועגן ארויספאָרן אין פארשיידענע אנדערע שטעט האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן — די מאמע סאָרע האָט געזאָגט, אז נאָר דאן, ווען מ׳וועט אריבערפאָרן איבער איר קערפער, וועט מיכקע קאָנען ארויספאָרן פון שקלאָוו. אזוי האָט אויך געהאלטן כאנקע.

באם דיריזשירן פלעגט מיכקע פרײַ לאָזן אָפן די פינגער אַף אופכאפן און זיך אָנזעטיקן מיט די אנטקעגן אָנגעקומענע קלאנגען.

דער אָרגאניסט עדוואַרד פשילנעצקי האָט ניט געקאָנט פארלײַדן דעם צאר פון מיכקעס דאָרשטיקע און זיך קיינמאָל ניט אָנזעטנדיקע פינגער און האָט יעדן טאָג אַף עטלעכע שאָ אָפּגעטראָטן פאר אים די פוס־הארמאָניע, אים באוויזן, וויאזוי די פינגער דארפן זיך באהעפטן מיט די קלאווישן, וויאזוי די פיס דארפן אָנטרעטן אַף דעם פעדאל, קעדיי שטארקער מאכן דעם אָטעם און פרײַער לאָזן דעם קלאנג.

מיכקע האָט זייער גיך זיך צונויפגעלעבט מיט דער פוס־הארמאָניע, ער האָט שאָענלאנג געשפּילט דעם אָרגאניסטס רעפערטואר, וועלכער איז געווען אזא רײַכער און פארשיידנאר־טיקער, אז ער וואָלט געקאָנט סטײַען אַף עטלעכע יאָר דורכאנאנד.

מיכקע האָט אויך זײַנע מעלאָדיעס און ניגונים צוגעפאסט צו דער פוס־הארמאָניע, און זיי האָבן געקלונגען ווי נײַע, ווי ערשט געבוירענע. אין אָט די שאָען פון אויסמאטערן די פינגער ביז אויסגעשעפטקײַט האָט געמוזט זײַן צוזאמען מיט אים כאנקע און טיילן מיט איר זײַן פרייד און זײַן גליק. אַף די שפּאצירן נאָכן שפּילן האָט מיכקע ליב געהאט ארײַנפירן כאנקען אין דער וועלט פון נעגינע, פארשטעלן און איבערגעבן איר די ווערט פון יעדן מוזיקאלן אינסטרומענט. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּליבן פון דער פוס־הארמאָניע, פון דעם אָרגאן, פון דער פאָר־טעפיאנע.

איינמאָל אַף אזא שפּאציר האָט כאנקע א פרעג געטאָן בא מיכקען:

— פארוואָס זשע מײַדן אויס ייִדן אָט די גרויסע אינסטרומענטן, וואָס יעדער איינער פון זיי פארמאָגט די קלאנגען פון א גאנצן אָרקעסטער? זיי קאָכן זיך בלויז אינעם פידל, אין דער פלייט.

האָט אַף דעם מיכקע געענטפערט:

— אָט די גרויסע אינסטרומענטן קאָסטן זייער טײַער, און די מערהײַט ייִדישע שפּילער, די מיליאָנערן פון קלאנגען, זײַנען ביז גאָר אָרעם אָפן געקלאנג פון געלט. וועהאשייניס, זײַ־נען ייִדן א וואנדער־פאָלק, זיי ווערן געטריבן פון לאנד צו לאנד, איז גיי שלעפּ אין גאָלעס א פוס־הארמאָניע, אן אָרגאן, א פאָרטעפיאנע — מע איז גערן, אז מע קאָן זיך אליין ארויס־שלעפּן. גאָר עפעס אנדערש איז א פידל, א פלייט. מע דריקט זיי צו צו דער ברוסט, זיי ווערן אײַנגעוואקסן אין גוף און צוגעוואקסן צו דער נעשאָמע, און ווו דער פארטריבענער שפּילער נעכטיקט, דאָרט נעכטיקט מיט אים דער פידל, די פלייט, דאָרט, ווי ער טאָגט, דאָרט טאָגן זיי

מיט אים. דעם שפּילערס גורל איז זייער גורל, דעם שפּילערס קלאָג און געזאַנג איז זייער קלאָג, איז זייער געזאַנג.

ס'איז געווען אַ שיינער פרילינג־טאָג, די הימלען בלוי, די פעלדער גרין, די ביימער אין צוויט, און די זון האָט אַלץ געוואַרעמט, אַרײַנגעגאָסן כּיעס אין יעדער גרעזעלע, אין יעדן בוים, אין יעדן צווײַג און אין יעדן הענגל, וואָס האָט זיך געגרייט אויפנעמען די קומענדיקע פּיירעס, ווי די סאַמע אָנגעלייגטסטע און ליבסטע געסט.

די אויסוואַנדערנדיקע פייגל, וועלכע האָבן זיך פון לאַנג אומגעקערט פון די וואַרעמע לענדער, האָבן צוזאַמען מיט די פייגל, וואָס האָבן אין די גרעסטע קעלטן ניט פאַרלאָזט זייערע נעסטן, געזונגען אַ לויב־געזאַנג דעם צוריקער, דער היים, דער ערד, די הימלען, דער זון, די ביימער און יעדן גרעזעלע באַזונדער, וועלכע זײַנען אינגאַנצן אַנדערש, ווי אין דער פרעמד, און קאָנען אין קיין פאַל ניט פאַרביטן ווערן.

דער אָרגאַניסט עדוואַרד פּשילנעצקי האָט באַגלייט מיכקען מיט כאַנקען, דעם שפּילער מיט דער געטרײַסטער צוהערערן, וועלכע האָבן פון גאַנצפרי היפּשע עטלעכע שאָ פאַרבראַכט באַ אים אין שטוב. מיכקע האָט באַשטימט שפּילן דרײַ שאָ, און דער וואַנט־זייגער האָט מיט זײַנע אָפּגעציילטע קלאַנגען צו וויסן געגעבן, אַז ס'זײַנען שוין דורך פיר שאָ. מיכקעס פינגער זײַנען אַזוי פאַרהריזנעט געוואָרן אין די קלאַווישן, אַז זיי האָבן זיך אין קיין פאַל ניט געקאָנט אַרויסרײַסן.

עדוואַרד פּשילנעצקי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון מיכקעס פינגער — יעדער פינגער פאַרמאָגט זײַן באַזונדער נעשאָמע: צען פינגער — צען נעשאָמעס, און אַז די צען גייען אַרויס פון די קיילים, גיסן זיך צונויף מיט זיי די נעשאָמעס פון אַלע אייוורים, און עס ווערט איין גרויסע פאַראייניקטע נעשאָמע, פאַר וועלכער עס איז ניטאָ קיין אָפּהאַלט, קיין אָפּשטעל. ניין, ס'זײַנען ניט קיין פינגער, ס'איז אַן אָרקעסטער פון צען באַזונדערע מוזיקאַנטן, אַ וווּנדערלעכער אָרקעסטער. צו וואָס ער גיט זיך נאָר אַ ריר, הייבט אָן לויכטן, הייבט אָן וואַרעמען, טראָגט אַוועק אין די הימלען אַרײַן און ציט אַראָפּ אין די סאַמע טיפסטע טיפן. ס'זײַנען צען קישעפֿמאַכערס!

אין דער קונסט, האָט דער אָרגאַניסט דערוויזן מיכקען , איז דאָס וויכטיקסטע זיך אויסגעפינען, שפּילן אַף דעם אינסטרומענט, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו דעם אָדער יענעם שפּילער, אָפּקלײַבן דעם רעפּערטואַר, ווו ער קאָן זיך פילן אַמשטאַרקסטן. וויפל זײַנען דאָ פאַלן, ווען באַם סאָף פון דער קאַריער כאַפּט מען זיך, אַז דער שפּילער האָט פאַרפלאָנטערט די קיילים: אָנשטאָט שפּילן אַפן פידל, האָט ער אַרומגעבלומען און געהאָלדזט דעם וויאָלאָנטשעל, און אָנשטאָט דעם וויאָלאָנטשעל האָט אַ צווייטער אָוועקגעגעבן אַלע קויכעס דער פאָרטעפּיאַנע.

אַ דיכטער שרײַבט לידער, שרײַבט און שרײַבט, און זײַנע לידער דערגייען צו קיינעם ניט. גיט ער זיך אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן אַ כאַפּ און נעמט שרײַבן פּראָזע, און אין דער פּראָזע ווערט ער ניט בלויז אַנטפּלעקט אַלס אויסגעצייכנטער פּראָזאַיקער, נאָר אויך אַלס טאַלאַנטפולער דיכטער.

אַן אַקטיאָר שעמט אַלע זײַנע יאָרן אַלס קאָמיקער, טרעפט אַ צופאַל — און דער טראַגיקער פון עם טעאַטער ווערט פּלוצעם ערעוו דער פאָרשטעלונג קראַנק, שטעלט מען אַלפּי־נויט אַרויס דעם קאָמיקער. האָט ער אַזוי אָפּגעשפּילט די טראַגישע ראָל, אַז אַלע אין איין קאָל האָבן געמוזט מודיע זײַן: דער קאָמיקער איז בלויז אַלפּי־טאָעס אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ קאָמיקער, אין טאָך איז ער גאָטס געבענטשטער טראַגיקער.

— דאָס זעלבע האָט מיט אײַך, פּאַני גוזיקאָוו, פּאַסירט. אײַערע פינגער זײַנען אײַך געגעבן געוואָרן צו ווײַזן וווּנדער אַף דער פאָרטעפּיאַנע, אַפן אָרגאַן, און איר האָט זיי אָוועקגעגעבן דער פלייט, ביז... ביז דער אומגליק האָט אײַך אומגעקערט און אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג צו אײַער גליק.

דער וועג צו דער קלעזמער־גאַס האָט געפירט דורך דעם מאַרק־פּלאַץ. ס'איז געווען אַ יאַריד־טאָג. דאָס יאַרידעווען האָט געהאַלטן אין סאַמע ברען פון יאַרידעווען. יעדער באַלכײַ, וואָס ווערט געקויפט און פאַרקויפט, יעדער קויפער און פאַרקויפער מיט זײַן קאָל, מיט זײַן באַזונדער מאַרע און פאַרב. אַ מאַבל פון קוילעס, אַ מאַבל פון פאַרבן, אַ מאַבל אין אַ מאַבל!

אַ ברומערײַ, אַ קוויטשערײַ, אַ הירזשערײַ, אַ מעקערײַ, אַ כרוקערײַ און אַ קרייערײַ. ניטאָ אַזאַ סכוירע, וואָס זאָל ניט געלויבט ווערן אין הימל אַרײַן. ניטאָ אַזאַ סכוירע, וואָס זאָל ניט געמאַכט ווערן מיט דער בלאָטע גלײַך. ס'איז אַ פּאָשעטער קלאַל: אויב אַ סכוירע ווערט שטאַרק געלויבט, איז דאָס אַ סימען, אַז ערגעץ־ווו איז זי אונטערגעפוילט.

בײַטשן סווישטשען, און פערד פײַנען זיך אויס מיט זייער געשווינדיקן געלאָף פאַר די

אלטע באַלעבאַטים, וועלכע ווילן פּאָטער ווערן פון זיי, און פאַר די נײַע, וואָס פּרוּוון זיי אויס־דינגען און אײַנהאַנדלען.

בערד. א וואַלד מיט בערד — ציגײַנערישע, ייִדישע, ווײַסרוסישע, פּוילישע, זײַנען אופגע־טרייסלט פונעם יאַריד־שטורעם. עס דוכט זיך, אַז דאָ, ווו מע האַנדלט מיט אַלץ, וועט מען באַלד זיך נעמען בײַטן, קויפן און פאַרקויפן בערד.

בעטלער מיקאָל האַמינים שטעלן אַרויס זייער דאַלעס און זייערע צאָרעס, ווי די קרעמער און הענדלער שטעלן אַרויס זייערע סכוירעס:

— א ווײַב מיט קינדער גייען אויס פון הונגער!

— איר זעט דאָך, אַז איך זע ניט, אַז איך בין בלינד אויף ביידע אויגן, האָט ראַכמאָנעס!

— אַז מע זעט ניט, איז גרינגער צו לעבן אויף דער וועלט, אַז מע קאָן ניט שטיין און ניט גיין און מע מוז קריכן אויף אַלע פיר — אָט דאָס איז אַן אומגליק! איז האָט זשע ראַכמאָנעס!

— איך האָב ניט קיין מאַמען, איך האָב ניט קיין טאַטן, איך בין א קײַלעכדיקער יאָסעם! איז עפנט פאַנאַנדער אײַערע הערצער און אײַערע טײַסטערס...

— איך פאַרמאָג ניט קיין גראָשן נאָדן, די יאָרן גייען, און איך וועל אַזוי פאַרזיצן ביזן גראָוון צאָפּ. ייִדן בניי ראַכמאָנים, דערלאָזט ניט צו דעם, שענקט א נעדאָווע!

זינגענדיקע און שפּילנדיקע בעטלער זינגען און שפּילן פון וואָס איר ווילט נאָר, און מיי־נען מיינען זיי דאָס זעלבע, ווי די ריידנדיקע בעטלער, — זיי טראָגן אונטער ברייט פאַנאַנ־דערגעעפנטע היטלען, הילצערנע שיסעלעך. די אַרײַנפאַלנדיקע מאַטבייעס זײַנען אַזוי ווייניק, אַז עס וועט קוים סטײַען אויף איין מאָל אָפּעסן.

אויף א יאַריד איז ראַכמאָנעס גאָר קיין סכוירע ניט, עס האָט די זעלבע ווערט, ווי דער שטרוי, וואָס פאַלט אַרויס פון די וועגענער דראַבינעס און ווערט צעטראָטן מיט די פיס.

צווישן די פאַרשיידענע קלאַנגען פון די קאַטערינשטשיקעס, פידלער, פײַפלער, באַנדור־ריסטן און פײַקלדיקע פײַקלעך האָבן זיך דורכגעריסן פאַרשיידענע שטילע, ווי האַלב־דער־שטיקטע, פאַרשריגענע קלאַנגען, ענלעך צו נײַע קרעמערלעך, וועלכע שטעלן זיך אויס מיט זייערע סכוירעס צווישן אַלטע קרעמער. מע פאַרהוקעט און מע פאַרטיוקעט זיי פון אַלע זײַטן:

— מיר זײַנען שוין אַזוי אויך צופיל, א סאַך מער, ווי מע דאַרף, איז בא דיר נײַע אָנשי־קענישן, נײַע פריטשעפּעס.

עדוואַרד פּשילנעצקי, מיכקע און כאַנקע זײַנען אויסגעוואַקסן בא דעם פאַרשריגענעם, ווײַט ניט אָנגעלייגטן שפּילער, וועלכער האָט מיט צוויי הילצערנע שטעקלדיקע העמערלעך פלינק געקלאַפּט איבער אַן אינסטרומענט פון צוויירייענדיקע שטעקעלעך, אויסגעלייגט אויף א שטרויענער אונטערבעט. דער שפּילער האָט אויסגעקלאַפּט און אויסגעשפּילט קאַרפּאַטישע מעלאָדיעס.

פּשילנעצקי און מיכקע האָבן געוווּסט וועגן אָט דעם פּרימיטיוון אינסטרומענט, וועלכער האָט צו יענער צײַט געהייסן „די שטרויענע האַרמאָניק". דער אינסטרומענט האָט אין פופצנטן יאָרהונדערט איבערגעוואַנדערט פון אַזיע אין די קאַרפּאַטן, פון די קאַרפּאַטן קיין אייראָפּע. אייראָפּע איז געבליבן ביז גאָר גלײַכגילטיק צו אָט דעם אינסטרומענט — אַרויסבאַקומען פון אים נאָך ניט געהערטע טעמברען, אַרויסצי:ען פון אים נײַע, פרישע קלאַנגען איז אַן אומזיס־טע טירכע.

קיין שקלאָוו האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט איינער א וואַנדערנדיקער מוזיקאַנט מיט אָט דעם פּרימיטיוון אינסטרומענט. קלאָר, אַז ער האָט גלײַך געטראָפן צו אַזרי:עלן אין שטוב און איז געווען זײַן אָנגעלייגטסטער אוירעך.

ווען מיכקע האָט גענומען די צוויי שטעקלדיקע העמערלעך אין די הענט און געפּרוּווט אויף טשיקאַוועס א שפּיל טאָן אויף דעם אינסטרומענט איינעם א ניגון פון זײַנע ניגונים, האָט דער אינסטרומענט א רעד געטאָן גאָר מיט אַן אַנדער לאָשן, א רעד געטאָן, ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך אַרויס פון פרעמדע הענט און פאַלט אַרײַן אין די אָרעמס פון זײַן סאַמע נאָענטסטן און ליבסטן פרײַנט.

— ס'איז גאָרניט אַזאַ פּרימיטיווער אינסטרומענט, אומזיסט האָט מען אים אַזאַ שלעכטן שעם געמאַכט, — זײַנען וועלוועלע און אַלע קלעזמער געקומען צו איין און דעם זעלבן אויספיר.

דער הויכער, יונגער שלאַנקער שפּילער פון די קאַרפּאַטן איז בא זיך שטאַרק אַראָפּגע־פאַלן און האָט ווי פאַרלאָרן פון זײַן הייך און פון זײַן שלאַנקײַט.

— הייסט עס, אַז ניט דער אינסטרומענט איז שולדיק, נאָר איך... פון הײַנט אָן און ווײַטער איז אויס, מער שפּיל איך ניט, א האָלצהעקער וועל איך ווערן! ווײַזט אויס, אַז מיט דער האַק וועל איך זיך גיכער צונויפרעדן.

דער שלאַנקער, שײנער קאַרפּאַטן־אוירעך, װעלװעלע, די קלעזמער האָבן שטאַרק געלויבט מיכקעס פינגער פאַרן װוּנדער, װאָס זײ האָבן אַרויסגעװיזן. און אָט דאָ אױפן יאַריד — אַ צװײ־טע באַגעגעניש מיט דעם האַלץ־שטרױענעם אינסטרומענט.

די אומרויִקע פינגער, װעלכע האָבן אָן טאַקטן קײן רגע ניט געקאָנט לעבן, װי אָן אָטעם, האָבן געגומען אײַנרעדן מיכקען, ער זאָל אַ בעט טאָן אױף אַ װײַלע באַם שפּילער די צװײ־שטעקלדיקע העמערלעך און אים דערלויבן אױסשפּילן אײן ניגן פון די קאַרפּאַטן־ניגונים, װאָס ער, דער פרעמד־געקומענער, האָט דאָ ערשט נאָרװאָס אױפן יאַריד אױסגעשפּילט.

די צען אופרעגער, די צען אײַנרעדער און באַװירקער האָבן מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן אַרײַנגעשאָטן אין דעם הילצערנעם שיסעלע זילבערנע און קופּערנע מאַטבײעס. קײן אײן שי־סעלע פון די פאַרשײדענע שפּילער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרמעסטן מיט אים.

די שטעקלדיקע העמערלעך זײַנען װי צװײ צאַרטע הענט צוגעפאַלן צום אינסטרומענט, און די באַרגיקע מעלאָדיע האָט גענומען זיך הײבן פון די בערג אין די הימלען אַרײַן, זיך אַראָפּלאָזן אױף דער ערד, צוזאַמען מיטן װינט דורכגעפליִגן אַ װאַלד און אומעטום אױסגעפּור־נען און אױסגעטראָטן אַ װעג גלײַך צו יעדן אין האַרצן אַרײַן.

די שפּילער האָבן אופגעהערט שפּילן, די בעטלער האָבן אופגעהערט בעטלען, די ציגײַ־נער האָבן אופגעהערט פאָכען מיט די בײַטשן. אױס קױפן און אױס פאַרקױפן, אױס האַנדלען און פאַרהאַנדלען, אױס יאַריד, אױס יאַרידניקעס.

די פלוצעמדיקע שטילקײַט האָט איבערגעשראָקן דעם צװײטן צאַד — די באַלעכאַיִם: קײן אײן פערד האָט ניט געװאַגט אַ הירזשע טאָן, קײן אײן קו אַ מעקע טאָן, קײן אײן האָן אַ קרײ טאָן.

אַלע װאָכיקע זײַנען אין סאַמע װאָכעדיקסטן טאָג פון דער העלער הױט יאָמטעװדיק גע־װאָרן, אַלע ערדישע האָט זיך געדוכט, אַז זײ האָבן פליגלען באַקומען, זאָל נאָר דער שפּילער באַפוילן — פליט, װאָלטן אַלע גענומען פליִען.

װען דער װוּנדער איז צו זײַן סאָף געקומען, האָט דער פרעמד־אָנגעקומענער שפּילער זיך געקניט פאַר מיכקען און מיט טרערן אין די אױגן גענומען בעטן, ער זאָל פאַרקישעפן אים מיט זײַן אינסטרומענט, קעדײ ער זאָל אױף די קומענדיקע יאַרידן קאָנען אַזױ קישעפן און פאַרקישעפן, װי ער.

מיכקעס שפּילן אױפן אָרעמען און פאַרשטױסענעם אינסטרומענט איז געװען די העכסטע מעציִע פאַר אַלע יאַרידניקעס. יעדער פון זײ האָט זיך מיט איר געגרײסט, זיך איבערגענומען מיט איר פאַר אַלע זײַנע הײמישע און נאָענטע, גלײַך װי נאָר ער אײנער האָט אײַנגעהאַנדלט אָט די מעציִע.

אַ יאָר אַראָפּ, אַ יאָר אַרױף, אַ יאַריד איז אַװעק און אַ יאַריד איז געקומען, און מ׳האָט אַלץ ניט אופגעהערט צו דערמאָנען און באַװוּנדערן יענעם יאַריד, אױף װעלכן עס איז פאָרגע־קומען מיכקעס נײַע אַנטפּלעקונג. מ׳האָט אַלץ ניט אופגעהערט מעקאַנע זײַן די גליקלעכע, װעלכע האָבן זוכע געװען בײַצוזײַן אױף יענעם שקלאָװער יאַריד.

פון יענעם טאָג אָן האָט מיכקע פאַרבונדן זײַן גוירל מיט דעם האָלץ־שטרױענעם אינסטרו־מענט.

פון יענעם טאָג אָן איז קלאָר געװאָרן, אַז מיכקעס אומרויִקע פינגער װעלן אױף אָט דעם אינסטרומענט אױסגעפינען זײער טיקן.

די סימכע איז אָבער געװען אַ פאַרשטערטע, דער אינסטרומענט האָט זיך אַרױסבאַװיזן פאַר צו אָרעם אױף אַרױסצוברענגען אַלע מיכקעס רײַכקײַטן. פּונקט דאַן, װען דער געדאַנק װערט פרײַער און די געפילן ברױזנדיקער, האָט זיך מיכקען געדוכט, אַז די געהאָרכזאַמע קלע־צעלעך װידערשפּעניקן און װערן מעגילגל אין גראַטעס, װעלכע פאַרהאַלטן און לאָזן זיך ניט רירן פון אָרט.

אַ שרעקלעכער פּגאַם! טיקן! טיקן! אַ פּגאַם דאַרף באַצײַטנס אױסגעפּאַריכט װערן, װײַל אױב ניט, קאָן ער פאַרפּגאַמעװען די גאַנצע קײלע און אַפילע דעם, װאָס באַנוצט זיך מיט איר.

טיקן! טיקן! טיקן מיט פּגאַם קאָנען ניט הויזן. דאָרט, װו טיקן, מוז דער פּגאַם אָפּטרעטן און פאַרשװינדן, װי גאָרניט געװען.

באַם טראַכטן און איבערטראַכטן, װי־אַזױ אױסצובעסערן דעם אינסטרומענט, איז מיכקען אופגעקומען אױפן זינען דאָס, װאָס ער האָט אַמאָל מיט װעלװעלען געלערנט, אַז די מײַלעס פון דער אָדער יענער קײלע, פון דעם אָדער יענעם אינסטרומענט, װי דער צונױפּפּאָר פון בלומען און געװיקסן, פאַרדעקן די כעסרױנעס. דער עסרעג האָט אַ גוטן טאַם מיט אַ גוטן רײעך, דער לולעװ — אַ זיסן טאַם אָן אַ רײעך, דער האָדעס — אָן אײדעלן רײעך אָן קײן שום טאַם. די שײנע װערבע פאַרמאָגט איר אײגנס גאָרניט — ניט קײן טאַם און ניט קײן רײעך, און װען

מע פאַרייניקט זיי צוזאמען, ווערט עס ווי איין גוף און ווי איין נעשאָמע, עס דוכט זיך, אז אלץ שמעקט, אז אלץ האָט א טאם.

וואָכנלאנג האָט מיכקע געלייגט און איבערגעלייגט די קלעצלעך, אויסגעבעבט און איבערגעבעבט דעם שטרוי, אָבער עס האָט זיך באקומען אלץ הארט. און אָט, אין איינער א שלאָפלאָזער נאכט, איז מיכקען אײַנגעפאלן דער געדאנק — פארגרעסערן די צאָל קלעצלעך ביז צוויי מיט א האלבער אָקטאווע, פאנאנדערלייגן זיי אין א באזונדערן סיידער, אז די קלאנגען זאָלן קומען צוהילף איינער דעם אנדערן, זיי זאָלן זיך לײַכט קאָנען צעשיידן און נאָך לײַכטער זיך צוזאמענקומען. קעדיי צו פארשטארקן די אינטענסיוויקײַט פון די קלאנגען, ארויסצובאקומען א מער הילכנדיקע, וויברירנדיקע קראפט, איז ער געקומען צום אויספיר, דארף מען באהעפטן די קלעצעלעך מיט רערלעך פון געפלאָכטענעם שטרוי.

דער נאָרוואָס איבערבאשאפענער אינסטרומענט, וועלכער האָט נאָך ניט באוויזן ארויס פון די מויעד־ און הארץ־אינגעווײדן, האָט פארפולט דעם צימער מיט יענע טעמברען און מיט יענע קלאנגען, וועגן וועלכע מיכקע האָט געטרוימט. דער אינסטרומענט איז געוואָרן לענגער, ברייטער, העכער, מער באריידעוודיקער, מער קלאנגעוודיקער, מער ניגונימדיקער.

מיכקע איז אופגעשפרונגען פון בעט, און זײַנע הענט האָבן זיכער זיך געלאָזט אראָפּ, ווי זיי זאָלן פעסט האלטן די צוויי הילצערנע העמערלעך. באם קלאפּן אין דער געדיכטער, שווײַגנדיקער נאכט־פינצטערניש האָבן זיך מיט יעדן קלאנג און אָפּקלאנג פאנאנדערגעשאָטן אזויפיל פונקען, אז עס האָט זיך גענומען דוכטן — דער זונען־אופגאנג האָט זיך מיט זײַן פלאם־פײַער ארײַנגעריסן דורך די פענצטער, באנאכט האָט גענומען טאָג, און פון מינוט צו מינוט איז געוואָרן אלץ ליכטיקער און ליכטיקער.

אף מאָרגן האָט אין דער אָנוועזנהײַט פון דעם טאטן אזריִעל, פון דער מאמע סאָרען, פון די ברידער מאָרדכעלע און שלוימקען, פון כאנקען, פון וועלוועלען און פון דער גאנצער קאַפּעלע שמוניע דער שניצער זיך געפלײַסט צונויפשטעלן דעם האָלץ־שטרויענעם אינסטרומענט לויט מיכקעס פלאן. יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט ארײַנטראָגן זײַן ביילעק אין דעם נײַ־איבערגעשאפענעם אינסטרומענט, יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט אונטערשטעלן א פלייצע, אייצענען אן אייצע. מ'האָט פאָרגעלייגט א געוויסן טייל מעטאל באהעפטן מיט די הילצערנע קלעצעלעך און מיט קלאפנדיקע הילצערנע שטעקעלעך.

אייניקע האָבן געהאלטן, אז אָנשטאָט די שטרויענע רערן וואָלט גלײַכער געווען גראָבע אָדערן־סטרונעס. אָבער מיכקע האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט הענט און מיט פיס — ניין און ניין! האָלץ און שטרוי, שטרוי און האָלץ! אָט די נײַע קיילע דארף זײַן הייליקער פון דעם מיסבייעך. דער מיסבייעך, ווי באוווסט, איז אויסגעבויט געוואָרן אָן א האק און אָן א האמער, אָן דעם מינדסטן שטיקל אײַזן, דאָס ווערעמל שאָמיר האָט אלץ געשפאלטן און געשניטן, אָבער די שארף פונעם כאלעף איז ניט אָפּגעשאפן געוואָרן, ער האָט געהאלטן אין איין קוילענען, אין איין פארמערן די צאָל קאָרבאָנעס, בלוט האָט זיך געגאָסן, ווי וואסער.

— מײַן קיילע וועט ארײַנעמען אין זיך און פארגיסן בלויז קלאנגען, בלויז געזאנגען, בלויז ניגונים. וואָס שײַעך די גראָבע אָדערן, וועלכע האָבן אין זייער צײַט מיט בלוט געפליסט און לעבן געטראָגן פאר די באלעכאַיִם, וועלן טרייף מאכן מײַן קיילע. שטרוי, קאָרענע שטרוי, ווייצענע שטרוי, געריפטע און געצײַטיקטע מיט פולע זאנגען — אָט זיי זײַנען ראָע פאר מײַנע קלאנגען, פאר מײַנע געזאנגען.

דער פרווו־אינסטרומענט, וואָס איז מײַסטעריש ארויס פון שמוניעס הענט, האָט אלץ אָפּגעגעבן דאָס גערעכט זײַן באשעפער — מיכקע איז גערעכט! זײַן פארטראכט איז גערעכט! אָט דער פארטראכט האָט מיט יאָרן שפעטער געדינט אלס יעסאָד פאר דעם מאָדערנעם, הײַנטצײַטיקן קסילאָפאָן.

נאָכן פרווו־אינסטרומענט איז אף שמוניעס גורל אויסגעפאלן שאפן דעם האָלץ־שטרויענעם אינסטרומענט, מיט וועלכן מע זאָל זיך קאָנען ווײַזן פאר דער וועלט.

פאר שמוניע דעם שניצער, וועלכער איז געווען א בעריע אף ביימער און האָלץ־לאָשן, האָט זיך די ערשטע פראגע געשטעלט: פון וועלכן האָלץ אויסמײַסטרעווען דעם אינסטרומענט. ער האָט דערוויזן, אז ביימער זײַנען מענאגנים, ביימער זינגען, ביימער רעדן און סוידען זיך. ווען א שטורעם צעשטורעמט זיך און גיט מיט זײַן סמיק א שפיל איבער די ביימער, שטורעמט יעדער בוים זײַן באזונדערן שטורעם. און גיט א פליוכע א רעגן, קוויקט זיך יעדער צווײַג מיט דער פײַכטקײַט און יעדעס בלעטעלע ציטערט אוף מיטן קינדערישן ציטער פון דערפילן א קילקײַט איבערן לײַב.

בליִען, רײַפן און וואקסן די ביימער — דוכט זיך, אז דער גרינער געזאנג וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּטאָן פון זיי, זיי זײַנען ענלעך צו דער יוגנט, וואָס טראכט ניט וועגן דעם עלטער.

ווערן די צווײַגן באַפאַלן פון שנייעלעך — איז יעדעס שנייעלע, ווי אַ בלום, ווי אַ רויז. אַלע צוזאַמען זינגען זיי דעם ווייכן און ווײַסן געזאַנג, דעם געזאַנג, וואָס קוויקט מיט פּײַכטקייט, באַטריפט מיט כּיעס אַף צו באַגעגענען דעם קומענדיקן פרילינג. בויט אַ פויגל אויס איר נעסט אַף אַ צווײַג פון אַ בוים — ווערט דער גאַנצער בוים פויגלדיק.

רײַסט זיך דורך צווישן די צווײַגן די אויפגייענדיקע אָדער פאַרגייענדיקע זון — ווערן די שטייענדיקע ביימער פאַרוואַנדלט אין אויפגייענדיקע און פאַרגייענדיקע שטראַלן. און באַנאַכט, ווען די לעוואָנע און די שטערן בלאָנדזשען איינזאַם אַרום, לאָזן זיך די ביימער באַזילבערן מיט אַלע זייערע זילבערנע מיינען און מיט אַלע זייערע זילבערנע ניט אויסגערעדטע רייד. ווי אין אַן איינצלנעם טראָפּן וואַסער איז דעם יאַם צו דערקענען, אַזוי איז דאָס מינדסטע שפּענדל צו דערקענען, צו וועלכן בוים עס געהער, אין וועלכן וואַלד עס איז געוואַקסן.

שמוניע לייקנט אָפּ און דערווײַזט, אַז ס׳איז ניט ריכטיק יעדן פאַרשטאָפּטן קאָפּ, יעדן איינעם, וואָס טויג צו גאָרניט, פאַרגלײַכן צו אַ שטיק האָלץ. אַ שטיק האָלץ האָט אַ סאַך וואָס צו דערציילן, וואָס צו זאָגן. פּײַפּלט אויס דער פּײַפּלער זײַן פּײַף אַפן הילצערנעם פּײַפּל, פידלט דער פידלער אַפן פידל — וועקט זיך גלײַך אויף אינעם מוזיקאַלן אינסטרומענט דער אײַנגע־דרעמלטער יִיכעס, זײַן שטאַם, דער בוים, פון וועלכן ער איז אָפּגעשפּאַלטן, אָפּגעריסן געוואָרן, און דער וואַלד, אין וועלכן זײַן פאָטער־בוים איז געווען אַ בוים צווישן ביימער.

צוויי גוירלאָלעס גיסן זיך דאַן צונויף צוזאַמען — דער גוירל פון דעם פּײַפּלער מיט זײַן פּײַפּל און דער גוירל פון דעם פידלער מיט זײַן פידל. צוויי גוירלאָלעס, צוויי באַגעגענישן, צוויי באַזונדערע לעבנס, צוויי באַזונדערע געשיכטעס, צוויי באַזונדערע ליידן און פריידן. מע פילט מיט איינער דעם צווייטן, מע רעדט זיך אויס דאָס האַרץ. די צוויי שפּילנדיקע לעבנס גייען זיך צונויף, באַהעפטן זיך און ווערן ווי איין לײַב־און־לעבן, ווי איין איינהײַטלעכע ניט צעשיידטע שפּיל.

די פרייד האָט זיך אומגעקערט אַף צוריק צו אַזריִעל דעם קלעזמער אין שטוב אַרײַן. זי האָט זיך אָנגעהויבן פון יענעם יאַריד־טאָג, וועלכער האָט באַוויזן, אַז דער הימל ליגט ניט אַף דער ערד, אַז מיכקעס צען פינגער וועלן באַווײַזן, אַף וואָס זיי זײַנען פייִיק.

די פרייד איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען שמוניע האָט אויסגעמײַסטרעוועט דעם פּרוּווּ־אינסטרומענט לויט מיכקעס פּלאַן. מע האָט פון פאַרשיידענע ביימער אויסגעפּרוּווּט דעם נייטיקן מאַטעריאַל, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם האָלץ־שטרויענעם אינסטרומענט, מיט וועלכן מיכקע וועט זיך דאַרפן ווײַזן פאַר דער וועלט, זיך אַנטפּלעקן מיט זײַן נײַעם אַרט שפּילן.

פרייד ברענגט מיט זיך יאָמטעוו. ווען כאַנקע וואָלט פאַרמאָגט הונדערט פּאָר שאַבעסדיקע און יאָמטעוודיקע קליידער, וואָלטן זיי פאַר איר ניט איבעריק געווען, זי וואָלט זיי אַלע שאָ געביטן און זיך געהאַלטן אין איין איבערטאָן. און געהאַט האָט כאַנקע בלויז צוויי ציצענע קליידלעך, אַ שאַבעסדיקס און אַ יאָמטעוודיקס, האָט זי דעם שאַבעס ניט אויפגעהערט צו בײַטן אַף יאָמטעוו און דעם יאָמטעוו אַף שאַבעס. קעדיי דער שאַבעס און יאָמטעוו זאָלן ניט וואָ־כעדיק ווערן, האָט זי יעדן טאָג פון יענע גליקלעכע טעג נײַע סטענגעס אַרײַנגעפלאָכטן אין אירע שוואַרץ געדיכטע, לאַנגע, אַראָפּהענגענדיקע צוויי צעפּ.

אַלע האָבן נאָכגעטאָן כאַנקען, אַלע פלעגן קומען יאָמטעוודיק אויסגעפּוצטע. שמוניע פלעגט יעדן אָפּדערנאַכט ברענגען ברעטלעך, קלעצלעך, גאַנצע שײַטן האָלץ, אַז אַלע זאָלן אים מיטהעלפן אויסקלײַבן דאָס אַנטשפּרעכיקע.

שמוניע גיט אַ הובל אָפּ און שניצט אויס אַ קלעצל. די ערשטע, געווינלעך, באַטאַפּט דאָס קלעצל די מאַמע סאָרע, דער צווייטער קאָוועד ווערט צוגעטיילט כאַנקען. און וואָס איז שײַעך די מאַנצבלען, איז ניט געווען קיין ערשטער און צווייטער — צו וועמען עס פאַלט פריִער אַרײַן אין די הענט, דער באַטאַפּט, דער פירט עס צונויף מיט אַ צווייט קלעצל, מיטן טיש, מיט אַ בענקל. איינער האַלט, אַז דאָס קלעצל איז האַרטלעך, אַ צווייטער דערווײַזט, אַז, פאַרקערט, עס איז צו ווייכלעך און פּרוּווט עס אײַנבײַסן מיט די ציין.

וועלוועלע זוכט מעסיקעס, און ער פאַרקרימט זיך — אפילו קיין טראָפּן ניטאָ.

מיכקע לייגט פאַר היפּש נאָך אַ שניץ טאָן דאָס קלעצל און אַראָפּנעמען דעם ערשטן שיכט.

אָט אַזוי, קלײַבנדיק און זוכנדיק, האָט מען איינמאָל זיך אָפּגעשטעלט אַפן פּיכטע־האָלץ, וואָס איז מעסיקעסדיק, שמעקנדיק און ווייך. אַ צווייט מאָל איז די מערהײַט געווען פאַרן קליאָנען־האָלץ, מ׳האָט שטאַרק געלויבט זײַן יִיכעס, דעם שטאָלץ פון זײַנע ביימער־אָוועס, זײַן פעסטקײַט און זיכערקײַט. און זויכע געווען האָט גאָר דאָס פאַליסאַנדער־האָלץ, וואָס שטאַמט פון דער פרעמד, פון די ווײַטע טראָפּישע לענדער. אַזאַ היסלײַוועסדיק, פילפאַרביק, זינגענדיק האָלץ וועט קיינמאָל ניט דורכלאָזן קיין קאַלטן, פאַרגליווערטן קלאַנג.

אין שקלאָוו האָבן קליין און גרויס געוווּסט, אַז דאָס מעבל פֿון דעם געוועזענעם שטאָטבאַלעבאָס, פֿון דעם גענעראַל זאָריטש, פֿונעם גוויר אַדיר, פֿון דעם ייִדישן פּאָרעץ יעשוע צייטלין, פֿון דעם רײַכן סויכער און ייִדישן שטאַדלען נאָטע נאָטקין איז באַשטאַנען בלויז פֿון פּאַליסאַנדער־האָלץ. דאַרף מען אים אויסלייזן, אָט דעם פּאַליסאַנדער, פֿון דעם מעבל־גאָלעס, פֿון דער מעבל־טפּיסע, — האָט אײַנגעטײַנעט שמוניע, און אַלע זײַנען מיט אים מאַסקים געווען. מע דאַרף אים געבן אַ טיקן, אַז זײַנע קלאַנגען זאָלן האָבן מער מאַזל, ווי די פֿאַרבן. די פֿאַרבן האָבן געזעטיקט און זעטיקן בלויז די איבערגעזעטיקטע, און די קלאַנגען וועלן זיך פֿאַנאַנדערגיין ווו די וועלט האָט אַן עק, ווו נאָר אַ פֿאַרשמאַכט האַרץ, ווו נאָר אַ בענקענדיק אויער, וואָס גייט אויס נאָך אַ ניגן.

דער נײַער האָלץ־שטרויענער אינסטרומענט איז גרייט געווען ווערן דער יוירעש פֿון דער פֿלייט, אײַנעמען און איבערשפּילן אַף זײַן אויפֿן אַלץ, וואָס זי האָט געשפּילט און אויסגעשפּילט.

אַ נײַע קיילע קאָן זיך אָבער ניט באַנוגענען מיט די אַלטע ווײַנען, זי לעכצט נאָך אַלדאָס נײַע, נאָך אַלדאָס יונגע און פֿרישע, מיט וואָס די וועלט ווערט באַרײַכערט פֿון טאָג צו טאָג. מיכקע האָט צורו ניט געלאָזט זײַנע פֿינגער, ער האָט זיי געיאָגט איבער די קלאַווישן פֿון עדוואַרד פּשילנעצקיס פּוס־האַרמאָניע, געיאָגט אָן ראַכמאָנעס. וואָס מער און וואָס שווערער אַף די קלאַווישן, אַלץ לײַכטער און אומדערמידלעכער וועלן די הילצערנע העמערלעך זיך טראָגן איבער די הילצערנע קלעצלעך פֿון פֿאַרשיידענער גרעב.

מיכקע האָט איבערגעשפּילט זײַנע אייגענע קאָמפּאָזיציעס, ווי זיי זײַנען געשפּילט געוואָרן אַף דער פֿלייט און ווי זיי דאַרפֿן איצט געשפּילט ווערן אַפֿן נײַעם אינסטרומענט. ער האָט ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט אַלע נעסטן פֿונעם מויעך און האַרץ פֿאַר זײַנע פֿאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן און געשוועבט פֿאַר די אויגן, ווי די נאָרוואָס באַפֿרײַטע פֿייגלען, אַף אַ נײַעם אָריגינעלן אויפֿן אינטערפּרעטירט די ייִדישע, רוסישע, ווײַסרוסישע, אוקראַיִנישע און פּוילישע מעלאָדיעס און פֿרײַ געמאַכט דעם וועג פֿאַר די אוווערטיורעס, פֿראַגמענטן פֿון אָפּערעס און פּאָפּולערע ווערק פֿון די איטאַליענישע קאָמפּאָזיטאָרן ראָסיני און פּאַגאַניני, פֿונעם פּוילישן קאָמפּאָזיטאָר קרופּינסקי, פֿון די דײַטשישע קאָמפּאָזיטאָרן וועבער, הומעל, מענדעלסאָן, האָפֿמײַסטער און אַנדערע.

אַזריִעל דעם קלעזמערס שטוב האָט ווידער אופֿגעלעבט, האָט ווידער אָנגעהויבן באַלאַגערט ווערן יעדן שאַבעסצונאַכטס פֿון דער קלעזמער־גאַס.

די מעלאָדיעס, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעקליבן פֿון דער פֿלייט אין דעם האָלץ־שטרויענעם אינסטרומענט, האָבן אַף אַלעמען געמאַכט אַ גוואַלדיקן אײַנדרוק.

— שוין געקומען די צײַט פֿון היסגאַלעס, פֿון ווערן אַ ניגעלע, אַן אַנטפּלעקטער זײַן, גענוג צו זײַן אַ ניסטער, באַווײַז דער וועלט, וואָס אַ קלעזמער קען! — האָבן די קלעזמער פֿון דער קאַפּעלע געהאַלטן אין איין בעטן זיך בײַ מיכקען. און מיכקע קומט אָפּ מיט אַ שפּאַס:

— שוין פֿון לאַנג געקומען די צײַט, אַז מאָשיִעך זאָל קומען, און ער קומט ניט, ער זיצט נאָך אַלץ געשמידט אין קייטן אַף איבערנעמען אַלע ווונדן, אַף אײַנזאַפּן אין זיך די יעסורים פֿון דער וועלט, און כאָטש ער פֿאַרזאַמט זיך, דאָך וואַרט מען אַף אים. מע ווייסט, אַז וואָס מער מע וועט וואַרטן, אַלץ בעסער וועט מען זיך אויסוואַרטן.

— אוואַדע אַזוי, — גיט אָפּ עדוואַרד פּשילנעצקי מיכקען דעם גערעכט, — פֿון פּריציײַטיקער אַנטפּלעקונג, פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. גאָט אַליין, זאָגט מען, האַלט אין איין כאַראָטע האָבן, וואָס ער האָט גלײַך אין די ערשטע טעג פֿון באַשאַפֿן די וועלט זיך אַליין געלויבט און גערימט, אַז ס׳איז גוט. וואָס מער ער קוקט זיך אַרום, וואָס מער ער באַטראַכט די וועלט, אַלץ מער כעסרוינעס געפֿינט ער אויס אין איר, איז גרייט זי כאָרעוו מאַכן און אַף אירע כורוועס אויסבויען אַ נײַע וועלט. אַזוי פּאַסירט מיט יעדן עכטן קינסטלער. גלײַך ווי ער פֿאַרענדיקט זײַן אַרבעט, גלײַך ווי ער שטעלט דעם לעצטן פּונקט, באַלוינט ער זיך פֿאַר דער שווערער מי, פֿאַר די שלאָפֿלאָזע נעכט און אומרויִקע טעג, און זאָגט זיך אַליין: „ס׳איז גוט”. ס׳איז אָבער גענוג איבערנעכטיקן מיטן „גוט”, אַז אַף מאָרגן זאָל ווערן פֿון אים ניט גוט און ער זאָל נעמען איבערשאַפֿן איבעראַנײַס.

— ריכטיק! ריכטיק! — זײַנען מאַסקים מיט עדוואַרד פּשילנעצקין אַזריִעל, וועלוועלע און שמוניע. סאָרע און כאַנקע קוקן זיך איבער, זייערע זיך איבערקוקנדיקע בליקן דאַנקען און דאַנקען אַלע די, וואָס האַלטן אָפּ די צעשיידונג מיט מיכקען.

און אָט טרעפֿט, אַז אַף אַ פּריצישער כאַסענע דאַרף וועלוועלע קראַנק ווערן, און מיכקע

אין מאסקים צו שפּילן אַף דער כאַסענע אַף זײַן האַלץ־שטרויענעם אינסטרומענט אין דער באַגלייטונג פון אזריזל און מאַרדכעלעס פידלען און שלוימעלעס וויאָלאָנטשעל.

די כאַסענע־געסט זײַנען שיר פון זינען ניט אַראָפּ, פײַל פון בויגן איז פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן איבער דער סוויווע די אנציקונג און איבעראַשונג, און עס האָבן זיך פון אַלע זײַטן אַ שאָט געטאָן אײַנלאַדונגען:

— מיר וועלן אײַך אָפּגילטן, קומט וואָס גיכער צו אונדז, מיר וואַרטן אַף אײַך! לאָזט זיך ניט בעטן, פאַרזאַמט זיך ניט!

דער דאָקטער קירילאָוו האָט אין יעדן בריוו דערמאָנט מיכאַיל־יאָסיף אזריִעלעוויטשן היטן דאָס געזונט — דאָס איז דער אינסטרומענט פון אַלע אינסטרומענטן, אַלץ קאָן מען פאַר־בײַטן, נאָר ניט קיין האַרץ און ניט קיין לונגען. זאָל ער זײַן פאָרזיכטיק! זאָל ער ניט פאַרגעסן, אַז זײַן לײַב־און־לעבן־שפּיל האָט אויך אַ שײַכעס צו די לונגען, און ער אייצעט אים, ווי אַ דאָקטער און ווי אַ פרײַנט, אַ וואָך שפּילן און אַ כוידעש אָפּרוען, אָטעמען מיט פרישער לופט.

און אַזוי האָט מיכקע געטאָן. עס איז דורך אַ היפּשע צײַט, ביז מיכקע איז מאסקים געווען אַרויסטרעטן אַף אַ ריי קאָנצערטן אין שקלאָוו.

די קאָנצערטן זײַנען געווען דער אָנהייב פון גוזיקאָווס וועלט־טריִומף. ווער עס איז גע־ווען אַפן ערשטן קאָנצערט, איז געקומען אַף אַ צווייטן און דריטן. אַ סאַך מוזיק־ליבהאָבער פון דער סוויווע האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, ביז גוזיקאָוו וועט קומען צו זיי, און זיי זײַנען געקומען צו אים אין שקלאָוו. ניט איין אַפּדערנאַכט איז דער זאַל פול געפּאַקט געווען פון די אָנגעפאַרענע געסט.

נאָך אַן איבערײַס פון עטלעכע כאַדאָשים האָט מיכקע אָנגענומען די אײַנלאַדונג אָנטייל־נעמען אין די קאָנצערטן פון די קיִעווער קאָנטראַקטן.

אין קיִעוו האָט מיכקע געגעבן דאָס וואָרט דעם גראַף וואָראָנצאָוו, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אויסרוען, וועט ער קומען קיין אָדעס.

די דאָרעמדיקע זון, דער שוואַרצער יאַם, די גאַסטפֿרײַנטלעכקײַט, מיט וועלכער מ׳האָט אים אין אָדעס באַגעגנט, האָט אים פאַרהאַלטן אין אָדעס קימאַט אַ יאָר צײַט.

און אָט אַזוי האָט ער, מיט גרויסע איבעררײַסן, געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד אין מעשעך פון אַכט יאָר.

דעם גליקלעכסטן, זאָגט מען, ווערט געגעבן אַ שאָ אַף צו האַלטן די וועלט אין די הענט, און אים, דעם גליקלעכסטן פון אַלע גליקלעכסטע, איז געגעבן געוואָרן גאַנצע אַכט יאָר אַלס באַלוינונג פאַרן גאָר קורצן לעבן, וואָס אים איז אויסגעטיילט געוואָרן אַף דער ערד.

וואַרשע גייט כאַדאָראַם, ווי קיִעוו, ווי אָדעס — אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן.

עס אַפּלאָדירן בוקאָווינע, גאַליציע, לעמבערג, קראָקע, פּראָג, זײַן רום, ווי גרויס ער זאָל ניט זײַן, שרײַבן פאַרשיידענע צײַטונגען, איז ווערט מער און מער.

עסטרײַך און דײַטשלאַנד, די איבערגעזעטיקטע מיט מוזיק און מיט די רײַכסטע מוזיקער, נעמען אויף גוזיקאָוון ווי אַן אויסערגעוויינלעכע דערשײַנונג.

דער פּאָטער אזריִעל און די ברידער מאָרדכעלע און שלוימעלע, וועלכע האָבן באַגלייט מיכקעס שפּילן אַף די פידלען און ווי׳אָלאָנטשעל אין שקלאָוו, זײַנען ניט מיטגעפאָרן איבער די שטעט פון רוסלאַנד און אייראָפּע, אָן זיי וואָלט די קאַפּעלע זיך פאַנאַנדערגעפאַלן.

אין יעדן לאַנד און אין יעדער שטאָט האָט זיך געביטן דער דרײַלינג באַגלייטער, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פון די בעסטע מוזיקאַנטן, און אומעטום האָט מען באַוווּנדערט, וואָס דער אָרעמער האָלץ־שטרויענער אינסטרומענט שלינגט אײַן אין זיך די קלאַנגען פון די פידלען, ווי די זיבן מאָגערע קי אין פאַרעס כאַלעם האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן פעטע קי.

אין פּאַריז איז גוזיקאָוו די גרעסטע סענסאַציע פונעם סעזאָן, מע פאַרגלײַכט אים מיט פּאַגאַניני, מיט דער באַרימטער שפּאַנישער אָפּערע־זינגערן מאַריִא פעליסיטאַ, מע רופט אים אַן „דער הימלדיקער״, דער „מאַלעך פון מוזיק״. „אַז מ׳הערט אים שפּילן, דוכט זיך, אַז דאָס בלאָזן אין די שטרויעלעך מאַלאָכים און אַן אומזעבאַרע האַנט קלאַפּט איבער די סטרונעס פון אַ האַרפע״.

אין אַ בריוו צו דער פראַנצויזישער שרײַבערן זשאָרזש סאַנד האָט דער אונגאַרישער קאָמ־פּאָזיטאָר פראַנץ ליסט געשריבן, אַז גוזיקאָווס שפּילן איז „אַ בעזעמעס שטויענדיק שפּילן״.

נאָך מער איז געווען איבעראַשט פעליקס מענדעלסאָן, וועלכער האָט אין פּאַריז געהערט שפּילן גוזיקאָוון צום צווייטן מאָל. ער האָט ניט געקאָנט דערמאָנען גוזיקאָווס נאָמען אָן דער באַגלייטונג פון „פענאָמען״ און „גאָען״. „וואָס איז שײַך טעכניק און מוזיקאַלישן אויסדרוק, טרעט ער ניט אָפּ קיין שום גרויסן מוזיקער אין דער וועלט״.

קאַרל ליפּינסקי, דער באַרימטער פידלער, וועלכן מע האָט גערופן „דער פּוילישער פּאַגאַ־ניני״, „פּאַגאַניניס קאָנקורענט״, האָט שטאָלצירט, וואָס ער האָט דער ערשטער אַנטדעקט גו־זיקאָוון נאָך אין קיִעוו אַף די קאָנטראַקטן. ווען מיכאַיִל־יוסעף האָט אין האָטעל געשפּילט פאַר אים אַף זײַן האָלץ־שטרויענעם אינסטרומענט, האָט ער אים ארומגעכאַפּט, געדריקט צו זיך און עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט:

— איר זײַנט אַ גרעסערער קינסטלער, איידער איך, — איך האָב בלויז מאָדערניזירט דעם אויפן אינטערפּרעטאַציע מיט אַנדערע מיטלען, און איר האָט געשאַפן אַ סטיל אַן און פאַר זיך.

„גוזיקאָוו — האָט מען געשריבן, — איז אַ מאַלעך, פונקט ווי פּאַגאַניני איז אַ טײַוול״.

ווען פּאַגאַניני פלעגט דורכגיין די גאַסן פון די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע, האָבן זיך געפונען געוואָגטע, וועלכע פלעגן אים באַרירן און אָנטאַפּן זײַן לײַב — איז ער אַ מענטש צי טאַקע אַ טײַוול?

דאָס זעלבע האָט מען געטאָן מיט גוזיקאָוון — איז ער אַ מענטש צי טאַקע אַ מאַלעך? שפּילן, ווי עס שפּילט פּאַגאַניני, קאָן קיין מענטש ניט שפּילן, דאָס איז די שפּיל פון דעם טײַוול. שפּילן, ווי גוזיקאָוו, איז אויך ניט אין די מענטשלעכע מעגלעכקײַטן, פאַר די מענטש־לעכע קויכעס. אַזוי שפּילן קאָן בלויז אַ מאַלעך.

מיט דער זעלבער פלינקײַט, ווי די האַמערדיקע שטעקעלעך זײַנען געפלויגן אין די הענט פונעם ווירטואָז באַם שפּילן אַפן האָלץ־שטרויענעם אינסטרומענט, אַזוי וויכערדיק האָט זיך געטראָגן דער טריִומף, אַזוי וויכערדיק האָבן זיך געוועבט און געוואַקסן פון טאָג צו טאָג די לעגענדעס וועגן אים, וועגן דעם צויבערער און קישעפמאַכער מיכאַיִל־יוסעף גוזיקאָוו.

פונעם ציקל „מײַן הינטערמאָסקווע"

אין גאָרקי־לעניניש

בישכיינעס מיר לעבן —
ס'ליגט אָט דער יִשעוו דערנעבן,
פון יענער זײַט וואלד
באלד,
מע דארף נאָר דעם טײַך פאכרא אריבער,
און אדראבע — די דאָרפישע שטיבער.

הערצער פליגלען פארמאָגן,
וועלכע זיי טראָגן.
איך קוק דערשטוינט:
דאָ האָט לענין געוווינט!
הינטער די זײַלן פון אָט דעם מויער
האָט די סאקאָנע נאָך אים געלויערט.

ווי ווײַטע זיכרוינעס,
מיך רינגלען ארום ראַיוינעס.

מע דארף דען א סאך?
די אויגן כ'פארמאך
און זע:
דורך צעעפנטע טירן
לענין לאָזט זיך שפאצירן —
די אנגסטן שטילן,
אָדער די מידע געפילן.
ער וואכט,
ער טראכט.
דענקען עס איז בעקויעך
זײַן מעכטיקער מויעך.

איך קוק אף אים פונדערווײַטן —
נאָך לאנג וועט ער לעבן און שטרײַטן...

גליק

איך ווייס אליין ניט, וואס הייסט גליק.
דײַן בליק?
צי עפשער גאָר —
אין פרײַען הארבסטיקן קאיאָר,
אריבערטרעטנדיק די שוועל,
דערזען, ווי ס'איז דער הימל העל?

דו ווילסט מיט מיר אין וואלד ארײַן
נאָך טערפקן ווײַן?

אהין די ווײַטע יוגנט רופט —
דו פילסט איר שיקערלעכן דופט?
געדענקסט איר שוים?
איר אופגעברויזטן הייסן טרוים?
איז קום.

כאָטש דאָרטן שוין ביכלאל
עס שיט א געלער בלעטערפאל...

אינעם בלויען גאנצפרי

פונקט ווי אמאָל,
אינעם בלויען גאנצפרי
זיי טאָפּטשען, פארויטלט, מיט ליזשעס דעם שניי,
אכציק — ער, און זיבעציק — זי...
כ'קוק פונדערווײַטנס מיט קינע אף זיי.

באַ ביידן די אויגן קאַריק צעשטראַלט,
זיי זײַנען אין האַסטיקן פלוג,
ניט אין גאַנג,
זיי אַרט ניט מיסטאַם, וואָס אין פעלד דאָ איז קאַלט,
וואָס דאָס פּראַקטיקע ווינטל ברומט זײַן געזאַנג.

מירן זיך לאָזן אין יוגנט צוריק —
געניסן, ווי זיי, פונעם שנײַיקן גליק?

שולדיק...

באַ דיר איך בין דער שולדיקער פאַר אַלץ —
לעמײַ אין ראַספּלייש איז ווייניק זאַלץ,
און אין די גריוון צופיל שמאַלץ,
לעמײַ די זון כ׳האָב אין די דלאָניעס ניט געבראַכט,
ביזוואַנען אין די וואָלקנס זי איז ניט פאַרגאַנגען.
כ׳בין שולדיק, וואָס עס איז דײַן פּאָנעם הײַנט פאַרשמאַכט,
וואָס כ׳קאָן אַ זשומענדיקע פליג אין שטוב ניט פאַנגען.

איך בין דער זינדיקסטער אַף גאָרער וועלט באַ דיר —
לעמײַ אומזיסט איך פּאַטער בערג פּאַפּיר,
לעמײַ אין פירהויז סקריפּעט קלאַגעוודיק די טיר,
לעמײַ עס קלאַפּט אַ גאַנצן טאָג דער רעגן אינעם דאַך,
און טרוקן ס׳קאָן די שײַן ניט אויסווישן די שויבן,
און ווײַל איך טו אַמאָל ניט צו דער צײַט אַ לאַך,
און אַפן פענצטער־שטידל כ׳האָדעווע די וואָרקענדיקע טויבן.

כ׳בין טאַקע שולדיק —
ווען עס האָט צו זיך אוועקגערופן מיך דער קריג,
כ׳האָב דיך געלאָזט אַליין...
אַפילע אינעם טאָג פון זיג
קיין קווייטן פונעם מעדסאַנבאַט איך האָב דיר ניט געשיקט —
דעם פאַרגעניגן, ליידער, האָט דער קריג מיר ניט געקאָנט פאַרגינען...
מעכילע כ׳בעט פאַר אַלץ.
דערפאַר אָבער דײַן האַרץ כ׳האָב הײַנט דערקוויקט:
אַרײַנגעבראַכט פון פעלד אַ גאַרב מיט בלומען
אין באַגינען.

פון שקיִע ביז שקיִע

אַ פערד אין מײַן ליד איז דעם פרײַנט מײַנעם הײַנט ניט געפעלן —
עפּעס האָט ער מיט אים ניט געקאָנט זיך קוויקן.
אײַיצעט ער, איך זאָל אינמיטן טאָג דעם העלן
מיט די אייגענע הענט דעם פערד דערשטיקן.

נאָר וויאַזוי דערלויבט מען זיך אַ לעבעדיקן פערד דערווארגן?
ס׳איז דאָך אַ באַשעפעניש, וואָס דו אַליין האָסט געבוירן!
האָב איך באַשטימט קיין צײַט ניט קאַרגן,
פאַרפירן אים טיף אין וואַלד און פון אים אַנטלויפן,
גלײַך ווי איך וואָלט אים פאַרלוירן.

בלאַנדזשעט ער איצט צווישן ביימער און גראָזן הויכע
פון שקיִעה ביז שקיִעה, פון באַגינען און ביז צו באַגינען
און שאַרפט אָף מיר די ציין —
ער איז מיר ניט מוחל,
אַ גליק, וואָס ער קאָן דעם שטעג צו מיר אַפּצוריק אין דער ליד
ניט געפינען.

ס׳קאָן זיין, אַז עס דוכט זיך מיר בלויז,
נאָר אָפט באַנאַכט אין מיין הינטערמאָסקווער טויער
פויסטן קלאַפּן און קנאַלן...
איך כראָפּע קלוימערשט, צי אַרוף די קאָלדרע איבער די אויגן,
פאַרהיל זיך פון דער נעקאָמע, וואָס לויערט.
כ׳האָב אָבער מוירע, אַז מיינע פאַרטריבענע פערזן
וועלן זיך אָנוואַלגערן
און די טירן צעפּראַלן...

אַ גרויסשטאָטישער, איך גיי אַרום אין וואַלד...

ניטאָ אָף גאָרער וועלט צום וואַלד קיין גלייכן,
דער רייכסטער איז ער פון די סאַמע רייכע,
ביימער אַלערליי אין אים עס רוישן,
מיט גראָזן קאָלערליי איז ער אַן אוישער,
צוגעפּוצט מיט רייצנדיקע קווייטן —
אַ פאַרגאַרטלטער אין צאַרטע קייטן.

כ׳גיי אַרום אין אים, נאָר ס׳איז פאַרשעמט מיין פּאָנעם —
כ׳בין דער גרעסטער עוויען צווישן די דאַלפּאָנים.
פייגלען וואָרקען —
אויערהענער אָדער טויבן?
ווייטעקדיק איך הער זיך איין,
דאָך כ׳בין דאָ, ווי אַ טויבער.
אומעטום איך קוק מיט ביידע אויגן,
נאָר דער בליק איז שטאָטיש, ווי צעפלויגן.
כ׳זע אַ דעמב? כ׳זע אַ בערעזע? כ׳זע אַ ליפּע?
אונטערשיידן זיי איך קען ניט. כ׳בייס די ליפּן...

שיין עס זיינען אָף די גראָזן
די פאַרשיידן אויסגעניייטע העמדער...

אַ גרויסשטאָטישער, איך גיי אַרום אין וואַלד —
אַ פרעמדער...

ע ל ע ג י ע

1

ווען כ׳בין אַרויסגעגאַנגען פון מעטראָ,
כ׳האָב ניט געוואַרט, עס זאָל אַזוי מיך פּלעפן —
אין דער נעשאָמע טרעפן
דער איבערקלאַנג פון טלאָ מיט טלאָ.

אַלץ אָף דער אויסגעפּלאַסטערטער געשפּאַנטער ערד
דעם אָטעם האָט דערשטוינט פאַרהאַלטן,
קעדייי אַ שאַל טאָן:
— אַ פערד! עס יאָגט אין שטאָט אַ שלאַנקער פערד!

פארכידעשט איז געשטאנען דער טראמוויי,
געדולדיק דער טראָלייבוס האָט געשוויגן,
ס'האָט א מאשינען־האָרדע אופגעהערט זיך אָף
רעסאָרעס וויגן,

באגלייטנדיק דעם טלאָען־ניגון,
וואָס האָט געצאָקעט אָף דער גאס דאָ פרײַ —

אין הארצן פון דער וועלט געטיאָכקעט
אפדאָסנײַ.

צי דען קיין אָרט א בעסערס פאר שפאציר
ניט אָפגעזוכט האָט אָט דער שטאָלצער רײַטער
פון מײַנע הינטערמאָסקווער ווײַטן?
א בענקשאפט אופגעוועקט ער האָט אין מיר...

2

עס טוט מיר באנק, ווײַל אין דײַן קינדהײַט ווײַטער,
פון פינצטערניש ביז סאמע אינדערפרי
ביסט קיינמאָל ניט געזעסן לעם א שײַטער,
דעם קאָפ ארופגעלייגט פארטרוילעך אָף די קני.

דו ווייסט ניט, ווי ס'איז גוט באנאכט אָף פאשע,
ווען ס'הירזשען יונגע לאָשעקעס אין גראָז,
די קאָפּיטעס אין פרישן טוי זיי וואשן
און רירן אָן צומאָל דיר מיט דער נאָז.

זיי ווילן עפשער דיך פארליבט צעקושן,
באם פײַער זיך דערוואַרעמען פון קעלט.
מיר האָבן ניט געטראכט, אז ס'איז א בושע
אזא פארלאנג אין אונדזער שטערן־וועלט.

נאָר ס'טוט מיר גאָרניט באנק, וואָס די סאָלדאטן,
אין איין־און־פערציקסטן, אָף דער צעפלאמטער ערד,
צום פראָנט געהאָלפן שלעפן די הארמאטן!
האָבן ניט דײַנע —
מײַנע פערד.

מיט יאָרן שפעטער ערשט,
א שטארק דערפרייטן,
אין אײַער בוי־אָטריאד — אין א סאָווירט,
פון וואָגן אויסגעשפאנט,
מיט לענדן ברייטע
אָף זיך אז אָגער האָט דיך לײַכט געפירט.

יאָרטויזנטער...
נאָך פון די ווילדע הונען
געטראָגן האָבן פערד אי פרייד אי שרעק...
ווו זײַנען איצטער זייערע טאבונען?
ניטאָ...
עס גייט דאָס פערד אוועק...

כ'האָב מוירע, אז אין נאָענטסטן יאָרהונדערט
דײַן אייניק, וועמענס צוקונפט קוים באגינט,
וועט קוקן אָף א פערד, ווי אָף א וווּנדער,
וואָס האָט אמאָל פאסירט
און וואָס אנטרינט...

איבערזעצונגען

יעווגעני לאָסעוו, איגאָר טשקאַלאָוו

דער רוסישער גוואַר

(פראַגמענטן פון אַ קינאָ־סצענאַרי וועגן וואַלערי טשקאַלאָוו)

1

לענינגראַד. ס׳איז פרי באַגינען. דער הימל — דורכזיכטיק בלוי. עס פליט אַן עראָפּלאַן. אין דער קאַבינע זיצט וואַלערי טשקאַלאָוו. ער נייגט אָן דעם עראָפּלאַן אַף לינקס און קוקט אַראָפּ אין דער נידער. קאָנטיק, ער זוכט דאָרט עפּעס. דערנאָך נייגט ער אָן דעם עראָפּלאַן אַף רעכטס און קוקט ווידער אָנגעשטרענגט אַראָפּ. אונטער די פליגל פונעם עראָפּלאַן שווימט פאַרביַי אַ שמאָל געסל, איבער וועלכן טשקאַלאָוו האָט נעכטן שפּאַצירט מיט אָלגען. די קופּאָלן און די צלאָמים פונעם קלויסטער אין געסל זיַינען פאַרגאָסן מיט גאָלד פון דער אויפגייענדיקער זון. עס לויפט אָן אַנטקעגן אַ פּילגאָרנדיק טונקל־גרוי הויז. טשקאַלאָוו האָט, דוכט זיך, דערזען אויך דאָס פענצטער, בא וועלכן ס׳איז נעכטן אינאָוונט געשטאַנען די יונגע שטאַלטנע אָלגע.

ער פּיקירט אין דער ריכטונג צום דאָזיקן הויז, גיט זיך נאָכדעם אַ ריס הויך צום הימל און מאַכט דאָרט אַ טויטן־שלייף... אַ צווייטן טויטן־שלייף, אַ דריטן...

אפן באַלקאָן באַוויַיזט זיך אָלגע. זי איז אין אַ נאַכט־העמד, ניט קיין פאַרקעמטע. די האָר כוואַליען זיך אַף אירע האַלב־אַנטבלויזטע מיידלשע אַקסלען. דערשראָקן און באַגיַיסטערט קוקט זי אפן עראָפּלאַן, וועלכער מאַכט דורך איבער זייער הויז איין טויטן־שלייף נאָכן אַנדערן. זי ציילט זיי: איינס... צוויי... דריַי... פינף... צען...

אָלגע שריַיט אריַין אין צימער:

— טאַטע, ווי שפּעט איז?

— דיר איז ציַיט שוין גיין אין אינסטיטוט, אָלענקע, — הערט זיך פון צימער דעם פּאַטערס שטים.

— טאַטע, גיב נאָר אַ קוק. איינער אַ פליִער האָט דורכגעמאַכט איבער אונדזער הויז נאָכאַנאַנד הונדערט פופציק טויטע שלייפן.

לעבן אָלגען באַוויַיזט זיך אפן באַלקאָן אַ באַיאָרטער מאַנצבל. בא אים איז אַ מילד פּאָנעם, געדיכטע גראָווע וואָנצעס. ער איז אָנגעטאָן אין אַן אויסגענייטער קאָסאָוואָראָטקע און ברייטע הויזן.

— ווער איז ער? — פרעגט ער בא דער טאָכטער, פאָכענדיק דערביַי מיט דער האַנט צו דער זוניקער הייך אין דער ריכטונג פונעם עראָפּלאַן.

— ס׳איז אפּאָנעם, דער, וועלכער האָט מיך נעכטן באַגלייט.

— ווי הייסט ער?

— וואַלערי טשקאַלאָוו.

דער פּאָטער פאָלגט נאָך נאָכן עראָפּלאַן, וועלכער זעצט פאָר מאַכן טויטן־שלייפן.

— אָט אַ שעד, — טוט ער אַ זאָג, — ער קאָן דאָך, כאָלילע...

דער עראָפּלאַן טראָגט זיך דורך מיט אַ רעווען איבער דעם דאַך פונעם הויז און פאַרשווינדט הינטער דעם הויכן גלעקער־טורעם פונעם קלויסטער.

איגאָר טשקאַלאָוו

יעווגעני לאַסעוו

2

דער פֿאַרניכטלער־אעראָפּלאַן דערנעענטערט זיך צו דער טראָיִצקער בריק. וואַלערי טשקאַלאָוו הייבט אָן קרײַזן איבער איר, וואָס אַמאָל אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

די פֿאַרבײַגייער שטעלן זיך אָפּ, קוקן פֿאַרגאַפֿט. דער אעראָפּלאַן פֿליט דורך אַזוי נידעריק לענגויס דער בריק, אַז די דערבײַשטייענדיקע זעען בוילעט דעם פֿליִער. זײַן געזיכט איז אָנגעשטרענגט. ער קוקט זיך אויפֿמערקזאַם צו צום דורכגאַנג אונטער דער בריק. אין אַ רגע אַרום קערעוועט ער אָפּ דעם אעראָפּלאַן פֿונעם טײַך און נעמט זיך דערווײַטערן.

פּלוצעם, געפֿינענדיק זיך אויף דער הייך פֿון 200 מעטער, גיט ער זיך אַ דריי אויס צוריק אויף 180 גראַדוס, לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער און פֿליט אין דער ריכטונג צום צענטראַלן דורכגאַנג אונטער דער בריק. עס דוכט זיך, אַז דער אעראָפּלאַן וועט זיך באַלד אַרײַנשנײַדן אין דער בריק און אומקומען. מיט אַ פֿאַרטײַעטן אָטעם קוקן דערשראָקן זיך צו די דערבײַשטייענדיקע. דער אעראָפּלאַן דערנעענטערט זיך... ער איז שוין גאָר נאָענט. עמעצער פֿון אוילעם שרײַט אויס אין שרעק:

— קערעווע אָפּ!!!...

דער אעראָפּלאַן פֿליט אונטער דעם צענטראַלן דורכגאַנג פֿון דער בריק. עס הערט זיך אַ מוירעדיקער קנאַל פֿונעם מאָטאָר... דער אוילעם שרײַט אַזש פֿון שרעק.

ווי ס'וואָלט גאָר ניט געשען, פֿליט דער אעראָפּלאַן אַרויס פֿון אונטער דער בריק, פֿאָכעט פֿרײַנטלעך מיט די פֿליגל צו די פֿאַרזאַמלטע, גיט רוק אַ שוועב צו דער הייך און פֿאַרשווינדט אינעם צאַרט־בלויען הימל.

3

אָלגע שפּאַנט אײַליק איבער די לענינגראַדער גאַסן. אין די הענט האַלט זי ניט קיין גרויסן קלומעקל און אַ טערמאָס. זי קומט צו צו דעם הויז, אויף וועלכן עס הענגט אַ שילד: „גאָרניזאָנע האָופּטוואַכטע". דער קליינער הויף איז אַרומגעצאַמט מיט שטאַכעטלעך און שטעכעדיק דראָט.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דרייט זיך אום פֿאַרטראַכט איבערן הויף טשקאַלאָוו. ער איז אין אַ גימנאַסטיאָרקע, אָן אַ רימען.

אָלגע קוקט אויף אים אָנגעשטרענגט.

טשקאַלאָוו בלײַבט שטיין. ער הייבט אויף דעם קאָפּ און זײַנע אויגן באַגעגענען זיך מיט אָלגעס. ניט אָפּוועדנדיק פֿון איר דעם בליק, לאָזט ער זיך איר אַנטקעגן. זיי שטייען איינער קעגן דעם אַנדערן. עס טיילט זיי בלויז פֿאַנאַנדער דאָס שטעכיקע דראָט.

נאָך אַ לאַנגן שטילשווײַגן ברענגט טשקאַלאָוו ענדלעך אַרויס:

— אַרײַנגעכאַפּט צען מעסלעס האָופּטוואַכטע פֿאַר דורכפֿליִען אונטער דער טראָיִצקער בריק.

אָלגע רופֿט זיך ניט אָפּ.

שווײַגנדיק גיט זי אים איבער דאָס קלומעקל און דעם טערמאָס. אײַנקוקנדיק זיך אין אָלגעס טרויעריק פֿאַרקלערטן געזיכט, דערפֿילט זיך טשקאַלאָוו אַזוי פֿאַרלוירן, אַז ער באַמערקט

ניט, ווי דער טערמאָס גליטשט זיך ארויס פון זײַנע הענט אפן אספאלט. פונעם צעבראָכענעם טערמאָס שטראָמט א ברוינע פליסיקײַט און גיסט זיך פאנאנדער איבערן אספאלט.

אַלגע קוקט פארשטיינערט אף וואלערין. אירע אויגן זײַנען פול מיט טרערן. זי ברענגט שטיל ארויס:

— אָט אזוי וועסטו צעברעכן מײַן לעבן...— זי דרייט זיך אויס און גייט אוועק מיט א שווערן גאַנג.

— אַליע! אַליע! — רופט וואלערי זיך שטיל אָן, ווי ער זאָל זיך וועגדן צו זיך, — ווּאזוי האָסטו געזאָגט? „צעברעכן מײַן לעבן". קומט אויס, אז דײַן לעבן געהערט מיר, אז דו ביסט מײַנע. יאָ, מײַנע? — ער כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט פארן שטעכיקן דראָט, טרייסלט אים פאנאנדער און שרײַט:

— אַליע, טײַערע מײַנע, צי דען איז עס עמעס? צי דען וועסטו זײַן מײַנע? ווען דו ווייסט ווי שטארק איך האָב דיך ליב...

פארשטאנען, אז אַלגע וועט ניט דערהערן זײַן געשריי, צעציט ער אזוי דאָס דראָט, אז עס פּלאַצט.

4

אָונט.

וואלערי טשקאלאָוו גייט איבער דער גאס. טונקל ברענען די עלעקטרישע לעמפּעלעך. טשקאלאָוו הייבט אוף דעם קאָפּ און דערזעט פאר זיך אן אופשריפט: טיעריאיעוו־גאס[1].

— אינטערעסאנט, — ברענגט ער ארויס מיט א שמייכל, — קענטיק, עמעצער האָט דאָ עפּעס פארלוירן, און איך — פונקט פארקערט, — האָב דאָ געראָדע געפונען. און אָט איז דאָס הויז, וווּ עס וווינט אַלגע.

טשקאלאָוו גייט ארײַן אין דער פאראדנער טיר, הייבט זיך אוף מיטן ליפט אפן זעקסטן שטאָק, קלינגט אָן.

אַלגע עפנט די טיר, שמייכלט צו אים פריידיק.

— א גוט־העלף, אַליע!

— א גוט־העלף, וואלערי. קום.

וואלערי שטרעקט איר אויס דעם בוקעט בלומען, וואס ער האָט ביז דעם אויסבאהאלטן הינטער דער פּלייצע.

[1] „טיעריאיעט" איז אף רוסיש „פארלירט".

צו דער רעדאקציע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"

עס פארשאפט מיר גרויס פארגעניגן, וואס די פארערער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" באקומען א מעגלעכקײַט זיך באקאנען מיט די פראגמענטן פונעם סצענארי, אין וועלכן די מעכאבערים האָבן געשטרעבט געטרוי און דאָקומענטירט דערציילן וועגן דעם גרויסן פליִער פון אונדזער צײַט וואלערי פּאוולאָוויטש טשקאלאָוו.

דעם 15 דעקאבער 1981 איז געוואָרן 43 יאָר, זינט עס איז אומגעקומען בײַם די אויספרוּוון פון א נײַעם עראפלאן מײַן פאָטער. פינף דורעס סאָוועטישע מענטשן זײַנען געבוירן געוואָרן נאָך זײַן טויט — מענטשן, וועלכע האָבן ניט געקענט טשקאלאָוון און געוווּסט וועגן אים עפּשער בלויז לויט ביכער, פילמען, דערציילונגען פון מיט־צײַטלער.

אפילו פאר מיר איז מײַן פאָטער שוין הײַנט א היסטאָרישע, לעגענדארע פּערזענלעכקײַט. איך בין אלט געווען עלף יאָר, ווען ער איז אוועק פון אונדז, אָבער אין דער קינדהײַט פארקריצט זיך אלץ אין זיכּרון טיף און אמערסטנס בוילעט. דאָס, וואס עס פלעגט מיר אײַנרוימען מײַן טאטע, האָב איך איצט באשטימט מיטיילן די ברייטע קרייזן קינאָ־צושויער און לייענער.

דער הויפּט־ציל פון די אוטאָרן פונעם סצענארי איז דערטראָגן צו די מענטשן פון דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע דאָס קאָמפּליצירטע און צומאָל ווידערשפּרעכלעכע געשטאלט פון וואלערי טשקאלאָוון, זײַן אומבאגרענעצטע געטרײַשאפט דעם היימלאנד, דער לענינישער פארטיי.

ער איז געבוירן דעם 2 פעברואר 1904 אין דאָרף וואסיליעווא סלאָבאָדא, הײַנט שטאָט טשקאלאָווסק, אפן הויכן אָפּהאנג פון דעם טײַך וואָלגע. אליין די ווונדערבארע מאַמעשעסדיק מעכטיקע נאטור, דער שטילער כאראקטער פון דעם טײַך, האָבן פארפלאנצט אין מײַן טאטן ברייטהארציקײַט, ליבע צום מענטשן.

וואלערי טשקאלאָוו איז געווען אן אינטערנאציאנאליסט. אָן מענטשלעכער צוגעלאָזנקײַט און פרײַנטשאפט איז אין זײַן לעבן ניט אדורך קיין

— אָ, בלומען!..— אַלגע לאַכט און פאַרגראַבט דאָס פּאַנעם אינעם דופטיקן בוקעט.— טאַטע, מע קאָן אַרײַנגיין? — פרעגט זי דעם פאָטער, שטייענדיק בא דער טיר פון צימער מיטן בוקעט אין דער האַנט.

— קום אַרײַן, — ענטפערט דער פאָטער.

— טאַטע, באַקען זיך. דאָס איז ער, דער פליִער וואַלערי טשקאַלאָוו.

דער פאָטער באַגריסט זיך פרײַנטלעך מיט טשקאַלאָוון, רופט זיך בעשאַסמײַסע גוטמוטיק אָן צו דער טאָכטער:

— דאָס איז יענער טשודאַק, וואָס האָט געמאַכט קונצן איבער אונדזער דאַך?

אַלגע פרוווט דערקלערן עפּעס דעם פאָטער, נאָר וואַלערי פאַרלויפט איר דעם וועג:

— יאָ, יאָ, דאָס בין איך.— און מיט דער גאַנצער אָנטשלאָסנקײַט: — עראַזם לאָגינאָוויטש! אָט וואָס... מיט איין וואָרט. כ׳וויל כאַסענע האָבן.

— ווער זשע לאָזט אײַך ניט?

וואַלערי האָט זיך אַ רעגע פאַרקלערט און ענטפערט מיט זײַן געדיכטער באַסאָווער שטים:

— איך בעט די האַנט פון אײַער טאָכטער.

— אַך, אַזוי גאָר...— דער פאָטער קוקט אַף וואַלערין, אַף דער טאָכטער. קוקט לאַנג זיך צו און שווײַגט.

— נו, און וואָס וועסטו זאָגן דערויף, טאָכטער? — פרעגט ער אין אַ רעכטער ווײַלע אַרום, צוזעצנדיק זיך אַפן שטול. אַלגע שמייכלט שעמעוודיק.

— האָסט מוירע, טאָמער וועסטו אים אָפּזאָגן, קאָן ער אַראָפּלינדערן זײַן עראָפּלאַן צו אונדז אַפן דאַך? — פרעגט ער מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל... — נו, רעכט. ווי זאָגט מען אין אַזאַ פאַל: ס׳זאָל זײַן מיט מאַזל. — גיט צו מיט אומעט. — ווען די קינדער וואַקסן אונטער, הייבסטו אָן מיטאַמאָל דערפילן די אייגענע עלטער. אַזוי איז דאָס לעבן שוין...

5

8 נאָיאַבער 1927 יאָר. דער צענטראַלער אַעראָדראָם אין מאָסקווע. דער יאָמטעוודיקער אוילעם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אַפן כאָדינער פעלד, וואַרט מיט אומגעדולד אַפן לופט־פּאַראַד, באַזונדערס אַפן פלוג פון די פאַרניכטלער.

לעבן די עראָפּלאַנען שטייען זייערע פליִער, מעכאַניקער, קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי.

איין אויגנבליק. שטענדיק איז ער געווען איבערפולט מיט אומשטילבאַרן דאָרשט און מיט דראַנג זיך דערוויסן, ווי ווײַט מעגלעך, וועגן אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. אַ באַזונדער פרײַנטשאַפט האָט אים פאַרבונדן מיט שרײַבער, קינסטלער, קונסט־מײַסטערס, געלערנטע. ווי בא זיך אין דער היים, האָט ער זיך געפילט אין דער אַרבעטער־סוויווע. אַ גרויסע פרײַנטשאַפט האָט באַהעפט וואַלערי טשקאַלאָוון מיט די אָנגעזעענע סאָוועטישע שרײַבער אַלעקסיי טאָלסטאָי, מיכאַיִל שאָלאָכאָוו, אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק, קאָרניי טשוקאָווסקי, מיט די גלענצנדיקע שוישפּילער איוואַן מאָסקווין, וואַסילי קאַטשאַלאָוו, שלוימע מיכאָעלס, איוואַן קאָזלאָווסקי, מיכאַיִל קלימאָוו און פיל אַנדערע. ווי אַ געגאַרטן גאַסט פלעגט מען אים אופנעמען אַף אַ באַליבּיקער פּרעמיערע. אין גרויסן טעאַטער, אין מאָסקווער קינסטלערישן אַקאַדעמישן טעאַטער פלעגט מען זיך אופמערקזאַם צוהערן צו זײַן מיינונג. זייער גוט האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן וואַלערי טשקאַלאָווס בונד מיט דער קונסט שלוימע מיכאָעלס: „די באַגעגענישן מיט וואַלערי טשקאַלאָוון פלעגן באַרײַכערן ניט בלויז אונדז אַלעמען, נאָר, ווי מיר האָבן עס טאָמיד געפילט, אויך אים, זיי פלעגן אים צוגעבן נײַע קויכעס”.

וואַלערי טשקאַלאָווס פרײַנטשאַפט מיט די קינסטלער און סקולפּטאָרן איז פאַרקערפּערט אינעם דענקמאָל, וועלכער איז אופגעשטעלט אין 1939 אין דער שטאָט גאָרקי. דער באַוווּסטער סאָוועטישער סקולפּטאָר איסאַק מענדעלעוויטש האָט געשאַפן אַן עמעסדיק געשטאַלט פון דעם העלדישן פליִער און נאָבעלן מענטש. פאַר אָט דער סקולפּטור האָט איסאַק מענדעלעוויטש באַקומען די מעלוכע־פּרעמיע פון פססר.

צום שלוס פון מײַן קורצער נאָטיץ וויל איך בעטן די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד”, זי זאָל איבערגעבן מײַנע בעסטע ווונטשן די לייענער פונעם זשורנאַל, וועלכע היטן אָפּ אַזוי זאָרגזאַם די ווערטן פון דער סאָוועטישער ייִדישער וואָרט־שאַפונג.

א י ג אָ ר   ט ש ק א ל אָ וו

14 סענטיאַבער 1981

צו זײַן פאַרניכטלער־אעראָפּלאַן גייט צו וואַלערי טשקאַלאָוו. די קנייטשן אף זײַן ענערגיש מענעריש געזיכט זײַנען שאַרפע, שטרענגע. אין זײַן פיגור פילט זיך א גרויסע פאַרבאָרגענע קראַפט, העלדישקײַט, געוואַגטקײַט, א פיגור פון אן עכטן רוסישן גוואַר. אָנגעטאָן איז ער אין א פליִער־קורטקע, אין א העלם, און אפן העלם גרויסע פליִער־ברילן.

דער מעכאַניקער פונעם אעראָפּלאַן ראַפּאָרטירט אים:

— כאַווער עלטערער פליִער, דער אעראָפּלאַן איז גרייט...

— גוט, — ענטפערט טשקאַלאָוו, און דריקט דעם מעכאַניקער פעסט די האַנט.

טשקאַלאָוו באַקוקט פון אַלע זײַטן דעם אעראָפּלאַן, קריכט אַרײַן אין דער קאַבינע, באַטראַכט דאָרט איטלעך קלייניקייט, ער פּרוּווט אויס דעם מאָטאָר, הערט זיך צו אים אויפמערקזאַם צו. אין א ווײַלע אַרום גייט ער אַרויס פון קאַבינע, לאָזט זיך אַראָפּ אף דער ערד. דער מעכאַניקער קוקט אף טשקאַלאָוון.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, — זאָגט וואַלערי.

דער מעכאַניקער פאַררײַסט דעם קאָפּ צו דער הייך.

— נאָך זיי וועט אײַך זײַן שווער...

— פאַרוואָס?

— זיי זײַנען סטאַליטשנע פליִער. גיט א קוק, וואָס פאַר א קונצן זיי באַווײַזן. דער אוילעם שרײַט אזש פון אַנציקונג.

טשקאַלאָוו וואַרפט א זײַטיקן בליק אפן הימל, ווו עס דעמאָנסטרירן זייער הויכע מײַסטערשאַפט די פאַרניכטלער, הערט זיך צו צום באַגײַסטערטן טומל פונעם פאַרזאַמלטן יאָמטעוודיקן אוילעם, ענטפערט ניט דעם מעכאַניקער. ער איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דעם, וואָס אים שטייט פאַר, אויפהייבנדיק זיך אין הימל.

מיט האַסטיקע טריט דערנעענטערט זיך צו טשקאַלאָוון דער דעזשורנע פונעם אעראָדראָם און מעלדעט אים:

— אײַער אַרויספלי!

— גוט, — ענטפערט טשקאַלאָוו און גיט דערבײַ א פרעג: — ס'איז דערלויבט דעמאָנסטרירן פיגורן פון העכסטן פילאָטאַזש?

— קיין באַגרענעצונגען זײַנען ניטאָ, — ענטפערט דער דעזשורנער.

טשקאַלאָוו שמייכלט אונטער. ניט געײַלט, עטוואָס אומגעלומפּערט אפילע פאַרקלײַבט ער זיך אין קאַבינע. דער מאָטאָר צערעוועט זיך. דער אעראָפּלאַן לויפט דורך א קורצע שטרעקע און רײַסט זיך אָפּ פונעם אעראָדראָם. פאַרקליבן זיך אף דער נייטיקער הייך, דעמאָנסטרירט טשקאַלאָוו א טויטן־שלייף. באַם דעמאָנסטרירן דעם צווייטן טויטן־שלייף, בלײַבט ער הענגען מיט די רעדער אַרויף און קערט זיך איבער איבער דעם פליגל. דערנאָך באַווײַזט ער אַזוינס, אַז באַ אַלעמען אף דער ערד פאַרכאַפּט דער אָטעם... אַלע פיגורן פון העכסטן פילאָטאַזש דעמאָנסטרירט ער ווייך, עלעגאַנט, מײַסטעריש.

ווידער פאַרקליבן זיך אין הימל, מאַכט ער איין טויטן־שלייף, א צווייטן, א דריטן... מיטאַמאָל האָט דער מאָטאָר זיך אָפּגעשטעלט, און דער אעראָפּלאַן מיט די רעדער אַרויף הייבט אָן פאַלן...

אפן פעלד, וואָס איז פאַרפלייצט מיטן יאָמטעוודיקן אוילעם, ווערט א טומל. עמעצער שרײַט פאַרצווייפלט:

— פאַרפאַלן! ער קומט אום!

פון שרעק כאַפּן זיך די מענטשן פאַרן קאָפּ, מאַכן צו די אויגן, קערן זיך אָפּ פון דעם, וואָס וועט באַלד געשען.

באַ דער סאַמע ערד האָט דער מאָטאָר אָנגעהויבן קלאַפּן און דער איבערגעקערטער אעראָפּלאַן גייט זיך ווידער א ריס צו דער הייך, פון דאָרט נעמט ער ווידער פאַלן. קימאַט באַ דער סאַמע ערד, האָט ער זיך איבערגעקערט מיט די רעדער אַראָפּ, לײַכט זיך צוגערירט צום פליפעלד...

פון אַלעמענס הערצער, וואָס האָבן עס צוגעזען, רײַסט זיך אַרויס א פריידיקער געשריי. דער באַגײַסטערטער אוילעם טוט זיך א וואָרף צום אעראָפּלאַן, און ווי נאָר טשקאַלאָוו גייט אַרויס פון דער קאַבינע, כאַפּט מען אים אַרויף אף די הענט און מע לאָזט אים לאַנג ניט אַראָפּ...

6

פונעם אעראָפּאָרט פּאָרטלענד טראָגן זיך איבער דער בריק פונעם טײַך קאָלומביע אויטאָמאָבילן. די ערשטע צוויי־דרײַ צענדליק מאַשינעס לויפן אַרויף מיט א מעשונעדיקער שנעלקײַט אפן פּירסאָן־פעלד. עס יאָגן זיי אָן נאָך אַרויס פון די אויטאָמאָבילן און לויפן צום אעראָפּלאַן, באַגריסנדיק די סאָוועטישע פליִער. די

וואָך פונעם אעראָדראָם האָט שוין אָבער באַוויזן אַרומצאַמען מיט גראָבע קאַנאַטן דעם צוטריט צום אעראָפּלאַן.

אַ גרופּע אָפיציִעלע פּערזאָנען דערנעענטערט זיך צום לופט־לײַנער אַנט־25. צווישן זײ טײלט זיך אויס אַ הויכער מיליטעריש־געקלײדטער מאַן. ער גײט צו צו די סאָוועטישע פליִער און שטעלט זיך פאָר:

— אַדיוטאַנט פונעם גענעראַל מאַרשאַל, שעף פונעם גאַרניזאָן. דער גענעראַל וועט באַלד קומען, ער לאַדט אײַך אײַן אויף אַ פרישטיק (די איבערזעצונג פון ענגליש אויף רוסיש ווערט געגעבן סינכראָניש).

די אָפיציִעלע פאָרשטײער באַגריסן זיך פרײַנטלעך מיט די סאָוועטישע פליִער און באַקוקן דעם אעראָפּלאַן. עס באַגלײטן זײ די אומדערמידלעכע פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענטן און קינאָ־אָפּעראַטאָרס.

טשקאַלאָוו ווענדט זיך צו בײַדוקאָוון און בעליאַקאָוון:

— לאָמיר צעטײלן צווישן די אַמעריקאַנער געסט אַלס סוווענירן אונדזערע אוואַרײַנעם שפּײַז־ראַציאָן. מיר האָבן זיך דאָך צו גאָר ניט צוגעריכט, אויסער ווי צום פאַרפרוירענעם שאָקאָלאַד און צו די אַפּעלסינען, וועלכע מיר האָבן געשפּאָלטן מיט די העקלעך.

בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו קריכן אַרײַן אינעם אעראָפּלאַן און גיבן איבער טשקאַלאָוון פאַרקאַלעווע זעקלעך, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבן „שאָקאָלאַד", „קאָניאַק", „געריכערטע ווורשט"...

טשקאַלאָוו גיט פאַנאַנדער די דאָזיקע זעקלעך שפּײַז די אַמעריקאַנער.

די אַמעריקאַנער עפענען די זעקלעך און צעטײלן זיך צווישן די סוווענירן. אײנער פון זײ רופט זיך אָן אויף אַ קאָל:

— סאַראַ מאָדנע מענטשן די רוסישע זײַנען... וויפל דאָלאַרן וואָלטן זײ געקאָנט אויסלײזן פאַר אָט די סוווענירן!.. און זײ גיבן עס גאָר אַוועק אומזיסט...

צום סאָוועטישן לײַנער אַנט־25 פאָרט צו אַן אויטאָמאָביל „פּאַקקאַרד". עס גײט פון אים אַרויס אַ הויכער, דאַרלעכער גענעראַל. די מיליטערישע באַגריסן אים.

די סאָוועטישע פליִער קוקן זיך איבער, שטויסן זיך אָן, אַז דאָס קער זײַן דער גענעראַל מאַרשאַל.

דער גענעראַל גײט צו צו טשקאַלאָוון, בײַדוקאָוון און בעליאַקאָוון, באַגריסט זיך מיט יעדן פון זײ און זאָגט:

— מיר זײַנען העכסט צופרידן, מײַנע הערן, וואָס אײַער פלוג האָט זיך פאַרענדיקט בעשאָלעם. פאַר אונדז איז אַ גרויסער קאָווּד, וואָס איר האָט אַראָפּגעלינדערט אויפן וואַנקווערן מיליטערישן אעראָדראָם.

דער מאַרשאַל פאַרבעט פרײַנטלעך די דרײַ סאָוועטישע פליִער צו זיך אין דער מאַשין.

— איך לאַד אײַך אײַן צו זיך אַהײם. מײַן פרוי און טאָכטער וואַרטן אויף די הויכגעשעצטע געסט.

אַלע זעצן זיך אַרײַן אין דער מאַשין.

7

די גאַסן פון פאָרטלענד זײַנען פאַרפּלײצט מיט מענטשן. איבער דער צענטראַלער גאַס פון שטאָט, אין דער אַרומרינגלונג פון אַ גרויסן אוילעם, גײען טשקאַלאָוו, בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו. עס באַגלײטן זײ טראָיאַנאָווסקי און מאַרשאַל. די פליִער זײַנען באַהאַנגען מיט קרענץ פון העל־רויטע רויזן. די אַמעריקאַנער באַגריסן שטורמיש די סאָוועטישע געסט. די קינאָקאַמערע כאַפּט אַרויס פונעם האַמוין אַ הויכן גוטמוטיקן אַמעריקאַנער. אויפן אַקסל בײַ אים זיצט אַ צוויייאָריק ייִנגעלע און פאָכעט צו די פליִער מיט די הענטעלעך. טשקאַלאָוו באַמערקט עס. צוזאַמען מיטן איבערזעצער גײט ער צו צו זײ צו. ער שטרעקט אויס דעם ייִנגעלע די האַנט. דאָס קינד דערלאַנגט אים זײַן הענטעלע.

— אַ גוט־העלף דיר, ייִנגעלע. — ער גיט אים לײַכט אַ דריק דאָס הענטל, — ווי רופט מען דיך?

דער פאָטער פונעם קינד ענטפערט מיט אַ ברײטן שמײכל.

— אַללאַן קאָול.

טשקאַלאָוו זאָגט:

— אַללאַן איז, הײסט עס, דער נאָמען, און קאָול דער פאַמיליע־נאָמען?

דער פאָטער שאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ.

— אַ שײנער נאָמען בײַ דעם ייִנגעלע, — באַמערקט טשקאַלאָוו, — אַז וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסער, קום צו אונדז צו פאָרן. איך וועל זיך דורכשפּאַצירן מיט דיר אויף אַן אעראָפּלאַן.

טשקאלאָוו געזעגנט זיך מיטן פֿאָטער, דריקט אים פֿעסט די האַנט. עס דערנענטערט זיך צו טשקאלאָוון אַ פֿרוי מיט אַ קינד אויף די הענט, זאָגט עפּעס.

— וואָס פֿאַרלאַנגט זי? — פֿרעגט טשקאלאָוו באַם איבערזעצער.

— זי בעט, אַז איר זאָלט אַ גלעט טאָן איר קינד איבערן קעפּל. זי גלייבט, אַז פֿון דעם, וואָס איר וועט זיך צורירן צום קינד, וועט עס זײַן אַ מאַזלדיקס...

טשקאלאָוו גלעט שמייכלענדיק דאָס קינד איבערן קעפּעלע, דרייט זיך אויס צו אַללאָן קאָולן און גיט אים אויך אַ גלעט איבערן קעפּל. (אַללאַן קאָול איז הײַנט־צו־טאָג דער פּאַרזיצער פֿונעם אַמעריקאַנער טשקאלאָוור קאָמיטעט).

8

קאַיאַר. איגאַריאַק, האַלב אַ שלעפֿעריקער, גייט אַ באַרוועסער אַרויס פֿון זײַן צימער, עפֿנט אויף די טיר פֿון די עלטערנס שלאָפֿצימער, גאַנוועט זיך שטיל אונטער צום פֿאָטער און קריכט אַרײַן צו אים אונטער דער קאָלדרע. ער שעפּטשעט אים אין אויער:

— טאַטע, איך האָב געזען אַ שרעקלעך־שרעקלעכן כאָלעם... אַ בער איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן...

— שלאָף, שלאָף... איך בין מיט דיר, — מורמלט פֿאַרשלאָפֿן דער פֿאָטער, — האָב ניט מוירע... פֿאַר קיין זאַך האָב ניט מוירע...

— איך האָב ניט מוירע. טאַטע, לאָמיר זיך שפּילן.

— אין וואָס?

— נו זאָל זײַן אין קאַצן־מויז.

— איגאַריוכאַ, כ׳וויל ווייַער שלאָפֿן.

— עס טאָגט שוין. שטיי אויף, טאַטע.

— הײַנט איז אַ רו־טאָג.

— נו איז וואָס? אַלציינס דאַרפֿן מיר זיך דאָך שפּילן.

— ביסט געררעכט. איינס־צוויי און אָפּגעשטאַנען. אָבער שטילער, — ער לייגט צו דעם פֿינגער צו די ליפּן, — אַניט וועלן מיר אָפּוועקן די מאַמע.

אָלגאַ שמייכלט. עפֿנט די אויגן:

— מײַנע מאַנצבלען זײַנען שוין אויף? וויבאַלד אַזוי, שטיי איך אויך אויף.

— שלאָף נאָך אַ ביסל. — וואַלערי פֿאַריכט אויף איר די אַראָפּגעגליטשטע קאָלדרע און גייט אַרויס מיט איגאָרן פֿון שלאָפֿצימער.

אויפֿן זשורנאַל־טישל אין קאָרידאָר ליגט אַ פּעקל בריוו, אײַנלאַדונגס־בילעטן. טשקאלאָוו כאַסמעט פֿאַנאַנדער די קאָנווערטן און נעמט לייענען די בריוו. איגאָר טראָגט אונטער דעם פֿאָטער די אײַנלאַדונגס־בילעטן און רופֿט גליקלעך אויס:

— טאַטע, וויפֿל אײַנלאַדונגען מע האָט מיר צוגעשיקט אויף דער יאָלקע! אַלע רופֿן מיך! טשקאלאָוו נעמט אָפּ באַם זון די אײַנלאַדונגס־בילעטן, קוקט זיי אַלע דורך, דערנאָך רופֿט ער זיך אָן:

— קלײַב פֿון זיי אויס איינעם.

— אויסגעקליבן... דעם קאַלאָנען־זאַל. און די איבעריקע?

— און די איבעריקע אײַנלאַדונגס־בילעטן וועלן מיר אָפּגעבן דער מומע קאַטיען, דער הויף־אופּראַמערן, זי זאָל זיי צעטיילן צווישן די קינדער פֿון אונדזער הויף.

— די בילעטן האָט מען דאָך אָבער געשיקט מיר.

— ניט דיר, נאָר טשקאלאָווס זון האָט מען געשיקט. אָט, אַז דו וועסט ווערן אַ טשקאלאָוו, דאַן וועסטו אַליין זיי פֿאַנאַנדערטיילן. פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען, — ענטפֿערט איגאָר.

טשקאלאָוו עפֿנט אויף די אַרויסגאַנג־טיר און רופֿט זיך אָן צום זון:

— נאַ דיר די בילעטן און גיב זיי אָפּ אונדזער הויף־אופּראַמערן, דער מומע קאַטיען.

— גוט, טאַטע, איך באַליידיק זיך ניט.

טשקאלאָוו באַגלייט אַרויס דעם זון מיט אַ שמייכל אינעם בליק און שרײַט אויס צום ווײַב:

— לעליק, איוואַן סעמיאָנאָוויטש קאָזלאָווסקי לאַדט אונדז הײַנט אײַן אין גרויסן טעאַטער אויף דער אָפּערע „באָריס גאָדונאָוו". מירן גיין?

— פֿאַרשטייט זיך! — דערטראָגט זיך פֿון שלאָפֿצימער אָלגעס קאָל.

— לעליק, ביז אָוונט איז נאָך ווײַט. דו פֿאַרנעם זיך מיט דײַנע איניאַנים, און איך וועל זיך צוכאַפּן אין באָד. כ׳האָב זיך פֿאַשעט פֿאַרבענקט נאָך אַ שוויצבאָד.

— גיי, גיי, מײַן טײַערער. ווען אָבער וועלן מיר פֿאַנאַנדערפּאַקעווען דעם סוידעספּולן טשעמאָדאַן, וואָס דו האָסט געבראַכט צו פֿירן פֿון אַמעריקע?

טשקאַלאָוו וואַרפֿט אַ בליק אויף אַ גרויסן טשעמאָדאַן, וואָס שטייט בײַ דער וואַנט, און ענט־פֿערט:

— אַז כ'וועל קומען פֿון באָד.

די סאַנדונאָווסקער באָד. וואַלערי פּאַוולאָוויטש מיט אַ בעזעם אונטערן אָרעם גייט אַרײַן אין וועסטיביול פֿון באָד, קויפֿט אַ בילעט און הייבט זיך אויף מיט די טרעפּ אין גאַרדעראָב. אין דער שוויצבאָד. דאָרט איז פֿול מיט מענטשן. וואַלערי פּאַוולאָוויטש שרײַט:

— דאַמף! דערלאַנגט דאַמף!!!

ס'איז סאַקאַנעסדיק הייס. עטלעכע מענטשן קאָנען ניט אויסהאַלטן די היץ און קריכן אַראָפּ פֿון די פּאָלקעס. נאָר טשקאַלאָוו שרײַט ווידער:

— דערלאַנגט נאָך דאַמף!

עס איז געוואָרן אַזוי הייס, אַז אַלע פֿאַרלאָזן די אייבערשטע פּאָלקעס. מע זיצט אונטן און מע פֿאָלגט נאָך אומצופֿרידן נאָך טשקאַלאָוון. אין שוויצבאָד קומט אַרײַן אַ נײַער מענטש. לויטן אויסערלעכן אויסזען דאַרף ער זײַן פֿון די דאָרעמדיקע מעקומעס. ער פֿרעגט, אָנווײַזנ־דיק מיט די אויגן אויף דער אייבערשטער פּאָלקע:

— ווער איז עס דאָרט?

— אַ געזונטער בוהײַ האָט זיך פֿאַרקליבן אַהין און פֿרעגלט זיך.

— אָט דאָס פֿאַרשטיי איך, — דער אַרײַנגעקומענער הייבט זיך אויף מיט די טרעפּלעך אויף דער אייבערשטער פּאָלקע און פֿאַרשווינדט אינעם געדיכטן וואָלקן דאַמף.

— נאָך! נאָך דערלאַנג! — שרײַט טשקאַלאָוו.

— גלענצנד! — שרײַט אים נאָך אָנציקט דער אַרײַנגעקומענער.

ביידע ווערן אָנשוויגן. מע הערט בלויז די הילכיקע קלעפּ פֿון די בערעזעווע בעזעמער. פּונעם דאַמפּיקן וואָלקן שווימט אַרויס דער לעצט אַרײַנגעקומענער. ער טרייסלט מיטן קאָפּ און שעפּטשעט אויף אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש:

— ער איז טאַקע געזונט, ווי אַ בוהײַ. ס'איז ניט פֿאַר מיר. — דער מענטש קריכט אַראָפּ און פֿאַרלאָזט די שוויצבאָד.

אויפֿן דיל ליגן צווייען, באַגיסן איינער דעם אַנדערן מיט קאַלט וואַסער און קוועלן הויך אויף אַ קול:

— וואַלערי פּאַוולאָוויטש, וואַלערי פּאַוולאָוויטש, אַ סקאַנדאַל! אַ צווישנפֿעלקערלעכער סקאַנדאַל!..

טשקאַלאָוו קריכט אַראָפּ.

— וואָס איז אײַך אַזוי פֿריילעך? וואָס פֿאַר אַ סקאַנדאַל?

— דער מענטש, וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטן די היץ, איז דאָך דער איראַנער געזאַנדטער.

— נו, איז וואָס?

— וואָס הייסט, נו איז וואָס? די פּערסיאַנער זײַנען דאָך די ערשטע אין דער וועלט ליב־האָבער פֿון שוויצבעדער, און איר האָט אים באַזיגט. ער האָט געמוזט צוליב אײַך אַראָפּקריכן פֿון דער פּאָלקע. דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַל!

— נו, נו, כאָכמאַטשעס, — ענטפֿערט גוטמוטיק טשקאַלאָוו און פֿאַרקלײַבט זיך ווידער אויף דער העכסטער פּאָלקע, וווּ עס שטייט אַ געדיכטער וואָלקן דאַמף.

דער גאַרדעראָב. אַ באַזונדערע קאַבינע. אַ טישל. אויף אים שטייען געטראַנקען. דער איראַנער געזאַנדטער, אײַנגעוויקלט אין אַ לײַלעך, וואַרט אויף עמעצן. פֿון הינטער די שטאָרן באַווײַזט זיך טשקאַלאָוו. דער געזאַנדטער גייט אים אַנטקעגן.

— מיר איז אָנגענעם זיך מיט אײַך באַקאָנען. ביטע, ביטע אַהער.

— איך בעט מיך אַנטשולדיקן, — זאָגט טשקאַלאָוו מיט דער געדיכטער באַסאָווער שטים.

— וואָס רעדט איר! איר זײַנט אַ וווּנדערלעכער מענטש. מיר איז אָנגענעם, וואָס גראַדע איר האָט מיך באַזיגט, אַ טאָסט פֿאַר אונדזער באַגעגעניש! — דער געזאַנדטער הייבט אויף דעם אָנגעפֿילטן באָקאַל.

9

טשקאַלאָוו קומט אַרײַן צו זיך אין דער קוואַרטיר. אַלגע באַגעגנט אים מיט שײַנענדיקע אויגן:

— געוועזן כאַטש אַ גוטע באָד?

— נאָך אַ מין.

— ס'זאָל דיר זײַן צו געזונט.

וואלערי טשקאלאָוו מיט זיין פרוי אָלגע און מיטן זון איגאר

— א דאנק. זע, ביסט גאר ניט געגאנגען צו דער מאַדיסטקע?

אָלגע שווייגט, קוקט פיל־דייטיק אפן מאן, דערנאָך פירט זי איבער דעם בליק אפן טשעמאָדאן.

— קלאר, — רופט זיך אָן וואלערי, — איין מאָמענט. פאַרזיכטיק לייגן מיר אוועק דעם טשעמאָדאן אָט אזוי־א, און עפענען אים. — טשקאַלאָוו נעמט פאמעלעך ארויס פון טשעמאָדאן א קליין פעקל און גיט אים פאַרזיכטיק איבער דער פרוי — דאָס זיינען פלאסטינקעס: שאליאפין, ראכמאנינאָוו. — און דאָס איז אַן אוניקאלע פלאסטינקע — באָראָדינס סימפאָניע „1812 יאר".

אָלגע נעמט איבער בא אים די פלאסטינקעס. אף איר געזיכט איז אַן אויסדרוק פון באגייסטערונג און לייכטער אנטוישונג. ענדלעך באקעמפט זי עפעס אין זיך, כאפט ארום דעם מאָן און דריקט צו זיין קאָפּ צו איר ברוסט.

— סארא וווּנדערלעכער מענטש דו ביסט בא מיר! א דאנק דיר, א דאנק דיר, מיין טייערער, מיין ליבער.

טשקאלאָוו קוקט פארכידעשט אף אָלגען:

— אין דיין שטים הערט זיך אָבער אן אומצופרידנקייט.

— זאָגן דעם עמעס?

— פארשטייט זיך, ווי שטענדיק.

— ווייסט, פארוואָס איך בין ניט געגאנגען צו דער מאָדיסטקע? כ'האָב געטראכט... זייער שלעכט געטראכט... מיט איין וואָרט, כ'בין געווען זיכער, אז בא דיר אין טשעמאָדאן ליגט פאר מיר אן אוניקאלער קאָסטיום. כ'וועל אים אָנטאָן און איבעראשן מיט מיין קליידונג דאָס פובליקום פונעם גרויסן טעאטער.

— דו האָסט פארדראָס, וואָס כ'האָב דיר ניט געבראכט אזא קאָסטיום? — פרעגט אומעטיק טשקאלאָוו.

— וואָס רעדסטו? מיך פרייט, וואָס דו האָסט מיך אופגעהויבן נאָך אף איין שטאפל... איך האָב זייער ניט גוט געטראכט... מיר גייען ניט אָן די שמאטעס, וואָס אייניקע ברענגען צו פירן פון אויסלאנד. דו ביסט גערעכט, וואלערי... אייביק ווערטפול איז בלויז די קונסט, באַזונדערס די מוזיק.

אין ראדיאָ טראנסלירט מען שטראוסעס וואלס. טשקאלאָוו נעמט ארום אָלגען און זיי טאנצן.

מע קלינגט. עס קומען אריין דער דיכטער קאמענסקי און דער ארטיסט באָריס ליוואנאָוו. טשקאלאָוו באגריסט זיך מיט זיי, נעמט זיי ארום.

— אך, סארא געסט! דער דיכטער קאמענסקי... א גרוס דעם פאָלקס־ארטיסט ליוואנאָוו.

אין ראדיאָ טראנסלירט מען שטראוסעס וואלס „דער בלויער דונײַ"; אלע שווייגן, פארקישעפטע פון דער מוזיק.

טשקאלאָוו ווענדט זיך צו קאמענסקין:

— וואסיל וואסיליעוויטש, איך וועל דיך מיטנעמען מיט זיך אינדערלופטן און מירן דאָרט צוזאמען מיטן אערעפּלאן אויסטאנצן אונטערן סאמע הימל דעם דאזיקן טאנץ, דערנאָך וועלן מיר זיך מיט דיר אוועקלאָזן מיט א באיאן אף א פליט איבער דער וואלגע, מירן לייענען לידער און זינגען.

קאמענסקי נעמט ארום טשקאלאָוו און זאָגט באגייסטערט:

— בלויז א פּאָעט מיט א פּאָעט קאָנען אזוינס צוטראַכטן, נעמען און פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין קונסט. דו ביסט א גרויסער דיכטער אין די הימלען.

קאַמענסקי דעקלאַמירט איינע פון זײַנע לידער.

ליוואַנאָוו ווענדט זיך צו קאַמענסקין:

— וואַסיל וואַסיליטש, איך זע טשקאַלאָוון קימאַט יעדן טאָג, מיר זײַנען מיט אים שכנים. קוקנדיק אױף אים, טראַכט איך אָפט: וואָס איז אין אים מער — העלדישקײַט צי צאַרטקײַט?

ס׳עפנט זיך די טיר. אין דער באַגלייטונג פון אַלגע עראָזמאָוונען קומט אַרײַן א הויכער שטאַלטנער גענעראַל-לייטענאַנט.

טשקאַלאָוו באַגריסט זיך מיט אים און שטעלט אים פאָר זײַנע געסט:

— גראַף אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש איגנאַטיעוו... נו, פאַרשטייט זיך, א געוועזענער גראַף... איצט איז ער א סאָוועטישער גענעראַל-לייטענאַנט.

אַלע שמייכלען, באַגריסן זיך מיטן גאַסט.

— אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש, — רופט זיך אָן צו אים טשקאַלאָוו, — איך האָב אויסגעפילט מײַן צוזאָג. — ער גייט אַרויס פון צימער און אין א קורצער רגע אַרום קערט ער זיך אום, האַלטנדיק אין דער האַנט זײַן אייגענעם פּאָרטרעט. ער גיט אים אָפּ איגנאַטיעוון.

דער גענעראַל נעמט טשקאַלאָווס פּאָרטרעט, באַטראַכט אים, קערט אים איבער אױף דער אַנדערער זײַט און לייענט אױף א קאָל דעם אויפשריפט:

— „דאָס סאַמע ווערטפולע, וואָס עס פאַרמאָגט די וועלט — דאָס איז דער מענטש. אָט פאַרוואָס ס׳ווילט זיך דעם מענטשן איבערלאָזן נאָך זיך אָן אָנדענק. דער סאָוועטנפאַרבאַנד שעצט יעדן איינעם, אומאָפּהענגיק פון זײַן פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַרויסגייענדיק פונעם הײַנט... מיט די בעסטע געפילן צו אײַך"...

אי. מ. מאַסקווין, א. נ. טאָלסטאָי, וו. פּ. טשקאַלאָוו

איגנאַטיעוו דריקט טשקאַלאָוון די האַנט:

— א דאַנק. א האַרציקן דאַנק פאַר דער טײַערער מאַטאָנע, דעם אייניקל פון די וואָלגער בורלאַקעס פונעם געוועזענעם גראַף. איצט זײַנען מיר ביידע...

טשקאַלאָוו שלאָגט אים איבער:

— איצט זײַנען מיר ביידע גלײַכלעכע זין פון אונדזער פאָטערלאַנד.

וואַלערי לייגט אוועק אױפן דיסק פונעם פּאַטעפאָן, אין דער אויספירונג פון פיאָדער שאַליאַפּינען, די פּלאַסטינקע „דובינושקאַ".

— ווו האָט איר געקראָגן אָט די וווּנדערלעכע פּלאַסטינקע, — פרעגט א באַגײַסטערטער איגנאַטיעוו.

— געבראַכט פֿון אַמעריקע, — ענטפֿערט וואַלערי פּאַוולאָוויטש.
איגנאַטיעוו קוקט איבער די פּלאַסטינקעס (מע זעט אַף זיי בוילעט די אויפֿשריפֿטן: שאַ־ליאַפּין, טשײַקאָווסקי, שטראַוס... און אַנדערע).
— און אָט דאָס? דאָס איז אויך פֿון אַמעריקע? אַ היפּשע מאַסע איז אײַך אויסגעקומען פֿירן פֿון דאָרט. מיר געדענקט זיך, ווען איך בין געווען דער קאָמיסאַר פֿונעם סאָוועטישן פּאַוויליאָן אַף דער צווישנפֿעלקערלעכער אוניאַ־אויסשטעלונג אין פּאַריזש, האָט איר, וואַלערי פּאַוולאָוויטש, צום אונטערשייד פֿון אַנדערע, ניט פֿאַרבראַכט די צײַט אין די רעסטאָראַנען און מאַגאַזינען. אײַך האָבן אינטערעסירט ביכער, בילדער, טעכניק, דער אייפֿעלעווער טורעם. איר געדענקט, וואָס איר האָט מיר דעמלט געזאָגט: „אַך, ווי גוט ס׳וואָלט געווען זיך דורכפֿליען איבער דעם אייפֿעלעווער טורעם! איך וואָלט געקאָנט”. איר געדענקט?
— פֿאַרשטייט זיך.
— איר זײַנט ניט געגאַנגען אין רעסטאָראַן, נאָר געבעטן בא מיר: „גראַף, קאַף אָפּ אַ רוסישן באָרשטש און זײַ מיך מעכאַבעד. כ׳וועל קומען מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן”. אין צימער קומט אַרײַן קלימאָוו, אַן אַרטיסט פֿונעם קליינעם אַקאַדעמישן טעאַטער.
— אַך, מיכאַיל איוואַנאָוויטש קלימאָוו, — ברענגט אַרויס איגנאַטיעוו און שטרעקט אים פֿרײַנטלעך אויס די האַנט.
קלימאָוו רופֿט זיך אָן:
— איך האָב ניט ווילנדיק אונטערגעהערט אײַערע לעצטע ווערטער, אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש. וואָס איז דאָ צו ריידן, וואַלערי פּאַוולאָוויטש איז זייער אַ פּאָשעטער מענטש, האָט פֿײַנט זיך אויספּײַנען, פֿאַלשעווען. פֿאַר אונדז, אַרטיסטן פֿונעם קליינעם טעאַטער, זײַנען אַזעל־כע מענטשן אַ גרויס געווינס, מאַמעש אַן אוצער. זיי דולדן ניט די מינדסטע פֿאַלשקײַט. אין לעבן, ווי אין דער קונסט, איז פּאָשעטקײַט, עמעסדיקײַט דאָס סאַמע וויכטיקע.
— אַלץ?! — וואַלערי הייבט אוף די האַנט, — אַלץ?! איך גיי אוועק.
— וווּהין?
— וווּהין־ניט־איז.
— פֿאַרוואָס?
— ווײַל אין די אויגן לויבט מען בלויז נאַראָנים.
אַלע צעלאַכן זיך.
— מיר זײַנען דאָך שוישפּילער. אַזוי אַז דו מוזסט אונדז מויכל זײַן.
קלימאָוו און טשקאַלאָוו קלײַבן אָפּ אַ נײַע פּלאַסטינקע צום שפּילן. שאַליאַפּין זינגט „די פּערסישע ניגונים”...

10

דער צענטראַלער מאָסקווער אַעראָדראָם אָפּן נאָמען פֿון מ. וו. פֿרונזע. אַ פּראַסטיקער טאָג. דער שניי רויכערט זיך נידעריק בא דער ערד. די באַקאַנטע געבײַדע פֿון דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ. פֿון דער געבײַדע גייט אַרויס טשקאַלאָוו, אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען קאָסטיום פֿון אַ פּליער. אַפֿן קאָפּ, אָנשטאָט אַ העלם, אַ ווייכע טונקל־בלויע היטל. הינטער אים גייען עטלעכע מיטאַרבעטער פֿון קב (קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ). זיי גייען צו צו דעם רויטפֿליגלדיקן פֿאַרניכט־לער „אי־180”, אַף וועלכן ס׳איז נאָך פֿריש די פֿאַרב. אַרום דעם אַעראָפּלאַן אייסעקן זיך עט־לעכע אַרבעטער.
דער אָנפֿירנדיקער אינזשעניער פֿון אויספּרוּוון די אַעראָפּלאַנען לאַזאַרעוו ראַפּאָרטירט טשקאַלאָוון.
— דעם 10־טן דעקאַבער, וואַלערי פּאַוולאָוויטש, וועט מען קענען אָף אים דורכמאַכן דעם ערשטן פֿלוג. הײַנט וועלן מיר אים אויספּרוּוון...
— און ווי האַלט עס מיטן באַזײַטיקן די אָנגעוויזענע דעפֿעקטן? — טשקאַלאָוו באַקוקט דעם אַעראָפּלאַן, קריכט אַרײַן אין דער קאַבינע, גיט אַ פּרוּוו אויס דעם רודער, באַטראַכט דעם מאָטאָר.
אַן אומצופֿרידענער ווענדט ער זיך צו לאַזאַרעוון, וועלכער שטייט פּאַזע אים אָפּן ליי־טעראַל:
— וויאַזוי קלערט איר עס אויספּרוּוון הײַנט דעם אַעראָפּלאַן, אויב עס אַרבעט ניט דער גאַז־סעקטאָר? כ׳האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז מע דאַרף דאָרט ענדערן.
טשקאַלאָוו קריכט אַרויס פֿונעם אַעראָפּלאַן און לאָזט זיך גיין צו דער געבײַדע פֿון „אָ.ק.ב.”. אַנטקעגן קומט אים אָן אַ מענטש. דאָס פּאָנעם איז בא אים באַהאַלטן פֿונעם ווינט און שטעכיקן שניי אינעם אויפֿגעהויבענעם קאָלנער. ער שטעלט זיך אָפּ, לאָזט אַראָפּ דעם קאָל־נער און זאָגט:
— אַ גוט־העלף, וואַלערי פּאַוולאָוויטש. דאָס גיי איך צו אײַך.

— א גוט־העלף, פּאַרטקאָם. איך הער דיך.

דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם שטרעקט אים אויס א פּאַפּיר.

— דער קינדערגאָרטן בייטיקט זיך אין אויסשטאַטונג.

טשקאַלאָוו לייענט געשווינד דורך דאָס פּאַפּיר און ענטפערט:

— וואָס איז דאָ פאַראַן א סאַך וואָס צו ריידן. מירן אומבאַדינגט העלפן די קינדער.

ער לייגט אַרײַן אין דער אייבערשטער קעשענע פון דער גימנאַסטיאָרקע דאָס פּאַפּיר, ווו ס'איז געגוי אָנגעוויזן, אין וואָס דער קינדערגאָרטן נייטיקט זיך, און ער גייט אַרײַן צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר אין דער „אָ.ק.ב".

11

אויפן עקראַן זעט מען די ציפער: 10 דעקאַבער 1938 יאָר.

א פּאַרשנייטער אַעראָדראָם. דער טאָג איז א פּראָסטיק לויטערער. דער באַקאַנטער פּלאַץ, ווו עס שטייען די אַעראָפּלאַנען פון „אָ.ק.ב.". אין דער קאַבינע פון „אײ־180" זיצט טשקאַלאָוו. אויף אים איז א פוטערנע קורטקע פון א פּלִיער, אויפן קאָפּ א העלם מיט ברילן.

— מירן אײַנשליסן דעם מאָטאָר און א קוק טאָן, וויאַזוי ער אַרבעט בא פּאַרשיידענע שנעלקײַטן, — זאָגט ער צו לאַזאַרעוון.

לאַזאַרעוו קריכט אַראָפּ פונעם לייטערל און טראָגט עס אָפּ אָן א זײַט.

טשקאַלאָוו גיט אָפּ א קאָמאַנדע:

— פונעם שרויף!

אים ענטפערט א שטים:

— פאַראַן פונעם שרויף!

דער דרײַלאָפּאַטיקער שרויף דרייט זיך שווערלעך פּאַנאַנדער. דער מאָטאָר וואַרפט אַרויס קנוילן רויך און פאַנגט אָן אַרבעטן. טשקאַלאָוו פּרוּווט אים אויס אויף פּאַרשיידענע אַרבעטס־רעזשימען. נאָכדעם גיט ער א צייכן מיט דער האַנט, מע זאָל צונעמען פון אונטער די רעדער די קאָלאָדקעס, וואָס פאַרהאַלטן דעם אַעראָפּלאַן. עס פאַרגרעסערט זיך די שנעלקײַט פונעם מאָטאָר. דער לײַנער, אופהייבנדיק א שנייִקן שטויב, רירט זיך לאַנגזאַם פון אָרט.

לאַזאַרעוו מיטן מעכאַניקער גייען נאָך דעם אַעראָפּלאַן. טשקאַלאָוו גיט צו נאָך גאַז. דער לײַנער פאַרגיכערט זײַן גאַנג. לאַזאַרעוו מיטן מעכאַניקער לויפן אים נאָך, נאָר דער אַעראָפּלאַן דערווײַטערט זיך פון זיי אַלץ מער און מער און פאַרשווינדט אינגיכן אינעם שנייִקן וויכער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך.

אויפן אַעראָדראָם הערשט א שטילקײַט. אַלע בײַוועזנדע באַרויִקן זיך. אויפן צווייטן ברעג פונעם פליפעלד זעט זיך דער אויסגעפּאַרבטער אין רויטן קאָליר „אײ־180". ער האָט שוין באַוויזן זיך אויסדרייען און לויפט צוריק. הינטער אים הייבט זיך ווידער אויף א שנייִקער ווירבל. דער לײַנער דערנענטערט זיך גיך צו לאַזאַרעוון און צום מעכאַניקער, וועלכע גייען אים אַנטקעגן, און שטעלט זיך אָפּ. דער שרויף דרייט זיך שוין פּאַמעלעך, אָט־אָט וועט ער זיך אָפּשטעלן. קנוילן שוואַרצער רויך רײַסן זיך פון די טרײַבלעך, נאָר דער פּלִיער שליסט ניט אויס דעם מאָטאָר.

טשקאַלאָוו הייבט אויף דאָס דעכל פון דער קאַבינע און שרײַט אויס צו לאַזאַרעוון:

— מיר געפעלט ניט, ווי סע אַרבעט דער מאָטאָר בא ניט קיין גרויסער שנעלקײַט. איך וועל אים נאָכאַמאָל אויספּרוּוון, — און ער לאָזט צוריק אַראָפּ דאָס דעכל.

דער אַעראָפּלאַן דרייט זיך ווידער אויס און יאָגט זיך פּאַנאַנדער איבער דעם אַעראָדראָם. דער מעכאַניקער ווענדט זיך צו לאַזאַרעוון:

— מיר אײַלן זיך, די מאַשין איז נאָך א רויע, פול מיט דעפעקטן. און ס'איז בִיכלאַל זייער מאָדנע...

דער אַעראָפּלאַן מאַכט דורך דאָס זעלבע וואָס פריִער. דערנענטערנדיק זיך צום אָנפירנדיקן אינזשענירער פון אויספּרוּוון די לופט־לײַנערס, באַווײַזט אים טשקאַלאָוו אָן מיט דער האַנט, אז ער רולירט צום פּלאַץ, ווו עס שטייען די אַעראָפּלאַנען. לאַזאַרעוו, און הינטער אים דער מעכאַניקער, גייען אײַליק נאָך. ניט דערפאָרנדיק ביזן פּלאַץ, שטעלט טשקאַלאָוו אָפּ דעם מאָטאָר.

דער מעכאַניקער כאַפּט א לייטערל און לויפט צום אַעראָפּלאַן. טשקאַלאָוו לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד. זײַן פּאָנעם דריקט אויס פאַרדראָס.

— צוויי טעג אויף ליקווידירן די דעפעקטן וועט אײַך קלעקן? — פרעגט ער שטרענג בא לאַזאַרעוון.

— איר וואָלט כאָטש געמאַכט איין קרײַז איבערן אַעראָדראָם, וואַלערי פּאַוולאָוויטש.

באַ לאַזאַרעװן לױפֿן אום די אױגן. ער האַלט ניט אױס טשקאַלאָװס שטרענגן בליק. ניט אַרויסברענגענדיק קײן װאָרט, קערט ער זיך אָפּ פֿון לאַזאַרעװן און גײט אַװעק.

12

טשקאַלאָװס מאָסקװער װױנונג אױף סאַדאָװע־זעמליאַנער װאַל (איצט טראָגט די גאַס טשקאַלאָװס נאָמען). אױפֿן טעפּיך אינעם קינדער־צימער ליגט װאַלערי פּאַװלאָװיטש. באַ אים אױפֿן רוקן זיצט רײַטנדיק זײַן דרײַיאָריק טעכטערל װאַלעריע. זי האָט זיך אײַנגעקלאַמערט מיטן רעכטן הענטל אים אין די האָר. פּאַזע שטײט אױף די קני דער ברײטפּלײציקער, ניט לױט די יאָרן נאָך, קרעפּטיקער עלפֿיאָריקער איגאָר. אין אײן האַנט האַלט ער דעם שװעסטערלס לינק הענטעלע און מיט דער אַנדערער פּאַטשט ער אינדערלױפֿטן, װי מיט אַ בײַטש, און שרײַט:

— װיאָ!.. װיאָ!

טשקאַלאָװ הײבט אױף און לאָזט אַראָפּ די אַקסלען, װי אַ פֿערד אין גאַלאָפּ.

אַלע קװעלן אָן פֿון דער שפּיל.

אין קאַבינעט באַם שרײַבטיש זיצט אָלגע עראַזמאָװנע. אױפֿן טיש ליגן צװײ פּעקלעך בריװ. אױף יעדן בריװ איז אָנגעשריבן: „מאָסקװע, גאַס סאַדאָװע־זעמליאַנער װאַל אאַװ., דעם דעפּוטאַט פֿון אױבערסאָװעט טשקאַלאָװן, װאַלערי פּאַװלאָװיטשן" אָדער: „מאָסקװע, קרעמל, דעם דעפּוטאַט פֿון אױבערסאָװעט טשקאַלאָװן װ. פּ.".

אױף אײנעם פֿון די צװײ פּעקלעך בריװ איז פֿאַרצײכנט: „אָנגענומען מיטלען. מיטגעטײלט װעגן דעם די אַדרעסאַטן".

אָלגע נעמט אַרױס די בריװ פֿונעם צװײטן פּעקל. אױף יעדן אײנעם פֿון די בריװ איז מיט טשקאַלאָװס האַנט אָנגעשריבן, װאָס דאַרף מען טאָן. אױף די דעפּוטאַטן־בלאַנקען פֿון איר מאַן שרײַבט אָלגע די ענטפֿערס אָדער די ביטעס אין פֿאַרשײדענע אינסטאַנצן. זי נעמט מיט זיך אײנעם פֿון די בריװ און גײט אַרײַן אין קינדער־צימער. דערזען, װי דער מאַן שפּילט זיך מיטן קלײנװאַרג, צעלאַכט זי זיך.

— קינדער, איר האָט נאָך ניט פֿאַרמוטשעט דעם פֿאָטער? — פֿרעגט זי צערטלעך און װענדט זיך צום מאַן, — אױף דער אָנקלאָגע, װאָס דו האָסט דערהאַלטן פֿון אױטאָמאָביל־זאַװאָד אין גאָרקי מיקױעך דאָס ניט באַקומען צו דער צײַט די נײטיקע דעטאַלן פֿון פֿאַרשײדענע אונטערנעמונגען, האָסטו אָנגעשריבן: „מיטײלן װעגן דעם אַלע אונטערנעמונגען מיט אָן אַלגעמײנעם בריװ".

טשקאַלאָװ האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, װאָס האָט פֿאַרװונדערט אָלגען אין די װערטער, און ענטפֿערט איר:

— ביסט געװענכט, לעליק, מע דאַרף ענטפֿערן יעדן דירעקטאָר מיט אַ באַזונדערן בריװ. שרײַב זײ אָן, טײַערע, אַז ס'איז ניט גוט אין אונדזער צײַט אַזױ צו אַרבעטן, איר פֿירט אונטער דעם אױטאָמאָביל־זאַװאָד, צוליב אײַער נאָכלעסיקײט איז דער זאַװאָד געצװוּנגען אָפּשטעלן דעם קאָנװײער...

מע הערט, װי אין קאַבינעט קלינגט דער טעלעפֿאָן. אָלגע עראַזמאָװנע גײט גיך אַרױס. אין אַ װײַלע אַרום דערטראָגט זיך פֿון קאַבינעט איר שטים:

— װאַלערי, מע קלינגט פֿון טאַסס (טעלעגראַף־אַגענטור פֿון סאָװעטנפֿאַרבאַנד).

איגאָר נעמט אַראָפּ פֿונעם פֿאָטערס רוקן דאָס שװעסטערל. טשקאַלאָװ הײבט זיך שנעל אױף און אײַלט צום טעלעפֿאָן. אַרײַנקומענדיק אין קאַבינעט, רופֿט ער זיך אָן צום װײַב:

— דער טאַסס האָט מיך געבעטן אָנשרײַבן אַן אַרטיקל װעגן די פּאַנגערן פֿון דער הײַנטצײַטיקער אַװיאַציע. דעם 17־טן דעקאַבער װערט 35 יאָר, זינט די ברידער רײַט האָבן צום ערשטן מאָל זיך אױפֿגעהױבן אינדערלופֿטן. — ער נעמט דאָס טרײַבל. — אַ גוט־הילף. אַלץ איז גרײט. ביטע, קומט צו פֿאָרן, איך װעל נאָך זײַן אין דער הײם... — ער קוקט בעשאַסמײַסע אױפֿן זײגערל, — פּונקט צװײ שאָ.

ער לײגט אַװעק דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל אױפֿן הײבער, עפֿנט אױף דאָס טישקעסטל און נעמט פֿון דאָרט אַרױס עטלעכע פֿאַרשריבענע בלעטלעך פּאַפּיר.

— װילסט הערן? — רופֿט ער זיך אָן צום װײַב. — כ'װעל דיר דורכלײענען אײניקע אױסצוגן פֿון מײַן אַרטיקל.

טשקאַלאָװ לײענט:

„...דער אָנהײב פֿון דער הײַנטצײַטיקער אַװיאַציע געהערט די ברידער רײַט. זײ האָבן די ערשטע ריכטיק געלײזט די פּראָבלעמען, װאָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט פֿליִען אױף אַפּאַראַטן, װעלכע זײַנען שװערער פֿון לופֿט. זאָל זײַן, אַז ס'איז געװען פּרימיטיװ, אַפֿילו טײלװײַז נאַיװ. זײ האָבן אָבער די ערשטע פֿאַרװירקלעכט דעם דאָזיקן דורעסדיקן טרױם פֿון דער מענטשהײַט".

טשקאלאָווווארפט א בליק אף דער פרוי, ער וויל זען, וויאזוי זי רעאגירט. איבערצײַגט זיך, אז זי הערט אים אופמערקזאם, זעצט ער פאָר: „דעם 17־טן דעקאבער איז געווען זייער ערשטער ארויספלי. ס׳האָט געמאכט אף דער וועלט אן אויסערגעוויינלעכן רושעם. נאָר ווי דאָס טרעפט אָפט מיט היסטאָרישע אנטדעקונגען אין דער וויסנשאפט, האָט די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט לויט אירע כײַישע געזעצן פארשוויגן די דאָזיקע וועלט־געשעעניש. די פארקויפטע קאפּיטאליסטישע פּרעסע האָט אָפּגעשאצט די גראנדיעזע געשעעניש, ווי א סאָכרישע רעקלאמע פון צוויי אמעריקאנער געשעפטס־לײַט...". „די דערפינדונג האָט לאנג און מיט גרויס מאטערניש געפּרוווט דורכהאקן די טויבע גלײַכגילטיקע וואנט, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט בענעגייע זייער דערפינדונג...". „די אנערקענונג איז געקומען פיל שפּעטער, ווען ביידע דערפינדער זײַנען שוין געווען אי פיזיש, אי מאָראליש אויסגעשעפּט. ווילבור רײַט איז געשטאָרבן אין 1912 יאָר. אָרוויל רײַט וווינט אין אמעריקע, אין דײַטאָן.

דאָס סאָוועטישע לאנד דערמאָנט מיט גרויסער פארערונג די צוויי אמעריקאנער דערפינדער — די פּיאָנערן פון דער אוויאציע...".

טשקאלאָוו רײַסט איבער דאָס לייענען. ס׳איז שטיל. מע הערט בלויז, ווי אין דעם קינדער־צימער שפּילן זיך לעראָטשקע מיט איגאָרן. וואלערי פּאוולאָוויטש פארייכערט, לאָזט ברייט ארויס דעם רויך. אָלגע עראזמאָוונע הערט זיך צו צום פריילעכן טומל פון די זיך שפּילנדיקע קינדער.

— איצט הער אויס, לעליק, וואָס איך שרײַב וועגן אונדזער אוויאציע.

ער לייענט מיט שטאָלץ:

— „די סאָוועטישע אוויאציע, וואָס איז א קינד פון אונדזערע פּינפּיאָרן, איז אויסגעוואקסן, קאָן מען זאָגן, אף א הוילן פּלאץ. איצט איז אונדזער אוויאציע די בעסטע אין דער וועלט. אף די סאָוועטישע זאוואָדן ווערן מיט די הענט פון די סאָוועטישע מענטשן געשאפן מעכטיקע שטאָלענע פייגלען"... — ער הייבט זיך אוף און בלײַבט שטיין אינעם צענטער פון קאבינעט און ניט פון פּאפּיר שוין, נאָר אף אויסווייניק, לויטן זיקאָרן, זעצט ער פאָר לייענען דאָס ארטיקל:

— „ניטאָ קיין בעסערע פליִער פון אונדזערע. די פּראָגרעסיווע מענטשהײַט פארנייגט דעם קאָפּ פאר די העלדנטאטן פון אונדזערע פליִער".

ער נעמט פון טיש א פארשריבן בלעטל.

— אָט וויאזוי איך פארענדיק דאָס ארטיקל.

באם צושויער שאפט זיך אן אײַנדרוק, ווי טשקאלאָוו זאָל שטיין אף א טריבונע און זען פאר זיך א פּילטויזנטיקע אאודיטאָריע. זײַן קאָל קלינגט הויך:

— „...מיט געזעצלעכן שטאָלץ פילן זיך אָן אונדזערע הערצער, די הערצער פון מיליאָנען ארבעטנדיקע, ווען מיר טראכטן וועגן דער רומפולער סאָוועטישער אוויאציע, וואָס טראָגט אף אירע פליגל שאָלעם, פרײַהײַט, קולטור און פּראָגרעס דער גאנצער מענטשהײַט"[1].

און שוין גאָר שטיל:

— „וו. טשקאלאָוו. 14 דעקאבער 1938 יאָר".

אָלגע עראזמאָוונע קוקט צערטלעך אפן מאן:

— טײַערער מײַנער וו. טשקאלאָוו, — און נאָך א קליינער פּאוזע, מיט א ליבן שמייכל אפן פּאָנעם, — לויט מײַן מיינונג זייער גוט אָנגעשריבן.

טשקאלאָוון ווערט דערפון ווארעם אף דער נעשאָמע. די אויגן שטראלן. ער זעצט זיך צו מיט אָלגען אפן דיוואן, נעמט זי פארליבט ארום און דריקט זי שטײַף צו צו זיך. אין דער אָנוואקסנדיקער שטילקײַט רײַסן זיך ווידער ארײַן די קינדערשע קעלעכלעך, זייער קלינגעוודיקער געלעכטער. וואלערי זיצט פארטראכט. אָלגעס קאָפּ ליגט אף זײַן ברייטן אקסל. אירע אויגן זײַנען צוגעשלאָסן. דאָס פּאָנעם דריקט אויס רו און גליק...

— יאָ, — רופט ער זיך אָן, — כ׳האָב פארגעסן דיר זאָגן, אז מאָרגן, אויב ס׳וועט זײַן א גינסטיקער וועטער, וועל איך צום ערשטן מאָל אופהייבן אין דער לופט א נײַע מאשין. — ארויסקוקנדיק אין פענצטער, זעצט ער טרוימעריש פאָר: — ביז סאָף יאָר מוז איך זי אויספּרוּוון ארום־און־ארום, און דערנאָך איבערגעבן מײַנע באפולמעכטיקײַטן אן אנדער פליִער. לויט דער באשטימונג פון פּאָליטביוראָ, ווי דו ווייסט, גיי איך איבער אף אן אנדער ארבעט. כ׳וועל זיצן אין קאבינעט...

— האָסט מוירע, אז דער קאבינעט קאָן זיך אָפּרופן אף דײַן כאראקטער, טײַערער מײַנער? וועלכע שטעלע זאָלסט ניט פארנעמען, וועסטו פארבלײַבן דער זעלבער וואָס געווען — א מענטש מיט אן אומרויִקן גײַסט...

— לעליוסיק, דו ווייסט אליין ניט, וואָס דו באדײַטסט פאר מיר. אלץ, וואָס כ׳האָב דערגרייכט, האָב איך דיך צו פארדאנקען. דו ביסט מײַן איבערגעגעבנסטער פרײַנט און געהילף. אלע מײַנע דערגרייכונגען, דערפאָלגן, באלוינונגען געהערן דיר... ווען איך בין אינדערלופטן,

[1] דאָס דאָזיקע ארטיקל איז געווען פארעפנטלעכט אין דער צײַטונג „פּראוודא" אין צוויי טעג ארום נאָך טשקאלאָווס אומקום. דעם 17 דעקאבער 1938 יאָר.

ביסטו די גאנצע צײַט געדאַנקלעך מיט מיר... כ'האָב וועגן דעם אַפילו געזאָגט אַף דער זיצונג פון פּאָליטביוראָ, בעשאַס מע האָט באַהאַנדלט די פּראַגע וועגן מײַן נײַער שטעלע...
פון פרייד און גליק שטייען בא אָלגען טרערן אין די אויגן. טשקאַלאָוו באַמערקט עס און קושט איר אויס די פאַרלאָפענע אויגן. דערנאָך גיט ער זיך א הייב אויף פון דיוואַן.
— מע דאַרף א קוק טאָן, וואָס טוען זיי דאָרט, אונדזערע שטיפער, וואָס זיי לאָזן זיך ניט הערן.
ביידע גייען אַרײַן אינעם קינדער־צימער. איגאָר וויגט דאָס בעטל, אין וועלכן סע שלאָפט געשמאַק לעראַטשקע. די עלטערן בלײַבן שטיין אַף דער שוועל, קוקן מיט ליבע אַף זייער עלפיאָריקן יינגל, דערנאָך גייען זיי אַריבער אינעם שכייניעסדיקן צימער.
— דו ווייסט, לעליק, וועגן וואָס איך טרוים? — טוט טשקאַלאָוו מיטאַמאָל צו איר א זאָג. — איך טרוים, אַז בא אונדז זאָלן זײַן א סאַך קינדער.
אָלגע ערזאַמאָונע שמייכלט פילדײַטיק.
— נו, כאַטש א זעקס קינדער, — נעמט ער זי אײַנריידן.
אָלגע קוקט אַרײַן דעם מאַן אין די אויגן מיט א בליק, וואָס באַטײַט... צי דען זעסטו גאָר ניט?
— טײַערער טרוימער מײַנער, — רופט זיך צו אים אָן אָלגע אין א ווײַלע אַרום, — מײַן ליבער וואַלערושקע. אינגיכן וועט בא אונדז זײַן א דריט קינד...
טשקאַלאָוו בלײַבט א רגע שטיין א דערשטוינטער. דערנאָך גיט ער א כאַפּ, ווי א דורער, אָלגען אַף די הענט, דרייט זיך אַזוי מיט איר אַרום דעם טיש און הערט ניט אויף זי צו קושן, פאַרכלינענדיק זיך פון גליק...

13

...אין אַפּיצערן־הויז פונעם זוויאַזדנעם שטעטל איז א פײַערלעכע זיצונג. דער זאַל איז איבערפולט מיט מענטשן. טיף אַף דער בינע, אין סאַמע צענטער, הענגט טשקאַלאָווס א גרויסער פּאָרטרעט. לינקס פונעם פּאָרטרעט איז אָנגעשריבן: 2 פעברואַר 1909 — 2 פעברואַר 1969.
אַף דער טריבונע שטייט יו. א. גאַגאַרין. ער זאָגט:
— הײַנט וואָלט דעם גרויסן פליִער פון אונדזער צײַט וואַלערי פּאַוולאָוויטש טשקאַלאָוון געוואָרן זעכציק יאָר. יעדער סאָוועטישער מענטש קען אים און האָט אים ליב, געדענקט זײַנע ווערטער און וויל זײַן ענלעך אַף אים. מיר, פליִער־קאָסמאָנאַווטן, האָבן א סאַך צו פאַרדאַנקען וואַלערי פּאַוולאָוויטשן. פּערזענלעך האָבן מיר אים ניט געקענט, אָבער מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר טשקאַלאָווצעס. וואַלערי פּאַוולאָוויטש איז אונדז געווען טײַער דערמיט, וואָס ער איז געווען א מוסטער פון איבערגעגעבנקייט דער פּאַרטיי, דעם לאַנד, א מוסטער פון העלדישקייט און געוואַגטקייט אין אויספאָרשן די אומבאַקאַנטע ראַיאָנען אַפן ערדקײַלעך. דער ערשטער אין דער וועלט אַריבערפלי דורכן צאָפן־פּאָליוס פון מאָסקווע קיין אַמעריקע, וועלכן ס'האָט פאַרווירקלעכט טשקאַלאָווס עקיפּאַזש, האָט באַוויזן, ווי־אַזוי שרעקלאַז מע דאַרף אַרײַנטרעטן אין קאַמף מיט דער נאַטור, פליִען אין אומבאַקאַנטע, ניט דערלערנטע נאָך ערטער, ניט געקוקט אַף דער געפאַר, וואָס סע דראָעט. פאַרן אַרויספלי אין קאָסמאָס האָבן מיר ניט איין מאָל דערמאָנט טשקאַלאָוון, געטראַכט, ווי־אַזוי וואָלט ער זיך אויפגעפירט אַף אונדזער אָרט. נאָך דעם, ווי גערמאַן טיטאָוו איז אָפּגעווען א מעסלעס אין קאָסמאָס, איז ער אוועקגעפאָרן קיין אָרענבורג, אַף דער וואָלגע, באַזוכט די ערטער, ווו ס'איז געבוירן און אויסגעוואַקסן דער גרויסער פליִער פון אונדזער צײַט, באַזוכט דאָס הויז, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מוזיי, דעם אַנגאַר, ווו עס ווערט פאַרהיט דער לעגענדאַרער „אַנט־25", וואָס איז אַריבערגעשפרונגען דעם שפּיץ פון דער פּלאַנעטע, און אין נאָמען פון אַלע קאָסמאָנאַווטן אויסגעדריקט זײַן באַגײַסטערונג.
די אַוויאַציע איז דאָס וויגעלע פון דער קאָסמאָנאַווטיק. די טראַדיציעס פון די פליִער באַרײַכערן און אַנטוויקלען די קאָסמאָנאַווטן. אין די ווײַטע קאָסמישע הייכן וועט אייביק לעבן דער נאָמען פונעם גרויסן פליִער פון אונדזער צײַט, פון וואַלערי פּאַוולאָוויטש טשקאַלאָוון.

14

דעם גאַנצן עקראַן פאַרנעמט אַן עקזעמפּליאַר פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" פאַרן 23 אָקטיאַבער 1974. מיט גרויסע קעפּלשריפט איז אָנגעשריבן „אַמעריקע געדענקט טשקאַלאָוון". דער אָביעקטיוו כאַפּט אַרויס פון וו. פּערסקאָווס און ב. סטרעלניקאָווס אַרטיקל פּאָלגנדן אויסצוג:
„וואַנקוווער און פּאָרטלענד האָט אונדז אײַנגעלאַדן צו זיך, מיר זאָלן קאָנען זיך איבערצײַגן, אַז מע געדענקט דאָ וואַלערי פּאַוולאָוויטשן און זײַנע כאַווײרים און מע וויל פאַרייביקן

זייער העלדישן פלוג. דער פּלאַן איז אַזאַ: „באַם טײַך קאָלומביִע, אין שכײנעס מיטן באַלעבטן שאָסיי, אַוועקשטעלן אַ מאָנומענט, געווידמעט די יונג־געשעענישן פון 1937 יאָר. „דאָס וועט זײַן אַן אויסדרוק פון פאַרערונג ניט בלויז די העלדן, נאָר אויך אַן אויסדרוק פון פרײַנטלעכער מיטאַרבעט פון די פעלקער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און סאָוועטנפאַרבאַנד. אין פּאָרטלענד און וואַנקוווער גאַרט מען זייער אַוועקשטעלן אַזאַ מאָנומענט. מיר בעטן אײַך דערציילן וועגן דעם די סאָוועטישע מענטשן”. דאָס זײַנען רייד ניט פון קיין אָפיציִעלער פּערזאָן, נאָר פון איינעם פון אונדזערע פילצאָליקע מיטשמועסער, אָבער עס שפּיגלט אָפּ די אַלגעמיינע שטימונג”.

בײַדוקאָווס מאָסקווער וווינונג. באַם שרײַבטיש זיצט דער באַלעבאָס. לעבן אים בעליאַקאָוו און טשקאַלאָווס זון — איגאָר. איגאָר וואַלעריאַנאָוויטש גיט איבער די פּאַפּירן, וועלכע ער האַלט אין דער האַנט, בעליאַקאָוון און בײַדוקאָוון, אָנרופנדיק זיך צו זיי:

— דאָס איז אַן אײַנלאַדונג פונעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט שטעלן אַ מאָנומענט, געווידמעט אײַער אַריבערפלי. און דאָס זײַנען די פּלענער פונעם מאָנומענט און פונעם אָרט, ווו ער וועט שטיין.

אַלע באַטראַכטן מיט אינטערעס די פּלענער. בײַדוקאָוו באַמערקט דערבײַ:

— די פּלענער פונעם מאָנומענט און פון דעם אָרט, ווו ער וועט שטיין, איז פאַרשטענדלעך אָן אַן איבערזעצונג. דער טעקסט פון דער אײַנלאַדונג... זי איז דאָך געשריבן אָף ענגליש...

— דעם טעקסט פון דער איבערזעצונג האָט מען אויך צוגעשיקט, — ענטפערט איגאָר, — כ'האָב מיט זיך אויך געבראַכט אין דער רוסישער איבערזעצונג דעם בריוו פון נאָרמאַן סמאָל, וואָס איז דער פּאָרזיצער פונעם קאָמיטעט, וועלכער פאַרנעמט זיך מיטן מאָנומענט.

איגאָר לייענט:

— געאַכטער הער בײַדוקאָוו! מיר האָבן די ערע און די פּריווילעגיע, אין נאָמען פונעם קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט דער פײַערונג, — 150 יאָר וואַנקוווער, — און אין נאָמען פון די אײַנוווינער פון דער שטאָט, אײַנלאַדן אײַך אָנטיילצונעמען אינעם צערעמאָניִאַל צו אַנטהילן דעם מאָנומענט, געווידמעט אײַך און אײַערע קאָלעגן, וואָס האָבן דערפאָלגרײַך פאַרווירקלעכט דעם ערשטן אַריבערפלי דורכן צאָפן־פּאָליוס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אײַער בײַטראָג אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַוויִאַציע, וואָס דינט דער דערנעענטערונג צווישן פעלקער, האָט אונדז אָנגערעגט אָף צו שאַפן דעם מאָנומענט. מיר גלייבן, אַז דאָס וועט העלפן פאַרשטאַרקן די פרײַנטשאַפט פון אונדזערע פעלקער. מיר האָפן, אַז איר וועט אָנטיילנעמען אַלס געהויבענע ערן־געסט אינעם צערעמאָניִאַל, וועלכער וועט פאָרקומען דעם 20 יונ 1975 יאָר אינעם פּירסאָן־אַעראָפּאָרט, וואַשינגטאָנער שטאַט.

געאָרגי פיליפּאָוויטש בײַדוקאָוו פרעגט איגאָרן:

— דאָס איז אַלץ?

— ניין, — ענטפערט איגאָר טשקאַלאָוו, — דאָ איז אויך געזאָגט, אַז זיי נעמען אָף זיך די הוצאָעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן אַריבערפליִען פון מאָסקווע קיין וואַנקוווער, סאַן־פראַנציסקאָ און צוריק אַהיים, און דאָס פאַרברענגען באַ זיי אין לאַנד. אינעם בריוו איז אויך געזאָגט, אַז אײַערע וואַנקוווער פרײַנט, וועלכע האָבן אײַך באַגעגנט אין 1937 יאָר, גרייטן זיך אײַך ווידער באַגעגענען.

— דאָס איז אינטערעסאַנט, — באַמערקט בעליאַקאָוו און ווענדט זיך צו איגאָרן:

— נו, און וואָס שרײַבן זיי דיר?

— דאָס זעלבע, וואָס אײַך און בײַדוקאָוון. ריידנדיק וועגן מײַן פאָטער, ווענדן זיי זיך אויך צו מיר מיט אַן ענלעכער אײַנלאַדונג.

— איז נעם אָן די אײַנלאַדונג. פאַר מיר מיט בײַדוקאָוון איז עס שוין צו שווערלעך. מיר זײַנען ניט אין דעם עלטער, אַז מיר זאָלן דורכמאַכן אַזאַ רײַזע, דערצו נאָך אין אַן אַמעריקאַנער רייסאָוון אַעראָפּלאַן. עס זײַנען דאָך דורך פון דעמלט, ווען מיר זײַנען געפלויגן, 38 יאָר, און געפלויגן זײַנען מיר דורכן צאָפן־פּאָליוס, מיטן סאַמע קירצסטן מאַרשרוט.

— ווי וואָלט געווען, — רופט זיך אופגעלעבט אָן בײַדוקאָוו, — אַז מיר זאָלן אויך איצטער אַ שפּרונג טאָן איבערן פּאָליוס אָף אונדזער רעאַקטיוון אַעראָפּלאַן „איל־62”? פאַרשטייט זיך, ניט ווי קיין פליִער, נאָר ווי פּאַסאַזשירן... מיט קאָמפאָרט און גיך. שטורמאַן, וואָס זאָגסטו עפּעס דערויף?

בעליאַקאָוו שמייכלט:

— מיר איז געפעלן די אידיי. דורכן צאָפן־פּאָליוס איז סאַכאַקל נײַן טויזנט קילאָמעטער, ניט 15, ווי איבערן אָקעאַן, און מע דאַרף אין ערגעץ ניט אַראָפּלאַנדערן. אָבער ווי פאַרווירקלעכט מען עס פּראַקטיש? — פאַרקלערט זיך בעליאַקאָוו.

— איגאָר, אַנו, נעם נאָר אַ בלעטל פּאַפּיר, — זאָגט בײַדוקאָוו. קענטיק, אַז באַ אים איז אופגעקומען אַ גרייטער פּלאַן. — לאָמיר זיך ווענדן מיט אַ בריוו צו אונדזער רעגירונג, אַז מיר ווילן דורכמאַכן דעם זעלבן מאַרשרוט, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט מיט וואַלערי טשקאַ־

לאָוון מיט 38 יאָר צוריק... ניין, ניט אַף קיין אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַן „באָינג" וועלן מיר אַהין פֿליִען...

אַפֿן עקראַן גייען דורך קאַדרען פֿונעם דאָקומענטאַלן פֿילם „דער אַריבערפֿלי, וואָס איז געוואָרן אַ לעגענדע", וועלכן עס האָט אַרויסגעלאָזט די צענטראַלע סטודיע פֿון קינאָפֿילמען אין 1975 יאָר.

15

דער באָרט פֿונעם אַעראָפּלאַן „איל־62". ביידוקאָוו אין דער אַרומרינגלונג פֿון קאָרעספּאָנ־דענטן פֿון צייטונגען, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, מיטאַרבעטער פֿון אַעראָפֿלאָט, פֿליִער. אַלע הערן זיין דערציילונג וועגן דעם אַריבערפֿלי איבערן צאָפֿן־פּאָליוס אין 1937 יאָר. אַף יענער זייט פֿענצטער פֿונעם סאַלאָן זעען זיך בוילעט די אייזבערג פֿונעם צאָפֿנדיקן אייז־אָקעאַן.

די ראַדיאָ אין סאַלאָן מעלדעט:

— אַכטונג! אַכטונג! כאַשעווע פּאַסאַזשירן, עס קומט אָן אַ באַדייטנדיקער מאָמענט. אונדזער אַעראָפּלאַן דערנעענטערט זיך צום פּאָליוס. מיר בעטן אַלעמען אַריבערגיין אינעם גרויסן סאַלאָן.

אַלע לאָזן זיך אַהין. פֿאָרויס גייען ביידוקאָוו, בעליאַקאָוו און איגאָר טשקאַלאָוו. צוזאַמען מיט זיי גייען דריי אַמעריקאַנער מיליטערישע פֿליִער. אין סאַלאָן באַגעגנט זיי דער אָנפֿירער פֿונעם אַריבערפֿלי וויטקאָווסקי און אַנדערע אָנגעזעענע טוער פֿון אַעראָפֿלאָט. די סטיוּאַרדעסעס האָבן צוגעגרייט פֿלעשער שאַמפּאַניער און באָקאַלן, וועלכע שטייען אַף באַוואַלעכע טישלעך אינעם דורכגאַנג צווישן די פֿאָטעלן.

ווידער דערהערט זיך אַ שטים פֿון דער ראַדיאָ:

— אַכטונג! טייערע כאַווירים, איצט אין לויט דער מאָסקווער צייט דרייצן אַזייגער מיט עלף מינוט, 18 יוני 1975 יאָר! אונדזער אַעראָפּלאַן געפֿינט זיך אַף דעם געאָגראַפֿישן פּונקט פֿונעם צאָפֿנדיקן פּאָליוס.

עס דערהערט זיך אַ פֿריילעכער געשריי פֿון די ביוועזנדע: הוראַ!! מיט אַ הילכיקער שיי־סערײַ פֿליִען אַרויס די קאָרקעס פֿון די פֿלעשער שאַמפּאַניער. די סטיוּאַרדעסעס טראָגן פֿאָ־נאַנדער די אָנגעפֿילטע באָקאַלן.

וויטקאָווסקי ווענדט זיך צו ביידוקאָוון און בעליאַקאָוון:

— אַזוי ווי אַלע, אויסער אייך, געאָרגי פֿיליפּאָוויטש און אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש, פֿליִען צום ערשטן מאָל אין לעבן איבער דעם צאָפֿן־פּאָליוס, דעריבער בעטן מיר אייך, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, זאָגן עטלעכע ווערטער...

ביידוקאָוו ווייזט אָן אַף בעליאַקאָוון:

— דאָס ערשטע וואָרט געהערט דעם נעסטאָר.

בעליאַקאָווס רירנדיק וואָרט טראַנסלירט די באָרטאָווע ראַדיאָ:

— כאַשעווער כאַווער וויטקאָווסקי, אָנפֿירער פֿון אונדזער אַריבערפֿלי, כאַשעווע מיטגלי־דער פֿונעם עקיפּאַזש, טייערע סאָוועטישע כאַווירים און אַמעריקאַנער פֿריינט יאַראָסלאַוו קאָסטעל, דזשים בערקי און דאַקאַל קירבאַ — פֿליִער פֿון די אַמעריקאַנער מיליטערישע לופֿט־קויכעס, וועלכע באַגלייטן אונדז אינעם דאָזיקן, אין אַ געוויסן זין, אויך היסטאָרישן פֿלוג לויט וואַלערי טשקאַלאָווס מאַרשרוט! איך בין שוין אַן עלטערער מאַן און לעב איבער.

מיר לעבן דאָך הײַנט איבער מיט ביידוקאָוון אונדזער צווייטע יוגנט. פּונקט מיט 38 יאָר צו־ריק, איינגאַנצן באַ אַנדערע אומשטענדן, אַף אַן איינמאָטאָרנעם אַעראָפּלאַן, האָבן מיר אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אונדזער קאָמאַנדיר וואַלערי פּאַוולאָוויטש טשקאַלאָוון דורכגעמאַכט דעם ערשטן אַריבערפֿלי דורכן צאָפֿן־פּאָליוס פֿון מאָסקווע קיין אַמעריקע. מיר זײַנען געווען שטאָלץ, וואָס מיר האָבן אויסגעפֿילט די שליכעס פֿון אונדזער לאַנד, באַוויזן דער גאַנצער וועלט, אַף וואָס עס איז פֿייִק אונדזער דעמלט נאָך גאָר יונגע סאָציאַליסטישע מעלוכע. דערלויבט אונדז, צוויי עלטערע לײַט, באַגריסן אַלע אייך, וועלכע פֿליִען צום ערשטן מאָל אין לעבן אַריבער דעם צאָפֿן־אָקעאַן, דעם צאָפֿן־פּאָליוס. מיר זײַנען שטאָלץ און גליקלעך, וואָס דער יונגער דאָר פֿליִער מאַכן הײַנט דורך טשקאַלאָווס מאַרשרוט.

אַלע אַפּלאָדירן, באַגריסן הייס ביידוקאָוון און בעליאַקאָוון. עס קלינגען די קרישטאָלענע באָקאַלן מיט שאַמפּאַניער.

איגאָר טשקאַלאָוו פֿאַרלאָזט דעם סאַלאָן און גייט צו צו דער קאַבינע פֿון די פּילאָטן. ער בלייבט שטיין באַ דער טיר, וועלכע איז עטוואָס אָפֿן, קוקט אַף די פּילאָטן, וואָס זיצן צו אים מיט דער פּלייצע און באַמערקן אים ניט.

פּאָר איגאָרס אויגן שווימט מיטאַמאָל אַרויס די קאַבינע פֿונעם אַעראָפּלאַן „אַנט־25". באַם שטורוואַל זיצט זײַן פֿאָטער. ער דרייט אויס דעם קאָפּ און קוקט זיך אײַן אין זײַן דערוואַק־

סענעם זון. אַף וואָלערי טשקאַלאָוס מידן ניט געגאַלטן געזיכט באַוויזט זיך אַ ליבלעכער שמייכל. איגאָרס ברייט צעעפנטע אויגן קוקן אינעם טאַטנס. איגאָרס אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן.

איגאָר דערפילט אַף זײַן אַקסל בײַדוקאָוס פעסטע האַנט. ער ציטערט אויף, קערט זיך אָפּ מיטן פּנים צו דער וואַנט, באַפרײַענדיק דעם אַרײַנגאַנג אין דער קאַבינע פון די פּילאָטן. בײַדוקאָוו נעמט אַראָפּ די האַנט פון איגאָרס אַקסל און פרעגט אים שטיל:

— וואָס איז מיט דיר?

איגאָר דרייט זיך פּאַמעלעך אויס מיטן פּנים צו בײַדוקאָוון. איגאָרס אויגן זײַנען פאַרוויינט. בײַדוקאָוו קוקט אַף אים פאַרשטוינט.

— דער טאַטע!.. דער טאַטע האָט געדאַרפט דאָ הײַנט זײַן און ניט איך, — ברענגט איגאָר אַרויס מיט אַ פאַרשטיקט קול.

בײַדוקאָוו ענטפערט אים פּאַטערלעך:

— אַנטשולדיק מיר, איגאַריאַק, וואָס כ׳האָב זיך גלײַך ניט אָנגעשטויסן, — ער נעמט אים אַרום. — קום צו די פּילאָטן, מירן פון דאָרט אַ קוק טאָן אַף אַליאַסקע, אַ קוק טאָן אַף איר פּרעכטיקער שיינקייט פון אַ הויך, וואָס האַלט עלף טויזנט מעטער. מיר מיט דײַן טאַטן האָבן דעמלט, אויסער דורכויסיקע ציקלאָנען, מער גאָרנישט ניט געזען, ווײַל מער ווי אַף זעקס טויזנט מעטער האָבן מיר אַף אונדזער „אַנט־25" זיך ניט געקאָנט אופהייבן.

איגאָר פאַרלעשט דעם סיגאַרעט און גייט אַרײַן צוזאַמען מיט בײַדוקאָוון אין קאַבינע צו די פּילאָטן...

16

די קאַבינע פון די פּילאָטן. דער ראַדיסט קלאַטשקאָ באַפרײַט דעם רעכטן אויער פונעם הער־טרײַבל און זאָגט הויך:

— כּאָווײַרים, די קאָסמאָנאַווטן קלימוק און סעוואַסטיאַנאָוו גיבן איבער פונעם „סאַליוט־4", אַז זיי באַגריסן בײַדוקאָוון און בעליאַקאָוון מיטן אַריבערפלי׳ען דעם צאָפן־פּאָליוס און ווידער דורכמאַכן דעם מאַרשרוט פון טשקאַלאָוון, ווען זיי האַלטן פאַר זייער לערער און ווינטשן די העלדישע פלי׳ער געזונט און גליק.

בײַדוקאָוו ווענדט זיך צום ראַדיסט:

— גיט איבער קלימוקן און סעוואַסטיאַנאָוון אונדזער טיפן דאַנק. מיר ווינטשן זיי דער־פּאָלג, זיך אומקערן בעשאָלעם פונעם קאָסמאָס אַף דער לײַבלעכער ערד.

אין קאַבינע קומט אַרײַן דער אַמעריקאַנער ראַדיסט דאַקאָל קירבאַ און זעצט זיך צו לעבן קלאַטשקאָ.

— ווי גייען די געשעפטן, וואַניע? — פרעגט אים דער אַמעריקאַנער.

קלאַטשקאָ ענטפערט אַף ענגליש:

— מיר דערנעענטערן זיך צו דעם קאַפּ באַראָו. באַלד וועלן מיר זיך פאַרבינדן מיטן דורכגאַנגס־קאָרידאָר איבער אַליאַסקע.

קירבאַ האָט אויסגעשרי׳ען:

— וואָס פאַר אַ קאָרידאָרן! אַ סאָוועטישער אַעראָפּלאַן מיט אַזעלכע פּאַסאַזשירן דאַרפן זיך ניט אָנפרעגן וועגן קיינע שום קאָרידאָרן. פליט גלײַך.

דאָקומענטאַלע קאַדרען פונעם פילם „דער אַריבערפלי, וואָס איז געוואָרן אַ לעגענדע". עס ווערן באַוויזן בילדער, ווי אַזוי דער רעאַקטיווער אַעראָפּלאַן דערנעענטערט זיך און ליינדערט אַראָפּ אַפן סיִעטלער אַעראָדראָם. די קינאָ־קאַדרען ווערן געגעבן אין דער באַגלייטונג פון אַ דיקטאָרישן טעקסט.

נאָכדעם ווערט באַוויזן דאָס באַזוכן פון די געסט דעם זאַוואָד פון דער פירמע „באָינג"; דאָס אַריבערפלי׳ען פונעם קליינעם אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַן „טורבאַ קאָמאַנדאַ־690", פונעם זאַוואָדישן אַעראָדראָם קיין וואַנקוווער און די באַגעגעניש אַפן זעלבן אַעראָדראָם „פּירסאָן־פעלד".

די פּאַנאָראַמע פונעם אַעראָדראָם „פּירסאָן־פעלד" אין וואַנקוווער. אַ האַמוין מענטשן און אָן אַ שיר אויטאָמאָבילן.

פונעם קליינעם אַעראָפּלאַן גייען אַרויס בײַדוקאָוו, בעליאַקאָוו און איגאָר טשקאַלאָוו. אַ מיידל אַמעריקאַנער מיידל טראָגט זיי אונטער בוקעטן טונקל־רויטע פּאַרטלענדער רויזן.

דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט אויפקשטעלן דעם מאָנומענט, נאָרמאַן סמאָל ווענדט זיך צו די געסט:

— אונדז פרייט, וואָס מיר קאָנען באַגריסן די טײַערע געאָרגי בײַדוקאָוון, אַלעקסאַנדער בעליאַקאָוון און דעם זון פונעם קאָמאַנדיר, איגאָר טשקאַלאָוון אַף דעם זעלבן אַעראָדראָם

„פירסאָן־פעלד", אַף וועלכן ס'האָט געהאַט אַראָפּגעלינדערט דער אַעראָפּלאַן „אַנט־25" נאָך זײַן היסטאָרישן אַריבערפלי־ען איבערן צאָפן־פּאָליוס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קיין אַמעריקע.

עס ברעכן אויס שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. נאַרמאַן סמאָל זעצט פאָר:

— מיר איז ביז גאָר אָנגענעם פאָרשטעלן אײַך די, וועלכע האָבן אײַך דאָ באַגעגנט דעם 20 יון 1937 יאָר. איך בין זיכער, אַז כאָטש ס'איז שוין פון דעמלט דורך באַ 40 יאָר, דאָך וועט איר דערקענען איינע די אַנדערע.

פונעם גרויסן אוילעם, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם אַעראָפּלאַן, טיילן זיך אָפּ עטלעכע מענטשן און שפּיץ מיט אַ קליינוווקסיקן געזעצטן מאַנצבל. זײַן פּאָנעם שײַנט.

— דאָס איז דאָך דאַני גרעקאָ! — שרײַט אויס בײַדוקאָוו, לאָזנדיק זיך גיין אים אַנטקעגן, — דאָס איז דאָך דער אוויאַ־מעכאַניקער, וועלכער האָט פאַנאַנדערגענומען אַף טיילן אונדזער „אַנט־25", קעדיי אָפּשיקן אים פונדאַנען אַף דער ניו־יאָרקער אויסשטעלונג! — דערקלערט בײַדוקאָוו דעם דערבײַשטייענדיקן אוילעם.

באַ גרעקאָן אין די הענט איז אַן אָפּדרייער. ער באַוויַזט עס בײַדוקאָוון:

— די דאָזיקע אָטווערטקע האָט מיר געשענקט וואַלערי פּאַוולאָוויטש. איך היט זי, ווי די סאַמע טײַערסטע רעליקוויע. — אין די אויגן באַ אים שטייען טרערן. ער נעמט זיך ווארעם אַרום מיט בײַדוקאָוון, זיי צעקושן זיך, דאָס זעלבע אויך מיט בעליאַקאָוון.

נאַרמאַן סמאָל רופט אָן אויך אַנדערע נעמען:

— דאָס זײַנען ראַלף ווינסענט און דזשעסי סיל, וועלכע האָבן די ערשטע אײַך פּאָטאָגראַפירט. זייערע קינאָדאָקומענטאַלע בילדער וועגן אײַך האָט געזען די גאַנצע וועלט.

די פּאָטאָגראַפן האַלטן אין די הענט די בילדער און צײַטונגען פון יענע יאָרן.

— מיר דערקענען! דערקענען! — רופן אויס אין איין קאָל בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו.

— און דאָס איז ראָבערט לאָו, — זעצט פאָר נאַרמאַן סמאָל.

ראָבערט לאָו האַלט אין די הענט אַ פּעקל גאַלעטן אין אַ ספּעציעלער פאַרפּאַקונג. בײַדוקאָוו קוקט אויספאָרשעריש אַף ראָבערטן און שרײַט פריילעך אויס:

— אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, זײַט איר דער מעכאַניקער פונעם אַעראָדראָם, וועמען איך האָב דעמלט געשענקט די דאָזיקע גאַלעטן פון אונדזער אוואַרײַנער שפּײַז.

מע נעמט זיך פריידיק אַרום. באַ פיל פון די בײַוועזנדע שטייען טרערן אין די אויגן.

— אונדז פרייט דאָ הײַנט צו זען דעם זון פון אײַער קאָמאַנדיר, איגאָרן, — ברענגט אַרויס מיט אַ ציטעריקער שטים דאַני גרעקאָ, — ער איז זייער ענלעך אַף זײַן פּאָטער.

נאַרמאַן סמאָל שטעלט פאָר פאַר די געסט די איניציאַטאָרס און מיטגלידער פונעם קאָמיטעט:

— פּיטער בעלאָוו, ריטשאַרד באָון. פּיטער איז אַן אַמעריקאַנער בירגער, אָבער אַ רוסישער מענטש, און ער וועט אײַך דערציילן די געשיכטע, וויאַזוי ס'איז געשאַפן געוואָרן דער קאָמיטעט און דער מאָנומענט.

פּיטער רעדט אַף רוסיש.

— רופט מיך פּאָשעט פּעטיע. מײַן פולער נאָמען און פּאָטערנאָמען איז: פּיאָטער סערגייעוויטש. דער זיידע מײַנער איז אַריבערגעפאָרן אַהער, קיין אַמעריקע, בייסן בירגערקריג, ווען אין וולאַדיוואָסטאָק זײַנען אַרײַן די יאַפּאַנער.

בעלאָוו ווענדט זיך צו סמאָלן:

— נאַרמאַן, דערלויב מיר פאָרשטעלן די איבעריקע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט.

סמאָל גיט באַוויליקט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. בעלאָוו רופט זיך אָן:

— צווייטער פאָרזיצער פון אונדזער קאָמיטעט איז אַלאַן קאָועל. מיטגלידער: פּרעד נעט, סטיוו סמאָל...

בעליאַקאָוו האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר בעלאָוו איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— ניין, ניין, ער קערט זיך ניט אָן מיט נאַרמאַן סמאָל. באַ זיי זײַנען פּאָשעט אַלצייגע פאַמיליע־נעמען. מיטגלידער פונעם קאָמיטעט זײַנען אויך — דער מער פון דער שטאָט וואַנקוווער דזשיימס גאַלאַכער, דער אײַך גוט באַקאַנטער פון יענער ווײַטער צײַט דאַני גרעקאָ... מע דריקט פרײַנטלעך אייבער דעם אַנדערן די הענט.

עס נעמט אַ וואָרט דאַני גרעקאָ:

— איך בעט אַלעמען אַריבערגיין אָן אַהינצו, ווו ס'איז געשטאַנען דער אַראָפּגעלינדערטער אַעראָפּלאַן „אַנט־25" נאָך זײַן אַראָפּלינדערן.

בײַדוקאָוו, בעליאַקאָוו און איגאָר, אין דער אַרומרינגלונג פון פיל מענטשן, לאָזן זיך גיין לענגויס דעם גרינעם פעלד פון דעם אַעראָדראָם.

דאָקומענטאַלע קאַדרען פונעם פילם „דער אַריבערפלי, וואָס איז געוואָרן אַ לעגענדע".

עס ווערט באַוויזן דער צערעמאָניאַל באַם אָנרופן איינע פון די וואַנקווערער גאַסן אָפּן נאָמען פון טשקאַלאָוון. דאָס באַזוכן פון די געהויבענע געסט די ווינונג פונעם גענעראַל מאַרשאַל. מאַרשאַלס הויז. פונעם באַלקאָן טרעט אַרויס מיט אַ רעדע טשקאַלאָוו:

— פאַראַן אַ טײַך קאָלומביע און אַ טײַך וואָלגע, וועלכע געפינען זיך אַף פאַרשיידענע קאָנטינענטן, האָבן אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער. זייערע ברעגן רינגלען אַרום פאַרשיידענע

בערג און טאָלן, אָבער זיי פּליסן אַף איינער און דער זעלבער פּלאַנעטע, ניט שטערנדיק איי־נער דעם צווייטן. אין גרונט זײַנען זיי עלעמענטן פון איינעם און דעם זעלבן וועלט־אָקעאַן. אַזוי זײַנען אויך די פעלקער. די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אַמעריקע דאַרפן לעבן אַף איין ערדקײַלעך און באַשײַנען מיט זייער פרידלעכער בעשוטפעסדיקער אַרבעט דעם לעבנס־אָקעאַן פון דער מענטשהײַט.

דאָקומענטאַלע קאַדרען פונעם טעלעוויזיע־פילם. מע דריקט זיך פרײַנטלעך די הענט. די צערעמאָניע פון אַנטהילן דעם מאָנומענט לעקאָוועד דעם פלוג פון די סאָוועטישע פּילאָטן. בײַדוקאָוו, דאָבריינינס, נאָרמאַן סמאָלס, דזשעמס גאַלאַכערס, דאַניעל וואַנס אַרויסטרעטונ־גען...

17

א גרויסער זאַל. אַף די סערווירטע טישן מיט פּאַרשיידענע אַמעריקאַנער צובײַסנס שטייען פלעשער רוסישער בראַנפן „אָסאָבאַיאַ" און סאָוועטישע שאַמפּאַניער, וועלכע מע האָט געקרוינט מיטן נאָמען: „צו געזונט". די פאַרזאַמלטע געסט שטייען אין רעדלעך. דאָס גרעסטע רעדל מענטשן האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום בײַדוקאָוון און בעליאַקאָוון. לענגויס די פענצטער, אין וועלכע עס קוקט אַרײַן דער טײַך קאָלומביע, שפּאַצירן זיך דורך עטלעכע גרופּקעס מענטשן. צווישן די אַרומשפּאַצירנדיקע, אין דער אַרומרינגלונג פון פּיטער בעלאָוון, אַלאַן קאָוועלן און אַנדערע אַמעריקאַנער, געפינט זיך איגאָר. אַלאַן קאָוועל רופט זיך אָן צו איגאָרן:

— אונדזערע עלטערן דערציילן, ווי טרעפלעך אײַער פאָטער האָט דאָ געריידט וועגן דער וואָלגע און קאָלומביע. — ער ווײַזט אָן מיט דער האַנט אַפן טײַך, וואָס זעט זיך אין פענצטער, און זעצט פאָר: — ווען אײַער פאָטער איז געקומען אַהער צו פליִען, איז מיר געגאַנגען דאָס אַנדערע יאָר. ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָט מיר דער טאַטע מײַנער דערציילט...

אַפן עקראַן פון יענער ווײַטער צײַט — טשקאַלאָוו, בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו שפּאַצירן איבער די גאַסן פון פּאָרטלענד. טשקאַלאָוו באַמערקט אײנעם האַמוין, וועלכער שטייט לענגויס דער גאַס, א הויכן מאַנצבל מיט א קליינינק ייִנגעלע אַפן אַקסל. ער גייט צו זיי צו צוזאַמען מיטן איבערזעצער, שטרעקט אויס דעם ייִנגעלע די האַנט. דאָס קינד לייגט זיכער אַרײַן זײַן הענטעלע אין טשקאַלאָווס ברייטער האַנט.

— זײַ געגריסט, קליינינקער... — טשקאַלאָוו גיט אים לײַכט א דריק דאָס הענטל. — ווי רופט מען דיך?

דער פאָטער פונעם קינד ענטפערט שמעוודיק:

— אַלאַן קאָועל... אַאוו.

...איגאָר שרײַט פריידיק אויס:

— דאָס זײַנט איר, הייסט עס, געוועזן? איך דערמאָן זיך. דער פאָטער מײַנער האָט מיר דערציילט וועגן דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער באַגעגעניש. איצט קאָן מען זאָגן אַף זיכער, אַז אײַך האָט געגליקט אין לעבן.

אַלע לאַכן. איגאָר און אַלאַן דריקן איינער דעם אַנדערן די הענט.

אַלאַן ווענדט זיך צו איגאָרן:

— די וואַרעמע געפילן, וועלכע אונדזערע עלטערן האָבן פאַרהיט צו אײַער פאָטער און צו זײַנע צוויי כאַווירים, צו אײַער לאַנד, האָבן זיי איבערגעגעבן אונדז, און מיר גיבן עס איבער אונדזערע קינדער.

נאָך א קורצער פּאַוזע:

— איר זײַנט נעכטן געווען פּולקאָם געראַכט, בײַס איר האָט געזאָגט, באַם צווייגענען באַ אונדז דאָ, אין וואַנקוווער, איינע פון די גאַסן נאָמען פון אײַער פאָטער, אַז מיטן אָפּגעבן קאָוועד טשקאַלאָוון, דריקן אויס די פּראָסטע אַמעריקאַנער מענטשן זייערע האַרציקע געפילן צום סאָוועטישן פאָלק, וועלכער וויל לעבן אין פרידן און פרײַנטשאַפט מיט אונדזער פאָלק.

אַלע באַגיטיקן קאָועלס רייד. עס הערן זיך שטימען: „יאָ, יאָ... ריכטיק!"

אַלאַן קאָועל זעצט פאָר:

— אַלס איינער פון די אָנפירער פונעם קאָמיטעט, וואָס האָט צוגעגרייט דעם מאָנומענט, וועלכן מיר האָבן הײַנט געשטעלט, קאָן איך אײַך פאַרזיכערן, איגאָר, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וויל אויך שאָלעם, עס וויל לעבן אין פרײַנטשאַפט מיט אײַער פאָלק און אין דער דאָ־זיקער ריכטונג פירן מיר אונדזער אַרבעט.

— טײַערע פרײַנט, — ווענדט זיך איגאָר צו די בײַוועזנדע, — ס'איז זייער וויכטיק, וואָס אונדזער דאָר, ווי אויך דער ייִנגערער דאָר, האָבן איבערגענומען די עסטאַפעטע פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבן געזאָרגט וועגן דערנעענטערן אונדזערע צוויי גרויסע פעלקער.

איבערן זאַל, אין דער אַרומרינגלונג פון עטלעכע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט, גייען בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו. באַנאַנד מיט זיי גייט אַ הויכער, דאַרלעכער מאַנצבל מיט אַן אַקוראַט אַרומגעשוירן בערדל. זיי ריידן וועגן עפּעס זייער אויפגעלעבט. דער אַמעריקאַנער רעדט אויף רוסיש. בײַ אַלעמען אין די הענט זײַנען באָקאַלן מיט ווײַן. פּיטער בעלאָוו רופט זיך אָן שטיל, שיִער ניט אַרײַנשעפּטשענדיק איגאָרן אין אויער:

— דאָס איז סאָל פּאָלאַנסקי, איינער פון די אָנפירער פונעם רוסישן אָפּטייל אינעם מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט.

— מיך האָט מען שוין מיט אים באַקאַנט, — ענטפערט איגאָר.

בײַדוקאָוו גייט צו צו דער גרופּע, וואָס האָט אַרומגערינגלט איגאָר טשקאַלאָוון, און ווענדט זיך צו איר:

— פּרײַנט! איך זע דאָ פּראַקטיש אַלע מיטגלידער פונעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט שאַפן דעם מאָנומענט לעקאָוועד דעם אַריבערפלי פון די סאָוועטישע פּילאָטן. דערלויבט זשע מיר אין נאָמען פון בעליאַקאָוון, איגאָר טשקאַלאָוון און אויך פון מיר זעלבסט אויפהייבן דעם באָקאַל פאַר אײַער טעטיקײַט. מיר מיט בעליאַקאָוון זײַנען עלטערע מענטשן. אונדז איז באַזונדערס אָנגענעם צו וויסן, אַז די זוימען פון פרײַנטשאַפט, וואָס אונדזער עקיפּאַזש האָט דאָ פאַרזייט, גיבן אַ גוטע געדעטעניש.

אַלע אַפּלאָדירן הייס. דער אָוילעם שמועסט זיך דורך צווישן זיך. צו איגאָר טשקאַלאָוון גייט צו סאָל פּאָלאַנסקי און פרעגט:

— איר זײַנט דאָך ניט דאָס ערשטע מאָל אין אַמעריקע...

איגאָר קוקט אויף אים פאַרוווּנדערט:

— ניין, מיסטער פּאָלאַנסקי, איך בין דאָ צום ערשטן מאָל.

— אינטערעסאַנט... — ברענגט פילדײַטיק אַרויס פּאָלאַנסקי. — איך לייקן ניט, אַז איך פּאָלג די גאַנצע צײַט נאָך אײַך נאָך... האַלטן זיך אַזוי פרײַ קאָן בלויז דער, וועלכער איז ניט איין מאָל געווען אין אַמעריקע און קאָן גוט אונדזערע געוווינהײַטן און מינהאָגים.

איגאָר קוקט אויף אים:

— איר זאָגט עס מיר, ווי אַ פאָרשטייער פון מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט, צי...

— וואָס רעדט איר, מײַן טײַערער איגאָר! — שלאָגט אים פּאָלאַנסקי האַסטיק איבער, — מיר האָט זיך פּאָשעט געוואָלט וויסן אײַער מיינונג וועגן אַמעריקע...

— מיר זײַנען דאָ, ווי איר ווייסט, ערשט דעם דריטן טאָג, און ס'איז מיר שווער צו געבן אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער אויף אײַער פראַגע, מיסטער פּאָלאַנסקי. — איגאָר וואַרפט אויף אים אַ פּיל ווייכערן בליק און זעצט פאָר מער ליבלעך: — איך קאָן אײַך זאָגן בלויז איינס, מיסטער סאָל, — איר דערלויבט מיר אײַך אַזוי רופן? — מיר זײַנען דאָך מיט אײַך אין איינע יאָרן.

— נו, פאַרשטייט זיך, — רופט זיך אָן פּאָלאַנסקי, — מיר וועט עס אַפילע זײַן זייער אָנגענעם.

— איר האָט נאָרוואָס געזאָגט, מיסטער סאָל, אַז מע דאַרף קענען די מינהאָגים און געוווינהײַטן פון אײַער פאָלק. איז אָט. בײַ מיר האָט זיך געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז צווישן די רוסישע און אַמעריקאַנער מענטשן איז פאַראַן פיל אַלגעמיינס. אונדזערע פעלקער האָבן ענלעכע מינהאָגים. מע איז אַפילע אויסערלעך ענלעך צווישן זיך. עמעס, איך זאָג עס בלויז וועגן די צאָפן־מײַרעוודיקע אַמעריקאַנער, ווײַל קיין אַנדערע קאָן איך נאָך ניט דערווײַל. אײַערע מענטשן האָבן ליב אויפריכטיקײַט, זיי האָבן ליב פרײַנטשאַפט. זיי זײַנען, ווי מיר, רוסישע, זייער גאַסטפרײַנטלעכע. דאָס זאָג איך אַלץ בענעגייע דעם פּאָשעטן פאָלק... וואָס שײַעך מענטשן פון דער הויכער ספערע... — איגאָר שמייכלט. פּאָלאַנסקי ענטפערט אים מיטן זעלבן אָפענעם פילזאָגנדיקן שמייכל.

— נעכטן, ווען כ'האָב לויט אײַער אויסוואַל געהאַט די ערע צווייגענען איינע פון אײַערע גאַסן דעם נאָמען פון מײַן פאָטער, האָב איך אַנטדעקט נאָך איינעם אַן ענלעכן מינהעג. די קינדער האָבן אונטערגעטראָגן בײַדוקאָוון, בעליאַקאָוון און מיר וווּנדערלעכע בוקעטן פעלדבלומען, ראָמאַשקעס, גלעקעלעך און אַנדערע, פּונקט אַזעלכע בלומען ווי בײַ אונדז. צוזאַמען מיט די בוקעטן האָבן זיי אונדז אַרײַנגעלייגט אין דער האַנט קליינינקע מאָנעטעס — אַמעריקאַנער צענטן. פון אָנפאַנג האָב איך זיך געפילט דערפון ניט באַקוועם. כ'האָב זיך איבערגעקוקט מיט בײַדוקאָוון און בעליאַקאָוון, זיי האָט עס אויך פאַרוווּנדערט. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: מע קויפט אונדז אונטער, — פּאָלאַנסקי פאַרגייט זיך פון געלעכטער. — ווען כ'האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, וואָס באַטײַט עס, האָב איך אויך געלאַכט, ווי איר, מיסטער סאָל. לאָזט זיך אויס, אַז אײַערע אַמעריקאַנער שענקען צענטן בלויז יענע געסט, וועלכע זײַנען זיי באַזונדערס געפעלן און פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן ווידער קומען. בײַ אונדז איז אויך אַן ערעך דאָס זעלבע: מיר וואַרפן מאָנעטעס אין יאַם, צי אין אַנדערע ערטער, וועלכע זײַנען אונדז געפעלן און ווהין מיר ווילן זיך ווידער אומקערן, נאָכאַמאָל דאָרטן זײַן.

— איר האָט ניט פאַרגרייט צופעליק קיין מאָנעטע? — פרעגט מיט אַ כיטרען בליק אין די אויגן פּאָלאַנסקי.

— פאַרגרייט, — ענטפערט, שמייכלענדיק, מיט זײַן באַסאָווער שטים, איגאָר.

בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו, שטייענדיק אַלץ נאָך צווישן די מיטגלידער פון קאָמיטעט, שמועסן זיך מיט זיי וועגן עפּעס דורך. עס גייען נאָכאַנאַנד צו זיי צו מענער און פרויען. אַלע פּלײַסן זיך אַרויסװײַזן די געסט זייערע וואַרעמע געפילן. מע טרינקט פאַר זייער געזונט.

פּאָלאַנסקי נעמט אָן איגאָרן אונטער דער האַנט, גייט צו מיט אים צום פענצטער. סאָל קוקט פאַרטראַכט אַפן רויקן אויבערפלאַך פונעם טײַך, פירט נאָכדעם איבער זײַן בליק אויף איגאָרן און זאָגט טרויעריש:

— איך ווייס ניט, ווען וועט עס געשען. מעגלעך אין אוועלכע צען, פופצן יאָר אַרום, און עפּשער שפּעטער, ווען מיר מיט אײַך וועלן גאָר שוין ניט זײַן. איך גלייב אָבער, טײַערער איגאָר, אַז די אַמעריקאַנער און רוסישע וועלן לעבן צווישן זיך ווי ברידער.

די לעצטע ווערטער ברענגט ער אַרויס האַרט און זיכער.

18

א גרויסער צימער. אינעם האָטעל אַפן ברעג פונעם טײַך קאָלומביע. לעבן דער ברייטער בעט ליגט א טעפּיך. פון לינקס, באַם פענצטער, שטייט א דיוואַן, ווייכע, טיפע פאָטעלן און א קליינינק טישעלע. די פּאַרגייענדיקע זון שפּרייט איבערן טײַך, וואָס קוקט אַרײַן אין די פענצטער, א גאָלדענעם שטעג.

דער באַלעבאָס פונעם צימער, בײַדוקאָוו, זיצט אין איינעם פון די פאָטעלן. אויף אים איז א העמדל מיט קורצע אַרבל, דער קאָלנער צעשפּיליעט. איגאָר גייט פּאַמעלעך אום איבערן צימער. עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין דער טיר:

— ביטע! — רופט זיך אָן בײַדוקאָוו און הייבט זיך אויף פונעם אָרט.

עס שטעלן זיך אַרײַן פּיטער בעלאָוו און ריטשאַרד באָון.

— אָך, דאָס זײַנט איר, פּעטיע. א גוט־העלף, מיסטער באָון. ביטע, פילט זיך ווי בא זיך אין דער היים.

אַלע זעצן זיך צו.

— איך בין אַרײַן אײַך זאָגן, — רופט זיך אָן בעלאָוו, — אַז באַלד וועלן נאָך אײַך קומען די אַמעריקאַנער פליִער אין דער שפּיץ פון טאָמאַס טיילאָרן. יאָ, יאָ, דאָס איז יענער טאָמאַס טיילאָר, וואָס איז געפלויגן מיט אײַך פונעם זאַוואָד „באָינג" אַהער קיין וואַנקוווער אַף ראַל־סטאָנס אַעראָפּלאַן.

— איך געדענק. ער איז ניט קיין הויכער, מיט קליינינקע וואָנצעלעך. ער מאַכט א גוטן אײַנדרוק, — באַמערקט בײַדוקאָוו.

— טיילאָר וועט זײַן דער באַלעבאָס פונעם הײַנטיקן אָוונט, דער טאַמאַדאַ, ווי מע רופט עס בא אײַך. זיי וועלן אײַך אָוועקפירן אַפן פּאַרטלענדער אַעראָפּאָרט, ווו עס געפינט זיך דער צאָפן־מײַרעװודיקער אַנטישער קלוב פון פּילאָטן. דאָרט וועלן זײַן פיל אַמעריקאַנער פליִער פון פאַרשיידענעם עלטער, וועלכע פליִען ביז איצט נאָך, ווי טאָמאַס טיילאָר. עס וועלן דאָרט אויך זײַן וועטעראַנען, וועלכע האָבן נאָך אין 29־טן יאָר באַגעגנט אין אַמעריקע אײַער פליִער שעסטאַקאָוון. מיר דענקען, — פאַרענדיקט בעלאָוו, — אַז פאַר אײַך וועט עס זײַן אַן אינטערע־סאַנטע און באַדײַטנדיקע באַגעגעניש.

בײַדוקאָוו רופט זיך אָן:

— די פרײַנטלעכע באַגעגעניש פון אוויאַטאָרס פון פאַרשיידענע דורות, באַזונדערס פון אַנדערע לענדער, איז, פאַרשטייט זיך, א רירנדיקע געשעעניש. יאָ, כ'האָב געהערט, אַז ריי־טשאַרד באָון איז אויך א וועטעראַן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. — בײַדוקאָוו ווײַזט אָן אַף באָונען. בעלאָוו זעצט איבער.

באָון ווערט אופגעלעבט:

— יאָ, יאָ, איך האָב זיך באַגעגנט מיט די רוסן אַף דער עלבע. אָ, דאָס איז געווען אזא פריידיקע באַגעגעניש. כ'האָב עס פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן.

מע קלאַפּט אין דער טיר. איגאָר גייט עפענען. אַף דער שוועל שטייט עלעגאַנט געקליידט טאָמאַס טיילאָר. איגאָר פאַרבעט אים אין צימער. מע באַגריסט זיך מיט אים וואַרעם.

— מיר באַדויערן זייער, וואָס דער הער בעליאַקאָוו וועט ניט קאָנען פאָרן מיט אונדז. ער איז מיד, זאָגט מען, פילט זיך ניט אַמבעסטן. — טיילאָר וויל נאָך עפּעס צוגעבן, נאָר בײַ־דוקאָוו שטעלט אים אָפּ:

— די עלטער... די עלטער לאָזט זיך פילן. ס'זאָל געווען דורכגיין נאָך א צוויי־דרײַ יאָר וואָלטן מיר ביכלאַל שוין ניט געקאָנט פאָרן צו אײַך. — דאָס ווײַטערדיקע גיט ער צו מיט א שפּאַס. — איר האָט צו דער צײַט געשטעלט דעם מאָנומענט...

אַלע לאַכן.

איבער דער לאַנגער בריק, וואָס פאַרייניקט די שטעט וואַנקוווער און פּאָרטלענד טראָגן זיך מאַשינעס אין דער באַגלייטונג פון ספּעציעלע אויטאָמאַשינעס מיט סיגנאַל־פײַערן. ס'איז

די זעלבע בריק איבער דעם טײַך קאָלומביִע, װעלכע װאַלערי טשקאַלאָװ מיט זײַן עקיפּאַזש האָבן צום אַלעם ערשטן געהאַט דערזען, דערנענטערנדיק זיך צו פּאָרטלענד אַף א הייך פון 50 מעטער, װאָס איז געװען אײַנגעהילט אין א געדיכטן נעפּל. די מאַשינעס פאַרשװינדן אַף יענער זײַט טײַך.

באַם ראַנד פונעם פּאָרטלענדער צװישנפעלקערלעכן אַעראָדראָם שטייט אַן איינשטאָקיק הילצערן שטיבל מיט גרױסע פענצטער. אין שטיבל איז פול מיט מענטשן, דורכויס מאַנצבלען. א טייל זיצט און א טייל שפּאַצירט זיך דורך איבערן זאַל, װוּ סע שטייען סערװירטע טישן. מע באַטראַכט די אַרויסגעהאַנגענע פאָטאָ־בילדער אַף די װענט. אַף די פאָטאָגראַפיעס איז אָפּגעשפּיגלט די באַגעגעניש פון טשקאַלאָװס עקיפּאַזש אין אַמעריקע.

אין דער באַגלייטונג פון טאָמאַס טײלאָרן און אַנדערע קומען אַרײַן אין זאַל געאָרגי בײַדוקאָװ און איגאָר טשקאַלאָװ. מע באַגעגנט זיי מיט אַפּלאָדיסמענטן. די אַמעריקאַנער פּליִער רינגלען אַרום די אַרײַנגעקומענע סאָװעטישע געסט. יעדער איינער באַמיט זיך א דריק טאָן זיי די הענט, נעמען בא זיי אַן אויטאָגראַף. טאָמאַס טײלאָר לאַדט אײַן בײַדוקאָװן מיט איגאָרן באַזוכן דעם מוזיי פון די פּילאָטן. ער פירט זיי צו די אַרויסגעהאַנגענע פאָטאָבילדער.

בײַדוקאָװ באַטראַכט די פאָטאָס:

— איצט זעט איר, אַף װיפל מיר זײַנען דאַן געװען ייִנגער...

הינטער אים דערהערט זיך א הייזעריקלעך זקייניש קאָל:

— הער גענעראַל, איר זײַנט אַצינד נאָך אויך ייִנגער פון מיר...

בײַדוקאָװ קוקט זיך אום. פאַר אים שטייט א דאַרלעכער מאַן, עטװאָס העכער פון מיטלען װוּקס, מיט א צעקנייטשט געזיכט און א גראָװן קאָפּ האָר. דער מאַן שטרעקט אויס בײַדוקאָװן די האַנט און שטעלט זיך פאָר:

— גענעראַל סטיװענס. מיר גייט שוין דאָס איין־און־אַכציקסטע יאָר. אָבער איך בין ספּעציִעל געקומען צו פאָרן הײַנט אַהער, קעדיי אײַך באַגריסן.

בײַדוקאָװ דריקט אים די האַנט:

— מיך פרייט זיך באַקאַנען מיטן װעטעראַן פון דער אַמעריקאַנער אַװיִאַציע.

טײלאָר באַגלייט די סאָװעטישע געסט אַף דער אָפּענער װעראַנדע, פונװאַנען עס זעט זיך דאָס פליפעלד און דער פּאָטערלענדער אַעראָפּאָרט. אין צענטער פונעם אַעראָדראָם שטייט דער פּאַסאַזשיר־אַעראָפּלאַן „איל־62", נומער 86614. די אַמעריקאַנער האָבן אים אָװעקגעשטעלט אַזוי, אַז מע זאָל אים קאָנען גוט זען.

אומקערנדיק זיך מיט די געסט צוריק אין זאַל, רופט טאָמאַס טײלאָר זיך אָן הויך אַף א קאָל:

— איך בעט אַלעמען צום טיש.

װען דער אוילעם זעצט זיך אויס, װענדט זיך טײלאָר צו די סאָװעטישע געסט:

— טײַערער גענעראַל בײַדוקאָװ און פּאַלקאָװניק איגאָר טשקאַלאָװ, הויכגעשעצטע הערן, איך בעט אַלעמען אופשטיין און באַערן דעם אָנדענק פונעם גרויסן פּליִער װאַלערי טשקאַלאָװן. אַלע שטעלן זיך אויף. פון אַעראָדראָם דערטראָגן זיך פּאַרטױבטע קלאַנגען פון רעאַקטיװע מאָטאָרן. טײלאָר װאַרט אויס עטלעכע רעגעס און זעצט פאָר:

— און איצט װעל איך בעטן אַלעמען אויסטרינקען פאַר זײַן אָנדענק.

אַלע טרינקען.

איגאָר טשקאַלאָװ דרייט אויס דעם קאָפּ צו דעם מיטאַרבעטער פונעם סאָװעטישן גענעראַלן קאָנסולאַט אין סאַן־פראַנציסקאָ זשװאַקינען, װעלכער זיצט לינקס פון אים, און פרעגט שטיל:

— בא די אַמעריקאַנער, קומט אויס, איז אויך א מינהעג, װי בא אונדז, צי זיי האָבן עס געטאָן ספּעציִעל?

זשװאַקין ענטפערט:

— יאָ, בא זיי איז אויך אַזא מינהעג. איר װעט נאָך פיל זיך דערװיסן אַזױנס, װאָס דערנענטערט אונדזערע פעלקער.

װידער רופט זיך אָן טאָמאַס טײלאָר:

— טײַערע פרײַנט, אײַך איז זיכער באַװוּסט, אַז אונדזער אַמעריקאַנער צאָפן־מײַרעװודיקער אַנטיקער קלוב פון פּילאָטן עקזיסטירט שוין 60 יאָר. מיטגלידער פון קלוב זײַנען אָנגעזעענסטע אַװיִאַטאָרן פון אונדזער לאַנד. נאָר הײַנט, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם קלוב, האָבן מיר דעם קאָװעד אָנעמען אַלס לעבנסלאַנגע ערן־מיטגלידער סאָװעטישע אַװיִאַטאָרן, װאָס האָבן אָפּגעשפּילט א קאָלאָסאַלע ראָל אין דער געשיכטע פון דער װעלט־אַװיִאַציע און אין דערנענטערן אונדזערע גרויסע פעלקער, דעם סאָװעטישן און אַמעריקאַנישן.

אַפּלאָדיסמענטן. אַלע שטעלן זיך אויף.

— דערלויבט מיר אין נאָמען פונעם פּרעזידענט פון אונדזער קלוב ראָבערט נעלסאָן אונטערראָגן דעם דיפּלאָם פון א לעבנסלאַנגן ערן־מיטגליד פון אונדזער קלוב דעם גענעראַל

גאָרגי בײַדוקאָװ, דעם צװײטן פּילאָט פֿונעם היסטאָרישן פֿלוג מאָסקװע—צאָפּן־פּאָליוס—פּאָרײניקטע שטאַטן.

אַפּלאָדיסמענטן.

— איך בעט דעם גענעראַל בײַדוקאָװ איבערגעבן אין נאָמען פֿון אונדזער פּרעזידענט אַ דיפּלאָם אױך דעם גענעראַל אַלעקסאַנדער בעליאַקאָװ, דעם שטורמאַן פֿונעם היסטאָרישן אַריבערפֿלי. צום באַדױערן, האָט ער צוליב געזונט־צושטאַנד ניט געקאָנט קומען אַהער. דערלױבט אױך אונטערטראָגן אַ דיפּלאָם דעם פּאָלקאָװניק איגאָר טשקאַלאָװ, דעם זון פֿונעם לעגענדאַרן פֿליִער װאַלערי טשקאַלאָװ. מיר באַלױנען אים ניט בלױז דערפֿאַר, װײַל ער איז ענלעך אַף זײַן פֿאָטער און זעצט פֿאָר פֿאַרװירקלעכן זײַן פֿאָטערס טרױם, נאָר אױך אַלס פֿרײַנט פֿון אונדזער פֿאָלק.

אַפּלאָדיסמענטן.

— דערלױבט מיר אױפֿהײבן אַ טאָסט פֿאַר די סאָװעטישע פֿרײַנט און מיטגלידער פֿון אונדזער קלוב.

אַלע הײבן אױף זײערע באָקאַלן.

עס נעמט אַ װאָרט דער גענעראַל בײַדוקאָװ.

— װען עס באַגעגענען זיך אַװיִאַטאָרס, איז עס שטענדיק אַ פֿרײדיקע דערשײַנונג, באַזונדערס װען עס באַגעגענען זיך פֿליִער פֿון אַנדערע צװײ לענדער. איך קאָן זײער גוט די אַמעריקאַנער פּילאָטן און שעץ זײ הױך. איך דערמאָן זיך ניט בלױז אונדזער פֿלוג מיט 38 יאָר צוריק, נאָר די באַגעגענישן בײַס דער צװײטער װעלט־מילכאָמע, װען מיר, סאָװעטישע פֿליִער, האָבן דאָ, אַף דער אַמעריקאַנער ערד, אױסגעפּרוּװט צוזאַמען מיט אײַך די אַװיִאַציע־טעכניק פֿאַר אונדזער אַרמײ... און כ'דאַרף זאָגן, אײַערע אַװיִאַטאָרס האָבן געװױסנהאַפֿט זיך געמיט, קעדײ העלפֿן דער סאָװעטישער אַרמײ צעגראָמירן אונדזער אַלגעמײנעם סױנע. דאָס פֿאַרעכענען אונדז פֿאַר לעבנסלאַנגע ערן־מיטגלידער פֿונעם צאָפּן־מײַרעװדיקן אַנטישן קלוב פֿון פּילאָטן שאַצן מיר אָפּ, װי אַן אױסדרוק פֿון פֿרײַנטשאַפֿט בענעגײע אַלע סאָװעטישע אַװיִאַטאָרס.

אַפּלאָדיסמענטן.

די אַמעריקאַנער פֿליִער גײען צו צו בײַדוקאָװן, נעמען בײַ אים אױטאָגראַפֿן. אײנער פֿון די פּילאָטן דערלאַנגט זײַן ביכעלע פֿון אַ פֿליִער בײַדוקאָװן.

בײַדוקאָװ לײענט:

— אָ! מאַיאָר! מילכאָמע געהאַלטן אין װיעטנאַם? — בײַדוקאָװ װענדט זיך צו טײלאָרן. — װער נאָך פֿון די פֿאַרבעטענע האָט געקעמפֿט אין װיעטנאַם?

טײלאָר פֿרעגט פֿאַרלױרן:

— דער גענעראַל בײַדוקאָװ אינטערעסירט זיך, װער פֿון אײַך האָט מילכאָמע געהאַלטן אין װיעטנאַם?

עס שטעלן זיך אױף דרײַ פֿליִער.

טײלאָר שטרעקט אױס די האַנט צו נאָך אײנעם אַ פֿליִער:

— קאַפּיטאַן, דוכט זיך, אַז איר האָט אױך געקעמפֿט אין װיעטנאַם.

דער קאַפּיטאַן הײבט זיך פֿאַרשעמט אױף פֿון אָרט.

בײַדוקאָװ:

— איר, אַמעריקאַנער, האָט ליב, װי כ'װײס, פֿירן אַן אָפֿענעם געשפּרעך. צװישן אַװיִאַטאָרס באַזונדערס דאַרפֿן ניט זײַן קײן ניט דערעדטקײַטן. מע זאָגט, האָב איך געהערט, אַז אײַערע אַעראָפּלאַנען האָבן פֿאַר קײנעם ניט קײן מורע. אַנטשולדיקט פֿאַר דער פֿראַגע: װעמעצן פֿון אײַך איז אױסגעקומען „פֿאַרזוכן“ אין װיעטנאַם אונדזער זעניט־ראַקעטע?

אַלע שװײַגן.

דער מאַיאָר, װעלכער האָט גענומען בײַ בײַדוקאָװן אַן אױטאָגראַף, רופֿט זיך שטיל אָפּ:

— מיך האָט אַראָפּגעשאָסן אײַער ראַקעטע. כ'האָב זיך מיט ניסים געראַטעװעט אַף אַ פּאַראַשוט. — נאָך אַ קורצער פּאַוזע: — מיט די רוסן װעל איך קײנמאָל ניט מילכאָמע האַלטן.

אַלע אַף פֿאַרשײדענע אופֿאַנים באַגיטיקן זײַנע רײד.

עס מישט זיך אַרײַן אינעם באַלעבטן טומל די שטים פֿונעם אַלטינקן גענעראַל, װעלכער זיצט אַנטקעגן איגאָרן.

— נו גוט. אָבער מילך איז דאָ אין רוסלאַנד?

יעװגעני זשװאַקין זעצט איבער.

איגאָר קוקט פֿאַרכידעשט אָפּן איבערזעצער...

— זשעניע, ער פֿרעגט עס ערנסט?

— זעט אױס, אַז יאָ, — ענטפֿערט יעװגעני זשװאַקין.

— איז זעץ אים איבער. פֿאַראַן בײַ אונדז מילך, און אַ סאַך מילך, ס'װעט פֿאַר אַלעמען קלעקן. מיר פֿאַרקױפֿן אַפֿילע אַנדערע לענדער. װײסט איר כאָטש, גענעראַל, װאָס פֿאַר אַ מילכיקע מײַכאָלים מע מאַכט אַף אוקראַיִנע? ריאַזשענקע, זױערמילך, געבריטע מילך. און די מילכיקע מײַכאָלים אַף קאַװקאַז, די אַזױגערופֿענע מאַצאָני. הײַנט דער קומיס! איר װײסט

מיסטאַמע ניט וואָס דאָס איז? קומיס איז אַ געטראַנק, וואָס באַוואָרנט דעם מענטשן מיט געזונט, מונטערקייט, אַריכאַס־יאָמים.

— ס׳קאָן ניט זײַן... ס׳קאָן ניט זײַן...— שאָקלט דער גענעראַל מיטן קאָפּ. דערנאָך גיט ער אַ קלאַפּ מיט דער האַנט איבערן טיש און זאָגט: — אַלץ! באַשטימט! איך קויף מאָרגן אַ בילעט און פלי קיין רוסלאַנד.

— צוליב וואָס דאַרפט איר אַ בילעט? — מאַכט צו אים איגאָר, — מירן אײַך פּרעכטיק אײַנאָרדענען אַף אונדזער סאָוועטישן קאָמפאָרטאַבעלנעם עראָפּלאַן. איר האָט אָנגענומען, גענעראַל, אַ ריכטיקע באַשטימונג. בעסער איין מאָל זען מיט די אייגענע אויגן, זאָגט מען בא אונדז, איידער הונדערט מאָל עס הערן...

אַלע קוועלן אָן.

— איז וואָס בלײַבט, הער גענעראַל? איר פליט? — קוועלט טאָמאַס טיילאָר.

— פאַרשטייט זיך, — ענטפערט דער גענעראַל מיט אַ געלעכטער.

ווען טאָמאַס טיילאָר גיט אַ וואָרט איגאָר טשקאַלאָוון, איז אין זאַל שוין שטיל. איגאָר זאָגט:

— געאַכטע קאָלעגן לויט דער פּראָפעסיע, אַמעריקאַנער אוויאַטאָרס, פרײַנט! איר זײַנט נאָרוואָס געווען איידעס פון אַן אינטערעסאַנטן און באַלערנודיקן דיאַלאָג, וועלכער האָט אַרויסגערופן בא אײַך אַן אופלעבונג. ס׳איז ניט צופעליק. איך דאַרף אײַך זאָגן אָפן: אונדזערע מענטשן ווייסן אויך ניט וועגן אײַער שיינעם לאַנד און אײַער אַרבעטסזאַמען פאָלק, אָבער זיי ווייסן זייער פיל, אין דער צײַט, ווי איר האָט זיך נאָרוואָס געקאָנט איבערצײַגן, ווייסן די אַמעריקאַנער קימאַט גאָרנישט ניט וועגן דעם לעבן פון אונדזער פאָלק. זיי האָבן וועגן אונדזער לאַנד אַ פאַרקריפּלטע פאַרשטעלונג.

אין זאַל ווערט טומלדיק.

איגאָר טשקאַלאָוו זעצט פאָר:

— מיר ווילט זיך אײַך הײַנט דערמאָנען די ווערטער, וואָס איז געזאָגט געוואָרן פון מײַן פאָטער פּונקט מיט 38 יאָר צוריק, אויך דעם 20 יוני, דאָ, בא אײַך אין וואַנקוווער. אָט וואָס ער האָט דעמלט געזאָגט: „אַף די רויטע פליגל פון אונדזער עראָפּלאַן האָבן מיר געבראַכט אַ פרײַנטלעכן גרוס פונעם גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד דעם גרויסן אַמעריקאַנער פאָלק...״

שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

— אונדזערע עלטערן, ניט געקוקט אַף די אויסערגעוויינלעכע שווערע באַדינגונגען, זײַנען געקומען אהער צו פליִען, קעדיי דורכלייגן דעם סאַמע קירצסטן וועג צווישן אונדזערע לענדער און דערציילן דעם אַמעריקאַנער פאָלק דעם עמעס וועגן דער ערשטער צו יענער צײַט סאָציאַליסטישער מעלוכע.

ווידער אַן אופלעבונג אין זאַל.

איגאָר זעצט פאָר, אָנווײַזנדיק דערבײַ מיט דער האַנט אַפן פענצטער, אין וועלכן עס קוקט אַרײַן דער סאָוועטישער עראָפּלאַן, וואָס שטייט אַנטקעגן, אין סאַמע צענטער פונעם פאָרטלענדער אַעראָדראָם:

— מיט צוויי טעג צוריק האָבן מיר אָט דעם פּרעכטיקן סאָוועטישן פּאַסאַזשיר־לײַנער צוזאַמען מיט די גענעראַלן בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו דורכגעמאַכט דעם זעלבן מאַרשרוט, וואָס מיט קימאַט פערציק יאָר עס האָט דורכגעמאַכט מײַן פאָטער און זײַנע צוויי כאַווײרים. מיט דער שנעלקײַט פון קלאַנג זײַנען מיר אַף אים געפלויגן, קעדיי איבערגעבן אײַך אַ האַרציקן גרוס פונעם סאָוועטישן פאָלק. מע זאָגט, אַז קיין זאַך דערנעענטערט ניט אַזוי די פעלקער ווי די אוויאַציע. איז דערלויבט מיר אופהייבן אַ טאָסט פאַר דער פרײַנטשאַפט צווישן די סאָוועטישע און אַמעריקאַנער פליִער, וואָס קאָן און דאַרף דינען דער זאַך פון שאָלעם און פּראָגרעס אַף אונדזער וווּנדערלעכער ערד־פּלאַנעטע.

אַלע הייבן זיך אויף פון די ערטער און אַפּלאָדירן דעם רעדנער.

19

דער „איל־62״ איז אינדערלופטן. ער לינדערט אַראָפּ אין וואַשינגטאָן אַף דער מעלוכישער אוויִאַבאַזע „ענדריוס״ און שטעלט זיך אָפּ לעבן דעם פּרעזידענטס עראָפּלאַן „באָינג־747״.

בײַדוקאָוו, בעליאַקאָוו, איגאָר טשקאַלאָוו און די, וואָס באַגלייטן זיי, זעצן זיך אַרײַן אין די אויטאָמאַשינעס און פאָרן אין דער ריכטונג צום ווײַסן הויז.

דאָס ווײַסע הויז. די דרײַ סאָוועטישע געסט אין דער באַגלייטונג פונעם סאָוועטישן געזאַנדטן דאָבריִנינען און ראַטגעבער מישקאָוון גייען אַרײַן אין דער פאַראַדנער טיר. עס באַגעגנט זיי באַם אַרײַנגאַנג דעם פּרעזידענטס געהילף.

דעם פּרעזידענטס אופנאַם־צימער. די טיר פונעם קאַבינעט איז צעפּראַלט. אַפן שוועל שטייט דער פּרעזידענט פאָרד. ער לאַדט אײַן די סאָוועטישע געסט צו זיך אין קאַבינעט.

דאַבריניַן שטעלט פֿאַר דעם פּרעזידענט די דריַי פֿאַרבעטענע געסט.
פֿאַרד פֿאַרהאַלט איגאַרס האַנט אין זיַינער:
— איך דריק אויס מיַין באַדויערונג, וואָס צווישן אונדז איז היַינט ניטאָ איַיער פֿאָטער וואַלערי טשקאַלאָוו. איך לאַד איַיך איַין זיך פֿאָטאָגראַפֿירן, ס'זאָל בליַיבן אַן אָנדענק פֿון אונדזער היַינטיקער באַגעגעניש.
מע פֿאָטאָגראַפֿירט זיך.
פֿאָרד פֿרעגט די געסט:
— ווי אַזוי האָט מען איַיך באַגעגנט אױף אונדזער אַמעריקאַנער ערד?
בײַדוקאָוו:
— דעם עמעס געזאָגט, האָבן מיר ניט דערוואַרט אַזאַ וואַרעמען קאַבאָלעס־פּנים. דאָס באַטיַיט, אַז איַיער אַמעריקאַנער פֿאָלק געדענקט ביז איצט די געשעענישן פֿון יענער וויַיטער ציַיט. באַזונדערס האַרציק איז געווען די באַגעגעניש מיט יענע, וועלכע האָבן אונדז דעמלט, אין 1937 יאָר, געהאָט באַגעגנט. פֿאַר דער דורכגעגאַנגענער ציַיט האָבן זיך פֿיל פֿון זיי געענדערט, בעסוויכעם, פֿאַרשטייט זיך, אויך מיר. ס'וויַיזט זיך אָבער אַרויס, אַז ניט נאָר מע האָט אונדז ניט פֿאַרגעסן, מע האָט אונדז אַפֿילו דערקענט. פֿון פֿרייד זיַינען באַ אונדז אַלעמען געשטאַנען טרערן אין די אויגן...
דער פּרעזידענט האָט זייער אויפֿמערקזאַם געהערט. דער אויסדרוק פֿון זיַין פּנים האָט זיך געענדערט.
— מיך פֿרייט און כ'בין שטאָלץ, וואָס אונדזער פֿאָלק האָט אַזוי גאַסטפֿריַינטלעך באַגעגנט די סאָוועטישע פֿריַינט.
בײַדוקאָוו טראָגט אונטער דעם פּרעזידענט אַ מאָדעל פֿונעם אַעראָפּלאַן „אַנט־25", בעליאַקאָוו — די קאָפּיע פֿונעם באַרט־זשורנאַל, אין וועלכן עס איז אָפּגעשפּיגלט אין רוסיש און אױף ענגליש דער היסטאָרישער אַריבערפֿלי.
פֿאַרד בלעטערט דעם זשורנאַל, לייענט. דערנאָך ברענגט ער אַרויס:
— יאָ, דאָס איז געווען דער באַדיַיטנדיקסטער פֿלוג פֿון אונדזער יאָרהונדערט. — דעם פּרעזידענטס בליק פֿאַרהאַלט זיך אױף דעם באַצירטן מיט ריַיכע פֿאַרביקע געמעלן הילצערנעם שיפֿל מיט די אָנגעהאַנגענע אָפּן באָרט 12 קוועטלעך.
איגאָר נעמט אין די הענט דאָס שיפֿל און זאָגט:
— פֿאַר מיר איז אַ גרויסער קאָוועד, הער פּרעזידענט, אויספֿילן דעם פֿאַרלאַנג פֿון מיַין פֿאָטערס לאַנדסליַיט, אונטערטראָגן איַיך דאָס דאָזיקע קונסט־ווערק, וואָס עס האָבן געשאַפֿן די גאָניטע פֿאָלקס־מיַיסטערס פֿונעם קאַנט, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן וואַלערי טשקאַלאָוו. דאָס ווערק שטעלט מיט זיך פֿאָר בראַטינאַ „קאָווש־פֿערד". „בראַטינאַ" שטאַמט פֿונעם רוסישן וואָרט „ברידער", אָדער „ברידערן זיך". פֿאַרציַיטן איז געווען אַ מינהעג: ווען ס'פֿלעגן זיך צונויפֿקליַיבן צוזאַמען קרוווים, נאָענטע מענטשן, האָט מען אַוועקגעשטעלט אױפֿן טיש אָט אַזאַ־אַ בראַטינאַ „קאָווש־פֿערד". מע פֿלעגט אָנגיסן אַהין וויַין און אָנבערקלען ברויט. מיט אָט די 12 קוועטלעך האָט מען געשעפּט דעם וויַין מיטן צעבערקלטן ברויט און זיך מעכאַבעד געווען. דאָס האָט סימבאָליזירט מיט זיך פֿריַינטשאַפֿט און פֿרידן.
פֿאָרד הערט זייער אויפֿמערקזאַם.
איגאָר:
— געאַכטער הער פּרעזידענט, נעמט צו דעם דאָזיקן באַשיידענעם געשאַנק פֿון מיַין פֿאָטערס לאַנדסליַיט.
בײַדוקאָוו גיט צו:
— הער פּרעזידענט, איך מיין, אַז ס'איז געקומען די ציַיט, ווען דאָס סאָוועטישע און אַמעריקאַנער פֿאָלק דאַרפֿן זיך זעצן באַ איין טיש און זיך אויך מעכאַבעד זיַין פֿון אָט דער קיילע, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך פֿריַינטשאַפֿט און פֿרידן.
פֿאָרד:
— אָ, דאָס איז וווּנדערלעך! זייער טרעפֿלעך און ריכטיק געזאָגט...
דער פּרעזידענט נעמט מיט דאַנקבאַרקיַיט איבער באַ איגאָר טשקאַלאָוון די מאַטאָנע און זאָגט:
— דאָס דאָזיקע געשאַנק וועט מיר ס'גאַנצע לעבן דערמאָנען אונדזער היַינטיקע באַגעגעניש... איך בעט איַיך אַלעמען איבערגיין מיט מיר אין סאָד, ווו עס וואַרטן אױף אונדז די קאָרעספּאָנדענטן פֿון ציַיטונגען, ראַדיאָ, טעלעוויזיע. איך וועל זיי דערציילן וועגן אונדזער באַגעגעניש.
אַלע גייען אַריבער אין גאָרטן.
אין סאָד באַם וויַיסן הויז האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל רעפּאָרטיאָרן.
דער פּרעזידענט ווענדט זיך צו זיי:
— געאַכטע הערן! מיט גרויס פֿאַרגעניגן שטעל איך איַיך פֿאָר די צוויי סאָוועטישע פֿליִער פֿונעם באַרימטן עקיפּאַזש, וואָס האָט מיט 38 יאָר צוריק דורכגעמאַכט דעם היסטאָרישן פֿלוג: מאָסקווע — צפֿון־פּאָליוס — פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, דעם גענעראַל געאָרגי בײַדו־

קאָוו, וועלכער איז געווען דער צווייטער פּילאָט, דעם גענעראַל אַלעקסאַנדער בעליאַקאָוו — שטורמאַן פון דער לופט־שיף און דעם פּאָלקאָווניק איגאָר טשקאַלאָוו, דעם זון פון דעם גרויסן פּליִער וואַלערי טשקאַלאָוו, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פונעם עקיפּאַזש אַעראָפּלאַן „אַנט־25״. אייגנצײַטיק וויל איך אויסדריקן מײַן באַדויערונג, וואָס ער איז מיט אונדז הײַנט ניטאָ... מיר זײַנען הײַנט אַנטיילנעמער פון אַ געשעעניש, וועלכע וועט אַרײַן אין דער געשיכטע פון אונדזערע צווישנבאַציִונגען. דאָס איז געווען מעגלעך אַ דאַנק דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרן גייען מיר צו מיטן פיל געאַכטן גענעראַל־סעקרעטאַר לעאָניד ברעזשנעוון צו די פּראָבלעמען פון שאָלעם קאָנסטרוקטיוו. איך האָף, אַז אַזוינע קאָנטאַקטן, פון וועלכע מיר זײַנען איצטער איידעס, וועלן ווערן טראַדיציאָנעלע. דאָס וועט דינען דעם שאָלעם און וועט געבן אַ מעגלעכקײַט דעם אַמעריקאַנער פאָלק אַרויסווײַזן זײַנע פרײַנטלעכע געפילן.

פּאָרד נעמט פון בײַדוקאָווס הענט דעם געשענקטן מאָדעל פונעם אַעראָפּלאַן „אַנט־25״ און זעצט פאָר:

— אָט איז די מאָדעל פונעם אַעראָפּלאַן, אויף וועלכן זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם היסטאָרישן אַריבערפלי.

דערנאָך נעמט ער פון בעליאַקאָווס הענט דעם באָרט־זשורנאַל, מישט אים איבער און לייענט פון דאָרט אויסצוגן:

„29־טער יון 1937 יאָר. מאָסקווער צײַט 20 אַזייגער מיט 05 מינוט. קאָאָרדינאַטן... די הייך... מיר האָבן זיך פאַרקליבן אין די וואָלקנס. דער אַעראָפּלאַן האָט זיך באַדעקט מיט אײַז... סע טרייסלט. 29־טער יון, מאָסקווער צײַט, 23 אַזייגער. מיר זײַנען ווידער אַרײַן אין אַ ציקלאָן. דער אַעראָפּלאַן באַדעקט זיך מיט אײַז. סע טרייסלט אַזוי, אַז אָט־אָט וועט ער זיך פאַנאַנדערפאַלן. אַריבערגעקומען די פעלדזיקע בערג. מיר האַלטן דעם וועג צום שטילן אָקעאַן...״

מיט אַ ווייכן מיטפילנדיקן קאָל פאַרענדיקט דער פּרעזידענט זײַן וואָרט:

— איר האָט געהערט, מײַנע הערן, וויִאַזוי ס'איז זיי געווען שווער?..

עס רוישן די פאָטאָאַפּאַראַטן, ס'זשומען די קינאָקאַמערעס.

פּאָרד דריקט בײַדוקאָוון, בעליאַקאָוון און איגאָר טשקאַלאָוון די הענט.

איגאָר זאָגט:

— געאַכטער הער פּרעזידענט. מירן וואַרטן אויף אײַך אין מאָסקווע...

פּאָרד שמייכלט.

— מיר ווילט זיך זייער קומען צו אײַך, נאָר איצטער קאָן איך ניט. מיר וואַרטן, ס'זאָל קומען צו אונדז קיין אַמעריקע דער כאָשעווער גאַסט לעאָניד ברעזשנעוו. נאָך זײַן באַזוך וועל איך אומבאַדינגט קומען קיין מאָסקווע...

20

אַעראָפּאָרט. אַעראָפּלאַנען. אויף דער אַדמיניסטראַטיווער געבײַדע אַן אויפשריפט: „פּאָרטלענד, שטאַט אָרעגאָן. פּשאַ״. אויפן פּאַן פון דעם דאָזיקן אויפשריפט איז אָנגעמאָלט אַן אַעראָפּלאַן „באָיִנג־747״. עס דערהערט זיך די שטים פונעם דיקטאָר:

— אַכטונג! אַכטונג! עס ווערט געמאָלדן אַן אַרײַנשטײַגונג אינעם אַעראָפּלאַן רעיס נומער 1, וואָס פליט לויטן מאַרשרוט פּאָרטלענד — צאָפּן־פּאָליוס—מאָסקווע, וועלכן עס האָבן די ערשטע דורכגעלייגט די סאָוועטישע פליִער טשקאַלאָוו, בײַדוקאָוו, בעליאַקאָוו. דער דאָזיקער היסטאָרישער מאַרשרוט איז ניט נאָר דער קירצסטער וועג, וואָס פאַרייניקט צוויי גרויסע לענדער, נאָר איז געוואָרן אַ טראַסע פון פרײַנטשאַפט צווישן דעם סאָוועטישן און אַמעריקאַנער פאָלק... מע בעט די פּאַסאַזשירן...

אַעראָפּאָרט שערעמעטיעוואָ. פּססר.

לעבן דער אַדמיניסטראַטיווער געבײַדע — אַעראָבוס „איל־86״.

ס'הערט זיך די שטים פונעם דיקטאָר:

— אַכטונג! אַכטונג! עס ווערט געמאָלדן אַן אַרײַנשטײַגונג אינעם אַעראָפּלאַן, וואָס פליט מיטן רעיס נומער 1, לויטן מאַרשרוט: מאָסקווע—צאָפּן־פּאָליוס—פּשאַ, וועלכן ס'האָבן צום ערשטן מאָל דורכגעלייגט די סאָוועטישע פליִער טשקאַלאָוו, בײַדוקאָוו, בעליאַקאָוו. דער דאָזיקער היסטאָרישער מאַרשרוט, וואָס איז דער קירצסטער וועג, וועלכער פאַרייניקט צוויי גרויסע לענדער, איז געוואָרן אַ טראַסע פון פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

איבערגעזעצט פון רוסיש — ש. ד א נ ג א ר

ו. פ. טשקאלאָוו און דער סקולפּ־טאָר איסאַק מענדעלעוויטש

דער דענקמאָל ו. פ. טשקאלאָוון אין דער שטאָט גאָרקי

מיט אַלע דײַנע פאַרבן

אין וועג

די נאַכט איז בלוי, די נאַכט איז ווירקלעך שיין,
מיך הילט און גלעט דער סאַמעטענער וועטער,
אַ פאַרגאַפטע בלײַב איך שטיין
און הער זיך אײַן אין שאָרך פון גרינע בלעטער.

ס׳גייט דורך אַ ציטער איבער הויכן גראָז,
ווו די כוואַליעס וואַשן שטילע ברעגן.
און איך — אין וועג איך האָב זיך הײַנט געלאָזט
און קלונג־און־קלאַנג עס האָט מיך דאָ באַגעגנט.

מײַן גרעסטער אויצער איז מײַן גוט געמיט,
דער וועג איז ברייט, ס׳וועט קיינער מיר ניט שטערן,
און וואָס אַרום, אַלץ נעם איך מיט זיך מיט,
אַז פון מײַן טרוים אַ צאַרטע ליד זאָל ווערן.

ווען אַ פרוי איז אַ דיכטערן

מײַן פרײַנט, ער טײַנעט אין מיר אײַן,
אַז אויב ווילסט זײַן אַ דיכטער,
דאַן זעץ אוועק זיך בא דער שײַן
און די פען האַלט זיכער.

דאָס וואָרט דײַנס קלינגעוודיק זאָל זײַן,
רײַף, ווי יענע פיירע,
טרינק פון דער דיכטונג בלויז דעם ווײַן,
די צײַט איז אַן אווירע.

נאָר איך מעסוקן בין פאַרטאָן,
ווי אַלע באַלעבאָסטעס,
איך קאָך די פיש, איך שטויס דעם מאָן,
אַ שלאָל מיט אַרבעט האָסטו.

אָט איז מײַן אייניקל אַרײַן —
די צאַצקעס מיר באַווײַזן,
ווי זשע קאָן דען אַנדערש זײַן?
וואַרף איך שער־און־אײַזן.

עס טרעפט, די מילעך גאָר אַנטלויפט,
אַף קויל פאַרברענט דאָס טעפּל,
עפּעס האָב איך ניט דערקויפט —
ברויט? צי עפּשער עפּל?

און איך באַם טיש אַלץ שרײַב און מעק,
און זוך און וויל געפינען —
אָן אַן אָנהייב, אָן אַן עק,
נאָר כ׳ווייס, דאָס וואָרט וועט קומען.

אַ פרוי אַ דיכטערן צו זײַן —
ניט פון קיין לײַכטע זאַכן.
איך באַק דעם שטרודל, שטעל דעם ווײַן
און מוז די שורע מאַכן.

אף די גרויסע סטאַדיאָנען

(דערמאָנונג וועגן דער אָלימפּיאַדע)

אף די גרויסע סטאַדיאָנען,
ווו עס פלאַטערן די פּאַנען,
רויטע, בלויע, גרינע, געלע, —
זיי באַשײַנט אַ זון אַ העלע.

און אף זיי — די פינף רינגען,
און מיט זיי די לידער קלינגען,
און מיט אַלעמען איניינעם,
אונדזער טאַליסמאַן דער שיינער.

ווו מײַן בליק זאָל נאָר ניט פאַלן,
אונדזער בערל איז מיט אַלע.
פּערציק, פּופציק, הונדערט בערן,
אַלע שײַנען זיי ווי שטערן.

אומעטום איז אונדזער בערל,
אין מעטראָ און אף די סקווערן,
אינעם וויגעלע באַם ברעקל,
אף מײַן שוועסטערס פּליושן רעקל,
פון מײַן ברוסט ער קוקט באַשיידן,
ער איז מאַזלדיק אונדז יעדן.

אף די צונגען, איבער יאַמען
פירן געסט אים גלײַך אַהיים.
אָט דאָס בערל איז אַזאַ מין,
וואָס ער קריגט באַ יעדן כיין.

ווען מיט מיר איז דער פרילינג

פרילינג, פרילינג, ליגסט מיר אין מײַן האַרצן,
מיט אַלע דײַנע פאַרבן ביסט מיר שיין,
אוועק אַ יאָר, און ווידער נעם איך וואַרטן,
ווײַל מיט דיר איך ייִנגער ווער אַליין.

נאָך גרויסע פרעסט מיט די זאַווייען,
נאָך דעם קאַלטן רעגנדיקן האַרבסט,
ווען עס נעמען טײַען שוין די שנייען,
קומט די פרייד, וואָס ברענגסט מיר אין מײַן האַרץ.

בייס אַ פרילינגדיקן רעגן
לאָז איך ווידער אין מײַן וועג זיך גיין.
אף די וועגן, אף די שמאָלע שטעגן
זאָלסט מיר זײַן, מײַן פרילינג, מאָלע כיין.

מײַן אַלטע גאַס

ווי פּערעכטיק איז מײַן הויז, ווי שיין
און הויך — פון פּופּצן גאָרן,
געבויט פון ציגל און פון שטיין,
אַז סטײַען זאָל אף יאָרן.

און איך: איך זע נאָך אַלץ פאַר זיך,
דאָס הויז דאָס שוין צעבראָכנס,
די פינעף שכיינים אף דער קיך,
וואָס וואַשן דאָ און קאָכן.

אָט שטייט די קרענעצע באַם ראָג,
די שול אַנטקעגניבער,
און גוטעפרײַנט איך האָב פאַרמאָגט,
און מײַן ערשטע ליבע.

מיט מײַנע שכיינים כ'האָב געהויזט
יאָרנלאַנג צוזאַמען,
צום ערשטן מאָל אין אָט דעם הויז
דערהערט דעם נאָמען מאַמע.

מײַן אַלטע גאַס, מײַן שטילע גאַס,
דו לאָזט זיך פאַרגעדענקען,
איך בין באַ דיר אַן אָפּטער גאַסט
ווען ס'נעמט זיך פּאַשעט בענקען.

צו דעם מאָלער

וויפל זאָל איך דיר באַצאָלן,
זאָלסט מײַן קינדהײַט מיר אויסמאָלן,
יענעם קויש פון שטרוי, מײַן וויגל,
און מײַן מאַמע זאָל מיך וויגן?

וויפל זאָל איך דיר באַצאָלן
פאַרן ברעג, וואָס דו וועסט מאָלן,
בא דעם טײַכל, וואָס הייסט „גנילא״,
איך זאָל זען זיך ווידער שפּילן?

וויפל זאָל איך דיר באַצאָלן,
זאָלסט מײַן שטיבעלע אויסמאָלן
מיטן פּריפּעטשעק, דעם אויוון,
מיט די פּריזבעס אַף די הויפן?

און דעם שאָכנס סאָד, די ביימער,
אונדזער שאָכן לייב דעם שוימער,
מיטן גראַגער, מיטן שטעקן,
מיטן הונט, וואָס פלעג אונדז שרעקן.

און יענץ געסעלע דאָס שמאָלע
וויל איך, זאָלסט עס אויך אָנמאָלן,
וווּ מײַן שול איז דאָרט געשטאַנען,
וואָס איך זע זי נאָך פונדאַנען.

וועט ער בלײַבן, יענער ווונדער,
אַז מײַן האַרץ זאָל ווי אַצינדער
טאָן אַ פלאַטער, טאָן אַ ציטער
פון דײַן פאַרב, דײַן האַנט געניטער.

וויפל וואָלסטו בא מיר וועלן
פאַר די טײַערע געמעלן.

אַזויפיל שניי

איך האָב זיך אופגעכאַפּט פאַרטאָג, אָט נעם איך באַלד אים, שאַר צונויף,
א בארג וועט ווערן אינעם הויף.
דערזען אין שניי אַ ווײַסן טאָג.
א ווינטל שטיפט מיט אים און דרייט,
פאַרשיט דער דאַך, פאַרשנייט דער שליאַך, פון ערשטן טאָג אַזאַ מין פרייד,
אַזאַ מין גאַסט, אַזאַ מין גאַסט,
אַזויפיל שניי, אַ סאַך, אַ סאַך, אַזויפיל שניי שוין אַפן גאַס!

איך טראָג זי, ווי אַ קינד אונטער מײַן האַרץ

שוין אויסגעוואַקסן איז אַ נײַער דאָר
און אייניקלעך שפּאַצירן אין די סקווערן,
זיי גייען מיט די באָבעס יאָר נאָך יאָר
די זיידעס און די פרײַנט באַערן.

איך טראָג זי, ווי אַ קינד אונטער מײַן האַרץ,
די בענקשאַפט ניט פאַרגיין וועט מיט די יאָרן,
מײַן שוועסטער אַף איר איינציק קינד אַלץ וואַרט,
מײַן שוועסטער, וואָס איז גרײַז און גראָוו געוואָרן.

עס קומט אַ פרייד, אַ שׂימחה אין מײַן הויז,
בא געסט, בא פרײַנט אונדזערע גוטע,
און ס׳ווערט מײַן בענקשאַפט נאָך אײַנצווייען גרויס,
און אײַנגעזאַפּט זי איז אין מײַנע בלוטן.

אײַזיק פּלאַטנער

(1961—1895)

פון אונטער דער ערד

פּיניע דער מוליער

פון די קוימענס גייט א רויך, דער קורצער ווינטערדיקער טאָג לעשט זיך אויס אַף א קאַלטן, בלאַנקענדיקן הימל. עס נעמט א שטאַרקער פראָסט צו באַנאַכט. אין דרויסן זעט אויס, ווי בא א ליקע־כאַמע.

פון די קוימענס גייט א רויך. אין די פענצטער באַווײַזט זיך אָנגעצונדן פײַער. אינעם ליכט צווישן טאָג און נאַכט זעט מען, ווי ווײַט די כאָרעווע שטאָט האָט שוין אופגעלעבט: די נאַכט באַהאַלט זיך אין די כורוועס, די באַלויכטענע פענצטער הערשן איבער דער אומהיימלעכקײַט, אין די הײַזער זײַנען פאַראַן מענטשן, עס אָטעמט מיט ווארעמקײַט און לעבן.

פּיניע דער מוליער גייט אהיים פון דער אַרבעט, פונוויײַטן לײַכטן זיך די פענצטער פון זײַן דירע. א גאַס, אַז מע בויט נאָר אויס אַף איר די ערשטע הײַזער, לעבט זי גלײַך אוף — מע זעט א מענטשן אין די אויגן. שוין איבער א יאָר, ווי מע האָט ווידער דערזען די ליכטיקע וועלט. עס קומט אויס, אַז פון יענעם טאָג הייבט זיך אָן א נײַע צײַט־רעכענונג. אַמאָל האָבן מענטשן געלעבט אין היילן, יענע מענטשן האָבן געטראָגן א שטיקל פעל ארום די לענדן, האָבן זיך געראַנגלט מיט ווילדע כײַעס, העק האָבן זיי געמאַכט פון שטיין און געדינט צו פײַער. אַזוי ווערט באַשריבן אין די ביכער פון געשיכטע, וואָס מע לערנט מיט די קינדער אין שול. וועגן זייער לעבן אין דער גרוב וואָלט אויך געפּאַסט, מע זאָל אַרײַנשטעלן אין דער געשיכטע:

— „דאָס איז געווען אין יאָר 1943, דעמלט...” ער ווייסט נאָך ניט אַקוראַט, ווי־אַזוי מע דאַרף דאָס אַרויסברענגען, דאָס מענטשלעכע לאָשן איז דען אימשטאַנד דאָס אַרויסצוברענגען?

„פון די צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין דער שטאָט מינסק, זײַנען א סאַך אַוועק אין די וועלדער, צו די פּאַרטיזאַנער און אין סאָוועטישן הינטערלאַנד. זעקס און צוואַנציק מענטשן האָבן ניט באַוויזן אַוועקצוגיין. זיי האָבן זיך געפונען איבער נײַן כאָדאָשים אונטער דער ערד, אין א הייל. פון די זעקס און צוואַנציק זײַנען דרײַצן לעבן געבליבן. די דאָזיקע מענטשן, ער אויך צווישן זיי, האָבן ווידער דערזען די ליכטיקע וועלט, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט די שטאָט”. וויפל קאָן מען דען אַרײַנשטעלן אין דער געשיכטע? עטלעכע שורעס, וואָרעם עס וואָלט ניט געקלעקט קיין אָרט און עס וואָלט שוין ניט געבליבן קיין צײַט פאַר א קינד צו לערנען אַנדערע זאַכן.

דער שנייִ סקריפּעט אונטער די פיס. פּיניע דער מוליער גייט אהיים פון דער אַרבעט. נאָך

א נײַעם אויוון הײַנט געשטעלט. ס'איז, דאכט זיך, ניטאָ אין שטאָט קיין הויז, וווּ ער זאָל ניט האָבן געשטעלט די אויוונס.

ס'איז מאמעש א פארגעניגן צו קוקן, ווי פּיניע, בייס ער ארבעט, גיט א וואָרף איבער א ציגל אין האנט. א קאכל, אז ער שטעלט אנידער אפן אויג, שטייט ער גלײַך, ווי א ווי־רע. דאָס היטל זיצט בא פּיניען פּארוקט אפּן קאָפּ באלמעלאָכיש־פּארשײַט, זײַנע אויגן רי־רעוודיקע, פלינקע, איבער זיי פּאַסט זיך נאָר א טשופּרינע. די טשופּרינע איז שוין אָבער בא פּיניען ניטאָ. נײַן כאַדאָשים איז ער אָפּגעלעגן אין דער הייל, נאָר ער האָט זיי אין דער ערד, די דײַטשן, דאָס לעבן הייבט זיך אָן פונדאָסנײַ, זיי אָף צעפּיקעניש.

פון די קוימענס גייט א רויך... ווייס איך וואָס, מע האָט שוין געזען טשיקאַווע זאכן, דאָס איז זייער פּראָסט — אז מע הייצט די אויוונס גייט א רויך. קיין באזונדערע קונצן זײַנען בא דעם ניטאָ. די ליפּטן דארפן נאָר זײַן לויט אלע קלאָלים. און עס זאָל ציִען — דאָס איז דער איקער; נאָר שײַן איז עס פונדעסט־וועגן, אין דער אויסגעשטערנטער נאכט, וואָס איז ליכטיק בלויז פונעם בלאנקענדיקן שניי. פּיניען ווערט דערפון היימלעכער, אפילו וואַ־רעמער, ער האָט גאָר א באזונדער טאַם דער־פילט אינעם לעבן, פון זינט ער איז ארויס פון אונטער דער ערד.

די שטערן אין הימל פינקלען, די נאכט איז רויק, און פּיניע דערפילט אזא זיכערקײַט, וואָס קיין אנדערער, כוץ אים, קאָן עס גאָר ניט בא־נעמען.

. . . .

די מינסקער בויער וועלן לאנג ניט לאָזן שטיין א שטאָט אין אזא מאַצעוו, ווי זי איז איצט; בא אָט די מענטשן איז אָן אייביקער דראנג צו בויען און מײַסטרעווען. דאָס האָט מען געקאָנט זען אפילו באם בויען די אונ־טערערדישע היילן. מע קאָן נאָך איצט געפינען אין שטאָט סימאָנים פון געוועזענע באהעלטע־נישן. איינע איז נאָך געבליבן גאנץ ביז צום הײַנטיקן טאָג. זי געפינט זיך אין א וואנט פון א הויז, וואָס איז צופעליק גאנץ געבליבן, און ווען מע זאָל זײַן מיט אכצן קעפּ, וועט מען זיך ניט דערטראכטן, אז אין דער הוילקײַט פון דער וואנט האָבן געלעבט מענטשן. צו יענער צײַט האָבן זיך אין שטאָט באוויזן ספּעציאַ־ליסטן, אינזשעניערן, בויער פון אונטערערדי־שע היילן. ראטעווען דאָס לעבן פון די סאָוועט־ישע מענטשן האָבן אײַנגעשטעלט זייער אייגן לעבן, קעדיי צו ראטעווען זייערע פרײַנט, זייערע כאַווייריםֿ.

— איינמאָל אינדערפרי, — דערציילט פּיניע דער מולער, — האָבן מענטשן פּלוצעם גענומען שלעפּן בערוועגעס און ברעטער. זײַן ווײַב האָט אָנגעהויבן שרײַען: „וואָס שטייסטו ווי א ליי־מענער, זע, וואָס עס טוט זיך, אלע בויען דאָך, דו ווערסט זײַן מײַן מאַלעכהאַמאָוועס". זײַן שאָכן, עליע דער פורמאַן, דרייט זיך ארום אים, ער פּילט, אז יענער וויל אים עפּעס זאָגן. נו, טראכט ער זיך, זאָג שוין!

— פּיניע, — הייבט אָן עליע, — מע דארף בויען.

— עליע, — ענטפערט אים פּיניע, — ביסט משוגע אפן גאנצן קאָפּ.

— פּיניע, — זאָגט נאָכאמאָל עליע, — מע דארף בויען.

האקלאל, זיי האָבן אויסגעזוכט א פּלאץ, עס רעדט זיך אזוי א פּלאץ, א קיווער — א כאָ־רעוו הויז לעבן בעסוילעם. פון אויבן — פיר אָפּענע ווענט — א לאמטערנע. פון אונטן — א קעלער, איבערן קעלער — אײַזערנע פּליטן. נאָר האָבן זיי זיך שוין גענומען צום בויען, איז ווי די מײַסטערס, אז קיין דײַטשישער טאנק זאָל די הייל ניט קאָנען צעקוועטשן, געוועזן אזעלכע פּאלן אויך. מאלע מיט וואָס פאר א טויט זײַנען מענטשן אומגעקומען.

די קינדער האָבן געהיט, צי קיינער קומט ניט אָן, און די מײַסטערס האָבן זיך געמאכט, קלוימערשט, מע פּאָרעט זיך אין אַש פון דער כורווע. טעג און נעכט האָבן זיי געהאָרעוועט און אויסגעבויט א הייל פאר צוואנציק מענטשן, מיט צוויי נארעס, איינע איבער דער אנדערער, דער ארײַנגאנג — א לאָך פונקט פאר א מענטשן די ברייט. נאָכדעם א שמאָלער קאָרידאָר, נאָכדעם ערשט די הייל גופא. מע האָט פארגרייט מאטעריאלן און מאכשירים, קעדיי זיך צו פארמויערן פון אינווייניק, נאָכ־דעם, ווי מע וועט שוין דאָרטן זיצן. האקלאל, וואָס ארט אײַך, ס'איז געווען אויסגערעכנט, אי לופט זאָל זײַן, אי דאָס, וואָס א לעבעדיקער מענטש דארף האָבן.

דעם איין־און־צוואנציקסטן אָקטיאבער 1943 האָבן זיך די מענטשן, זעקס און צוואנציק אין צאָל (זעקס מענטשן האָבן זיך אונטערגערוקט אויסער דער נארמע, נאָר גיי מאך אין אזא אייס־צאָרע), ארונטערגעלאָזט אונטער דער ערד. נײַן אזייגער אינדערפרי איז ארום דער געטאָ געוואָרן גרין (די געסטאפּאָוצעס זײַנען געגאנגען אָנגעטאָן אין א גרינער אוניפאָרם). דעמלט האָבן אלע שוין געוווּסט, אז דער סאָף קומט אָן. אין יענעם טאָג איז אין געטאָ טאקע פאָרגעקומען דער לעצטער פּאָגראָם. לעבן גע־בליבן זײַנען נאָר די, וואָס האָבן באוויזן אוועקצוגיין.

זעקס און צוואנציק מענטשן האָבן זיך אָפּ־געטיילט פון דער דרויסנדיקער וועלט, זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד, זיך צוגעטוליעט

צו איר פּײַכטן רויען לײַב, אָפּגעגעבן זיך איר אײַנגאַנצן, און די מענטשן האָבן אופגעהערט וויסן דעם כּילעק פון טאָג און נאַכט. די צײַט האָט מער ניט געהאַט קיין אָנהייב און קיין סאָף.

דער ערשטער מעס

די באַוווינער פון דער הייל האָבן זיך אײַנ־געמאָסטעט יעדערער אין זײַן ווינקל. ווען ס׳איז אַריבער דער ערשטער ברען פון אײַנ־אָרדענען זיך, איז מען געבליבן זיצן שווײַגנ־דיק, פאַרפלאָגט און פאַרצאָרנט.

ראָכל, פּיניעס שוועגערן, האָט א זאָג געטאָן מיט כּוויזעק:

„מיט מאַזל זאָלט איר וווינען. און ווו וועלן מיר שטעלן דעם קאָמאָד?"

— א שײנער געלעכטער אַף איר קאָפּ, — האָט געענטפערט א פרוי פון א צווייטן ווינקל.

פון דרויסן האָט זיך ניט דערטראָגן אהער קיין איינציקער קלאַנג. דאָס קאָפּטערל, וואָס האָט געוואָרפן א מאַטע שײַן אַף דער גרויסער גרוב, האָט אויסגעזען, ווי א ליכטל באַ א טויטן צוקאָפּנס. די מאַנספּאַרשוינען האָבן געענדיקט פּאַרמויערן דעם אַרײַנגאַנג פון אינווייניק. א קינד האָט געבעטן א ביסל וואַסער. קיינער האָט נאָך דערווײַל ניט געטראַכט דערפון, ווו מע וועט נעמען וואַסער, אַז עס וועט זיך ענדיקן דאָס ביסל, וואָס מ׳האָט פאַרגרייט. ווי ביטער עס זאָל ניט זײַן, האָט אָבער יעדער איינער געפילט, אַז ער האָט דאָ מיט זיך דאָס אייגענע שטיקל לעבן און די עטלעכע געציילטע לעבנ־געבליבענע נאָענטע. א מאַמע האָט געטוליעט איר קינד צו זיך.

כאָטש פון דרויסן האָט זיך ניט דערטראָגן אהער קיין איינציקער קלאַנג, האָבן אָבער די מענטשן געהאַט שרעק אין די אויגן. זיי האָבן אופגעציטערט פון יעדן שאָרך דאָ אינווייניק. די שרעק האָבן זיי געבראַכט מיט זיך נאָך פון „דאָרטן", פון דער דרויסנדיקער וועלט, פון די נעכט, וואָס פלעגן פּלוצעם צעריסן ווערן פון אַן איימעדיקן געשריי, פון די קאָלאָנעס, וואָס די דײַטשן האָבן געפירט צום צעשיסן, פון די קוילעס באַ די „דושעגובקעס" ווען די דײַטשן האָבן אהין געשלעפּט מענטשן מיט גוואַלד.

איצטער, געפינענדיק זיך אין מער זיכער־קײַט, האָט די גאַנצע איבערגעלעבטע שרעק גענומען זיך אָפּזעצן אין די מויכעס און אין די הערצער. זי איז געוואָרן א פאַרגאַנגענע, א ווײַטע. דאָ האָט גענומען באַהערשן א נײַע שרעק, א טעמפּער אומרו פון ניט וויסן ווו אײַן און ווו אויס. וואָס לענגער מע איז דאָ געזעסן, אַלץ מער האָט זיך גענומען בענקען נאָכן דרויסן — וואָס טוט זיך דאָרטן? צי איז נאָך פאַראַן לעבן אַף דער וועלט, ווי האַלט עס? ווי לאַנג זיצט מען שוין דאָ, א וואָך צי מער? די צײַט האָט ניט געהאַט קיין אָנהייב און קיין סאָף. אַלץ האָט זיך איבערגעכאַזערט מיט דער זעלבער שווערער לאַסט פון ניט וויסן דעם אייגענעם גורל. ווען ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז אײַנדערפרי, האָט מען געזאָגט: „קאַלזמאַן א מענטש לעבט, מוז ער דאָך דערהאַלטן די נעשאָמע". דאָס זאָגן איז געווען, ווי א פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין, וואָס מע עסט אויף דעם לעצטן ביסן, און וואָס וועט זײַן ווײַטער? מע טרינקט אויס דעם לעצטן טראָפּן וואַסער, און וואָס וועט זײַן ווײַ־טער?

— די אַלטע כײַע־סאָרע איז אָפּגעזעסן אַפן ברעג פון דער נאָרע, ווי לאַנג זי האָט געקאָנט. זי האָט זיך קיין איין מאָל ניט צוגעלייגט, אַשטייגער, ווי זי האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז זי מוז אויסגיין זיצנדיקערהייט; און אַזוי איז זי טאַקע אויסגעגאַנגען. די אײַנוווינער פון דער הייל זײַנען שוין געווען געוווינט צו זען, ווי זי זיצט און דרעמלט. אַמאָל גיט זי עפּעס א טשמאָקע מיט די ליפּן, לאָזט אַרויס א קלאַנג, דערנאָך דרעמלט זי ווידער, ווי א הון אַף דער סידעלע. נאָר מיטאָמאָל האָט מען זיך אַרומגע־זען, אַז זי איז טויט. זי איז געשטאָרבן זיצנדי־קערהייט.

— וואָס טוט מען?

ווער האָט עס געפרעגט? — קיינער ניט! נאָר די פראַגע איז געבליבן — וואָס טוט מען? די מענטשן האָבן געהאַט געזען טויזנטערליי טויטן. פון יענע טויטן זײַנען זיי אַנטלאָפן, זיך אויסבאַהאַלטן, נאָר פון דעם טויט קאָן דאָ קיי־נער ניט אַנטלויפן. די אַלטע כײַע־סאָרע זיצט אָנגעשפּאַרט אָן דער קאַלטער וואַנט א טויטע. וואָס טוט מען מיט א טויטן אין א לעבעדיקן קייווער?

— וואָס זאָגסטו, פּיניע, — האָט געפרעגט עליע דער פורמאַן.

פּיניען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עליע וועט אים באַלד ווידער א זאָג טאָן — פּיניע, מע דאַרף בויען.

די קינדער האָבן געקוקט אַפן מעס מיט שטאַרע בליקן, די פרויען האָבן געקוקט אַפן מעס אָן שום זין. דער טויט אַליין האָט ניט אַרויסגערופן קיין געפילן, ס׳נאָר געבליבן הענ־גען אין דער פּײַכטער, טוכלער לופט פונעם קייווער די פראַגע — וואָס טוט מען?

פּיניע האָט גענומען א לאָפּעטע און זיך געשטעלט גראָבן א קייווער. א קייווער אין א קייווער.

און אונטער זיך האָבן די אײַנוווינער פון דער הייל באַגראָבן זייער ערשטן מעס. אַפן

קייווער איז מען געשטאנען, אפן קייווער האָט מען זיך באוועגט, אפן קייווער האָט מען ווײַטער פאָרגעזעצט דאָס הארטע, אומענדלעך נודנע לעבן.

דעם זעלבן כוידעש זײַנען געשטאָרבן דרײַ מענטשן. מע האָט זיי באגראָבן דאָ גופא, אין דער גרוב. דער טויט איז געוואָרן א היימישע זאך, מע האָט אף אים געווארט לויט דער ריי, צו וועמען וועט ער קומען מאָרגן?

וואסער

אינעם אָפּטן דרעמלען, ליגנדיק אף די נארעס, האָט זיך עמעצער דערמאָנט, אז אין דרויסן מוז איצט שוין גיין א שניי. בא די קינדער אין דער פאנטאזיע האָט ער זיך אויסגעמאָלט אן אומענדלעך גלאטער, מע קאָן זיך אף אים לאָזן מיט שליטלעך. לויטן כעזשבן, איז איצט סאָף נאָיאבער. איבער א כוידעש, ווי מע איז אָפּגעטיילט פון דער וועלט. אפילע אזא היימישע זאך, ווי שניי, איז אויך געוואָרן דערווײַטערט. דאָ האָט מען געזען נאָר די רויע ערד, די ברעטער פון די נארעס, די עטלעכע קיילים, וואָס מ'האָט מיטגענומען מיט זיך, און די זעלבע פּענעמער, וואָס אף קיין איין רעגע קאָנסטו זיך ניט אָפּקערן פון זיי.

דער זייגערמאכער האָט געהאט א טעווע צו מעלדן הויך אפן קאָל, אז אזויפיל און אזויפיל איז דער זייגער. פּלעגט זיך גלײַך אָנהייבן:

— נאָך א שאָ נעענטער צום טויט. — דאָס האָט געזאָגט א פרוי, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט ארונטערגענומען דאָס טיכל פון קאָפּ.

— שוין צײַט צו עסן מיטיק, — האָט געזאָגט די שטענדיקע כויזעקמאכערן ראָכל, ווי ביטער עס זאָל ניט זײַן, האָט זי אָבער אלע מאָל ארויסגעוויזן מער מונטערקײַט, ווי די אנדערע. אונטערגעבן זיך, הייסט עס, דארף מען ניט.

פיניע דער מולער טראכט אָפּט, אז ווי וויל וואָלט אים געווען, ער זאָל איצט זײַן אין א וואלד מיט פּארטיזאנער. ער באדויערט הויך אפן קאָל, וואָס ס'האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו שאפן א פארבינדונג מיט א פּארטיזאנישן אָטריאד.

עמעצער דערמאָנט לייע דער שנײַדערקעס מיידל, וואָס איז אוועק זוכן פארבינדונגען מיט פּארטיזאנער, און פּאָליציי האָבן זי אפן וועג געקוילעט.

— א גרויסע מעציע, — באמערקט מאריאשע, — געקוילעט. בעסער, ווי צו זיצן דאָ אין קייווער, איין מאָל שטארבט מען.

— וועסט ניט פארשפּעטיקן, — ענטפערט איר ראָכל מיט א געלעכטערל.

פיניע קוקט זיך ארום אין דער הייל, ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל איצט געזען. סאכאקל האָט ער דאָ עטלעכע מאנספּארשוינען, שוין איניינעם מיט די ייִנגלעך. כאָטש אזעלכע, ווי ראָכל, מוסיע און מאריאשע זײַנען מער ווערט ווי אנדערע מאנספּארשוינען.

פיניע איז דאָ קאָמאנדיר, נאָר א קאָמאנדיר זייער א מילדער. פיל צו קאָמאנדעווען איז ניטאָ וואָס, נאָר דאָס וואסער היט ער אָפּ שטרענג, בא דעם איז ער אן עמעסער קאָמאנדיר. וואסער קריגט יעדערער זײַן נאָרמע, וואָס איז אײַנגעשטעלט: פאר גרויסע באזונדער און קליינע באזונדער. פיניע גייט צו פארזאָרגט צו די פעסלעך, באטראכט זיי, וועגט און מעסט מיטן אויג, וויפל ס'איז נאָך געבליבן און גייט אוועק פון דאָרט א פינצטערער — עס ענדיקט זיך. די ליידיקע פעסלעך זעען אויס, ווי קוואָרים אויסגעהוילטע. אָט אין די ליידיקע קיילים שטעקט דער טויט, אָן וואסער וועט מען אויסגיין.

קיינער האָט נאָך ניט דערוועגט זיך צו ריידן וועגן דעם, אז סאָפּקאָלסאָף וועט מען מוזן ארויסגאנווענען זיך נאָך וואסער. כאָטש אין געדאנק איז דאָס בא אלעמען געווען, האָט מען אָבער מוירע געהאט דאָס וואָרט ארויסצוברענגען פאר די ליפּן. אין דרויסן איז דער דײַטש, דער טויט.

אין דרויסן איז דער טויט און אויך דאָס לעבן. דאָס מעסער פון שרעק, וואָס האָט געטריבן אהער, אונטער דער ערד, האָט אָבער ניט געקאָנט איבערשנײַדן די טויזנטער פעדעם, וואָס האָבן יעדן איינעם געהאלטן פארבונדן מיט דער לעבעדיקער, דרויסנדיקער וועלט.

דאָס ביסל פארבליבענע וואסער איז געוואָרן טוכלע, און אויך דאָס האָט מען געטיילט נאָר צו באנעצן די ליפּן. די הענט זײַנען געוואָרן, ווי שטיקער ערד. אפן פּאָנעם איז אָנגעוואקסן א קאָרע, דאָס לײַב איז אין שטענדיקן פיבער.

שוין דער צווייטער כוידעש, ווי עס ציט זיך דאָס לעבן אין דער הייל, אין די קיילים איז געבליבן די לעצטע פּאָרציע וואסער, א מידקײַט איז אלעמען באפאלן, נאָר די אויגן קוקן ארויס מיט א פראגע: וואָס וועט זײַן? די קינדער זײַנען געוואָרן שלאף, האָבן פארלאָרן דעם אינטערעס צו די שפּילן, וואָס זיי האָבן איבערגעכאזערט שוין צום טויזנטסטן מאָל. מע ליגט אין די ווינקעלעך צונויפגעטוליעט און מעווארט שטילערהייט אפן טויט.

בערל דער בוכהאלטער איז געשטאָרבן. מע האָט אים איינמאָל אײַנאָוונט געפונען שוין א טויטן. אין הייל האָט זיך געביטן דער סיידער פון מעסלעס: באטאָג איז מען געשלאָפן, און דעמלט, ווען ס'האָט געזאָלט זײַן נאכט, איז מען

דאָ אוף געווען. מע האָט זיך געהיט, אַז קיין קלאַנג זאָל ניט דערהערט ווערן אין דרויסן.

בערלס טויט האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום סענסאַציע, די לעבנגעבליבענע האָבן אויסגעגראָבן נאָך אַ קייוועער אונטער זיך און אים באַהאַלטן. נאָכדעם האָט זיך די צײַט ווידער געצויגן אַזוי ווי פריִער, אײדער בערל איז געשטאָרבן.

אין דער הייל איז געווען שטיל, קיינער האָט זיך ניט באַוועגט אַפילע. אַשטייגער, ווי די מינדסטע באַוועגונג, וואָס אַ מענטש מאַכט, דאַרף אים קאָסטן מי־יעדייע וויפל אָנשטרענגונג. שוין דעם צווייטן טאָג, ווען מע איז געבליבן אינגאַנצן אָן וואַסער, די ליפּן טרוקן און צעפּלאַצט, אין מויל סטײַעט ניט קיין סלינע זיי צו באַנעצן. מע ליגט אָף די נאַרעס און מע קוקט אין איין פּינטל. דאָס קליינע לעמפּעלע איז געבליבן ברענען נאָך בערלס טויט, קיינער האָט עס ניט פאַרלאָשן. אין די אויגן פון די מענטשן ברענען בייזע פײַערלעך, אָט שליסן זיי זיך צו, און אָט עפענען זיי זיך ווידער אוף.

מיטאַמאָל האָט פּיניע דער מולער אויסגעשריגן: וואַסער! עס רינט וואַסער!

קיינער האָט אים ניט געגלייבט. קיינעם איז אַצינד ניט געקראָכן אין קאָפּ דעם קאָמאַנדירס שפּאַס. פּיניע האָט אַליין ניט געגלייבט אין דער ערשטער מינוט זײַנע אויגן — ער האָט דערזען, ווי אין אַ ווינקעלע, לעבן דעם אָרט, ווו מע האָט געגראָבן דעם קייווער פאַר בערל בוכהאַלטער, איז די ערד געוואָרן פײַכט, די מענטשן פון דער הייל האָבן זיך אויסגעלערנט זען אַפילע אין דער פינצטער, זיי האָבן געזען מיטן כוש, ווי בלינדע. נאָר איצט, באַ דער שוואַכער ליכט פונעם לעמפּעלע האָט ער בעפֿײַרעש דערזען וואַסער, און וואָס לענגער ער האָט געקוקט, אַלץ באַשײַמפּערלעכער האָט ער געזען וואַסער, ער האָט שוין דערשפּירט אַפילע די קילקײַט, די פײַכטקײַט, וואָס זי ברענגט מיט זיך.

— עס האָט זיך געעפנט אַן אָדער אין דער ערד! — האָט פּיניע אויסגעשריִען. — עס גייט וואַסער!

די אָנמעכטיקײַט האָט נאָך קיינעם ניט געלאָזט זיך אופהייבן פונעם אָרט. אַנדערע האָבן בלויז אויסגעדרייט פּאַמעלעך די קעפּ און אָן ווילן געקוקט אַהין, ווו פּיניע האָט אָנגעוויזן.

פּיניע האָט בעעמעס געזען וואַסער, ער רעדט ניט פון היץ, ער איז ניט מעשוגע. עס זעצט פון דער ערד אַרויס. ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דער נאַרע און מיט די נעגל גענומען קראַצן די ערד אָף יענעם אָרט, ווו ס'האָט זיך באַוויזן די נאַסקײַט, אַ קוואַל האָט זיך געעפנט אומגעריכט און גענומען פּלייצן.

די קינדער האָבן אופגעמאַכט די אויגן. מע איז אַרונטער פון די נאַרעס, אַרומגערינגלט דאָס נאַסע אָרט. דער ערשטער שטראָם, וואָס האָט אַ פּלייץ געטאָן, איז גלײַך צוריק אײַנגעזאַפּט געוואָרן אין דער ערד. נאָר וואָס ווײַטער דאָס וואַסער האָט געפּלייצט, אַלץ מער איז עס געבליבן פונויבן־אוף, עס איז געוואָרן אַ קליינע לוזשע. פּיניע האָט נאָך אַלץ געקראַצט די ערד מיט די נעגל, דאָס איז געווען אַ דורשט פון אַ מענטשן אין אַ מידבאָר, וואָס דערזעט פלוצעם אַ לעבעדיקן קוואַל; און דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך באַוויזן, האָט גענומען פליסן אַלץ שטאַרקער. די מאַמעס האָבן ניט געקאָנט אָפּהאַלטן זייערע קינדער. די דאָרשטיקע נאָך אַ טרונק, נאָך אַ קאָפּ פרישן וואַסער זײַנען צוגעפאַלן צו דער לוזשע, גענעצט די ליפּן, געשלונגען מיט די הויפּנס, געשווענקט די פּנעמער. דאָס איז געווען אַ מינוט פון ווילדער סימכע, קיין זאַך האָט מער ניט עקזיסטירט, נאָר דאָס וואַסער.

דאָס וואַסער האָט שוין פאַרדעקט דעם גאַנצן גרונט און האָט נאָך אַלץ געפּלייצט. מע האָט געזען מיט די אויגן, ווי פון יענעם ווינקל שטראָמט עס, עמעס טאַקע — אַן אָדער האָט זיך געעפנט אין דער ערד. עס האָט געבומבלט, געהויבן זיך און געוואַקסן. אַ טייל זײַנען אומגעגאַנגען און געפּאַטשט מיט די פיס אין דער נעץ. אַנדערע האָבן זיך צעזעצט אָף די נאַרעס און געקוקט, ווי דאָס וואַסער שטראָמט. צו פריש איז נאָך געווען די איבעראַשונג, צו זיס די פריידֿ פון באַקומען פריש וואַסער, אַז מע זאָל קאָנען טראַכטן וועגן עפּעס אַ געפאַר. מע האָט דערווײַל אָנגענומען וואַסער אין אַלע ליידיקע קיילים, פאַרגרייט פולע פעסלעך, און ס'איז אַ שאָד געווען, וואָס מערער זײַנען קיין קיילים ניטאָ.

די גרוב איז שוין געווען ביז דער העלפט אָנגעפילט מיט וואַסער. אַ שרעק האָט זיך גענומען פאַרגאַנווענען אין די הערצער — טאָמער, כאָלילע, אַ פאַרפלייצונג. די שרעק איז געוואַקסן. דער גרויער קעלער איז געוואָרן פולער, קיין אַרויסגאַנג פאַרן וואַסער איז ניטאָ, אָף דעם האָבן די מײַסטערס — די בויער ניט אויסגערעכנט. מע האָט זיך פאַרקליבן אָף דער אייבערשטער נאַרע — דאָס איינציקע הויכע אָרט. די אָנגעפילטע קיילים מיט פאַרגרייטן וואַסער זײַנען פאַרדעקט געוואָרן פונעם שטײַגנדיקן צופלוס. וואָס מע האַט געקאָנט, האָט מען אופגעראַטעוועט אָף דער אייבערשטער נאַרע. עס איז פאַרגאָסן געוואָרן דער פאַרמויערטער אַרויסגאַנג צום דרויסן. מע האָט שוין ניט געוווּסט, ווו ס'איז אַ וואַנט, אָדער אַ וועלכע־עס־איז ריכטונג. די נײַע געפאַר איז געוואָרן שרעקלעכער, ווי דער דאָרשט — וווּהין

ראטעוועט מען זיך? די מאמעס האָבן געטוליעט צו זיך די קינדער. עמעצער האָט גענומען שטורכען מיט די פינגער אין דאך. דער דאך איז געלעגן נידעריק איבערן קאָפּ. ערשט איצט האָבן אלע באמערקט, ווי נידעריק דער דאך איז. דאָס וואסער וועט באלד פארגיסן דאָס לעצטע ברעקל שעטעך, דאָס לעצטע ביסל לופט וועט פארשוועבקט ווערן און א טויט־פינצטערניש וועט ארומנעמען. צי די אויגן זײַנען אָפן, צי פארמאכט, מע זעט נאָר דאָס שטײַגנדיקע וואסער. עס לעקט שוין די פיאטעס, די פיס, וואָס הענגען ארונטערן פון דער נארע.

די קינדער וויינען, אן איימע, ווי בא כײַעס פאר אן ערדציטערניש, איז זיי באַפאלן, זיי שלוכצן, די מאמעס דריקן זיי פעסט צו זיך.

— הערט אויף! — האָט אויסגעשריִען פיניע דער מוליער. ער איז געזעסן און געמאָסטן דעם צופלוס. ער האָט זיך געמאכט א סימען אף די פיס, וואָס זײַנען אים ארונטערגעהאנגען פון דער נארע. ביז די כאָליעוועס האָט אים דערגרייכט דאָס וואסער, און ווײַטער ניט. שוין איבער א שאָ, ווי העכער שטײַגט עס ניט. — הערט אויף! — האָט ער מיט נאָך מער זיכערקײַט אויסגערופן. — עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די פארפלייצונג. דער אָדער איז פארשטאָפּט געוואָרן!

פונקט ווי פריִער, ווען ער האָט דער ערשטער דערזען דאָס וואסער, האָט מען אים אויך איצט ניט געגלייבט. נאָר פיניע האָט באוויזן אף זײַנע כאָליעוועס — די פארפלייצונג האָט זיך ניט בלויז אָפּגעשטעלט, נאָר דאָס וואסער איז שוין אפילע געפאלן. אף די כאָליעוועס האָט זיך אָפּגעשטעלט א נאסער צייכן.

א טאָג מיט א נאכט, און עפשער צוויי טעג מיט צוויי נעכט — ווער קאָן וויסן — איז מען געזעסן אף דער אייבערשטער נארע און געקוקט, ווי דער צופלוס זעצט זיך ארונטער צאָל נאָך צאָל. עס האָבן זיך ענדלעך באוויזן די קיילים אָנגעפילטע מיטן פארגרייטן וואסער.

— האָבן מיר שוין געהאט דעם מאבל אויך, — האָט געזאָגט די פרוי מיטן טיכל אפן קאָפּ. — טאָמער איז ווינציק געוועזן די מאגייפע, איז נא דיר א צוגאָב — א מאבל.

— יידענע, זינדיקט ניט! — האָט זי געשטראָפט פיניע דער מולער, — דערפאר האָבן מיר פארגרייט פולע פעסלעך.

— וואסער וועט אונדז שוין סטײַען ביז אן ערדציטערניש, — האָט געכויזעקט ראָכל.

— בײַס זיך בעסער אָפּ די צונג, — האָט איר עמעצער געענטפערט בייז.

דאָס וואסער איז אינגאנצן פארשוווּנדן געוואָרן, נאָר די ערד איז געבליבן אָנגעזאָפּט מיט נעץ. די פיס זײַנען געזונקען אין דער שיטערער בלאָטע. עס האָט זיך אָבער געוואָלט ארונטער פון דער נארע, אויסגלײַכן די אײַנגעשרומפּענע גלידער.

עמעצער האָט פון א קעשענע דאָביוועט א שוועבעלע און אָנגעצונדן פײַער, א נײַ לעבן איז געקומען אין דער הייל. ס'האָט זיך געדאכט, אז פונעם פלעמל איז ווארעמער געוואָרן. מאַריאשע האָט געזונגען, און ווי זיס איז איצט געוועזן איר געזאנג!

מע האָט אופגעקאָכט א קאָן וואסער, און די קליינע מיט די גרויסע האָבן זיך אָנגעזופּט מיט אָקרעפּ.

א הויפן שניי

די פארפלייצונג, וואָס איז אריבער בעשאָלעם, האָט געמאכט אן איבערקערעניש אין דער הייל. מענטשן זײַנען געוואָרן געוואגטער נאָך דער געשעעניש. עס האָבן זיך אָפּט געהערט רייד וועגן פארבינדונג מיטן דרויסן. די יוגנט האָט זיך געשושקעט, פארקליבן זיך אין ווינקעלעך.

דאָ זײַנען געוועזן צוויי מיידלעך, פיניע דעם מוליערס עלטער ייִנגל — א באָכער פון א יאָר פערצן, און נאָך איינער, שוין א דערוואקסן ייִנגל. די פיר האָבן אָפּגעמאכט צווישן זיך, אז מע מוז זיך ארויסרײַסן פונעם לעבעדיקן קייווער און אוועק צו די פארטיזאנער. די עלטערע האָבן פארשטאנען, וועגן וואָס מע סוידעט זיך. און אויב מיט א כוידעש צוריק וואָלט מען זיך געשראָקן פאר אזא געדאנק, אויס מוירע, אז די הייל וועט „פארשאָטן" ווערן, האָט אָבער איצטער קיינער זיך ניט ארײַנגעמישט מיט קיין וואָרט. די בענקשאפט נאָך דער ליכטיקער וועלט האָט זיך באזעצט אין די הערצער און גענאָגט, און גענאָגט. לויטן כעזשבן דארף שוין די רויטע ארמיי זײַן נאָענט פון די מעקוימעס. אזוי האָט געדרונגען פיניע דער מוליער. שוין דאָס אליין, וואָס די דײַטשן האָבן זיך צוגעײַלט צו ליקווידירן די געטאָ, איז א באווײַז, אז זיי האלטן שמאָל. ער, וואָס סאָפּקאָלסאָף איז ער דאָ קאָמאנדיר, האָט אליין גענומען געבן אייצעס די יוגנטלעכע און צוזאמען מיט זיי אויסגעארבעט דעם פלאן פון ארויסשיקן שעליכים אין דרויסן, זוכן א פארבינדונג מיט פארטיזאנער און אוועקפירן אלעמען אין וואלד ארײַן.

וועמען שיקט מען דעם ערשטן? די צוויי מיידלעך האָבן געטײַנעט, אז סײַווי גייען זיי אוועק פונדאנען. זיי קאָנען לענגער דאָ ניט בלײַבן. ס'איז ניט איבערצוטראָגן. די ייִנגלעך האָבן אָבער געוואָלט גיין די ערשטע, זיי איז ניט אָנגעשטאנען, אז די מיידלעך זאָלן ארויסווײַזן מער געוואגטקײַט. די מיידלעך האָבן גע־

בראַכט קאָלערליי באַווײַזן, אַז פּאָר די ייִנגלעך און פּאָר אַלעמען דאָ איז געפערלעכער, אַז זיי זאָלן גיין, מיידלעך האָבן מער שאַנסן אַריבערצוקלײַבן זיך אין וואַלד אַרײַן. די פּראַקטיק האָט דאָס באַוויזן. און זיי האָבן אויסגעפירט.

באַנאַכט האָט מען אופגעעפנט דעם פאַרמויערטן אַרײַנגאַנג און אַרויסגעלאָזט די צוויי מיידלעך.

— אויב אין דרויסן איז אויסגעפאַלן אַ שניי, זאָלט איר היטער זיך פאַרשאַרן די טריט, — האָט זיי אָנגעזאָגט פּיניע. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מאָמענט. דאָס געפינען זיך לאַנג צוזאַמען האָט נאָענט געמאַכט איינעם צום אַנדערן, און איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיטן אַוועקגיין פון די מיידלעך רײַסט זיך אָפּ אַ לעבעדיקער אייווער פונעם אונטערערדישן גוף. די צוויי מיידלעך האָבן זיך דורכגעגליטשט דורך דער שמאָלער עפענונג און פאַרפאַלן געוואָרן אינעם אומענדלעכן דרויסן, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ פאַרגעדענקט, ווי אַ טהאָם פון פּײַן און טויט.

וועלן זיי זיך אומקערן, צי ניט? וועלן זיי דערגיין צו פּאַרטיזאַנער, צי ניט? וועט מען זיי באַמערקן? אַזעלכע פראַגעס האָבן געשוועבערט בײַ אַלעמען די מויכעס. מע האָט געקוקט מיט שטומע בענקענדיקע בליקן אויף דער נאָרע, וווּ עס זײַנען מיטאַמאָל ליידיק געוואָרן צוויי פּלעצער.

טעג נאָך טעג זײַנען פאַרגאַנגען. פון די צוויי מיידלעך איז קיין ידיעה ניט געקומען. פאַר זייער אַוועקגיין האָט מען מיט זיי אָפּגערעדט, אויב זיי וועלן זיך אומקערן, וואָס דאַרפן זיי טאָן, קעדיי אינווייניק זאָל מען וויסן. די עפענונג, וואָס איז ווידער פאַרמויערט געוואָרן נאָך זייער אַוועקגיין, איז געבליבן טויט און פאַרהאַקט, ווי אַלע מאָל. קיין ווינט האָט אַפילו ניט געקאָנט דערגרייכן אַהער פון דרויסן, עס זאָל זיך כאָטש אויסווײַזן, אַז די מיידלעך האָבן זיך אומגעקערט. קיין שאָרך, קיין קלאַנג, די זעלבע סוכאַרעס מיט וואַסער, די זעלבע נאַרעס, די זעלבע פינצטערניש. די ייִנגלעך, אויף וועמען דער גורל איז אויסגעפאַלן דאָ צו בלײַבן, האָבן פאַרגעוואָרפן — וואָלטן מיר געגאַנגען, וואָלט שוין איצט געווען אַ פאַרבינדונג מיט פּאַרטיזאַנער.

די פרוי מיטן טיכל אויפן קאָפּ איז שוין אַ ביסל געווען גערירט פון זינען, אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן — זי האָט צופיל געדרייט מיט די אויגן. די קינדערשע פּנעמער זײַנען געוואָרן טונקל און אײַנגעשרומפּן. זיי זײַנען איצט מער ענלעך געווען אויף זקנים, ווי אויף קינדער.

פּיניע דער מוליער האָט געזאָגט הויך אויפן קאָל:

— אויב מירן ניט קריגן קיין שפּײַז, וועלן מיר סײַווי אומקומען.

ראָכל האָט אופגעהערט אַרײַנוואַרפן אירע ווערטלעך. זי האָט געקוקט אויף די לעבנגעבליבענע מענטשן, וואָס זעען אויס, ווי די מייסים. אין דרויסן האָט זי געלאָזט דעם מאַן, וואָס פוילט געהאַרגעטערהייט ערגעץ אין אַ גרוב. איר איז געבליבן אַן איין־און־איינציק קינד, וואָס גייט דאָ אויס צוזאַמען מיט די אַנדערע. אויב זי קאָן ניט זײַן איצט אין קיין וואַלד מיט פּאַרטיזאַנער און נעמען נעקאָמע פון די מערדער, זאָל זי כאָטש העלפן די קליינע קינדער.

— פּיניע, — האָט זי געזאָגט מיטאַמאָל, — עפן אויף די פּאַראַדנע, איכל גיין כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

— איך גיי אויך, — איז גלײַך אופגעשפּרונגען פּיניעס עלטער ייִנגל.

— דאָס מאָל גיי איך אַליין, אָן אַ קאַוואַליער, — האָט ראָכל געענטפערט שוין מיט אַ ווערטל.

— טשעפּע איצט ניט, באָרקע, — האָט זיך פּיניע געבעטן באַם זון. ער האָט געפילט אין דער ראָכלען דעם סאַמע זיכערסטן מענטשן, אויף וועמען מע קאָן זיך פאַרלאָזן. און זאָל זיך איצטער קיינער ניט אַרײַנמישן.

ראָכל האָט זיך אײַנגעהילט אין אַ טוך, פּיניע האָט אופגעעפנט דעם אַרײַנגאַנג, זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט און אָנגעזאָגט, אַז דערווײַל זאָל מען ניט פאַרמויערן. זי גייט נאָר אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָ אַרום. אַ סאָף זאָל עס נעמען, גענוג! מע קאָן דאָך שטאַרבן נאָך איידער דער טויט וועט קומען.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ קאַלטע, פּראָסטיקע דעקאַבער־נאַכט, אַ פינצטערער הימל מיט גלײַענדיקע שטערן. ראָכל האָט זיך געגליטשט, ווי אַ שאָטן. זי האָט דערזען דעם נאָענטסטן בעסוילעם, האָט זיך געמאַכט אַ סימען ווי צוריק צו טרעפן דעם וועג צו דער הייל און אַוועק אין דער ריכטונג פון די מאַצייוועס. הינטער אַ הויכן שטיין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און באַטראַכט די געגנט אַרום: קיין איינציק פײַערל אין קיין פענצטער. דורך דער פינצטערניש האָט זי מיט די אויגן אויסגעזוכט אַ שטוב אין דער נאָענט, דער באַשנייטער דאַך איז אַריבערגעהאַנגען איבער די אויסגעלאָשענע שויבן, פון אַנטקעגן הויז האָט זיך אויסגעטיילט אַ סוויר פון אַ ברונעם. איר האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ געדאַנק, אַז פונדאַנען וועט מען קאָנען שעפּן וואַסער מיט אַ שטריק, דער סוויר זאָל ניט סקריפּען.

די מאַצייוועס זײַנען געשטאַנען אײַנגעפרוירן. דאָ איז אַרום קיינער ניט פאַראַנען, נאָר צוליב מער זיכערקײַט איז זי פאָרזיכטיק צוריקגעקראָכן מיט דעם זעלבן וועג, פאַר־

שאַרט דעם שניי הינטער זיך און אַרונטערגע־
לאָזט זיך אין דער גרוב. אַ הויפן שניי האָט זי פאַרכאַפּט מיט זיך.

די אײַנוווינער פון גרוב האָבן זי באַגעגנט מיט שרעק און פרייד אין די אויגן. דער הויפן שניי, וואָס זי האָט געבראַכט, איז געווען דער ערשטער גרוס פון דרויסן. ראָכל האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם רייעך פון דער לעבעדיקער וועלט, די קעלט פון דער ווינטער־נאַכט, די פרישקייט פון פראָסטיקן ווינט. די פאַרשוואַרצטע פּנימער פון די קינדער האָבן אַף אַ ווײַלע אויפגעלויכטן. די עלטערע האָבן זי אַרומגערינגלט, זי האָט ניט געהאַט קיין סאַך צו דערציילן, נאָר אַלע האָבן דאָס געהערט מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן.

אין דער זעלבער נאַכט איז פּיניע אַליין מיט איר אוועק נאָך אַן עמער פרישן וואַסער צום ברונעם. ער האָט מיטגענומען אַ שמאַטע, פאַרוויקלט אַפן שטעקן, צו פאַרשאַרן די טריט אין שניי.

פּיניעס ווײַב האָט זיך געשטעלט אָפּשערן די מענער, וואָס זײַנען שוין געווען אַזוי באַוואַקסן, אַז די ניט געקעמטע האָר, האַרטע און שטעכעדיקע, זײַנען באַ זיי געקראָכן טיף אין די קעלנער אַרײַן.

די וועלט איז נאָך ניט אויסגעשטאָרבן

די צוויי מיידלעך, וואָס זײַנען געהאַט אוועק שאַפן אַ פאַרבינדונג מיט פּאַרטיזאַנער, זײַנען מער צוריק ניט געקומען. אַדהײַנט. אין יענער נאַכט האָט דער דרויסן געעפנט זײַן מויל און זיי אײַנגעשלונגען.

קיינער האָט וועגן די מיידלעך ניט גערעדט. נאָר קיינער האָט זיי ניט פאַרגעסן. ווי אַ שווערער שטיין זײַנען זיי געלעגן באַ אַלעמען אַף די הערצער און געפרעסט.

אין די נעכט פלעגן די אײַנוווינער פון דער הייל זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן, צוגאַנוועגן זיך צום ברונעם און אָנשעפּן אַן עמער פרישע וואַסער. מיט די בליקן פלעגן זיי דורכשטעכן די פינצטערע שויבן פון אײנציקן שטיבל. ווער וווינט דאָרט? וואָס פאַר אַ מענטשן? עפּשער אָנקלאַפּן און בעטן שפּײַז? אין אַ וויגע האָבן זיי זיך געפילט זיכער, אָנגעשטעלט די קעלנער און מיט די קעפּ זיך געשלאָגן מיטן ווינט און שטעכנדיקן שניי, נאָר דער ווינט האָט זיי, ווי שפּענדלעך, געשלײַדערט. די פיס זייערע זײַנען געווען שוואַך, דער אָטעם קורץ און אַף אַלע פיר האָבן זיי קוים דערקליבן זיך צוריק צו דער גרוב.

אַ ציבלקע האָט מען זיך געמאָלט אין דער פאַנטאַזיע, ווי אַ גאַנײַדן־שפּײַז, אַ ביסן אַ פרישן ברויט — אַ הייל־לונג. די מאָגנס זײַנען געווען אײַנגעשרומפּן. די שפּײַז, וואָס ס'איז געבליבן אין דער גרוב, האָט מען שוין מער ניט געקאָנט עסן. ס'איז פאַרדאָרבן געוואָרן. יעדער ביסן האָט געשמעקט מיט טויט. אַ קאַרטאָפל, צו צוויי אַ טאָג האָט מען אַרויסגעגעבן אַף איבערמאָלן מיט די ציינער.

שפּײַז, עסנוואַרג! פיר כאָדאָשים קיין פרישע שפּײַז ניט פאַזוכט, די לײַבער זײַנען געוואָרן באַדעקט מיט געשווירן, די ציינער אין מויל האָבן זיך געשאָקלט און שטענדיק ווי געטאָן. נאַכט נאָך נאַכט האָבן די מענטשן גענישטערט אין אײַנגעפרוירענעם דרויסן און מער, ווי אײַז־קאַלט וואַסער, דאָרט ניט געפונען. די מאַציייוועס אַפן בעסוילעם זײַנען געשטאַנען איימעדיק שטום, די גאַנצע געגנט אַרום אויסגעשטאָרבן, און דאָס אײנציקע שטיבל — מיט טויטע, פינצטערע פענצטער. עפּשער איז די גאַנצע שטאָט שוין אויסגעקוילעט, ווער ווייסט?

פון די גופים פון די מענטשן איז אויסגערונען דאָס לעבן. עטלעכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן אַף די פיס. פּיניע דער מוליער, עליע, וואָס האָט נאָך מיסטאָמע געצויגן די קויכעס פון יאָרן צוריק — אַ געזונטער מענטש געווען, מאַריאַשע, וואָס האָט געמונטערט מיט אירע טרויעריק־האַרציקע לידלעך, מוסיע און ראָכל — די מוטיקע פרויען, וואָס האָבן נאָך אַלץ פאַרמאָגט אַ ביסל לעבן, פּיניעס עלטער ייִנגל איז נאָך אַלץ געווען אין קאַס. ער האָט נאָך איצט געוואָלט אַרויסגאַנוועגן זיך און אַנטלויפן, נאָר דער טאַטע האָט אים געהיט. די פרוי מיטן טיכל אַפן קאָפּ האָט אָן אופהער געדרייט מיט די אויגן. קיין אָפּענע אָנפאַלן פון מעשוגאַס זײַנען אָבער באַ איר ניט געווען. דער זייגערמאַכער האָט לאַכלוטן אופגעהערט זיך פּאָרקען אין די גדערים פונעם זייגערל. אַ ביטערער צאַר איז געווען צו קוקן אַף די קינדער, און קיינער האָט טאַקע ניט פאַרשטאַנען, וויאַזוי זיי האַלטן זיך נאָך. ווי מאַלפּעס האָבן זיי זיך אין דער האַלב־פינצטערניש געדראַפּעט מיט די לעצטע קויכעס פון דער נאַרע אַף דער נאַרע. די מאַלבושימלעך אָפּגעריסן, אָנגעהאַנגען אַף זיך ניט פאַרשפּיליעטע וואָטאָוווקעס, האָבן זיי אויסגעזען ווי הילצערנע פיגורלעך, וואָס באַוועגן זיך אַף אָנגעצויגענע פּרוזשינעס.

פּיניע דער מוליער האָט פּלוצעם גענומען די קעלניע אין האַנט. וואָס גייט ער טאָן? אַלע האָבן געקוקט אַף אים מיט כידעש. דאָס ווײַב האָט מוירע געהאַט, אַז ער איז גאָר געווירט פון זינען.

פּיניע האָט זיך געשטעלט אויסמויערן אַ ליימענע אייוועלע אין דער הייל. סטאַם אַזוי

מויערן. דאָס איז אפּאָנעם געווען דער אופגעוועקטער הונגער נאָך מי. דאָס אייוועלע האָט ניט געקאָנט האָבן קיין שום צוועק — ער וועט דאָך ניט גיין אויסהאַקן א לאָך אין דער סטעליע, דער רויך זאָל האָבן ווו ארויסצוגיין. און וואָס וועט מען אף דעם קאָכן? דאָ זידט מען אמאָל אוף וואסער אף א פּאָר ציגל אין אן אלטן בלעכענעם עמער. דער רויך צעזייט זיך אין דעם גרוב גופא. פון דעם קומט אויך א ביסל ליכטיקייט. הײַנט וואָס איז אים אײַנגעפאלן? נאָר פיניע האָט געמויערט, ווי ער וואָלט געקראָגן א ספּעציעלע באשטעלונג. ציגל איז פאראן — אָנגעגרייט צו פארמויערן דעם ארײַנגאנג, ליים און מאכשירים אויך פאראן.

ער האָט אויסגעהוילט א לאָך אין איינער א וואנט, א טשיקאווע לאָך, די פאָרם פון א פּירעקיקער שאפקע, און אהין, אין דער לאָך ארײַן, האָט ער זיך געשטעלט ארײַנפּאסן אן אייוועלע. די קינדער זײַנען ארונטער פון די נארעס, זייערע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אופגעלויכטן — בויען אן אייוועלע איז געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט. די קליינע האָבן זיך געפּאטשקעט אינעם ליים, ער האָט זיי ניט געטריבן, פארקערט — מעקאַרעוו געווען, געמונטערט, אָנגעוויזן, ווי ריכטיק צו מישן ליים.

און דער טשיקאווער אײַנפאל איז אלעמען געפעלן געוואָרן, אפילו האנאָע געהאט. דער זייגערמאכער האָט אָנגעהויבן קוקן אפן זייגער, ווי לאנג עס דויערט שוין בא פּיניען די ארבעט. די פרויען אף די נארעס האָבן זיך גענומען באוועגן, אנדערע האָבן אפילו געפּרוּווט לאטען די קינדערשע מאלבושימלעך.

— עלף אזייגער, — האָט געמאָלדן דער זייגערמאכער.

— איז שוין צײַט צו גיין... — האָט אומגעריכט אויסגערופן ראָכל. זי האָט דאָס געזאָגט מיט אזא אנטשלאָסנקײַט, ווי דאָס וואָלט געווען אָפּגעמאכט נאָך פריִער, און מע דארף זיך גאָר ארויסרײַסן אין וועג ארײַן.

פיניע האָט איבערגעריסן די ארבעט, געשטאנען קעגן ראָכלען מיט דער קעלניע אין האנט און גערעדט: „נאָר זע, מיר אלע זײַנען איצט אין דײַנע הענט".

ראָכל האָט זיך געהאט אָפּגערעדט מיט מוסיען, אז זיי גייען ביידע אין שטאָט ארײַן באקומען שפּײַז און שאפן א פארבינדונג מיט פרײַנט. כאָטש פיניע האָט דערפון ניט געוווּסט, איז עס אָבער פאר אים ניט געווען קיין איבערראשונג. ער האָט פארשטאנען, אז ניט הײַנט איז מאָרגן, וועט עמעצער מוזן ארויסגיין צו דער לעבעדיקער וועלט.

— נעם מיט געלט, עפּשער פאר געלט?

אז אין דער הייל איז פאראן געלט האָבן אלע געהאט פארגעסן. עס האָט זיך ערגעץ געוואלגערט. אין די קעשענעס.

די צוויי פרויען האָבן זיך אײַנגעהילט אין טיכער און ארויסגעגליטשט זיך אין דרויסן. פיניע האָט אוועקגעלייגט די קעלניע, מער האָט ער איצט ניט געוואָלט ארבעטן. די מענטשן זײַנען געבליבן אין הוילער שרעק. דאָס ארויסגיין אינמיטן טאָג פון די צוויי פרויען האָט זיי צוריק פארבונדן מיט יענעם איימעדיקן דרויסן; און אין דער זעלבער צײַט אופגעוועקט א הארצקלאפּעניש פון דערוואַרטונג, ניט אריבערצוטראָגן.

די ביידע פרויען האָבן ארויסגעשטעקט די קעפּ פונעם ארײַנגאנג — די זעלבע ליידיקײַט ארום, ווי באנאכט, נאָר איצט איז ליכטיק. ראָכל האָט שוין געוווּסט דעם וועג פון פריִער. מוסיע איז איר נאָכגעקראָכן. דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע אופגעשטעלט, גענומען גיין, און קיין איין מאָל זיך ניט אומגעקוקט אף צוריק. זיי זײַנען אוועק צום בעסוילעם.

ארום און ארום האָט אויסגעזען, ווי מיט פינף כאָדאָשים צוריק, ווען מע האָט זיך ארונטערגעלאָזט אין דער הייל, נאָר איצט איז אלץ באצויגן מיט שניי און אײַז. ראָכל מיט מוסיען האָבן באהאלטן די פּענעמער אין די טיכער און אוועק אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. אמאָל איז ניט ווײַט פונדאנען געווען א מארק. זיי זײַנען געגאנגען און געזען מענטשן, וואָס גייען מיט אזעלכע ניט זיכערע טריט, ווי זיי אליין, זיי האָבן געזען פונווײַטן דײַטשן און זיך אָפּגעקערט, קעדיי זיי אויסצומײַדן. די הערצער האָבן געקלאפּט, גערעדט האָבן זיי ניט צווישן זיך, און פארשטאנען איינע די אנדערע אפן ווונק. אָפּגעוווינט אזוי לאנג פון דער לעבעדיקער וועלט, האָבן זיי ניט געוווּסט איצט, וויאזוי אָנצוהויבן ריידן צו עמעצן. און וואָס וועט זײַן, אז מע וועט זיי דערקענען?

דער מארק איז נאָך אפן זעלבן פּלאץ, נאָר שיטער געוואָרן. עטלעכע פרויען דרייען זיך ארום, זוכן עפּעס אײַנצוהאנדלען. ראָכל מיט מוסיען קוקן זיך ארום, עפּשער וועלן זיי דערזען שפּײַז צו קויפן. א ווײַסרוסישע פרוי גייט פארבײַ, זי קוקט זיך אײַן אין די צוויי, ווי זיי וואָלטן איר געווען באקאנט. מוסיע קערט אוועק דעם קאָפּ, ראָכלען ווערט דאָס אופאלנדיק, זי שעפּטשעט מוסיען אפן אויער. מוסיע איז בלייך און ציט ראָכלען פארן ארבל — קום, לאָמיר אוועק פונדאנען.

די ווײַסרוסישע פרוי גייט זיי נאָך, און אָפּגייענדיק א ביסל ווײַטער פון מארק, אײַלט זי זיך צו צו מוסיען.

— מוסיע, דו דערקענסט מיך ניט? איך בין דאָך האנקע פון דער שוך־פאבריק „קאהאנאָוויטש“.

מוסיע האָט מוירע צו לאָזן זיך דערקענען, נאָר האנקע באַרויִקט זי. קום, — בעט זי מוסיען, — צו מיר אהיים, איך ווייס אַלץ. שרעק זיך ניט, מוסיע טײַערע. ווי דו זעסט אויס...

האנקע גייט פאָרויס, די צוויי כאַווערטעס פון דער גרוב נאָך איר, בא איינעם א טירל פון א הויף אין א זײַטיקער גאס גיט זיי האנקע א ווונק, זיי זאָלן ארײַנגיין. האנקע קוקט זיך ארום, צי קיינער באַמערקט ניט און פארמאכט דאָס טירל פון הויף. זי פארבעט די צוויי פרויען צו זיך אין שטוב ארײַן.

— זעצט זיך!

ראָכל מיט מוסיען האָבן זיך אוועקגעזעצט שווײַגנדיקע, ווי לאנג זיי זײַנען שוין ניט געזעסן אף קיין שטול, אין א שטוב. די וואַרעמקײַט פון צימער האָט זיי ארומגענומען. זיי האָבן ארונטערגענומען די טיכער פון די קעפּ, האנקע האָט זיך אײַנגעקוקט אין זייערע פּנימער — מענטשן פון יענער־וועלט. זי האָט זיי ניט געפרעגט, פונוואנען זיי קומען און ווּוהין זיי גייען. גענוג געווען צו קוקן אף זיי, האנקע זאָל אַלץ פארשטיין.

— אוי, — האָט האנקע א זיפץ געטאָן, — וואָס זיי האָבן געמאכט פון מענטשן, באָזשע מאָי!

זי האָט די צוויי פרויען מעכאבעד געווען מיט פרישן ברויט און געקעכץ. ראָכל מיט מוסיען האָבן געגעסן און טרערן זײַנען זיי גערונען פון די אויגן, גערונען איבער די באקן. די הערצער זײַנען צעגאנגען געוואָרן פון דער גוטסקײַט, וואָס א מענטש האָט זיי איצט ארויסגעוויזן. זיי האָבן דאָס מער ניט געקאָנט אריבערטראָגן, אָנגעשפּארט די קעפּ אָן טיש און אײַנגעהאלטענערהייט געשלוכצט. זייערע אקסלען האָבן זיך געהויבן, געציטערט.

האנקע איז געשטאנען קעגן זיי, געגלעט איבער די האָר, — נאָר אליין ניט געקאָנט זיך אײַנהאלטן און צוזאמען מיט זיי געשלוכצט.

כאָטש האנקע האָט זיי גאָרניט געפרעגט, האָבן זיי אָבער איר אליין דערציילט, אז אין א גרוב ליגן זיי שוין פינף כאַדאָשים מיט נאָך אנדערע. זיי האָבן האנקען ניט געזאָגט, ווו זיי געפינען זיך, ווײַל אזא אדרעס האָט נאָך קיינער קיינמאָל ניט אָנגעגעבן. האנקע האָט זיי דערציילט, אז קיין יידן זײַנען אין שטאָט מער ניטאָ, די דײַטשן האָבן אויסגעקוילעט ביז איינעם, אז פאר די פינף כאַדאָשים צײַט זײַנען זיי די ערשטע יידישע פרויען, וואָס זי האָט באגעגנט. אלע כאווערטעס פון דער קאהאנאָוויטש־שוך־פאבריק זײַנען אויך ניטאָ, און אלע שכיינים ליגן טויט אין די גריבער.

מוסיע מיט האנקען האָבן צוזאמען געארבעט אף דער שוך־פאבריק אפן נאָמען פון קאהאנאָוויטש. האנקע האָט מוסיען גלײַך דערקענט, כאָטש יענע איז מער ענלעך אף א טויטער, ווי אף א לעבעדיקער.

דער ווינטערדיקער טאָג האָט ארײַנגעקוקט דורך די פארפרוירענע שויבן. א טאָג א קורצער, און איידער מע קוקט זיך ארום, פאלט צו די נאכט. האנקע האָט די צוויי כאווערטעס מיטגעגעבן ברויט, ציבעלעס, קנאָבל און זאלץ. זי האָט זיך מיט זיי געזעגנט שווײַגנדיקערהייט, וואָס זאָל זי זיי זאָגן? און וואָס קאָנען זיי איר ענטפערן?

אײַנגעקוטעט אין די טיכער, פארשטעלט די פּנימער, זײַנען זיי געגאנגען איבער די גאסן און געסלעך, דורך כורוועס און אָנוואלגער. באקאנטע פלעצער זײַנען זיי פארבײַ, — אף אלץ ליגט טרויער, אײַז און שניי, און קיין מענטשן זעט מען ניט. מע האָט מוירע דאָס פּאָנעם צו באווײַזן. אין דרויסן האָט גענומען ווערן טונקל, זיי זײַנען צוריקגעקומען צום בעסוילעם, דאָס ביסל פרישע שפּײַז האָבן זיי געהאלטן פארדעקט מיט די טיכער.

הינטער א מאצייווע, פארשטעלט מיט בערגלעך שניי פון די זײַטן, האָבן זיך ראָכל און מוסיע אויסבאהאלטן ביז עס וועט גוט פינצטער ווערן.

אין דער הייל האָט מען געוואַרט אף זיי.

— זיי וועלן קומען, ווען אין דרויסן וועט שוין זײַן גוט פינצטער, — האָט געזאָגט פיניע.

די מאטעריאלן צו זײַן אָנגעהויבן אײַוועלע האָבן זיך געוואלגערט אָן שום זין לעבן דער וואנט, וואָס מיט איר אויסגעהאקטער לאָך האָט זי איצט אויסגעזען, ווי מיט אן אויסגעשטשירעט מויל, אָן ציינער. פיניע איז געווען אויסגעשמירט אין ליים, די קינדער — אויסגעשמירט, און קיינעם איז אפילע ניט אײַנגעפאלן, אז מע קאָן זיך אָפּרייניקן.

— ווי שפּעט איז, — האָט פיניע פּלוצעם א פרעג געטאָן באם זייגערמאכער.

— א? וואָס?! — האָט יענער א געשריי געטאָן, ער האָט זײַנע אייגענע אויערן ניט געגלייבט, קיין איין מאָל פאר דער גאנצער צײַט האָט אים נאָך קיינער ניט געפרעגט וויפל ס'איז דער זייגער, און דאָ האָט אים פיניע מיטאמאָל א פרעג געטאָן. דער זייגערמאכער איז אופגעשפרונגען, די הענט האָבן בא אים געציטערט, ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם זייגער און מיט טרייסלענדיקע פינגער אופגעריסן די קאָפּערטע, נאָר דער זייגער איז געשטאנען. פון דער קייווער־פײַכטקײַט איז ער מיסטאמע קאַליע געוואָרן. דער זייגערמאכער האָט דעם

טויטן זייגער געטרייסלט, צוגעלייגט מיט קאָפּ צום אויער, געכאַפּט אין האַנט, געבלאָזן אַף אים, נאָר דער זייגער איז געשטאַנען. די ווײַזערס האָבן געוויזן עפּעס גאָר ניט אַהין וווּ מע דאַרף.

— געשטאָרבן דער זייגער, — האָט זיך אַ ווײַל געטאָן עליע דער פּורמאַן, — באָרוך דײַען עמעס!

אַ צאַר איז געווען קוקן אַפן זייגערמאַכער. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער זיך צעוויינט...

פּיניעס אויער, וואָס איז קעסיידער געווען אָנגעשטרענגט, האָט אויפגעכאַפּט אַ ווײַטן שאָרך, עמעצער לאָזט זיך אַרונטער דורכן שמאָלן דורכגאַנג. זיי! דאָס איז זיכער ראָכל מיט מוסיען! ער האָט ניט אָפּגעוואָרפן די ציגל, וואָס פאַרשטעלן די עפענונג, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, זיך צוריק באַוויזן און געמאָלדן פּײַערלעך:

— זיי! ראָכל מיט מוסיען!

די צוויי פרויען האָבן זיך אַרײַנגעגליטשט אין גרוב. אײַליק האָט מען פאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג מיט ציגל. לעקאָוועד זייער קומען האָט מען אָנגעצונדן אַפילע אַ ליכט.

די הייל האָט געפּראַוועט אַ יאָמטעוו — פרישן ברויט, זאַלץ, ציבעלעס און קנאָבל.

די וועלט איז נאָך ניט אויסגעשטאָרבן.

נאַכט־שאָטנס

אין דער הייל האָט מען געהאַלטן, אַז מיט האַנקען פון דער שוך־פאַבריק „קאַהאַנאָוויטש" דאַרף מען זיך זען נאָכאַמאָל, עפשער וועט מען דורך איר קאָנען שאַפן אַ פאַרבינדונג מיטן וואַלד.

— אָבער ניט באַ איר אין שטוב, — האָבן אייניקע געמיינט, ווײַל טאָמער באַמערקט מען, איז האַנקע אַליין אויך אַ פאַרפאַלענע.

מוסיע מיט ראָכלען האָבן נאָך אַלץ געהאַט צו דערציילן וועגן דער שטאָט, וועגן מאַרק און מער פון אַלץ וועגן דער פײַנקײַט, וואָס האַנקע האָט זיי אַרויסגעוויזן. עס האָט זיך אײַנגעקריצט אין זיקאָרן האַנקעס מיטלײַדנדיק פּאָנעם, איר איז דאָרטן אַפּאָנעם ניט בעסער, ווי אונדז דאָ. אַזאַ גוטסקײַט צו מענטשן קאָן מען אַרויסווײַזן, נאָר ווי מע פילט יענעם מיט. האַנקעס מיטגעפיל איז יענער ניט געזעענער פּאָדעם, וואָס פאַרבינדט די הערצער פון אונדזערע מענטשן און גיט זיי קראַפט ווידערצושטיין די אַכזאָריעס פון די דײַטשן.

אויך אין דער פינצטערער, טוכלער גרוב האָט דער פּאָדעם זיך אָנגעקניפּט אין די אָנגעווייטעקטע הערצער פון די האַלב־טויטע מענטשן; דאָס, וואָס אין דרויסן זײַנען פאַראַן אייגענע, באַהאַלטענע פרײַנט, האָט זיי געשטאַרקט און געגעבן האָפענונג.

מיט מער זיכערקײַט האָט מען נאַכט נאָך נאַכט זיך אַרויסגעגאַנוועט אין דרויסן, קעדיי כאָטש כאַפּן אַ קאָפּ פרישע לופט און אָנשעפּן וואַסער. איינמאָל האָט זיך עמעצן אויסגעוויזן, אַז ער האָט באַמערקט אַ שאָטן באַם שטיבל קעגניבער. נאָך איינער איז אַרויסגעגאַנגען זיך איבערצײַגן, צי ס'איז ריכטיק. ער איז מאָמענטאַל צוריקגעקומען און באַשטעטיקט: „עמעצער שטייט באַהאַלטן הינטערן פּלויטל און קוקט אונדז נאָך".

— האָסט שוין צופיל אַראָפּגעלאָזט די לייצעס, פּיניע, — האָט געמורמלט עליע דער פּורמאַן, — מיר זײַנען פאַרשאָטן.

די פרויען האָבן גענומען ברעכן די הענט, בלויז די קינדער זײַנען געבליבן גלײַכגילטיק צו אַלץ, און אויך צו דער נײַער געשעעניש.

פּיניע האָט גערדרונגען אַזוי:

— אויב מע קוקט אונדז נאָך, איז עס שוין מיסטאָמע ניט פון הײַנט. און אויב עמעצער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ ליגן באַהאַלטן מענטשן און ער שווײַגט, איז ער מיסטאָמע אַן אייגענער מענטש. איך גיי אַליין זען, וואָס וועט זײַן, וועט זײַן. שרעקן זיך איז דערווײַל ניטאָ וואָס, עליע. דו זאָלסט היטן דעם אַרײַנגאַנג.

פּיניע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פונעם אַרײַנגאַנג, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן און זיך אײַנגעקוקט אין דער פינצטערער נאַכט. אַף יענעם אָרט, ווו מע האָט אים אויסגעמאָלט, האָט זיך טאַקע עמעצער באַוועגט. פּיניע האָט זיך אופגעשטעלט אין דער גאַנצער הייך און מיט קוראַזש גענומען גיין צום שטיבל. דער, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, איז פאַרשווונדן געוואָרן.

פּיניע איז צוגעגאַנגען נעענטער. יענער, הייסט עס, שרעקט זיך גאָר פאַר אים. עפשער איז דאָרט אויך אַ הייל, ווער ווייסט. ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט צום פּלויטל און באַמערקט, ווי אַ שאָטן האָט דורכגעשוועבט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ פרוי. פּיניע איז אַרײַן אין הויף. די פרוי האָט זיך באַהאַלטן אין קאָרידאָר און פון דער טיר, וואָס איז געבליבן אַ ביסל אָפן, האָט עמעצער געפרעגט מיט אַ ציטערנדיק קאָל:

— ווער איז?

— אַ ייִד, — האָט פּיניע געענטפערט. ער האָט אַליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געענטפערט. דאָס וואָרט איז אים פּאָשעט אַראָפּ פון די ליפּן.

אַ פרוי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער טיר, געקוקט אין דער פינצטער און געהייסן אים אַרײַנגיין. די טיר האָט זי פאַריגלט, דערנאָך האָט זי אופגעזוכט די קליאַמקע פון

דער שטוב־טיר און אָן גערויש זי געעפנט. א קליין לעמפל האָט געוואָרפן א שײַן אף אן ענגן צימער מיט איין פארהאנגענעם פענצטער.

— איך בין פיניע דער מוליער, — האָט ער זיך פאר איר פאָרגעשטעלט, נאָך איידער זי האָט אים געפרעגט. און בעקיצער האָט פיניע איר דערציילט, אז שוין פינף כאדאָשים ווי זיי געפינען זיך אין גרוב, — מירן דאָרטן אויסגיין, — האָט ער פארענדיקט, — אויב מע וועט אונדז ניט העלפן.

די פרוי האָט פיניען געזאָגט, אז מע רופט זי מאניע. שוין א לענגערע צײַט, ווי זי באמערקט באנאכט, שאָטנס דרייען זיך ארום לעבן בעסוילעם. זי האָט זיך אין אָנפאנג דערשראָקן — עפשער קריכן די טויטע פון די קוואָרים. זי האָט עס דערציילט איר כאווערטע האנקע פון דער שוך־פאבריק „קאהאנאָוויטש" און געבעטן זי קומען צו איר שלאָפן, ווײַל זי האָט מוירע אליין.

בא די לעצטע ווערטער האָט פיניע אזש א ציטער געטאָן:

„ווי אלץ בינדט זיך דאָ, האָט ער געטראכט, ווי אין א ראָמאן".

— האנקע האָט מיר דערציילט, — האָט מאניע ווידער גערעדט, — וועגן א באגעגעניש אין מארק מיט צוויי יִדישע פרויען. איינע — אירע א באקאנטע פון דער שוך־פאבריק „קאהאנאָוויטש". און כאָטש יענע האָבן איר ניט געזאָגט, ווו זיי האלטן זיך אוף, מיינט זי אָבער, אז דאָ, לעבן בעסוילעם, און עס דארף זײַן א סאָד. איך האָב אײַך נאָכגעקוקט, ווײַל איך האָב באמערקט, ווי שאָטנס קריכן ארויס פון דער ערד. איך האָב אָבער מוירע געהאט צו־גיין צו אײַך, טאָמער באמערקט עמעצער און די דײַטשן וועלן זיך דערפון דערוויסן.

— מירן דאָרטן אויסגיין פון הונגער, — האָט פיניע גערעדט, — העלפט אונדז. מיר האָבן א ביסל געלט, זאכן, וואָס זײַנען נאָך פארבליבן. דאָרטן געפינען זיך פרויען און קינדער, עטלעכע זײַנען שוין געשטאָרבן, צוויי זײַנען אוועק צו די פארטיזאנער און פארפאלן געוואָרן. קומט, גיט א קוק, ווי מיר זעען אויס, העלפט אונדז ארויסגיין פון דער גרוב, צו דער ליכטיקער שײַן.

דער פרוי איז געווען גענוג צו קוקן אף אים אליין און זיך פאָרגעשטעלט, ווי די אנדערע זעען אויס. זי האָט מער ווי א שטיקל טרוקן ברויט אין שטוב ניט פארמאָגט. זי איז אָבער גרייט געווען צו העלפן די אומגליקלעכע מיט וואָס נאָר זי וועט קאָנען, און כאָטש איר אייגן לעבן וועט זײַן אין געפאר, טאָמער באמערקט מען, איז זי גרייט צו נעמען אף זיך דעם טויט, אזוי האָט זי געזאָגט.

זי האָט גערעדט מיט א ביטערער סינע וועגן די דײַטשן, וועגן די טליִעס, וועגן די נײַע טויטן פון אומשולדיקע מענטשן.

— מײַן כאווערטע האנקע וועט אײַך העלפן. מירן אונדזערע זאכן פארקויפן און אײַך צושטעלן שפײַז, — האָט זי געזאָגט, — עפשער וועט זיך דערווײַל שאפן א מעגלעכקײַט צו מאכן א פארבינדונג מיטן וואלד, מיט פארטיזאנער.

פיניען האָט פארפעלט ווערטער אין מויל, און אזוי איז ער אוועק פון איר א שווײַגנדיקער.

נאכט־אײַן, נאכט־אויס האָבן זיך שאָטנס באוועגט צווישן די מאצייוועס פונעם אלטן בעסוילעם. פון דער גרוב האָט מען ארויסגעטראָגן אלץ, וואָס האָט נאָר געהאט א ווערט, מאניע מיט איר כאווערטע האָבן פארקויפט די זאכן, צוגעלייגט פון דער אייגענער קעשענע, און איבערגעגעבן די מענטשן פון דער הייל פעקלעך שפײַז. די שטיינערנע מאצייוועס האָבן געשוויגן, די שטערן אין הימל פון זייער הייך האָבן צוגעווונקען און געשוויגן. דער ווינט האָט געברומט, נאָר קיינעם ניט דערציילט. איבער דער שטאָט האָבן די דײַטשן געזייט טויט, די נעכט זײַנען צעריסן געוואָרן פון וויי און פײַן. נאָר דאָ, לעבן בעסוילעם, האָבן זיך באנאכט באוועגט שאָטנס פון מענטשן, וועמענס הערצער עס זײַנען אָנגעפילט מיט האס צו די פײַניקער און מיט האָפענונג אף בעסערע, ליכטיקע טעג.

פיניע דער מוליער האלט א רעדע

די מענטשן אין גרוב זײַנען א ביסל געקומען צו־זיך, די שפײַז האָט געשטעלט אף די פיס די קלענערע קינדער, זיי זײַנען געוואָרן פריילעכער און זיך מער באוועגט. אין דרויסן האָבן זיך גענומען באווײַזן די ערשטע סימאָנים פון פרילינג, נאָר צו ראָכלען אין הארצן האָט זיך פארגאנוועט אן אומעט. זי האָט מער קיין ווערטלעך ניט געזאָגט. פארוואָס? מע האָט געקוקט אף איר און זיך געוווּנדערט.

— ראָכלען קומט „אָטפּוסק", — האָט זיך געוויצלט פיניע, — זי דארף זיך פאריכטן און אָפרוען.

מאריאשע האָט געזונגען אירע לידלעך, וואָס אז מע הערט זיי, ווערן פײַכט די אויגן און עס נעמט אָן א בענקשאפט. וואָס וועט זײַן דער סאָף? מאניע האָט געהאט גערעדט וועגן שאפן א פארבינדונג מיט פארטיזאנער. ווען? צי וועט מען נאָך דערלעבן צו דעם?

די מאמעס האָבן זיך געפרייט, וואָס די קינדער האָבן איצט מער שפײַז און האלטן זיך

נאָך אף די פּיסלעך. עפּשער וועלן זיי פּאָרט לעבן בלײַבן, ביז די גרויסע הילף וועט קומען. די עלטערע מענטשן האָבן בא יעדער באַגעגעניש מיט די פרײַנט פון דרויסן זיך נאָכגעפרעגט אף נײַס. די אויגן זייערע האָבן מיט לעכצעניש געבעטן: „וואָס הערט זיך? עפּשער?..” די פרײַנט פון דרויסן האָבן אָבער דערווײַל מיט גאָרנישט ניט געקאָנט זיי דערפרייען. זיי האָבן נאָר געקאָנט דערציילן וועגן נײַע דײַטשישע רעציכעס.

מאַריאַשע האָט געזונגען:

די קייטן וועלן ווערן צעריסן,
און מיר וועלן ווידער זײַן פרײַ...

אין דער שטיל האָבן דאָ אַלע מיטגעזונגען, און דערפון האָט זיך אין הארצן אופגעוועקט א האָפענונג; אין דער פינצטערער גרוב האָט זיך געגאָסן מאַריאַשעס געזאַנג און געגלעט און פארוויגט.

— מאַריאַשע, זינג אונדז וועגן דעם ייִנגעלע, וואָס פאַרקויפט פּאַפּיראָסן, — האָבן אַנדערע געבעטן, און מאַריאַשע האָט געזונגען:

קופּיטיע, קויפט זשע פּאַפּיראָסן,
טרוקענע, פון טרערן ניט באַגאָסן.

די פרוי מיטן טיכל אפן קאָפּ האָט אופגעהערט צו עסן. ניט ווילנדיק האָט פּיניע א בליק געטאָן אפן שטיקל פאַרבליבענעם שטעטך אין דער הייל, ווו מע וועט גראָבן א נײַעם קייווער.

פריִער האָט מען געמיינט, אַז אַלץ איז געווענדט אין שפּײַז, — וועט זײַן שפּײַז, וועט מען ווי־עס־איז דורכלעבן. אַבער ניט דאָס איז דער איקער. נעכײַ וואָלט מען כאָטש געוווּסט, ווי עס האַלט אף דער וועלט. דאָס הארץ האָט געזאָגט, אַז די גרויסע הילף דערנעענטערט זיך. ס׳איז גענוג געווען צו טראַכטן דערפון, און אַזאַ טיאָכקעניש זאָל זיך אָנהויבן — אָט־אָט גייט ארויס די נעשאָמע.

פּיניע האָט געפּרוּווט פאַרענדיקן דאָס אָנגעהויבענע אײיועלע, ס׳איז אָבער ניט געגאַנגען, און בא קיינעם האָט עס ניט ארויסגערופן מער קיין אינטערעס. ער האָט אָפּגעלייגט די ציגל אָן א זײַט, זיי זאָלן זיך ניט וואַלגערן אונטער די פיס, און מיט קאַס אוועקגעוואָרפן די קעלניע.

די שיך זײַנען צעפוילט געוואָרן אף די פיס, ניט אויסצוטאָן און ניט אָנצוטאָן. בא א טייל זײַנען אויסגעוואַקסן האָרבן אף די פלייצעס, אַנדערע זײַנען געגאַנגען געבויגן אײַנדרײַען.

א שײַן זאָל פון ערגעץ קומען! געווען מינוטן פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, נאָר טיף אין הארצן האָט נאָך אַלץ געלעבט דער גלויבן און דער ווילן צום לעבן.

אין די טעג, וואָס זײַנען איצט געוואָרן לענגער, האָט מען געוואַרט אף די נעכט, עפּשער וועט די נאַכט ברענגען א יעדיִע, א האָפענונג. צוליב דעם אָבער, וואָס אין דרויסן איז וואַרעמער און די נעכט זײַנען געוואָרן קירצער, זײַנען די נאַכט־באַגעגענישן מיט די פרײַנט געוואָרן זעלטענער.

די טרעפּעניש זײַנען געוואָרן געפערלעכער. די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן אינעם קייווער, האָט אָנגעכאַפּט אַן עקל צום פרילינג, א ביטערער פאַרדראָס. נעכײַ וואָלט אייביק געווען ווינטער אף דער וועלט.

איינמאָל באַנאַכט האָט מאַניע דערציילט, אַז אין שטאָט האָט זיך באַוויזן א סאָוועטיש בלעטל, זי ווייסט ניט גענוי — וואָס פאַר א בלעטל. מע זאָגט אַזאַ, וואָס די פּאַרטיזאַנער פאַרשפּרייטן. עמעצער האָט דאָס בלעטל פון ערגעץ געבראַכט. זי דאַרף נאָר דערגיין, ווו דאָס געפינט זיך, וועט זי דאָס קריגן און ברענגען. מאַניע האָט דאָס דערציילט, ווי א נײַס, נאָר אין דער הייל האָט מען גענומען וואַרטן אף דעם בלעטל, ווי אף דער איינציקער האָפענונג און טרייסט.

— ווען וועט זי נאָכאַמאָל קומען, מאַניע? — האָט געפרעגט ראָכל.

— זי וועט דאָ זײַן מיסטאַמע אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן, אָבער וואָס איז די פּולע, — האָט פּיניע געענטפערט א צערייצטער, — ווער ווייסט, צי זי וועט דאָס באַקומען! — אַפילע ער האָט אויך שוין מער ניט געקאָנט בלײַבן רויִק.

די מענטשן אין גרוב האָבן אַלץ געוואַרט אף מאַניען, און דאָס מאָל מיט מער אומגעדולדיקײַט, ווי אַלע מאָל.

מאַניע האָט דאָס בלעטל דאָך געבראַכט. דאָס איז געווען אַן אופרוף פון פּאַרטיזאַנישן שטאַב צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג, פול מיט גוטע נײַס פון די פראָנטן און פּאַרטיזאַנישע קאַמפן. און כאָטש דאָס בלעטל איז געווען צעקנייטשט און צעריבן, האָט זיך אָבער פון יעדער שורע געטראָגן דער גרוס פון דער לעבעדיקער וועלט, פון אייגענע מענטשן, וועלכע געפינען זיך אוואַדע דאָ ניט ווײַט. מע דאַרף זיך נאָר מיט זיי באַגעגענען.

פּיניע האָט געהאַלטן דאָס בלעטל און מוירע געהאַט דאָס ארויסצולאָזן פון האַנט.

— כאַוויירים, — האָט ער געזאָגט, — מײַן גאַנץ לעבן האָב איך געאַרבעט, און מײַן מי איז ניט געווען אומזיסט. מײַן איצטיקע מי וועט אויך ניט פאַרלאָרן גיין.

דאָס האָט ער אוואַדע געמיינט די אונטערערדישע הייל, וואָס ער האָט אויסגעבויט מיט אַזויפיל האָרעוואַניע. אין אים האָט איצט גערעדט דער באַלמעלאָכע, דער שטענדיק אויסגעהונגערטער נאָך אַרבעט.

— אין דרויסן שפּראָצן שוין די גרעזעלעך, — האָט פּיניע גערעדט, ווי ער וואָלט איצט געווען אַף אַ מאָדנער פאַרזאַמלונג, — די זון וועט אונדז ווידער שײַנען. אַף די טליִעס, וואָס די דײַטשן האָבן געבויט, וועלן זיי אַליין הענגען, איר וועט זען מײַנע רייד.

דאָס בלעטל, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן אין זײַנע הענט, מוירע האָבנדיק אַרויסצולאָזן עס, האָט גענומען איבערגיין פון איינעם צום צווייטן, און באַם שײַן פון קאָפּטערל אין דער הייל איז מען ניט מיד געוואָרן דאָס צו לייענען.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געהאַלטן אין איין אויסגעפינען נײַס אינעם בלעטל. אַזעלכע נײַס, וואָס דאָרט איז אַפילע ניט געווען. אין דער הייל איז דאָס געווען די גרעסטע געשעעניש פאַר די אַלע כאַדאָשים, וואָס מע האָט זיך דאָרט געפונען.

* * *

די פרוי מיטן טיכל אַפן קאָפּ האָט אופגעהערט דרייען מיט די אויגן. מע האָט זיך גוט צוגעקוקט צו איר און דערזען, אַז אירע אויגן זײַנען פאַרגלייזט. זי איז סאָפּקאָלסאָף געשטאָרבן. אַ קייווער פאַר איר האָט מען געגראָבן הארט באַ דער וואַנט, און זיך געשראָקן פאַר אַ נײַער פאַרפלייצונג.

אין דרויסן איז שוין געווען מײַ, די ביימער זײַנען באַדעקט געוואָרן מיט בלעטער. פון ערגעץ־ווו האָט איינמאָל באַנאַכט פאַרבלאָנדזשעט אַ קאַץ. מע האָט זי געפונען דערנעבן און געבראַכט צו טראָגן. די קינדער און אַפילע די גרויסע איז דאָס געווען אַן אָפּפרישונג. דערנאָך איז די קאַץ נימעס געוואָרן. זי איז געווען הונגעריק, געמיאַוקעט, האָט מען זי צוריק אַרויסגעלאָזט אין דרויסן און מעקאַנע געווען.

סאָף כוידעש איז געשטאָרבן אַ קינד, ס'איז ניט געווען שוין ווו צו גראָבן קיין קייווער. די מאַמע פונעם קינד האָט שטיל געוויינט און אַלע האָבן געטרויערט.

דרײַצן מענטשן האָבן נאָך געלעבט; זיי האָבן מיט די לעצטע קויכעס זיך געראַנגלט און געוואַרט אַפן טאָג פון אויסלייזונג.

ליכט רינט אַרײַן

מאַניע איז פאַרפאַלן געוואָרן. שוין צען טעג, ווי זי באַווײַזט זיך ניט, גאַנצע נעכט וואַרטן אַף איר די אײַנוווינער פונעם קייווער, און ווען עס ענדיקט זיך די קורצע זומערנאַכט, פאַלט אָן דער לאַנגער אָנראַכמאָנעסדיקער טאָג און הערט ניט אוף פּײַניקן. דאָ ווייסט מען איצט אַקוראַט, ווי לאַנג דער טאָג דויערט. דאָס גאַנצע לעבן אין דער גרוב ציט זיך צו איין זאַך — צום שטיקעלע נאַכט. נאַכט איז פאַר זיי האָפענונג — עפשער וועט זי דאָך קומען. מאַניע איז געווען דאָס איינציקע אויג, וואָס די מענטשן האָבן פאַרמאָגט, און איצט איז דאָס איינע אויג אויך בלינד געוואָרן.

וואָס האָט מיט איר געטראָפן? וועמען פרעגט מען, ווו דערוויסט מען זיך?

אײנמיטן טאָג איז אַ קינד געשלאָפן, ווי אין אַ הינערפלעט, און ווי פון הינערפלעט זיך פלוצעם אופגעכאַפּט. דאָס קינד איז געווען נאַס פון שווייס און אַפילע עטוואָס פאַרויטלט, אַ פײַערל האָט באַ דעם געבליאַסקעט אין די אויגן.

— מיר האָט זיך געכאָלעמט, אַז די רויטע אַרמיי איז אַרײַן אין שטאָט, מאַניע איז געקומען אָנזאָגן. מיר זײַנען אַלע געלאָפן באַגעגענען די רויטאַרמייער און איך האָב קיין קויעך ניט געהאַט צו לויפן. איך בין געפאַלן און אייינער אַליין געבליבן ליגן אין דרויסן. אַלע, זע איך, לויפן אין שטאָט אַרײַן, מיט די לעצטע קויכעס האָב איך גענומען וויינען, איז אָנגעקומען אַ הויכער מאַן, ניט קיין רויטאַרמייער, נאָר מיט אַ ביקס אַף דער פּלייצע, ער האָט מיך געכאַפּט אַף די הענט און מיט מיר געלאָפן. דערנאָך האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ; דער הויכער מאַן מיט דער ביקס האָט מיך אַרונטערגעלאָזט אַף דער ערד און גענומען טרייסלען און וועקן. איך האָב אַ געשריי געטאָן און זיך אופגעכאַפּט. איך האָב אַליין געזען די רויטע אַרמיי, אַף מײַן וואָרט!

ווי קנאַפּ ס'איז די ווערט פון אַ כאָלעם, האָט ער אָבער דאָ, אין דער פינצטערער גרוב, אַ לײַכט געטאָן מיט אַ האָפענונג. די פרויען האָבן דעם כאָלעם אויסגעלייגט צום גוטן, און אַפן הויכן מאַן מיט דער ביקס האָבן אַלע געזאָגט — אַ פּאַרטיזאַן.

— מירן נאָך דאָס אויך דערלעבן, — האָט געפליסטערט פּיניע דער מוליער. ער איז שוין געווען אײַנגאַנצן אָן קרעפטן. כאָטש זײַן אייגענער לאַסט, האָט ער נאָך געשלעפּט אַף זיך די לאַסט פון אַנדערע.

מאַריאַשע האָט זיך צו לאַנג פאַרקוקט אַף איינעם אַ ווינקעלע אין דער הייל. זי האָט געזונגען שטילערהייט און זשעדנע געקוקט אַהין, ווי זי וואָלט קיינעם ניט פאַרגינען צו זען דאָס, וואָס זי זעט. פון יענעם ווינקעלע האָט געשטראָמט אַ ליכטיקײַט, אַזאַ וואָס קומט פון דער סאַמע זון און מאַטערט זיך דורכרײַסן דורך אַ פּלאַסט, וואָס פאַרשטעלט פאַר איר דעם וועג.

אלע קוקן שוין אהין, ווו מאריאשע. די אויגן, אָפּגעווינטע פון עמעסער טאָג־ליכט, דערשפּירן פרישע שײַן, די שײַן זעט אויס אזא, ווי די, וואָס רײַסט זיך דורך דורך פאַרמאַכטע לאָדנס. די מײַסטערס, וואָס האָבן געבויט דעם „פּאַלאַץ", באַטראַכטן דאָס אָרט, — ווי־אַזוי און פונוואַנען? איבער די אײַזערנע פּליטן איז געווען אָנגעשאָטן געדיכט מיט ערד.

פּיניע האָט גענומען אויסרעכענען, ווו עס געפינט זיך דער פּלאַץ, פונוואַנען עס רינט די ליכט. ער האָט אויפגעשטעלט אויסווייניק דעם גאַנצן פּלאַן פון דער בויונג. איבער דעם אָרט איז א וואַנט פון דער כורווע, מיט אויסגעזעצטע פענצטער. וואָרט, וואָרט, ער פאַרשטייט שוין — דאָס אײַז און דער שניי פונעם גאַנצן ווינטער זײַנען צעגאַנגען. אָף דעם אָרט איז גערונען וואַסער, די וואַסער האָט דורכגעשניטן א רינוועלע און אָפּגעשווענקט די ערד.

קיינער האָט זיך מיט אים ניט געאַמפּערט, כאָטש עס קאָן גאָר זײַן, אַז פייגעלעך האָבן אַזוי לאַנג געשאַרט מיט די פיסלעך, געזוכט קערנער, ביזוואַנען זיי האָבן אָפּגעדעקט א שפּאַרונע. נאָר וואָס איז דער כּילעק פונוואַנען: די שפּיזעלעך זון, וואָס זײַנען געפאַלן אָף יענעם אָרט, האָבן זיך דורכגעריסן און אָפּגעלויכטן אין פינצטערן קײַווער מיט לעבעדיקער שײַן. מע האָט אינווייניק דערפילט דעם דרויסן. ליכט רינט אַרײַן אין קײַווער, כאָטש נעם און שעפּ מיט די הויפנס, לייג זיי צו צו די אויגן. דאָס האַרץ איז דערפון צערודערט געוואָרן.

מאַניע האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזן, די שפּײַז האָט זיך ווידער געענדיקט. באַנאַכט האָבן די מענטשן זי געזוכט, צוגעגאַנגען זיך צום שטיבל, ווו זי האָט געוווינט, נאָר דאָרט איז קיין סימען ניט געווען פון לעבן. פאַרוואָס אָבער איז אזא אומרו אין די נעכט? עפּעס איז ניט גלאַט אין דרויסן, ניט ווי אַלע מאָל. די בעסטע צײַט אַרויסגאַנוועגען זיך פון דער גרוב איז באַגינען. דעמלט ווערט עטוואָס טונקעלער, און אין די פאַרטאָגן האָט פון שטאָט און פון איר אַרומרינגלונג געווייט מיט אומרו. די אויערן פון די באַגראָבענע אין דער ערד, אָפּגעוווינטע פון די דרויסנדיקע קלאַנגען, האָבן אויפגעכאַפּט א ווײַטן שאָרך, אַזוינס הערט מען אַמאָל פאַרטאָג אָף א וועג, ווען א קלאַנג פון די פאָרנדיקע פורן דערטראָגט זיך פון דער ווײַט. זיי האָבן צוגעלייגט דעם אויער צו דער ערד און געהערט א דראָבנעם ציטער אין איר אײַנגעווייד. מע האָט אפילו אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן שפּײַז, און נאָר געוואָרט אָפּן באַשייד פון דעם אומרו, וואָס ווייט פונעם דרויסן, וואָס דערטראָגט זיך אהער באַגינען פון יענעם ברעג הימל, ווו די זון וועט באַלד אויפגיין.

* * *

די סאָוועטישע אַרמיי איז שוין געווען אין מינסק, און די מענטשן פון דער הייל האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם ערשט אַפּצומאָרגנס. א סאָוועטישער קאָמאַנדיר האָט זיי געפונען פאַרטאָג, זײַן שאַרף אויג האָט באַמערקט די שאָטנס.

אַף אַלע פיר, אָן א סימען פון לעבן, זײַנען די מענטשן אַרויסגעקראָכן פון דער גרוב. זיי האָבן מער ניט געקאָנט שטעלן די פיס און ניט געקאָנט עפענען די אויגן אינעם שאַרפן טאָגליכט. זיי זײַנען געגאַנגען אהין, ווו מע האָט זיי געפירט, ווי קראַנקע קינדער האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אין די הענט פון זייערע רעטער, און די רעטער האָבן זיי געפירט צום לעבן.

די שטאָט איז פול געווען מיט זון, מענטשן און פריילעכן גערודער. נאָך פיר יאָר וואָרטן אָף זייערע באַפרײַער האָבן די אײַנוווינער פאַשעט ניט געוווּסט, ווו אהינצוטאָן אזא גרויסע פרייד, וואָס איז מיטאַמאָל אָנגעקומען.

מענטשן זײַנען געלאָפן זען די הייל און אירע באַוווינער. סאָוועטישע קריגער האָבן געקוקט פאַרכידעשט, זיי, פאַר וועמען קיין כידושים זײַנען קימאַט ניטאָ.

מענטשן פון שטאָט זײַנען געקומען און געבראַכט פאַר די פאַרמאַטערטע גוטע זאַכן, מיט וואָס זיך צו דערקוויקן. מע האָט פאַר זיי געבראַכט קליידער, צודעקן זייער הוילקײַט.

אין יענע שאָען טאַקע האָבן די מענטשן פון גרוב זיך דערוווּסט, אַז פאַרן פאַרלאָזן מינסק האָבן די דײַטשן פאַרטריבן מיט גוואַלד טויזנטער שטאָטישע אײַנוווינער אָף מײַרעוו. דעמלט האָט זיך מאַניע געמוזט באַהאַלטן. זי האָט זיך דעריבער די לעצטע צײַט ניט באַוויזן. מאַניע האָט זיך מיט זיי ווידער געטראָפן נאָכדעם, ווי די שטאָט איז שוין געווען באַפרײַט.

פּיניע דער מולער דערציילט איצט מיט ניט ווינציק ווירדע, ווי ער איז געזעסן אין שטאַב פון דער סאָוועטישער אַרמיי און אויסדערציילט א קאָמאַנדיר אַלץ, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, און יענער האָט אַלץ פאַרשריבן.

אָפּט גייט פּיניע און טראַכט: ווי־אַזוי טאַקע האָבן מיר דאָס געקאָנט איבערלעבן? וואָס האָט אונדז געהאַלטן אָף די פיס? און ער ענטפערט זיך אַליין: די האָפענונג און דער גלויבן. דער ווילן פון סאָוועטישע מענטשן צו לעבן.

ווערק פון סטודענטן פון דער יידישער גרופע אף די העכסטע ליטעראטור־קורסן באם ליטעראַרישן אינסטיטוט אף מ. גאָרקיס נאָמען

באָריס סאנדלער

דריי נאָוועלן

מיט פארגעניגן לייג איך פאַר אונדזערע לייענער באָריס סאנדלערס ערשטע נאָוועלן.

באָריס סאנדלער איז א בען־איר מײַנער. א געבוירענער אין מאָלדאוויע, אין דער שטאָט בעלץ, האָט ער אין 1975 געענדיקט די קעשענעווער קאָנסערוואטאָריע, און הײַנט איז ער א פידלער אין היגן סימפאָנישן אָרקעסטער.

זײַנע ערשטע נאָוועלן זײַנען נאָך זייער יונגע, דיי „פישטשען" נאָך, ערשט געבוירן, אף א דין קעלכל. און דאָס איז גראָד דער כיין זייערער, דאָס איז גראָד דאָס דערפרייענדיקע.

אין די נאָוועלן ווארפט זיך שוין דורך אן אייגענע אויסגעטיילטע שורע, אײַנפאלערישקײַט, פילאָסאָפישע באַטראכטונג, פאָרם־זוכענישן. דער יונגער מעכאבער ציט זיך צו אנדערשדיקײַט, צו באנײַקײַטן און איז אין דער זעלבער צײַט אײַנגעוואָרצלט אין ליטעראַרישער טראדיציע, אין פאשטעסדיקער פאָלקסטימלעכקײַט.

ב. סאנדלער באזיצט די צוויי מײַלעס, וואָס הייסן ליבשאפט און פלײַסיקײַט (אנדערש וואָלט ניט געקאָנט געמאָלט זײַן, ער זאָל זיך אין א קורצער צײַט אויסלערנען אי לייענען און שרײַבן יידיש, אי שאפן אף יידיש). אין די אלע זיבן זאכן, וואָס מע דארף פארמאָגן אין זיך, — צום טאלאנט, מיט וועלכן מ'איז געבענטשט געוואָרן, — קעדיי צו ווערן אן עכטער קינסטלער, זײַנען די דאָזיקע צוויי מײַלעס ניט צווישן די לעצטע. איך בין דעריבער זיכער, אז סאנדלערס פראָזע וועט זיך מיט דער צײַט צעוואקסן. עס וועט פארברייטערט און פארטיפערט ווערן דאָס סאָציאַל־געזעלשאפטלעכע אין זײַן טעמאטיק און נאציאָנאל־אייגנארטיקע אין אויפן פון געשטאלטיקן זײַנע מענטשן און געשעענישן. אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור וועט צוקומען א נײַ, פריש קאָל.

דער וועג צו ליטעראטור איז ניט קיין גרינגער. איך ווינטש דעם יונגן כאווער אונדזערן, ער זאָל אף דעם וועג מאצליעך זײַן.

יעכיעל שרייבמאן

צוליב דיך

אין יוגנט־הויז איז עדיק געגאנגען מיט א האָפענונג אין הארצן.

— יאָ. און נאָר אזוי און ניט אנדערש, — האָט ער זיך אליין אײַנגערעדט, — כ'דארף איר עפענען די אויגן...

פונקט הײַנט, ווען די ארבעטס־וואָך האָט געהאלטן באם סאָף, האָט אין דער פארויכערטער שטאָט־לופט פון גאנץ קאיאָר אָן געטראָגן זיך א פריש, פריילעך פריילינג־ווינטל. און מיט

די מענטשן האָבן זיך פּלוצעם אָנגעהויבן טאָן מאָדנע זאַכן.

אינדערפרי איז עדיק געזעסן אין פאָטאָגראַפיע בא זײַן רעטושיר־טישל און געאַרבעט. פּונעם נעגאַטיוו האָבן געקוקט אַף אים צוויי גליקלעכע שמייכלענדיקע פּנעמער: אַ קאַלע מיט אַ כאָסן. און אָט, אין דער רעגע, ווען זײַן בלײַער האָט פאַררעטושירט אַ ווײַס פּינטעלע אַף דער קאַלעס פּאָנעם, האָט עדיק דערפילט אין זײַן ברוסט אַזאַ מין שוואַכן שטאָך, אַפילע ניט קיין שטאָך, נאָר אַזאַ מין קלעם, און אַפילע ניט קיין קלעם אויך, נאָר אַזאַ לײַכטן ריר. און אָט פון דעם דאָזיקן לײַכטן ריר איז אים מיטאַמאָל געוואָרן שווער.

דער בלײַער האָט געטאָן זײַן אַרבעט, די אויגן האָבן אַפּן בלײַער אַכטונג געגעבן. עדיק אַליין איז געזעסן אַף זײַן בענקל אין פאָטאָגראַפיע, גלײַך ווי גאָרניט וואָלט ניט געשען, נאָר די געדאַנקען זײַנע זײַנען שוין איצט געווען ערגעץ גאָר ווײַט, ניט הי (לאָז עס אײַך ניט וווּנדערן; מיט אַ מענטשן קאָן זיך אַזוי טרעפן, אַז דער קערפּער איז אַף איין אָרט און די געדאַנקען פליִען ערגעץ אַנדערש. מיט אַ יונגערמאַן, ביפראַט, טרעפט זיך עס אָפט).

...אַ יאָר, יאָ, טאַקע אַ יאָר צײַט, ניט מער, ווי מיר זײַנען געזעסן פּונקט אַזוי, ווי אָט דאָס פּאָרעלע, און זי, מײַן רײַע, האָט געשמייכלט פאַרן אָביעקטיוו, ווי אַ קינאָ־שטערן. און ווען מײַן רײַע טוט אַ שמייכל, פאַרגעס איך באַלד ווו איך בין: אַף דער ערד, צי אַפּן הימל. יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט לויף איך אַהיים, ווי אַ באָכערל לויפט אַף אַ באַגעגעניש מיט זײַן געליבטער. עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דער אַרבעטסטאָג ציט זיך ניט קיין זיבן שאָ, נאָר זיבן טעג. און בעשאַס איך אַרבעט, שטייט זי מיר, מײַן רײַע, שטענדיק פאַר די אויגן, ווי דער נעגאַטיוו.

די ערשטע צײַט נאָך דער כאַסענע האָב איך ביכלאַל ניט געוווּסט, וואָס איך טו. איינמאָל האָב איך זיך אַזוי „פאַראַרבעט", אַז כ'האָב בא אַ פּרוי אַזש פאַררעטושירט אַ גאַנץ אויג. ווען דער לאַבאָראַנט, אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש, האָט געמאַכט די ערשטע פּאַטאָ־קאַרטע און דערזען די צורע, וואָס האָט געקוקט אַף אים מיט איין אויג, האָט ער, נעבעך, אַזש אָנגעהויבן שלוקערצן.

מע זאָגט, אַז יוליוס צעזאַר האָט אין איין צײַט געקאָנט טאָן דרײַ אַרבעטן. איך מיין, אַז ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין קלעאָפּאַטרען, איז אים דער קאָפּ ניט געלעגן בא קיין שום אַרבעט.

אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש האָט דעמלט אַ קוק געטאָן אַף מיר און געזאָגט נאָר צוויי ווערטער: „אַ מאָדנער יונגערמאַן!"

עדיק האָט פאַרענדיקט רעטושירן דעם נעגאַטיוו, אַוועקגעלייגט אים אין אַ זײַט און איז אַרויסגעגאַן פון דער פאָטאָ-אַטעליע.

דאָס פרילינג־ווינטל האָט אַ גלעט געטאָן זײַן פּאָנעם, צעשויבערט אים די געדיכטע שוואַרצע האָר און איז אַנטלאָפן ווײַטער.

...ס'איז ניט געווען קיין איין אָוונט, אַז מיר זאָלן זיך ערגעץ ניט געווען אַרײַנכאַפּן: אין קינאָ, אָדער אַף אַ „דיסקאָטעקע". פאַר אַ נויט, האָבן מיר גלאַט שפּאַצירט איבער די אָוונטגאַסן. איך פלעג זי האַלטן בא דער האַנט און שטילערהייט, בלויז פאַר איר, צוזינגען:

צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר,
וועל איך טאָן, ווי דײַן האַרצן געפעלט.
אָט דאָס פעלד מיט דעם וואַלד
וועל איך אויספּוצן באַלד,
און אוועקשטעלן דאָרט דײַן געצעלט...

יאָ, ניט קיין שלעכט לידעלע, אָבער זי האָט עס גיך פאַרגעסן...

עדיק האָט פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס און אַרײַנגעצויגן אין זיך דעם רויך. דעם ערשטן „סימפּטאָם" האָט עדיק באַמערקט, און גראָדע ניט אַזוי באַמערקט, ווי דערהערט, ווען זיי זײַנען געווען אַף דער לעצטער „דיסקאָטעקע". רײַע האָט, טאַנצנדיק מיט אים, גאָר און פלוצעם געזאָגט: „ווי געפעלט דיר, וויִאַזוי אָלעג שפּילט אַפּן סאַקסאָפאָן? דאַפקע אַ פּאָשעטער שאָפער... זײַן ווײַב מעג מען מעקאַנע זײַן... אָלעג איז אַ טאַלאַנט!"

דעמלט זײַנען אים אָט די ווערטער אין איין אויער אַרײַן און פונעם צווייטן אויער אַרויס. נאָר שפּעטער מיט אַ טאָג צוויי איז ער מיט רײַען געווען אַף אַ קערמישל בא אירער אַ כאַווערטע, בא פּאָלינען, און דאָרט, אין מיטן אָוונט, האָט אים רײַע פּלוצעם אַ טאָרע געטאָן באַם אַרבל און, אַ ווונק טוענדיק מיטן קאָפּ אַף אַ יונגערמאַן, געזאָגט: „עדיק, גיב אַ קוק, דאָס איז פּאָלינעס כאָסן, באָריס, ער פאַרנעמט זיך מיט „קאַראַטע". און אַליין איז ער דאַפקע אַ פּאָשעטער שלאָסער... פּאָלינע וועט זײַן מיט אים גליקלעך... באָריס איז אַ טאַלאַנט!.."

די ווערטער זײַנען שוין גוט אַרײַן אין אים. און ניט גלאַט אַזוי, נאָר אַרײַן מיט אַזאַ מין ריס באַם האַרצן.

עדיק האָט ווידעראַמאָל דערפילט דעם וווייכן קלעם אין זײַן ברוסט. דער דאָזיקער קלעם איז איצט געווען, ווי אַ מין אייגן שוועסטערקינד יענעם „ריס באַם האַרצן".

...יאָ. זי האָט עס גיך פאַרגעסן. נו גוט, איך בין ניט אַזאַ טאַלאַנט ווי, לעמאָשל, אָלעג צי באָריס. נאָר וויִאַזוי דאַרף איך קוקן אַף דעם, וואָס שוין קימאַט אַ וואָך צײַט לויף איך אָן אָן אָטעם אַהיים פון דער אַרבעט, און זי איז גאָר אין דער צײַט בא אַ כאַווערטע? דעם גאַנצן אָוונט זיץ איך איינער אַליין צווישן די פיר

וועגט און וואַרט, ביזוואַנען זי וועט זיך אומקערן. וואָס איז, וואָלט איך געוואָלט וויסן, ס'איז איר אַזוי נייטיק לויפֿן יעדן אָוונט צו דער כאַווערטע? כ'וואָלט דאָס אוואַדע געקאָנט פֿרעגן בײַ איר, טאַקע בײַ רײַען אַליין. נאָר מײַן שטאָלץ שטייט בײַ מיר העכער. מע קאָן אַזוי ווערן „אַ שמאַטע"... מע דאַרף עפּעס צוקלערן. נאָר וואָס?

עדיק איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער פּאָטאָגראַפֿיע און געלאָזט זיך גיין צו דעם פּאָטאָ־זאַל. דאָרט האָט ער אָנגעצונדן אַלע לעמפּ, אוועקגעשטעלט זיך קעגן גרויסן שפּיגל און אָנגעהויבן פּאָכען מיט די הענט און מיט די פֿיס...

...ניין, „קאַראַטע" באַקומט זיך בײַ מיר ניט, און פֿון שפּילן אויף אַ סאַקסאָפֿאָן איז שוין אָפּגערעדט... נאָר עפּעס דאַרף מען פֿונדעסטוועגן צוקלערן... ווער האָט עס געזאָגט, אַז אין יעדן מענטשן ליגט באַהאַלטן אַ טאַלאַנט? איך בין דאָך ניט קיין אויסנאַם. ווער ווייסט, עפּשער ווערט גאָר אין מיר פֿאַרפֿאַלן, לעמאָשל, אַן אַרטיסט? ניט אַזאַ גרויסער אַרטיסט, ווי סמאָקטונאָווסקי, נאָר פּאָרט...

אַלץ נאָך אַזוי, שטייענדיק פֿאַרן שפּיגל, האָט עדיק מיטאַמאָל געמאַכט אַ בייזע מינע און אויף אַ הויך קאָל אַ רעווע געטאָן: „האָסט פֿאַרן שלאָף טפֿילע געטאָן, דעזדעמאָנאַ?"

אין דער טיר פֿון דער לאַבאָראַטאָריע האָט זיך באַוויזן דעם לאַבאָראַנטס איבערגעשראָקענע צורע:

— וואָס האָט זיך געטראַפֿן, האַ?

נאָך דער פֿינצטערער לאַבאָראַטאָריע האָבן דעם לאַבאָראַנטס אויגן געזשמורעט זיך אויף דער שײַן און אָפּט אונטערגעפּינטלט. די ערשטע מינוטן האָט ער נאָך פּעסט גאָרנישט ניט געזען און דערפֿון האָט דאָס פּאָנעם זײַנס נאָך מערער אויסגעקוקט איבערגעשראָקן.

— ווער שרײַט, עדיק? וואָס קומט דאָ פֿאָר?

— גאָרניט, אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש, גאָרניט... ס'האָט זיך אײַך מיסטאַמע אויסגעוויזן.

דער לאַבאָראַנט איז פּאַמעלעך געקומען צו זיך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף עדיקן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, ווי דענסטמאָל, נאָך דער געשיכטע מיטן „פֿאַרעטושירטן אויג", געזאָגט: „אַ מאָדנער יונגערמאַן!" און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

אין יוגנט־הויז איז עדיק געגאַנגען נאָך דער אַרבעט.

אַ פֿריילעכער פֿרילינג־אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט, ווו כאָטש עדיקן האָבן נאָך געוווינט קימאַט הונדערט טויזנט מענטשן, און צווישן די הונדערט טויזנט מענטשן, טאַקע ניט ווײַט פֿון דעם אָרט, ווו עדיק געפֿינט זיך איצינד, קלאַפּט אַ יונג האַרץ, צוליב וועמען ער איז גרייט אויסלערנען זיך שפּילן אַפֿילע אויף אַ סאַקסאָפֿאָן.

דאָס יוגנט־הויז האָט מען ניט לאַנג צוריק פֿאַרענדיקט בויען. און סײַ פֿון דרויסן, סײַ אינעווייניק איז אַלץ, ווי מע זאָגט, „פּאָ פּאָסליעדנעמו סלאָוו...", מיט אַלע פּישטשעווקעס.

עדיק האָט געשפּאַנט דורך די ברייטע, לאַנגע קאָרידאָרן, פֿאַרבײַ די פֿאַרמאַכטע טירן אין ביידע זײַטן, און געלייענט: „דראַמאַטיש קרײַזל", „פּאָטאָ־קרײַזל", „טאַנץ־קרײַזל". ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר, ווו עס איז געווען אָנגעשריבן אַנסאַמבל „ראָמאַנטיק", פּאַמעלעך אויפֿגעעפֿנט זי און אַרײַנגעשטעקט אין צימער דעם קאָפּ. לעבן טיש איז געזעסן אַ מיידל און עפּעס געשריבן. עדיקן האָט זי ניט באַמערקט.

— אַ גוטנאָוונט!

דאָס מיידל האָט זיך פֿונעם פּלוצעמדיקן „גוטנאָוונט" אַ וואָרף געטאָן.

— אוי, איר האָט מיך אַזש איבערגעשראָקן.

— זײַט מיר מוחל... איך האָב ניט געוואָלט... דאָ איז „ראָמאַנטיק"?

— יאָ, דאָ. וואָס זשע שטייט איר הינטער דער טיר? קומט אַרײַן, ביטע!

עדיק איז שוין געווען אין צימער און האָט בלויז איצט גוט געקאָנט אַרומקוקן זיך. אויף אַ ברייטער בינע זײַנען געשטאַנען גרויסע דינאַמיקס, אומעטום האָבן זיך געפּלאָנטערט דראָטן, אויף דער וואַנט זײַנען געהאַנגען אַלערליי מוזיק־אינסטרומענטן, ווי אין אַ מוזיק־קראָם.

— כ'בין געקומען הײַנט אַ ביסל פֿריִער, — האָט זיך דאָס מיידל ווי פֿאַרענטפֿערט, — די רעפּעטיציע הייבט זיך ערשט אָן אין אַ שאָ אַרום. איר זײַנט אַ מוזיקאַנט?

— ניין, איך בין אַ פּאָטאָגראַף. נאָר איך וויל שפּילן אויף אָט דעם־אָ... — און עדיק האָט בײַז אַ ווײַז געטאָן אויפֿן סאַקסאָפֿאָן.

דאָס מיידל האָט אים באַקוקט און איז שטילערהייט צוגעגאַן צו דער וואַנט.

— אויב איר ווילט אַזוי שפּילן, נאַט, שפּילט! — האָט זי אים דערלאַנגט דעם סאַקסאָפֿאָן.

— ניין, — האָט עדיק געשמייכלט, — איך קאָן ניט שפּילן... איך וואָלט זיך געוואָלט אויסלערנען... שפּילן שפּילט גוט מײַנער אַ באַקאַנטער, אָלעג, נאָר ער איז אַ טאַלאַנט. — עדיק האָט זיך אויף אַ רגע פֿאַרטראַכט. — און איר? איר שפּילט אין אַנסאַמבל?

— יאָ, — האָט זי קורץ געענטפֿערט, — אויף אַן עלעקטראָאָרגאַן.

— זאָגט מיר, — האָט נאָך אַ היפּשער פּויזע אַ פֿרעג געטאָן עדיק, — נאָר, כ'בעט אײַך, זאָגט מיר דעם אמת, אויף אַ סאַקסאָפֿאָן דאַרף מען זיך אַ סאַך לערנען?

— אויף אַ סאַקסאָפֿאָן? כ'ווייס ניט... בכלל אויף אַ מוזיק־אינסטרומענט לערנט מען זיך ניט אַזוי גיך אויס שפּילן. און צו דערויף דאַרף מען נאָך האָבן אַ טאַלאַנט אויך...

עדיק איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם מיידל, און אויף זײַן פּנים איז געווען ווי אָנגעשריבן: „ע, ברודערל, דײַנע געשעפטן האַלטן שוואַך!"

דאָס מיידל האָט זיך אָנגעפרעגט:

— עפּעס רופט בײַ אײַך אַרויס פאַרדראָס?

— ניין, גאָרניט... אויב איר ווילט, שפּילט בעסער עפּעס אויפן עלעקטראָאָרגאַן!

— וואָס זאָל איך אײַך שפּילן? — איז דאָס מיידל צוגעגאַנגען צום אינסטרומענט, — איך ווייס ניט, וואָס עס געפעלט אײַך...

— עפּשער קענט איר די ליד „צוליב דיר"?

און עדיק האָט אָנגעהויבן זינגען, באַם אָנהייב נאָר דעם מאָטיוו, שטיל, פּונקט ווי דעמסטמאָל, באַם שפּאַצירן איבער די אָוונט־גאַסן, ווען ער פלעגט האַלטן רײַען בײַ דער האַנט און פילן איר וואַרעמקייט.

דער ניגון האָט זיך געגאָסן פון זײַן האַרץ.

ער האָט געקוקט אויף דעם אומבאַקאַנטן מיידל און געזען פאַר זיך ניט זי, נאָר זײַן רײַען. ער האָט אפילו ניט באַמערקט, ווי ער האָט שוין געזונגען העכער, געזונגען מיט ווערטער:

און דו גלייב, און דו גלייב, און דו גלייב,
אַז די ליבע האָט קויך אין אַ שיר.
דו נאָר זאָג און באַפעל,
ברענג איך פויגל־מילך שנעל.
צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר...

דאָס מיידל איז שוין געזעסן באַם אָרגאַן און אַקאָמפּאַנירט עדיקן. ער האָט, זינגענדיק, אַרײַנגעלייגט אין יעדן וואָרט אַ באַזונדערס שטאַרקן געפיל. ס'האָט געזונגען איבערנעם מיט אים זײַן ווייטעק און זײַן ליבע...

אין צימער איז אויף אַ רגע געוואָרן שטיל. נאָר מיטאַמאָל איז דאָס שעמעוודיקע מיידל אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, צוגעלאָפן צו עדיקן און אים אַ טשמאָקע געטאָן אין באַק.

— בראַוואָ! בראַוואָ!.. אַ מין שטים. אַ מין טעמבר. און וויפל געפילן.

עדיק איז געשטאַנען ווי אַ פאַריטשמעליעטער.

— איר דאַרפט זינגען אין אונדזער אַנסאַמבל... און איר וועט זינגען... דאָס זאָג איך אײַך, ווי די אָנפירערן פונעם אַנסאַמבל... איר זײַנט אַ טאַלאַנט...

זי האָט נאָך עפּעס געזאָגט. נאָר עדיק האָט שוין גאָרנישט ניט געהערט און גאָרנישט ניט געזען. אין זײַנע אויערן האָבן געקלונגען קלייַנע גלעקעלעך...

אהיים האָט עדיק זיך געטראָגן, אפילו ניט געטראָגן זיך, נאָר געפלויגן. מאַמעש ווי בײַ איקאַרן, זײַנען בײַ אים אויסגעוואַקסן פליגל. דאָס פרילינג־ווינטל האָט אים אונטערגעכאַפּט און אויפגעהויבן העט־העט ארויף, קימאַט צו די סאַמע שטערן.

ער איז צו זיך אהיים אַרײַנגעפלויגן דורכן גאַנעק.

— נו, ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, יונגערמאַנטשיק? — האָט אַ פרעג געטאָן רײַע, און עדיק האָט נאָכן וואָרט „יונגערמאַנטשיק" באַלד פאַרלוירן די פליגל. — ס'איז מיר שוין אַלץ באַוווסט... ער לויפט אין יוגנט־הויז נאָך דער אַרבעט! דאָס ווײַב איז אים שוין געוואָרן ניימעס... — זי האָט געשאָטן מיט רייד: — איך לויף, ווי אַ מעשוגענע, שוין קימאַט אַ וואָך צײַט צו פאַלינען, קעדיי אים מאַכן אַ סיורפּריז, און ער?..

זי כאַפּט עפּעס אַ פּעקל און טוט עס אַ וואָרף אויפן טיש. דאָס פּאַפּיר צעוויקלט זיך און ס'באַווײַזט זיך אַן אויסגעאַרבעט וואָלן וועסנעווענטל...

אַלע מיספאַרשטייענישן זײַנען פאַרשוווּנדן אין איין אויגנבליק. ס'איז געקומען אַ צויבערנדיקע פרילינג־נאַכט. און אין דער דאַזיקער נאַכט האָבן זיך איבערגעשעפּטשעט צווי פאַרליבטע נעשאָמעס:

— איך האָב שוין געמיינט, אַז דו האָסט אַלץ פאַרגעסן...

— און איך, אַז דו האָסט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעקילט צו מיר...

— אַ מין גליקלעכער טאָעס...

—אוואַדע, נאַרעלע...

און הינטער די פענצטער האָט עמעצער „נאָר צוליב איר" געזונגען די באַקאַנטע ליד. דאָס פרישע פרילינג־ווינטל האָט דעם ניגון אונטערגעכאַפּט און אוועקגעטראָגן אים איבער דער גאַנצער שטאָט. און, ווער ווייסט, קאָן זײַן — נאָך ווײַטער.

א ווײַס פערדל

מארטע איז געשטאנען בא זיך אין צימער לעבן פענצטער און געקוקט אין דרויסן ארויס. פונדאנען, פונעם פינפטן שטאָק, איז די אונטגאס געווען ווי אַף א דלאָניע.

די אווטאָמאָבילן יאָגן איבער די פוסגייער, און די פוסגייער יאָגן זיך נאָך די אווטאָמאָבילן. אלע אײַלן, ס׳איז די שאָ „פיק". אינגיכן וועט אין יעדן פענצטער אופלאמען א פײַערל, דער הור־הא פונעם טאָג וועט פארשלאָסן ווערן אין פיר ווענט, אזש אַף א גאנצער נאכט, און אין יעדער שטוב וועט אײַנייִנעם מיטן היים־פענצטערל אופלאמען א מענטשלעכס, וואָס דערזען עס קאָן נאָר דער סאמע נאָענטער, דער סאמע טײַערער. דערזען, און עפשער פארשטיין אויך.

די ערשטע צײַט נאָך דער מאמעס טויט האָט זיך מארטע פּאָשעט ווי פארלוירן צווישן די פיר ווענט. אלץ איז דאָ געווען פארבונדן מיט דער מאמען, און אלץ האָט ארויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע. די כפייצים, דאָס מעבל האָבן נאָך געטראָגן אין זיך דער מאמעס רייעך, געקלונגען מיט דער מאמעס קאָל, געקוקט אַף מארטען ווי מיט לעבעדיקע אויגן.

אצינד, ווען ס׳איז שוין דורכגעגאַן קימאט דרײַ יאָר, זינט די מאמע איז געשטאָרבן, האָט מארטע, שטייענדיק באַם פענצטער, פלוצעם דערמאָנט זיך אין א פראזע, וואָס זי האָט ערגעץ איבערגעלייענט אין א ביכל: „א מענטש שטארבט ניט דעמלט, ווען ער דארף שטארבן, נאָר דעמלט, ווען ער מעג..."

צען יאָר האָט איר מאמען געמוטשעט די שלאפקײַט, און צען יאָר האָט זיך די מאמע געשלאָגן מיטן מאלעכהאמאָוועס. די לעצטע צײַט פלעגט זי שוין ניט ארויסגיין פון דער שטוב, און מארטע האָט, קומענדיק אהיים פון דער ארבעט (זי האָט שוין דענסטמאָל געארבעט אַף דער פוטער־פאבריק), אָפטמאָל געטראָפן די מאמע לעבן פענצטער.

— וואָס האָסטו דאָרט אזוינס דערזען? — האָט איינמאָל א פרעג געטאָן מארטע, — דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז דו דארפסט ליגן...

און די מאמע פלעגט, ניט וועלנדיק אָפּרײַסן איר אומעטיקן בליק פונעם פענצטער, מיט א זיפץ ענטפערן: „נארישקײַטן... א קראנקער מענטש איז פול מיט נארישקײַטן..."

דעמלט האָט די טאָכטער דאָס ניט פארשטאנען. נאָר ווען די מאמע האָט שוין ניט געלעבט און מארטע פלעגט זיך שאָענווײַז אומדרייען איינע אליין אין דער פוסט געוואָרענער שטוב און אַף אלץ ארום קוקן מיט א פארבלאָנדזשעטן בליק און פילן, ווי די פיר ווענט הייבן אָן שטיקן די געדאנקען אירע, ווי עס הייבט אָן ניט סטײַען קיין לופט, — אָט דעמלט האָט מארטע פארשטאנען דעם באטײַט פון איר מאמעס „נארישקײַטן".

דאָס פענצטער האָט געצויגן צו זיך, ווי א לײַכט־טורעם ציט צו זיך צו א פארלוירענע שיף אין א שטורעם. דאָס דאָזיקע פענצטער, דאָס איין־און־איינציקע אויג אין דרויסן ארויס, האָט פריִער דער מאמען און איצטער מארטען פארבונדן מיט א שטיקעלע וועלט, באשײַנט זייער עלנטקײַט. און ווען מארטע האָט דאָס פארשטאנען, איז אַף איר אָנגעפאלן א מוירע, אז איצט וועט זי דאָ פארבלײַבן אַף אייביק אליין, ווי א פארמויערטע צווישן פיר ווענט.

דער געדאנק איז נאָכגעגאנגען נאָך איר, ווי א קראנק געוויסן, און ווו זי זאָל ניט געווען זײַן, פלעגט זי הערן איר מאמעס שטוואָס הייזעריקלעך קאָל: „א קראנקער מענטש איז פול מיט נארישקײַטן... פול מיט נארישקײַטן..."

„א מענטש שטארבט ניט דעמלט, ווען ער דארף שטארבן, נאָר דעמלט, ווען ער מעג" — די ווערטער האָט אָן אופהער שטילערהייט איבערגעכאזערט מארטע. איר מוטער האָט געווּסט, אז זי איז טויט־קראנק, קיין רעפוע וועט שוין ניט העלפן, פון טאָג צו טאָג וועט איר שוין ווערן ערגער און ערגער. נאָר דער איין־און־איינציקער געדאנק וועגן איר „שטיקל טאָכטער", וועגן דעם, אז זי „דארף זען מארטען פעסט שטיין אַף די פיס", האָט איר ניט געגעבן דאָס רעכט צו שטארבן, און פון אָט דער מוטער־רעכט האָט זי, אפּאָנעם, געשעפּט די לעצטע קויכעס צו לעבן...

— בא אײַך זײַנען צעשרויפט די נערוון, — האָט געזאָגט דער פאבריק־דאָקטער, באטראכטנדיק מארטען, — איר דארפט זיך אָפּרוען. באַם יאַם...

און אין איינעם א טאָג איז מארטע אוועק פון די אייגענע ווענט, פון די ארומיקע זאכן, פון אירע קרענקלעכע דערמאָנונגען. בלויז דעם לעבעדיקן אָנדענק וועגן דער מוטער האָט זי ארויסגעטראָגן אין זיך פון דער אויסגעליידיקטער היים, ווי די סאמע טײַערסטע מאטאָנע פון די פארגאנגענע יאָרן.

דער כוידעש, וואָס מארטע האָט פארבראכט באַם יאַם, איז דורכגעפלויגן ווי איין טאָג. א לאנגער גליקלעכער טאָג. א בלויער, ווי דער קרימער הימל, און א לויטערער, ווי די קרימער לופט. אומקערנדיק זיך אהיים, האָט זי ברייט צעפראלט דאָס פענצטער. מע דארף לעבן. מע דארף לעבן ווײַטער...

מארטע איז צוגעגאַן צום שפּיגל. זי האָט זיך אײַנגעקוקט, גוט באטראכט זיך, עלעהיי זי האָט איצט דערזען עפּעס אָן אומבאקאנטע צורע.

זי איז ניט געווען פון יענע, וועמענס שיינקײַט ווארפט זיך גלײַך אין די אויגן. וואָס יאָ — יעדן האָבן מאמעש געוווּנדערט אירע גערדיכטע קופּער־קאָליריקע האָר. ווען זי פלעגט זיי אינדערפרי, נאָכן שלאָף, צעקעמען, פלעגט זיך אויסווײַזן, אז די זון באהאלט זיך אין זיי. און ניט איין מאָל פלעגט מארטע הערן פון

וועגן דעם מאָלער מאנע קאַץ

די קונסט פון מאנע קאַץ שעפּט איר יעניקע פון א סאך מעקוירים. דאָס לאָזט זיך גלײַך באמערקן. נאָר דער שטראָם, ווו זיי גיסן זיך צונויף, באקומט סאָפּקאָלסאָף א בוילעטן און אייגנארטיקן כאראקטער.

א מעכטיקע לעבנסקראפט פארבינדט און פארקניפּט די פילזײַטיקע שאפונג פון מאנע קאַץ. זי באשטייט פון פריידיקע קאָלירן, פון באוועגונגען און פון די קעגנשטאנדן זעלבסט. דאָס איז אזא מין פרייד, וועלכע לאָזט זיך ניט צוימען, א קינדערישע פרייד, וואָס שפּרודלט מיט לייצאָנעס און פילפארביקײַט.

די פרייד, וועלכע מאנע קאַץ האלט פאר א מוז־זאך אין גאָר דער וועלט, אין גאנצן ארום, טרעט ארויס רײַך אין אלע זײַנע צייכענונגען. ס׳אנטפּלעקט זיך א וועלט, פול מיט אינטענסיוער לעבהאפטיקײַט, א וועלט, וועלכע ווייסט קימאט ניט פון וועלכע ניט איז שטערונגען. זײַנע געפילן דריקט אויס דער קינסטלער מיט א הילכיקן געשריי.

אין טאָך גענומען, באקומען זיך די לעבהאפטיקײַט און די פריידיקע שטימונג ניט קיין געצווונגענע. ס׳איז ניט צו זען קיין מינדסטע באפּוצונג, קעדיי אויסצואיבן א געווונטשענעם אײַנדרוק.

מאנע קאַץ באווײַזט זײַן אָריגינעלקײַט אמערסטן דאן, ווען ער שילדערט דאָס לעבן אין טכום אין זײַן גאנצן פארנעם, אין א פיל גרעסערער מאָס, איידער בעשאסן פארטיפט זײַן אין מאכשאָוועס, אָדער זײַן ארײַנגעטאָן אין אוועלכער ניט איז שפּיל.

..ליאָן פויכטוואנגער

די קאלע







קלעזמער

א לעץ

פלייטים

סקולפטורן

פון דער נאַטור



איר מאַמען: „דײַנע האָר װעלן דיר ברענגען מאַזל...״

— אין יענעם װײַטן טאָג האָט דאָס האַרץ גע־קלאַפּט אין איר ברוסט, װי אַ צינגל אין אַ גלאָק: מע דאַרף לעבן װײַטער! און, שטײענ־דיק באַם אָפֿענעם פֿענצטער, האָט מאַרטע פּלו־צעם דערפֿילט, װי אַ מאָדנער אומבאַקאַנטער װילן װאַקסט אױס פֿון ערגעץ טיף אינעװײניק, צעקלאַפּט זיך איבער אירע שטײַפֿע יונגע בריסט, צעגיסט זיך מיטאַמאָל איבערן גאַנצן לײַב, די בײנער װערן איר װײכער, די פֿיס בײגן זיך אונטער, די אױגן־לעפֿלעך פֿילן זיך אָן מיט אַ שלעפֿעריקער שװערקײט. „מע דאַרף לעבן װײַטער״ — קלינגען אָפּ די גלעקלעך אין די אױערן. די אױגן אירע פֿאַרמאַכן זיך, און מאַרטע הײבט אָן זינקען אין אַ בלױלעך־פֿרי־מאָרגנדיקן נעפּל...

...װאָס איז מיט מיר? ערגעץ הערט זיך אַ שטילן געזאַנג, און מיר איז אַזױ ליכטיק און גרינג. איך פֿלי. די גאַנצע װעלט שפּרײט זיך אונטער מיר. װאָס איז דאָס? אַ כאָלעם, אַ פֿאַנ־טאַזיע־שפּיל? װאָס עס זאָל ניט זײַן, װיל איך, דאָס געזאַנג זאָל זיך הערן טאָמיד, דער פֿלי זאָל דױערן אײביק.

מאַרטע האָט פּאַמעלעך אױפֿגעעפֿנט די אױגן. דער בלױלעכער נעפּל איז זיך צעביסלעך צע־גאַנגען, און זי האָט דערזען לעבן זיך אַן אומ־באַקאַנט פּאָנעם.

— װער ביסטו? פֿונװאַנען האָסטו זיך אַהער גענומען?

— איך בין אַ דורכגײער...

מאַרטע האָט געקוקט אָף זײַן בײַנערדיק פּאָנעם, װי אַ פֿאַרקישעפֿטע. אַ רעגע האָט זיך מאַרטען אַפֿילע אױסגעװיזן, אַז זי האָט אים ערגעץ געזען, און ביכלאַל, זײַנען זײ שױן פֿון לאַנג באַקאַנט. נאָר דאָס איז געװען אַ ליגן. אַן ערלעכער ליגן. פֿאַרװאָס זי האָט געװאָלט גלײבן אין דעם ליגן, האָט מאַרטע נאָך דעמלט ניט געװוּסט.

— איך האָב געמײנט, אַז באַ אײַך אין שטוב ברענט עפּעס. און כ׳האָב טאַקע ניט קײן טאָעס. עס ברענען קעגן דער זון אײַערע האָר...

דער שפּיגל האָט ניט געקאָנט זאָגן קײן ליגן. ער האָט אָפּגעשפּיגלט בלױז דאָס, װאָס האָט זיך געװיזן פֿאַר אים. און דאָס, װאָס האָט זיך באַהאַלטן אין די מענטשלעכע געדאַנקען, װאָס עס האָט געקלאַפּט אינײנעם־מיטן האַרץ, — האָט דער שפּיגל ניט געקאָנט אָפּשפּיגלען. אַזױנס איז ניט אין זײַן טעװע...

...מע דאַרף לעבן װײַטער. נאָר װיאַזױ?.. אָף דער פֿראַגע האָט מאַרטע פּלוצעם געפֿו־נען אַן ענטפֿער אין דעם זיכערן בליק, מיט װעלכן ס׳האָט געקוקט אָף איר דאָס בײַנערדי־קע פּאָנעם.

פֿאַר מאַרטען האָט זיך אָנגעהױבן אַ נײַ לעבן. ביז דעם טאָג, װען ער איז אױפֿגעשװוּמען פֿונעם בלױלעכן נעפּל, האָט זי געבלאָנדזשעט צװישן דעם, װאָס איז פֿאַרגעקומען פֿאַר איר מאַמעס טױט, און דעם, װאָס איז פֿאָרגעקומען נאָך דער מאַמעס טױט. איר לעבן האָט גע־דאַרפֿט זײַן צוגעבונדן צו אַן אַנדער לעבן. פֿריִער איז דאָס געװען איר מאַמעס, אַצינד — זײַנס. אין דעם האָט זי געזען דעם באַטײַט פֿון איר לעבן. נאָר איצט איז דאָס געװען אַן אַנ־דער מין צוגעבונדנקײט, אַן אַנדער מין ליב־שאַפֿט — אַ ליבשאַפֿט צו אַ מאַנצבל.

זי איז געװאָרן אַ װײַב. זײַן פֿרױ. און װעגן אַזאַ ליבע האָט זי פֿריִער נאָר געלײענט אין ביכער, געזען זי אין קינאָ. פֿריִער פֿלעגט זי אָפֿטמאָל, ליגנדיק אין בעט, טרױמען פֿון דעם, און אַ סך מאָל פֿלעגן די זיסע טרױמען פֿאַרענדיקן זיך מיט ביטערע טרערן. זי פֿלעגט באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אירס אין קישן, די מאַ־מע זאָל ניט זען אירע שמערצן. נאָר אײנדער־פֿרי, נאָך אַזעלכע נעכט, פֿלעגט מאַרטע דער־פֿילן אָף זיך דער מאַמעס בליקן, דערהערן דער מאַמעס שעפּטשענדיקע רײד: „איך װײס, אַז שולדיק בין איך... איבער מיר האָסטו קײנעם ניט... דו ביסט צוגעבונדן צו מיר. װײַס פֿערדל מײַנס...״

נאָך קינדװײַז האָט מאַרטע געהערט פֿון דער מאַמען דאָס מײַסעלע װעגן דעם װײַסן פֿערדל. אין אַ קעמל־טשערעדע איז געבױרן גע־װאָרן אַ „פֿאַרזעעניש״. עס האָט ניט פֿאַרמאָגט, װי אַלע אַנדערע קעמלען, ניט קײן האָרבן, ניט קײן לאַנגן האַלדז, און פֿון קאָפּ ביז די פֿיס געװען װײַס. די קלײנע קעמלען האָבן זיך ניט געװאָלט שפּילן מיט דער מאָדנער באַשעפֿעניש און נאָר געלאַכט פֿון דעם. די גרױסע האָבן געקוקט אָפֿן קלאָר־װײַסן פֿעלעכל און זיך גע־װוּנדערט: פֿונװאַנען קומט צו זײ אין טשערעדע אַזאַ אױסנאַם?

די צײַט איז פֿאַרגאַנגען, און אין אײנעם אַ טאָג האָבן אַלע קעמלען דערזען, אַז דאָס „פֿאַר־זעעניש״, דער „אױסנאַם״ איז גאָר ניט קײן קעמל, נאָר אַ שײן װײַס פֿערד מיט אַ געדיכ־טער גריװע און מיט אַ לאַנגן עק.

װאָס עס איז װײַטער געשען מיטן װײַסן פֿערדל, געדענקט שױן איצט מאַרטע ניט.

זי האָט אין אים ליב געהאַט אַלץ: זײַנע ציטערנדיקע אױגן־לעפֿלעך, װען זי פֿלעגט זיך צורירן צו זײ מיט די ליפּן, זײַן שטעכיקע באָרד אָף איר באַק, זײַנע פֿעסטע פּאָר הענט און — זײַנע װערטער. זי פֿלעגט זײ מאַמעש שלינגען און איבערכאַזערן נאָך אים: „אַ מענטש דאַרף זיכער װיסן, װאָס ער װיל. ער דאַרף גוט זען זײַן ציל און דאַרף שפּאַנען צו אים אָן סענטי־מענטן... קײן שום סענטימענטן!..״ אַ סך מאָל פֿלעגט מאַרטע ניט פֿאַרשטײן זײַנע רײד, נאָר װאָס ער זאָל ניט געװען זאָגן, איז עס פֿאַר איר געװען װיכטיק.

זי האָט אײַנגעזויגן אין זיך איניינעם מיט זײַן רייעך זײַנע אויסדרוקן, אפילע זײַנע אינטאָנאציעס, זי איז גרייט געווען איבערלעבן מיט אים זײַן ווייטעק.

ער האָט דאָס אלץ גערופן „סינגמאט“. מארטע האָט דאָס דאָזיקע וואָרט איבערגעכאַזערט נאָך אים. „ער איז א הײַנטצײַטיקער יונגערמאן. מע דארף אים פארשטיין“. — האָט מארטע מיט אלע קויכעס געוואָלט אים פארשטיין. נאָר פארוואָס גאָר דאָס דאָזיקע מאָדנע וואָרט „סינגמאט“, אז אף דער וועלט איז דאָ אזא אייביק, און נאָענט, און גוט וואָרט „ליבע?..

מארטע האָט קיינמאָל ניט געוווּסט פינקטלעך, ווען ער וועט קומען, און פלעגט דעריבער ווארטן — שטענדיק. נאָר אין יענעם אָוונט זייערן האָט זי מיטאמאָל דערפילט, אז ער איז ערגעץ נאָענט, און אין א רעגע ארום טאקע האָט זי דערהערט זײַנע טריט, דערזען זײַן ביינערדיק שמייכלענדיק פּאָנעם.

ער איז צוגעגאנגען צו איר און שטיל, אָן רייד, זי ארומגענומען. זי האָט, נאָך אליין ניט פארשטייענדיק, וואָס זי טוט, אָפּגערוקט זיך פון אים און שטילערהייט געזאָגט: „מע דארף ניט אצינד...“ זי איז דערנאָך געזעסן לעבן אים (מארטע געדענקט עס גוט, כאָטש ס׳איז שוין דורכגעגאַן א היפּש ביסל צײַט) און, איבערכאַפּנדיק זײַן בליק, שטילערהייט געשעפּטשעט, ווי אין א טפילע: „אז דו האָסט מיך ליב, דארפסטו אליין זיך אָנשטויסן, וואָס איך וויל דיר זאָגן... ליבער מײַנער... געוווּנטשענער מיינער... דו ווערסט אלץ אליין פארשטיין... דו ביסט א קלוגער...“

— פילסט זיך ניט גוט? — האָט ער קורץ א פרעג געטאָן.

זי האָט זיך צעשמייכלט:

— ניין. איך וויל דיר זאָגן... איך וויל דיך פרעגן... דו האָסט גאָרניט באמערקט?..

מארטע האָט דערפילט, ווי דאָס בלוט האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּאָנעם, ווי עס האָבן איר אָנגעהויבן פלאמען די באקן. קוקנדיק אף זײַן גלײַכגילטיקער מינע, האָט מארטע פארשטאנען, אז זי דארף אים אליין אָנזאָגן די בסורע:

— איך ווארט אף א קינד...

— וואָסער קינד?

— דײַנס... און מײַנס... אונדזערס!..

דער באטײַט פון מארטעס ווערטער האָט צוביסלעך אָנגעהויבן דערגיין צו אים. ער האָט זיך אף א רעגע פארלוירן. דאָס האָט געדויערט איין רעגע, ניט מער. נאָר מארטען איז די איינע רעגע געווען גענוג.

— ביסט ניט צופרידן? — האָט זי אים געקוקט גלײַך אין די אויגן.

ער האָט געזוכט א וואָרט. און דאָס איז געווען ניט ענלעך אף אים.

— א קינד איז אוודע גוט. נאַר ניט אצינד. ס׳איז נאָך צו פרי. און, ביכלאל, מיר לעבן דאָך אזוי, ניט פארשריבן...

מארטע האָט א קוק געטאָן אף אים מיט א ביטער שמייכל:

— סײַדן אזוי... די גאנצע ליבע צווישן א מאנצבל און א פרוי האלט זיך, אפּאָנעם, נאָר אפן „פארשרײַבן זיך“... דו האָסט דאָך, דאכט זיך, אליין ניט איין מאָל געטײַנעט, אז ניט דער „זאגס“ מאכט די מישפּאַכע... דאָס איז בלויז א פאָרמעלקײַט...

ער האָט געשפּאנט פון איין וואנט צו דער אנדערער, און מארטע האָט אים נאָכגעקוקט מיט א גלאָזיקן בליק.

— איך מיין, אז ס׳איז נאָך ניט שפּעט צו באפרײַען זיך דערפון...

מארטעס בליק האָט זיך אָנגעקלאפּט אין די לעצטע ווערטער זײַנע און צעשאָטן זיך אף שטיק־שטיקלעך:

— פון וואָס באפרײַען זיך?.. פון אונדזער קינד?.. וואָס הייסט? פארוואָס?

די טרערן זײַנען שוין געשטאנען אין אירע אויגן, נאָר מארטע האָט פארביסן די אונטערשטע ליפּ. זי האָט זיך ווי אופגעכאפּט פון א לאנגן שלאָף. דערנאָך האָט זי באמערקט, אז לעבן איר שטייט ער. נאַר אין זײַן בליק האָט זי מער ניט געזען קיין זיכערקײַט. ער איז געשטאנען לעבן איר א פרעמדער. ער איז מער ניט געווען אירער...

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי דערהערט זײַן קאָל.

— גאָרניט. איך בין פּאָשעט געווען אין א מין הינערפלעט. און הײַנט, אָט איצט, האָב איך זיך אופגעכאפּט.

— איך פארשטיי עפּעס ניט, וועגן וואָס דו רעדסט.

— דו ווערסט עס קיינמאָל ניט פארשטיין. ביסט געווען און ביסט פארבליבן א דורכגייער...

שטייענדיק נאָך אלץ קעגן שפּיגל, האָט מארטע צעקעמט זיך די לאנגע האָר. זיי האָבן זיך כוואַליעסווײַז אוועקגעלייגט אף אירע קײַלעכדיקע אקסלען.

— און פארוואָס האָב איך זיך דעמלט פלוצעם אונטערגעשוירן? — האָט א בליץ געטאָן בא איר א געדאנק. — אייסעך, א נארישקײַט...

זי האָט אוועקגעלייגט דאָס קעמעלע און איז צוגעגאַן צום וויגל. מיט צעוואָרפענע קורצע פיסלעך איז דאָס קינד געשמאק געשלאָפן. מארטע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן וויגל און צוגעדעקט דאָס קינד מיט דעם קאָלדרעלע. זי איז געשטאנען און געקוקט אפן קינדס ביינערדיק פּענעמל, אף די קופּער־קאָליריקע האָר און זיך צעשמייכלט...

דאָ און דאָרטן לעשט זיך אויס דאָס ליכט אין די הײַזער. עס קומט אָן די נאכט, פינקטלעכער — די רעגע צווישן פארגאנגענעם טאָג און דעם קומענדיקן. די רעגע, ווען דער מענטש רירט זיך צו צו דער אייביקײַט, נאָר ער ווייסט אפילע ניט וועגן דעם, ער שלאָפט און זעט שיינע כאלוימעס.

ער, זי און א שעדעוור

דער געטרײַער פרוי מײַנער — רײַע

ער האָט נאָכאמאָל איבערגעלייענט זײַן לעצטע נאָוועלע און איז, קאָן מען זאָגן, געבליבן צופרידן: צוויי נעכט ניט געשלאָפן, און ניט אומזיסט.

— אַליין בין איך א דאָקטער און נאָכן מעדינסטיטוט ארבעט איך שוין קימאַט דרײַ יאָר דאָ, אין שטאָט־שפּיטאָל.

— ווען האָט איר אָנגעהויבן שרײַבן?

— נאָך אין אינסטיטוט...

אַרקאַדי לעווינזאָן האָט שוין ניט איין מאָל געזען דעם „זיסן כאַלעם". ווי נאָר ער פאַרענדיקט עפּעס שרײַבן, קומען פּאָר מיט אים מאָדנע זאַכן. די אויגן מאַכן זיך אים צו, און, ווי א פאַרהיפּנאָטיזירטער, הייבט ער אָן זען קאָלערליי „זיסע כאַלוימעס". אפילו ווי א דאָקטער קאָן ער עס ניט דערקלערן.

— ווען שרײַבט זיך אײַך בעסער, באַטאָג צי באַנאַכט?

— אַלס דאָקטער, פאַרשטיי איך אַליין, אַז באַנאַכט איז בעסער צו שלאָפן, אָבער ווי האָב איך צײַט צו שרײַבן מײַנע ווערק באַטאָג?..

לעווינזאָן האָט גוט געוווּסט, אַז ניט פון יעדן דאָקטער קומט אַרויס א טשעכאָוו, און דער גאַנצער דיאַלאָג זײַנער מיט די „לייענער" איז געווען ניט מער ווי פאַנטאַזיע, א שפּיל מיט זיך אַליין.

צוויי מענטשן האָבן אײַנצײַטיק געווינטשט אין לעווינזאָנען. א דאָקטער לעווינזאָן, וועמענס מיינונג איז אין שפּיטאָל געווען ניט די לעצטע און וועגן וועמען דער הויפּט־דאָקטער האָט אַנומלטן געזאָגט: „לעווינזאָן איז טאַקע א יונגער ספּעציאַליסט, נאָר דאָס איז ניט קיין כיסאָרן, ער איז א גוטער, ערנסטער דאָקטער..."; און א צווייטער לעווינזאָן, וועלכער זיצט אין דער היים דורך די נעכט איבער א בויגן פּאַפּיר מיט א פען אין האַנט און שאַפט זײַנע ווערק. פון דעם האָט געוווּסט נאָר זי, זײַן היים־הויפּט־דאָקטער, זײַן פרוי זינע. פון דעם טאַקע הייבט זיך אָן דער צווייטער לעווינזאָן.

זינע האָט געעפנט די טיר פונעם צימער, ווו אַרקאַדי איז געזעסן לעבן טיש, און איז צוגעגאַנגען צו אים. ער איז אַזוי געווען פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען, אַז ער האָט אפילו ניט באַמערקט, ווי זי איז שוין געבליבן הינטער זײַן פּלייצע. זי האָט מיט ביידע דלאָניעס גרינג פאַרשטעלט אים די אויגן.

— א, זינאָטשקע, — האָט אַרקאַדי אופגעכאַפּט זיך, ווי פון א שלאָף, — באַלד, באַלד וועל איך פאַרענדיקן. נאָך א פּאָר מינוט...

זינע האָט זיך אָוועקגעזעצט אַפן דיוואַן און שוין פון דאָרט געזאָגט:

— אַזוי איז שטענדיק... אַף אַלץ געפינסטו צײַט, נאָר פאַר מיר ביסטו אייביק פאַרנומען...

ער האָט פּאַוואָלינקע אָוועקגעלייגט אין א זײַט זײַן קסאַוויאַד, עלעהיי דאָס איז עפּעס א קרישלדיקע זאַך, און איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי:

— זינאָטשקע, פּאַרוואָס זאָגסטו אַזוי? דו ווייסט דאָך גוט, ווי־אַזוי איך האָב דיך ליב...

— ניין, דו האָסט מיך ניט ליב... — און זי האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ. — דאָס זײַנען נאָר ווערטער, ניט מער... דו האָסט ליב דײַן שרײַבעכץ...

אַרקאַדי האָט פון פאָרויס געוווּסט אַלץ, וואָס זינע וועט אים זאָגן. ס'איז בא זיי ניט דער ערשטער שמועס אַף דער טעמע „שרײַבעכץ". ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו דער פרוי און זי געוואָלט אַרומנעמען, נאָר זינע האָט זיך ניט געלאָזט.

— גיי צו דײַנע פּאַפּירלעך, זיי זײַנען דיר טײַערער פון מיר... אין מיר דערמאָנסטו זיך דענסטמאָל, ווען עס הייבן אָן ריידן אין דיר דײַנע אינסטינקטן...

— זינאָטשקע, טאָרסט זיך ניט אופרעגן... דו האָדעוועסט א קינד...

— דאַנקען גאָט, — האָט אים זינע איבערגעריסן, — ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט א קינד. און דו זעסט דען אפילו דאָס קינד? א גאַנצן טאָג ביסטו אין שפּיטאָל און ווען דו קומסט אַהיים, שטעקסטו באַלד אַרײַן די נאָז אין די פּאַפּירלעך און דאַרפסט שוין קיינעם ניט האָבן...

אַרקאַדי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט געשוויגן. און ביכלאַל, וואָס האָט ער איצט געקאָנט זאָגן זינען? אַז זי אַליין איז שולדיק אין גאַנצן „שרײַבעכץ" זײַנעם?

...דעמלט, נאָך מיט פינף יאָר צוריק, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען זינען און מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם קאָפּ, האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן לידער, א וועלט מיט לידער אָנגעשריבן, און אַלע צוליב איר. די דאָזיקע לידער זײַנען געווען גאַנץ פּרימיטיוו און מינאַסטאַם אויך נאַריש, און איך פלעג זיי קנאַקן, ווי מע קנאַקט סעמעטשקעס. זינען זײַנען מײַנע לידער שטאַרק געפעלן. די צײַט איז געגאַנגען, זינע איז געוואָרן מײַן פרוי. פרעגט זיך: צוליב וואָס דאַרף איך נאָך איצטער לידער? נאָר דאָ האָט געטראָפן אַזא מין מאָדנע זאַך. כ'האָב באַמערקט, אַז אָן דעם דאָזיקן שרײַבן קאָן איך זיך שוין ניט באַגיין. ס'איז טיף אַרײַן אין מיר, ווי א מין קרענק. און מיט דער צײַט איז די מעדיצין און דאָס

שרײַבן געוואָרן אײן געמײנזאַמער טײל פֿון מײַן לעבן. איך פֿיל, ווי עס לעבט אין מיר אַזאַ ווערעמל, וואָס לאָזט מיך ניט צורו. עס טוט מיך יעדעס מאָל אַ קלעם, אַ נאָג, און איך מוז די געדאַנקען מײַנע און געפֿילן אויסגיסן אויף פּאַפּיר...

און ווער ווײסט, עפּשער איז זינע טאַקע גערעכט? קאָן זײַן, אַז איך בין אַ פּאָשעטער גראַפֿאָמאַן... און מוטשע נאָך דערצו זי אויך...

זינע איז איצט שטיל געזעסן לעבן אַרקאַדין און ער האָט אַפֿילע געהערט, ווי עס קלאַפּט איר האַרץ. די ערשטע כוואַליע פֿון קאַס איז בײַ איר דורכגעגאַנגען, און אַרקאַדי האָט זי רויִק באַטראַכט מיט די אויגן.

זינע האָט אויסגעזען מיד, אויף איר יונג פּאָנעם האָבן זיך באַוויזן עטלעכע דינע קנײטשעלעך, אונטער די אויגן — בלויז קישעלעך פֿונעם ניט דערשלאָפֿן. אַרקאַדי האָט זי מיט ליבשאַפֿט צוגעטוליעט צו זיך, און זי האָט זיך גרינג נאָכגעגעבן.

— נאַרעלע מײַנס, וואָס פּליסטו אין די הויכע הימלען? — האָט ער דערהערט זינעס ווייך קאָל. — שוין גענוג. וויפֿל קאָן מען זײַן אַ ייִנגל? ביסט אַ גוטער דאָקטער, מע נייטיקט זיך אין דיר אין שפּיטאָל, און דו פֿאַרנעמסט זיך מיט וואָס? כ׳ווייס אַליין ניט מיט וואָס. מיט נאַרישקײַטן...

— און דו האָסט דאָס דאָזיקע ייִנגל אַמאָל ליב געהאַט, איבערגעכאַזערט יעדע פּאַרפּאַסטע ליד זײַנע...

— און אַצינד וויל איך ליב האָבן אַ דערוואַקסענעם מענטשן, דעם פֿאָטער פֿון מײַן קינד...

— פֿאַרוואָס קאָנסטו ניט פֿאַרשטיין, אַז דאָס בעסטע, וואָס עס איז דאָ אין אונדז, ציט זיך פֿון יענע „ייִנגלשע צײַטן”? און טאָמער וועל איך עס, כאָלילע, פֿאַרלירן, אָדער צעטרעטן אין זיך, קאָן איך פֿאַרלירן דעם גאַנצן באַטײַט פֿון מײַן לעבן.

— נו גוט. זאָל זײַן אַזוי. אָבער וואָס ווילסטו? וווהין פֿירט דיך דײַן שרײַבן? — זינע האָט איצט פֿאַרטשעפּעט די סאַמע קראַנקע זײַט אַרקאַדיס. — וואָס זשע, מע דרוקט דיך דען? אַלע פּאַפּירלעך דײַנע וואַלגערן זיך אין טישקעסטל...

— פֿאַרוואָס אַזוי אָנראַכמאָנעסדיק? — האָט ער זי איבערגעריסן.

— אָנראַכמאָנעסדיק? פֿאַרקערט. אין מיר רעדט מײַן ליבשאַפֿט. — און זינע האָט זיך צעוויינט.

אַרקאַדי איז אַרויס אין קיך און געבראַכט אַ גלאָז וואַסער.

— נעם, טרינק אויס. כ׳בעט דיך, גענוג שוין דערפֿון. ס׳איז שוין שפּעט, און דו ביסט מיד...

זינע האָט זיך צוביסלעך באַרויִקט. זי האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף זײַנע קני און צוגעמאַכט די אויגן...

...דעמלט, אויפֿן סטודענטישן אָוונט בײַ אונדז אין „פּעד”, ווען מ׳האָט מיך באַקאַנט מיט אַרקאַשען, איז מיר אַפֿילע אויפֿן געדאַנק ניט געקומען, אַז דער דאַרער, לאַנגער באָכער, אָן פֿינף מינוט אַן „עסקולאַפּ”, וועט אײַנגיכן ווערן מײַן מאַן. ער האָט זיך דעמלט געדרייט אַרום מיר, ווי אַ קינד, וואָס איז פּלוצעם געוואָרן גרויס, און האָט זיך דערוווּסט פֿון אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט זיך ביז אַהער אַפֿילע ניט אָנגעשטויסן. זײַן קאָמישער אויסזען האָט בײַ מיר אַרויסגערופֿן אַ שמייכל. מיר האָבן געוווינט אין איין שטאָט, געזען זיך קימאַט יעדן אָוונט און, ניט קוקנדיק דערויף, האָב איך יעדן טאָג באַקומען פֿון אים אַ בריוו. און ניט פּאָשעט אַ בריוו, אַ בריוו — אַ ליד. און די לידער האָבן צעעפֿנט פֿאַר מיר זײַן נעשאָמע. איך האָב די לידער געקענט אויסווייניק. די בריוו היט איך אויף ביז הײַנט. אַרקאַשע ווייסט אַפֿילע ניט. דערנאָך אָבער, נאָך דער כאַסענע, האָב איך באַמערקט, אַז דאָס שרײַבן זײַנס, וואָס איז נאָך ערשט ניט לאַנג געווען בלויז צוליב מיר, איז געוואָרן נאָר צוליב אים. גענוג, וואָס איך טייל מײַן ליבשאַפֿט מיט דער מעדיצין זײַנער, דאַרף איך זי נאָך טיילן מיט זײַן ליטעראַטור. דאָס איז פֿאַר מיר אַ צו גרויסער קאָרבן...

און עס קאָן זײַן, אַז איך בין פּאָשעט אַן עגאָיִסטקע, און בין פֿון דעם בלינד געוואָרן און זע גאָרניט. אַ נאַרישע עגאָיִסטקע — מוטשע זיך און מוטשע אים...

— אַרקאַשע, דו הערסט, — האָט זיך דערהערט זינעס קאָל, — האָסט זיך אויף מיר באַליידיקט?

— ניין. וואָס גאָר באַליידיקט? שלאָפֿסט ניט? איך האָב געמיינט...

— איך ווייס, כ׳בין געווען ניט גערעכט. זײַ מיר מויכל...

זינע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. אירע לאַנגע שוואַרצע האָר האָבן זיך צעשאָטן איבערן פּאָנעם, פּונקט ווי מע וואָלט אויפֿן פּאָנעם אירן אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ געדיכטע נעץ, און מ׳האָט אין דער דאָזיקער נעץ געכאַפּט אַ פּאָר פֿאַרליבטע אויגן. זיי האָבן איצט געקוקט אויף אַרקאַדין און ווי געשעפּטשעט: לעווינזאָן, לעווינזאָן, דו ביסט בײַ מיר אַ גרויס קינד, און איך ניאַנטשע זיך מיט דיר...

זינע האָט זיך צעשמייכלט און מיט אַ זיפֿץ געזאָגט:

— וואָס וואָלסטו געטאָן אָן מיר, לעווינזאָן? און שוין ערנסטער, מיט וואַרעמקײַט אין קאָל, געפֿרעגט:

— עפּשער וועסטו מיר דאָך איבערלייענען דײַן לעצטן אָפּוס, טשעכאָוו מײַנער?..

אַרקאַדיס אויגן האָבן אויפֿגעפֿלאַמט מיט גליק:

— ניין, זינאָטשקע, האָסט אַ טאָעס, איך בין פּאָשעט לעווינזאָן. נאָר איך גלייב פֿונדעסטוועגן, אַז מײַן „טשײַקע”, מײַן שעדעוור וועל איך נאָך אַמאָל באַשאַפֿן...

פונעם אַנדערן צימער האָט זיך פּלוצעם דערהערט דעם קינדס קאָל. זינע האָט זיך א וואָרף געטאָן אַהין, ווי א ווייכער.

ארקאַדי האָט שטילערהייט געעפנט די טיר פונעם צווייטן צימער.

א קליין נאַכט־לעמפּל האָט געברענט אין א ווינקל און ארויסגעלויכטן פון דער טונקלקייט זינען מיטן קינד אף די הענט. דעם קינדס נעזעלע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זינעס ברוסט. די אייגעלעך האָבן פאַר האַנאָע זיך פאַרמאַכט, און דאָס פּיצעלע פּיסקעלע האָט זאַפּטיק געסמאָטשקעט.

זינע האָט געקוקט אפן קינדס פּנעמל מיט גליקלעכע אויגן. ווּהין איז פאַרשוווּנדן געוואָרן איר מידקייט, איר אומעט? אפילו די קנייטשעלעך אף איר פּאָנעם זײַנען ווי אויסגעגלײַכט געוואָרן.

לעווינזאָן איז געשטאַנען אף דער שוועל מיטן קסאַוויאַד אין האַנט, און זי, זײַן זינע, זײַן „ביאַנקע" האָט אים אפילו ניט באַמערקט. נאָר דאָס האָט אים איצט ניט געקימערט. ער האָט געקוקט אף זיי ביידן, אף זינען און אפן קינד, ווי א פאַרקישעפטער. געקוקט אַזוי, ווי עס קוקט די גאַנצע וועלט, שוין קימאַט פינף הונדערט יאָר, אף לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס מאַדאָנע.

דאָס שלימאַזלדיקע ווערעמל, וואָס האָט אים יעדעס מאָל געציפּט, און גענאָגט, און געקלעמט, האָט אַצינד אין אים געקוועלט און געשריגן: „קוק, לעווינזאָן, קוק. דאָס דאָזיקע ווערק איז באַשאַפן געוואָרן פון אײַער ביידנס ליבע. אָט דאָס לעבעדיקע נעפעשל, וואָס דו זעסט, איז דער שענסטער שעדעוור צווישן אַלע שעדעווורען אף דער וועלט"...

●

מוישע פענס

דאָס פּלאַקאַטל

מוישע פענסן קאָן מען פאַר אונדזערע לייענער ניט פאָרשטעלן, ווײַל זײַנע ווערק באַווײַזן זיך, עמעס זעלטן, אין „סאָוועטיש היימלאַנד" שוין אין מעשעך פון א לענגערער צײַט. ער איז ניט קיין יונגער שרײַבער, אָבער, ווי באַוווּסט, איז אין דער יידישער ליטעראַטור ניט שטענדיק דער עלטער אין איינקלאַנג מיטן ליטעראַרישן „סטאַזש". א סימען האָט איר, אַז מוישע פענס איז איצט פאַרעכנט געוואָרן, צוזאַמען מיט זײַנע יונגע פען־כאַווײרים, אַלס סטודענט פון די העכסטע ליטעראַרישע קורסן.

ס'איז אַוואַדע א פרייד, וואָס דער אַלפאַרבאַנדישער שרײַבער־פאַריין האָט אויסגעטיילט די נייטיקע מיטלען אף אַראָפּברענגען פונעם ווײַטן דאַגעסטאַן קיין מאָסקווע אף צוויי יאָר לערע א פערספּעקטיוופולן יידישן שריפטשטעלער. מוישע פענס' דערציילונגען, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט דאָ, איז אַן אָנשוילעכע איליוסטראַציע צו אָט דעם געדאַנק.

אַהרן גוראַלניק

ס'איז שוין דורכגעגאַן קימאַט א יאָר צײַט, זינט בא מײַן שילער פונעם זעקסטן קלאַס אַזיז אַמאַראָוו איז געשטאָרבן די מוטער. זי איז אויסגעגאַן אין קימפּעט און איבערגעלאָזט דעם מאַן נאָך א זון און אַזיזן — א קליין ברודערל.

כ'געדענק, ווען די מוטער האָט געלעבט, איז אַזיז געווען א רויטפּענעמדיק פאַרשײַט יינגעלע, א קינד ווי אַלע קינדער, ליב געהאַט שפּילן און געלערנט זיך ניט שלעכט און ניט גלענצנד — געוויינלעך. דער מוטערס טויט האָט

אים ווי איבערגעביטן. די באַקן האָבן באַ אים פאַרלאָרן זייער לעבעדיק־פרייליכן קאָליר, און די אויגן איז פונקט ווי פאַרגליווערט געוואָרן עפּעס אַ פּראַגע, אַ קינדערשע שטומע פּראַגע, אַ קינדערשע, און אין דער זעלבער צײַט אַ מאַנצבלשע, וואָס ווערט קיינמאָל סטאַם אַזוי ניט אַרויסגעזאָגט ווערן.

אָפּטמאָל, באַגעגנענדיק אים אויף דער גאַס אין אונדזער קליינינקן אַאול, פלעג איך אומ־באַמערקט זיך צוקוקן צו אים: עפּעס נײַע פּאָס־טעמקעס האָבן זיך באַוויזן אין זײַן פּירונג, אין זײַן האַלטן זיך, אין זײַן גאַנץ געשטאַלט. אַט שטעלט ער זיך פּלוצעם אָפּ און הייבט זיך אָן אַרומקוקן, קוקט אין אַלע זײַטן, פּונקט ווי ער זוכט, צי ער שפּירט אויס עמעצן; מאַכט עט־לעכע טריט — און ווידעראַמאָל דאָס זעלבע... איך טו אים אַ רוף — ער ציטערט אויף און לאָזט זיך פּרי׳ער אַוועקגיין שרעקעוודיק פון מיר. איך ברענג אים צו פירן צו זיך אַהיים, פאַרפיר אַ שמועס וועגן אונדזערע שול־זאַכן, דערווײַל איז דאָס ווײַב אונדזז מעכאַבעד, און ווען ער גייט אַוועק אַ ביסל אַן אופגעלעבטער, אַ דערוואַרעמטער, ווערט אויך אונדז, דאָס הייסט מיר און דעם ווײַב מײַנס, אַ ביסל גרינ־גער און וואַרעמער אויף דער נעשאָמע.

צו זײַן ברודערל האָט ער די ערשטע צײַט באַצויגן זיך מיט עפּעס אַן אָנגעשטרענגטקײַט, קימאַט מיט פײַנטשאַפט. מיטן קליינינקן האָט זיך געייסעקט די מומע זײַנע פון דער מאַמעס־צאַד. נאָר ווען עס פלעגט אַמאָל דער מומען אויסקומען צו בעטן אַזיזן, ער זאָל כאַפּן אַ קוק צום קינד, פלעגט ער זיך מאַכן טאַמעוואַטע אָדער וואַרפן אַזאַ בליק אויף דעם קליינעם אומשולדיקן אייפעלע, אַז עס פלעגט אין דעם, מינאַסטאַם, פאַרקילט ווערן די מילך, וואָס עס האָט געזויגן פון דעם פלעשעלע.

די מומע האָט געהאַט איך האַלב טויט קינ־דער און איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער פאַרנומען. איך האָב זיך פאַרקלערט, מיט וואָס איך קאָן קומען צוהילף. ענדלעך האָב איך באַשלאָסן זיך ווענדן צו מײַנע שילער: ווער פון זיי ווערט אַ באַלן זײַן פרײַוויליק העלפן אַזיזס מומע צוקוקן נאָכן קינד. ס׳האָבן זיך אָפּגערופן צום אַלעם ערשטן דרײַ מיידעלעך און צוויי ייִנגלעך, וועלכע פלעגן אין דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג קומען צו אַזיזן און זיך פאַרנעמען מיטן קליינינקן, ווען די מומע פלעג זײַן שטאַרק פאַרנומען. אַזיז האָט בעַ־שאַס דעם ניט אַרויסבאַוויזן קיין שום געפילן: ער האָט ניט דערוווידערט קעגן אונדזער באַ־שלוס, נאָר מיר האָבן אויך ניט באַמערקט קיין שום היספּײַלעס פון זײַן זײַט. ער איז געווען קאַלט און גלײַכגילטיק. איך האָב אייניקע מאָל, דורכגייענדיק פאַרבײַ זײַן הויף, באַאָבאַכטעט אַזאַ בילד: אַזיז זיצט אויפן טרעפּל, פאַרטאָן אין עפּעס אַ ביכל, און זײַן כאַוער גייט אַרום איבערן הויף מיט אַ קינד, אַ פאַרוויקלטס אין ווינדעלעך. און ווי לאַנג דאָס קינד זאָל זיך ניט רײַסן פון געוויין, פלעג ער אַפילו די אויגן ניט אופהייבן.

נאָר אָט האָט זיך געטראָפן, אַז דאָס ברודערל איז פאַרשלאָפט געוואָרן, עפּעס האָט זיך באַ דעם געמאַכט מיטן בײַכל. אַזיז האָט אַ קוק געטאָן אויפן קליינינקן, און עס האָט זיך אים באַלד געוואָרפן אין די אויגן, ווי די פּרי׳ער פּולבלעכע בעקעלעך זײַנען פונקט ווי פּלאַטשי־קער געוואָרן און זיך באַדעקט מיט קליינינקע־קליינינקע קנייטשעלעך; דאָס קײַלעכדיקע נע־זעלע איז געוואָרן בלוילעך און שאַרף... דאָס ערשטע מאָל האָט אין אַזיזן עפּעס אַ צאַפּל גע־טאָן. אין דעם טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען פאַר־טראַכט און פאַרומערט... טאַקע פון דעמלט אָן האָט ער אָנגעהויבן זיך ענדערן. אינגיכן איז געקומען אַ צײַט, ווען ער פלעגט שוין קיינעם ניט צולאָזן צום קליינינקן, אַליין אַרומטראָגן זיך מיט אים, אָפּטמאָל גאַנצע טעג. די פּרי׳ער־דיקע פײַנטשאַפט איז איבערגעגאַנגען אין אַ לײַדנשאַפטלעכער צוגעבונדקײַט.

אויב ער איז פּרי׳ער, ווען די מאַמע האָט גע־לעבט, ניט געווען אַזוי אייפערדיק צום לערנען, איז איצטער, ווען ער האָט זי׳ פאַרלאָרן, איז ער וואָס ווײַטער אַלץ מערער צוגעזאָגט גע־וואָרן צו די ביכלעך און העפטלעך, פונקט ווי זיי וואָלטן געקאָנט אים אומקערן די מאַמע, אָדער געבן קויעך אַזוי זיך ניט מאַטערן.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב זיך שוין גוט צוגעקוקט צום ייִנגל און מערער אָדער ווייניקער פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר מיט אים. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב צוביסלעכווײַז און אומבאַמערקט פאַר אים אַליין געטאָן, דאַכט זיך, אַלץ, וואָס עס איז געווען אין מײַנע קויכעס, אַז אַזיז זאָל איבערלעבן די שווערע צײַט און ווידער דער־פילן די וואַרעמקײַט פונעם קאָלעקטיוו, דער־פילן אַ פעסטן אָנשפּאַר אין לעבן.

און פּלוצעם...

בעקיצער, אַזיז האָט אופגעהערט זיך יאָווען אין שול אַרײַן. ס׳איז אַוועק אַ טאָג און צוויי... כ׳האָב, צום באַדויערן, געטראַכט, אַז עס איז ניט קעדײַ באַלד לויפן צו אַזיזן, כ׳האָב גע־מיינט, אַז ס׳איז עפּעס אַ צופעליקײַט.

אויפן דריטן טאָג האָב איך געבעטן איינעם פון מײַנע שילער, ער זאָל אַרײַנגיין צו אַזיזן און אַ קוק טאָן, וואָס ער טוט: עפּשער איז ער קראַנק, עפּשער האָט עפּעס באַ אים געטראָפן...

דער שאַלי׳עך מײַנער האָט זיך גיך אומגע־קערט און אויסגעשטאַמלט:

— ער... ער איז ניטאָ אין דער היים.

— ווו זשע איז ער?

— כ׳ווייס ניט.

— ווער איז פאַרט דאָ?

— די מומע איז דאָ.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך מוז זיך אַליין אַרײַנוואַרפן צו אַזיזן... אויף מײַן קלאַפּ האָט די טיר אופגעעפנט אַזיזס מומע. דערזעען מיך, איז זי מעטושטעשע געוואָרן. איך האָב ניט

ווילנדיק א טראַכט געטאָן: „עפּעס איז דאָ פאַראַן א סאָד״...

עס האָט מיר געוווּנדערט, וואָס זי בעט מיך ניט אין שטוב אַרײַן. אַגעוו, איך האָב אַליין געפּלײַסט זיך דערקלערן, פאַרוואָס מע רופט מיך ניט אַריבערטרעטן די שוועל: זי איז, מינאַסטאַם, איינע אַליין אין שטוב און ס׳איז ניט באַקוועם צו פאַרבעטן מיר אַרײַנגיין: אין די בערג זײַנען נאָך די זיטן גאַנץ שטרענגע.

— כ׳בין געקומען זיך דערוויסן, וואָס עס האָט געטראָפן מיט אזיזן. שוין עטלעכע טעג, אַז ער יאַוועט זיך ניט אין שול אַרײַן.

— אזיז? — האָט זי מיך איבערגעפרעגט מיט אַזאַ דערשטוינט קאָל, פּונקט ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל דערהערט דעם נאָמען. — א, אזיז? ער איז ניטאָ אין דער היים.

— ווּ זשע איז ער?

זי האָט א קוק געטאָן אף מיר, געשוויגן א ווײַלע, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געדאַרפט דערמאָנען, ווּ ער געפינט זיך, און ענדלעך אַרויסגערעדט:

— אזיז איז מיט דעם פאָטער אפן קוטאַן[1].

— מיט דעם פאָטער אפן קוטאַן! — האָב איך אויסגעשריגן. — ווער זשע וועט פאַר אים גיין אין שול?

— ער איז אפן קוטאַן, — האָט זי איבערגעכאַזערט מיט עפּעס א פאַרגליווערט קאָל און דערנאָך שטיל אַרײַן אין צימער און פאַמעלעך פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

וואָס זאָל איך טאָן? זיך שלאָגן מיטן קאָפּ אין דער פאַרמאַכטער טיר? מע מוז גיין צוריק, אַן אַנדער ברירע האָב איך?

דער הויף, ווּ עס וווינט אזיז, געפינט זיך היפּש העכער פון דער שול. איך בין געגאַנגען מיט די געדרייטע שמאָלע געסעלעך צווישן די סאַקליעס. און וואָס נידעריקער איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט, אַלץ העכער האָט זיך אין מיר געהויבן א כּעס: וואָס הייסט א פאָטער רײַסט אָפּ דאָס קינד פון דער לערע? ער קאָן זיך אָן אים דאָרטן ניט באַגיין, צי וואָס? ניין, דאָס איז אַזאַ איניען, וועגן וועלכן איך מוז דערציילן דעם דירעקטאָר און פאָדערן, אַז מע זאָל אָנעמען דרינגענדע מיטלען.

פעווראַל איז שוין געגאַנגען צום סאָף, ס׳איז געווען אָן אָדליגע, צווישן די שטיינדלעך האָבן אימפּעטדיק און פאַרדרייט זיך געיאָגט ריטשקעלעך און געשמייכלט צו דער זון. זיי, די ריטשקעלעך, איז אַוואַדע געווען פריילעכער, איידער מיר, זיי האָבן געפילט, אַז ערגעץ ניט ווײַט איז שוין פרילינג. וואָס איז שײַעך מיר, בין איך געווען איצט אימשטאַנד צו פילן נאָר איין זאַך: אַז מיט מײַן יאַטל, מיט אזיזן הייסט עס, איז די קאַשע נאָך גאַנץ פאַרנט, זי פאַרקאָכט זיך ערשט.

אין דער היים האָב איך דערציילט דעם ווײַב די געשיכטע מיט אזיזן, וויִאַזוי די מומע זײַנע האָט מיך אין שטוב ניט אַרײַנגעלאָזט און וויִאַזוי זי האָט מיר דערציילט, אַז דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן מיט אזיזן אף דעם ווינטערדיקן קוטאַן. איך האָב געזאָגט, אַז כ׳גיי באַלד צום דירעקטאָר און פאָדער, ער זאָל עפּעס טאָן מיט אַזאַ פאָטער, וועלכן עס קימערט ניט, וואָס מיט זײַן זון וועט זײַן.

הערנדיק מיך, האָט דאָס ווײַב ניט אויפגעהערט צו פאָרען זיך, זי איז געווען פאַרנומען מיט אירע געשעפטן, און ס׳האָט זיך מיר פלוצעם אויסגעוויזן, אַז אַלץ, וואָס קימערט מיך אין דער רעגע, פליט איר אין איין אויער אַרײַן און פון דעם אַנדערן אַרויס. דערפאַר האָב איך בייז א כאַפּ געטאָן דאָס היטל און אויסגעשריגן:

— נו, כ׳האָב דיר אַלץ דערציילט, און איצט לויף איך צום דירעקטאָר, קאָלזמאַן ער איז נאָך אין שול!

דאָס ווײַב האָט געוואָרפן אף מיר א כיטרע שמייכעלע, ניט גע־ײַלט אַראָפּגעלאָזט אפן טיש דעם טעלער מיטן האַנטעכל, וואָס זײַנען געווען בא איר אין די הענט, און רויִק געזאָגט:

— נאָר צוליב דעם ביסטו געקומען?

— וואָס הייסט צוליב דעם?

— אַז דו זאָלסט מיר אַלץ דערציילן און לויפן ווײַטער?

— ס׳איז דען ווינציק?

— צום אַלעם ערשטן זעץ זיך צו און באַרויִק זיך.

— ווי קאָן איך זיך באַרויִקן, ווען מײַנער א שילער האָט אויפגעהערט צו גיין אין שול אַרײַן? איך בין דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן שילער!

דאָס ווײַב האָט איבערגעכאַזערט:

— און פאָרט, זעץ זיך צו און טומל ניט אַזוי. איך קען שוין דיך א ביסל. ווען דו הייבסט אָן אַרויסגיין פון די קיילים, איז דאָס א רעכטער סימען, אַז ס׳איז ניט אַלץ אַזוי, ווי דו שטעלסט זיך פאָר...

איך האָב זיך צוגעזעצט צום טיש. זי האָט געהאַט צו מיר טײַנעס.

— זאָג מיר, דו ביסט גוט באַקאַנט מיט אזיזס פאָטער?

— וואָס הייסט גוט באַקאַנט? דו ווייסט דאָך, אַז ער איז א זעלטענער גאַסט אין אַאול. זומער איז ער אף דעם זומערדיקן קוטאַן, ערגעץ אין די בערג, און ווינטער — אף דעם ווינטערדיקן...

— דו האָסט כאָטש מיט אים ווען־ניט־איז א פאָר ווערטער אויסגערעדט?

כ׳האָב געמוזט אָנערקענען, אַז כוץ א „גוט־מאָרגן״ און א „גוט־יאָר״ זײַנען צווישן אונדז קיין שמועסן ניט פאָרגעקומען.

— זעסטו? און דו ווילסט לויפן און זיך אָנקלאָגן אף א מענטשן, וועלכן דו ווייסט בכלל ניט. ווי מיינסטו, ס׳איז קלוג און שיין?

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? וואַרטן, ביז מיר וועלן זיך באַקאַנען? און אזיז זאָל דערווײַל פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל געווען א שילער?

[1] קוטאַן — ווינטער־סטעפּ פאַר די שעפּסן.

זי האָט אף מיַין פראגע ניט געענטפערט און ווידער גערעדט אירס:

— אזיז איז, דאכט זיך, ניט קיין פאַרשלאָסן ייִנגל. ער האָט כאַווײרים אין קלאַס.

— וואָס פאַר א שיַיכעס האָט עס צו דעם איניען?

— אָט וואָס פאַר א שיַיכעס. ס׳וווּנדערט מיך, וואָס אזיז, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז דער פאָטער נעמט אים אפן קוטאַן, האָט וועגן דעם קיינעם ניט דערציילט.

— וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגן?

— אז יעדע זאך, ביפראַט אזא וויכטיקע, דארף מען באקלערן פון אלע זיַיטן.

— קלער היַינט קלער מאָרגן, — האָב איך דערווידערט, — אָבער דער פאקט בליַיבט א פאקט: אזיז גייט ניט אין שול, און זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט און ווארטן קאָן איך אויך ניט, כ׳מוז עפּעס טאָן.

— ווער זאָגט דיר, אז דו זאָלסט זיצן מיט פארלייגטע הענט? האָסט א קאָפּ אף די פּלייצעס, און איך בין זיכער, אז דו וועסט עפּעס צוקלערן...

וויפל מאָל האָט עס זיך שוין געטראָפן אין מיַין לעבן, און יעדעס מאָל שטיי איך ווי פאר א ווונדער פאר אזא פּאָשעטער זאך, ווי דער שמועס מיטן וויַיב איבער עפּעס א וויכטיקער לעבנס־פראגע. אויך איצט האָט דער וויקועך זיך געענדיקט מיט דעם, אז איך האָב צו זיך אליין א זאָג געטאָן: „דאָס וויַיב איז גערעכט”... און ווען איך שטוב זיַינען מיט ראש און געפילדער אריַינגעפלויגן מיַינע צוויי קינדער, שמעקנדיקע מיט דער דופטיקער פרישקיַיט פון דעם ערעוו־פרילינגדיקן אאול, האָבן זיי מיך שוין געפונען א בארויִקטן. כ׳בין געווען זיכער: עפּעס וועל איך צוקלערן...

און איך האָב צוגעקלערט!

אין דער פארוואלטונג פונעם קאָלווירט האָב איך זיך דערוווּסט, אז מאָרגן, אויב עס וועט זיַין א גוטער וועטער, וועט קומען צו פליִען א ווערטאָליאָט. וואָס וועט ברענגען אָן אָרדנטלעכע פּארטיע טשאבאנעס פון דעם ווינטער־קוטאַן אהיים אף א קורצן אָפּרו און צוריקנעמען פּראָוויזיע און אנדערע זאכן פאר די איבערגעבליבענע. אף אזיזס פאָטער האָב איך ניט ארויסגעקוקט. אויב ער האָט צוגענומען אזיזן, הייסט עס, אז ער איז ניט לאנג צוריק געווען דאָ, כאָטש איך האָב אים ניט געזען. איך האָב געמאָלדן דעם פאָרזיצער פון קאָלווירט, אז איך וויל ארויספאָרן אף א פּאָר טעג צו די טשאבאנעס לייענען זיי א לעקציע, און אויב ער וועט דערלויבן, וואָלט איך א באלן געווען פליִען טאקע מאָרגן מיט דעם ווערטאָליאָט. ער האָט באווויליקט מיַין איניציִאטיוו.

אלץ איז געווען אזוי, ווי איך האָב פארקלערט. קימאט א גאנצע נאכט האָב איך זיך געגרייט צו דער לעקציע.

די פרימאָרגעדיקע זון האָט מיר אָנגעזאָגט א גוטע בסורע: ס׳איז לויטער, דער ווערטאָליאָט וועט, הייסט עס, קומען... און אָט דערטראָגט זיך שוין א הילך פון אונטער דעם בארג: דאָרט, ניט וויַיט פון דעם אאול, ווו ארומגערינגלט מיט בערג, איז פאראן א פלאך אָרט, זעצט זיך אוועק דער ווערטאָליאָט. דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט קומט אליין צו גיין און באזאָרגט מיר אָן אָרט. אין שול האָב איך זיך שוין צונויפגערעדט מיט דעם דירעקטאָר און מיט מיַינע קאָלעגן, זיי זאָלן אף א פּאָר טעג פארבײַטן מיַינע לימודים. ענדלעך, פליִ איך, — פריִער צווישן בערג, דערנאָך ניידעריקער, עס שווימען אָן וויַיסע וואָלקנס און ווערן פארשוווּנדן, און ווען עס באוויַיזן זיך ווידער די בערג, זיַינען זיי שוין טיף אונטער מיר, זייערע ברוינע מאסיוון ליגן ווי אָנגעמאָלטע אף דער געאָגראפישער קארטע. צווישן זיי שלאָגן זיך דורך דינע אָדערלעך פון לעבן: אָט שלענגלט זיך א בלויער טיַיך, און אָט שניַידט אים איבער א וויַיסער וועג, איבער וועלכן עס לויפן קליינינקע, ווי קינדער־שפּילעכלעך, אווטאָמאָבילן. עס שווימען דורך אלטע און נייַע ייִשוווים. פון אויבן איז זייער גוט צו זען, ווי עס טרעט אָפּ פּאמעלעך דער ווינטער און גיט איבער די עסטאפעטע דעם פרילינג...

עס אינטערעסירט איַיך, וואָס איך וועל דערציילן אין מיַין לעקציע? בא לערער איז אָן אייביקע טעמע: ווי־אזוי מע לערנט און מע דערציִט קינדער. איצט אָבער, אין ווערטאָליאָט, זיַינען מיר א סאך אנדערע געדאנקען געקומען אפן זינען, און איך האָב געזוכט נייַע ווערטער אף ארויסזאָגן זיי.

איך וועל דערציילן וועגן דעם, ווי־אזוי אין די דאגעסטאנער בערג קומט מיט א זיגריַיכן גאנג די נייַע סאָוועטישע קולטור און די נייַע טעכניק. איך וועל זיי דערציילן וועגן דעם ווערטאָליאָט, אין וועלכן איך פליִ און אָן וועלכן ס׳ווערט אלץ שווערער און שווערער זיך באגיין אין די בערג. ס׳קומט געוויינלעך אויס וואָכנוויַיז, איבער הונדערטער קילאָמעטער, צו טריַיבן די שעפּסן און פי פונעם זומערדיקן פיטער־פלאץ אף דעם ווינטערדיקן קוטאַן און צוריק, וויפל מי און קויכעס נעמט עס צו, וויפל שעפּסן ווערן פארפאלן אין וועג! און איצט קומען ווערטאָליאָטן צוהילף, און וואָס וויַיטער, ווערט די הילף גרעסער. איך זע, ווי אונטן, אף די וועגן, ציִען זיך לאנגע שערענגעס אווטאָמאָבילן און בולדאָזערס און גריידערס און אנדערע טעכניק. און אין יעדן אאול, אין יעדן ייִשוו קומט די עלעקטרע, קומען מאשינעס, עס וואקסן נייַע זאוואָדן אין די בערג, עס וואקסן אונטער קינדער, זיי קומען אין די שטעט פון דאגעסטאַן און שטעלן זיך ארבעטן צו די ווערקשטעלן. בא אונדז קאָן מען זיך איצט ניט באגיין אָן בילדונג, אָן קענטעניש.

אָט וועגן וואָס איך וועל רעדן, און אזיזס פאָטער וועט, דוכט זיך, אויסהערנדיק אזא לעקציע, אליין דערפילן, אין וועמענס גאָרטן איך וואַרף א שטיינדל, ער וועט אליין פאר־

שטיין, ווי אומגערעכט ער איז, אַפּרײַסנדיק דאָס קינד פֿון דער לערע... מײַן ווײַב איז טאַקע גערעכט: ס'איז דאָך שענער און ווילער אָנהייבן די באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ מענטשן אָט אַזוי, איידער לויפֿן צום דירעקטאָר זיך זשאַלעווען.

אין רויטן ווינקל פֿון דעם קוטאַן האָט זיך צונויפֿגענומען אַ היפּשע צאָל פּיציכטלער און טשאַבאַנעס, גיריקע צו אַ נײַעם מענטשן און צו אַ נײַ וואָרט. זיי האָבן אָנגעהייצט דאָס אײַזערנע אייוועלע. אזיזס פֿאָטער איז געזעסן אין דער פֿאָרנטיקער ריי און געשײַנט פֿון פֿאַרגעניגן, ער האָט זיך אַלע מאָל אומגעקוקט אַף צוריק און אונטערגעווונקען די כאַווײרים זײַנע. דאָס האָט געדאַרפֿט באַטײַטן: איר זעט, וואָס פֿאַר אַ לערער בײַ אונדז? ער האָט זיך ניט געפֿוילט קומען צו פֿלײַען אַהער, אַפֿן קוטאַן.

ווען איך האָב געענדיקט, האָבן די טשאַבאַנעס מיך אַרומגערינגלט און טאַקע באַלד גענומען בעטן פֿאַרזוכן זייער באַשיידענעם אָנבײַסן. איך בין מיט זיי אינײנעם, נאָך אַ צעפֿאַליעטער, אַרויס אין דרויסן, ווו אַף אַ שײַטער אין אַ גרויסן מעשענעם קאַן האָט זיך שוין געקאָכט פֿריש שאָפּן־פֿלייש און כינקאַל[1].

מיר האָבן געגעסן גלײַך דאָ, אַף דער פֿרײַשער לופֿט, און איך האָב געמוזט טאַקע איבערקערן אַ קעלישעקל. דערנאָך האָט מען מיר דערפֿאַר אונטערגעטראָגן קימאַט אַ גאַנצע ליטקע פֿון אַ קאַראַן און מע האָט זיך גענומען צום כינקאַל, צו דעם באַזונדערן טשאַבאַנער כינקאַל, ווו יעדער טייגל איז גרויס און גראָב, ווי אַ פֿויסט. זיצנדיק מיט אַלעמען אינאיינעם אין קרײַזל און פֿליקנדיק מיט די ציין שטיקער פֿון דעם געשמאַקן, דופּטיקן פֿלייש, האָב איך דערהערט אַ געשיכטע. ס'האָט זי דערציילט איינער פֿון די טשאַבאַנעס...

ניט לאַנג צוריק האָט זיך דאָ געטראָפֿן אַ מוירעדיקער שנייפֿאַל. עטלעכע טעג האָט געהאַלטן אין איין שיטן. אזיזס פֿאָטער האָט זיך אין דער צײַט געפֿונען מיט זײַן אָטאַרע גאַנץ ווײַט פֿון די קאָשאַרעס. דער שניי האָט געדיכט און הויך פֿאַרדעקט דעם פּיטער־פּלאַץ. ס'האָט געדראָעט אַ גרויס געפֿאַר אי די שעפּסן, אי דעם טשאַבאַן. ערטערווײַז פֿלעגט ער זינקען אין שניי ביזן רימען. און די הורבעס אַרום זײַנען געוואַקסן און געוואַקסן. אַ קאַלטער סאַרפּעדיקער ווינט האָט אָן אויפֿהער געבלאָזט פֿון צאָפּן־מיזרעך, געבראַכט מיט זיך אַלץ נײַע וואָלקנס. נאָר אָמאַר, אזיזס פֿאָטער, האָט ניט פֿאַרלוירן דעם מוט, ער האָט גערייניקט דעם שניי אָן אויפֿהער טאָג און נאַכט, געקוקט מיט אָפּגעפֿרוירענע הענט, נאָר אָן שום העזעק: קיין איין שאָף איז ניט פֿאַרלוירן געוואָרן, קיין איינע איז ניט אומגעקומען.

בעשאַס איינער אַ טשאַבאַן האָט דאָס אַלץ דערציילט, איז אזיזס פֿאָטער געזעסן אין גרויס פֿאַרלעגנהײַט און געקוקט אַף מיר מיט אַ צניִעסדיק־פֿאַרשעמטן שמייכל, וואָס האָט געדאַרפֿט באַטײַטן: „אַדרעבאַ, זאָגט איר, וואָס האָט ער געפֿונען באַזונדערס אין מײַן אופֿטו? און אַליין וואָס וואָלט ער געטאָן אין מײַן לאַגע?..”

שטרענגע און אין דער זעלבער צײַט האַרציק־מילדע מענטשן זײַנען געזעסן אַרום מיר. זיי האָבן ניט געלויבט מײַן לעקציע, קיינער פֿון זיי האָט זי אַפֿילע מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. נאָר אין דעם, ווי אַזוי זיי האָבן מיך אופֿגענומען, אין דער גאַסטפֿרײַנטלעכקײַט, אין דעם, וואָס איך האָב זיי באַגײַסטערט צו דערציילן, וואָס פֿאַר אַ פּאַסירונג ס'האָט זיך בײַ זיי געטראָפֿן, האָט זיך אַנטפּלעקט זייער באַציִונג צו מיר און צו מײַן לעקציע.

איך בין געזעסן און געטראַכט וועגן אָמאַרן, אזיזס פֿאָטער. ס'לאָזט זיך אויס, אַז ער איז גאָר אַ העלד, זײַנע פֿרײַנט דערציילן וועגן אים מיט אַזאַ היספּײַלעס! און ס'האָט זיך מיר נאָך שטאַרקער פֿאַרגלוסט אַרײַנדרינגען אין דער נעשאָמע זײַנער. מינאַסטאַם האָט ער קיין סאַך קלאַסן ניט געענדיקט, און ער טראַכט זיך איצט: „מײַן זון וועט טאָן דאָס אייגענע, וואָס איך. צוליב דעם דאַרף מען לאַנג איבער קיין ביכער ניט זיצן, דערפֿאַר אָבער דאַרף מען וואָס פֿריִער צוגעוווינט ווערן צו דער האַרבער מי אונדזערער...” ווײַזט אויס, אַז מײַן לעקציע האָט אַף אים קיין אײַנדרוק ניט געמאַכט. איך האָב געקוקט אַרום זיך, געזוכט מיט די אויגן אזיזן, נאָר אין ערגעץ אים ניט באַמערקט. ווו איז ער איצט? צי האָט ער זיך אומיסטן באַהאַלטן?.. און ס'האָט זיך מיר שוין געוואָלט ווענדן צו אָמאַרן מיט אַ פֿראַגע, ווו עס איז דער זון זײַנער און מיט וואָס איז ער דאָ באַשעפֿטיקט, נאָר דאָ האָט מיר מײַן ווײַב אַ טאָרקע געטאָן אין אַקסל...

איך ווייס, אַז דער לייענער וועט זיך פֿאַרוווּנדערן: „וואָס ווײַב, ווער ווײַב?..” שרעקט זיך ניט, קיין שום נעס איז דאָ ניט פֿאָרגעקומען און מײַן ווײַב זיצט בעשאָלעם בײַ זיך אין דר'היים. צי עפּשער איז זי איצט אין שול, ווער ווייסט. נאָר זי פּראָוועט אָפּט מיט מיר פֿונדערווײַטנס. איך האָב געטאָן אַ קלער אַף איר אופֿן: אײַלן זיך דאַרף מען ניט. דעריבער האָב איך זיך באַגרענעצט מיט דעם, וואָס איך האָב אַ לויב געטאָן אָמאַרן פֿאַר זײַן מוטיקן טאַט. אָמאַר אָבער האָט מיך פֿאַרכידעשט מיט זײַן פֿראַגע:

— וואָס טוט דאָרט מײַן שנעקל? כ'האָב מוירע, אַז ער דערקוטשעט אײַך צופֿיל מיט זײַנע שטיפֿערײַען? — און מיר געגעבן אַן אייצע: — האַלט אים שטאַרקער אין די הענט...

„אָט האָסטו דיר נאָך איין נײַס! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — ווו זשע איז פֿאָרט אזיז?”

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין אַאול, בין איך געבליבן שטיין אַפֿן וועג אין קווענ־

[1] כינקאַל — אַ דאַגעסטאַנער נאַציאָנאַל געקעכץ: גרויסע טייגלעך, געקאָכטע אין יויך, וועלכע מע טונקט בעשאַסן עסן אין אַ האַרבער קנאָבל־פּריפּראַווע.

קלעניש: ווהין גיין — אהיים, צי פריִער אין שול אַרײַן? איך בין געווען, פאַרשטייט זיך, אויסגעמאַטערט פון וועג, און ס'האָט מיך גע־צויגן אהיים. נאָר דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן ווײַב. כאָטש זי וועט מיר, ווי איר מינהעג איז, קיין וואָרט ניט זאָגן, וועט זי דאָך א קוק טאָן אזוי, אז איך וועל אָן ווערטער דערפילן: „נו, איצטער האָסטו זיך שוין איבער־צײַגט, אז איך בין געווען גערעכט?". קעדיי אָפּצוּיען א ביסל די צײַט, בין איך אוועק אין שול אַרײַן.

די לימודים האָבן זיך שוין געענדיקט, אין שול איז קימאַט קיינער ניט געווען. איך בין סטאם אזוי צוגעגאנגען צו דער טיר פון מײַן קלאַס, געטאָן זי אָן עפן און... ס'האָט מיר אזש אַף א ווײַלע פארכאפּט דעם אָטעם: אַפן טיש איז געשטאַנען א בענקל, פון וועלכן ס'איז פלינק, ווי א וועווריק, אראָפּגעשפרונגען אזיז, און ער איז ארויסגעפלויגן פון קלאַס אזוי, אז ער האָט מיך שיר ניט אומגעוואָלגערט.

איך האָב פארשטאַנען: אין אלץ איז שולדיק דאָס פלאַקאַטל! מײַן בידנע ייִנגעלע... ער האָט סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאַלטן און איז אליין געקומען עס אראָפּרײַסן, אויסלאָזן אלע צאָרעס צו דעם אומשולדיקן שטיקל פּאַפּיר...

טייקעף וועל איך אליין עס אראָפּנעמען פון דער וואַנט! ווי האָב איך, א לערער, א דער־ציִער ניט געקענט זיך אָנשטויסן, אין וואָס עס גייט דאָ?

פון דער צווייטער זײַט, האָב איך געטראַכט: „ווער האָט דיר געגעבן רעכט אראָפּרײַסן דאָס פלאַקאַטל? דו האָסט עס אופגעהאַנגען? ס'פעלט אָקאָרשט, זאָלסט נאָך איין נארישקײַט אָפּ־טאָן..."

כ'האָב באַשטימט שיקן עמעצן נאָך באַר־גאַנדן, דעם פּיִאָנער־וואָזשאַטע פון מײַן קלאַס. באַגאַנד, א שילער פון דעם נײַנטן קלאַס, איז באַלד געקומען צו לויפן, א קוק געטאָן אַף מיר און טייקעף פארשטאַנען, אז עס איז גע־שען עפּעס ניט קיין אָנגענעמע זאַך. ער האָט מיט אומרו א פרעג געטאָן:

ס'האָט עפּעס געטראָפן, אראָן אבראַמאָ־וויטש?

— יאָ, — זאָג איך און טו א ווײַז אַפן פלאַ־קאַטל, וואָס איז געהאַנגען איבער מײַן קאָפּ.

ער האָט אַף דעם א קוק געטאָן, דערנאָך אַף מיר, ווידער אַפן פלאַקאַטל, און ניט זייער זיכער ארויסגעשטאַמלט:

— מיר האָבן דען געמאַכט א גרײַז? דוכט זיך, אז ס'איז דאָ אלץ ריכטיק אָנגעשריבן...

— דאָ איז אלץ ריכטיק, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן, — און פּאָרט האָט זיך ארײַנ־געכאַפּט א פעלער, און ניט קיין קליינער פע־לער... זאָג מיר, דו האָסט זיך ניט פארקלערט, פארוואָס אזיז איז שוין עטלעכע טעג ניטאָ אין שול?

— געקלערט, טאַקע זייער געקלערט. נאָר די מומע זײַנע האָט דאָך געזאָגט... און איצט האָב איך אים געזען לויפן א פארסאָפּעטן אהיים... איך האָב אים א רוף געטאָן, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. זאָגט, ניט איר האָט אים איצט געבראַכט אהיים פון דעם קוטאַן?

— ניין, ניט איך... נאָרוואָס האָב איך אים געטראָפן דאָ אין קלאַס, ער איז געשטאַנען אַף דעם טיש... אַנטלאָפן בײַ מײַן ארײַנקומען.

באַגאַנד האָט זיך פארטראַכט.

— כ'פארשטיי... איצט פארשטיי איך... — האָט ער שטיל געזאָגט און אופגעהויבן די אויגן צום פלאַקאַטל.

עטלעכע מינוט זײַנען מיר געזעסן, יעדער פארטאָן אין זײַנע געדאַנקען. דערנאָך האָט ער זיך א קער געטאָן צו מיר מיט א געלײַטערט פּאָנעם:

— כ'האָב, דאַכט זיך, עפּעס צוגעקלערט, אראָן אבראַמאָוויטש, הערט מיך אויס.

ער האָט פאַרגעלייגט פונקט דאָס, וואָס איך האָב געוואָרט פון אים צו דערהערן. פאַר מיר איז באַזונדערס טײַער געווען, וואָס ניט איך, נאָר ער האָט עס געזאָגט.

זײַן פאָרשלאָג איז באַשטאַנען אין דעם, אז ער וועט באַלד, ניט אָפּלייגנדיק, צונויפנעמען אלע שילער פון מײַן קלאַס (אלע זײַנען זיי פּיִאָנערן), און מיר וועלן זיי דערציילן וועגן דעם אינציִען, און אלע אינאיינעם וועלן מיר באַ־קלערן, וואָס צו טאָן ווײַטער.

און זיי האָבן זיך צונויפגענומען, די טײַ־ערע וועווערקעס מײַנע, די ייִנגעלעך און מיי־דעלעך, נאָך פריִער ווי איך האָב גערעכנט. ס'האָט זיי צונויפגעזאַמלט די יעדיִע, אז דער לערער און קלאַסן־אָנפירער זייערער איז נאָר־וואָס געקומען צו פאָרן און וויל ריידן מיט זיי וועגן עפּעס א גאַנץ וויכטיקער זאַך.

דער קלאַסן־צימער, וועלכער האָט מיך נאָר־וואָס געדריקט מיט זײַן פוסטקײַט, האָט אופגע־לעבט, זיך אָנגעשטעלט אַף מיר מיט צענד־ליקער וואַרטנדיקע פארשיידנקאָליריקע אויגן.

כ'האָב אין אָנהייב זיי געלויבט פאַר דער גוטער צוגרייטונג צום „טאָג פון די מאַ־מעס" — דעם צווישנפעלקערלעכן פרויען־טאָג. יאָ, זיי האָבן זיך אַף אַן עמעס לײַדנשאַפטלעך געגרייט צו דעם טאָג, און די וויכטיקסטע ראָל האָט דאָ געשפילט באַגאַנד. דאָס האָט ער זיי צונויפגענומען און מע האָט אַף דער זאַמלונג פונעם אָטריאַד אָפּגערעדט, וואָס פאַר א מאַ־טאָנעס יעדערער וועט גרייטן פאַר דער מאַ־מען, פאַר די שוועסטער און מומעס, פאַר די לערערנס. און איך בין געווען זייער צופרידן. די צוגרייטונג צום 8 מאַרט האָט זיי פארכאַפּט, זיי זײַנען געוואָרן אופגעלעבטער, אַפילע שע־נער. זיי האָבן געגרייט א קאָנצערט, אַן אויס־שטעלונג, א פײַערלעכע וואַנטצײַטונג, און צווישן אַנדערס האָבן זיי אויך אָנגעשריבן און אופגעהאַנגען א פלאַקאַטל מיט אַזאַ אופשריפט: „לאָמיר דערפרייען אונדזערע מוטערס מיט אויסגעצייכנטע און גוטע דערפאָלגן אין דער לערע און אין דער אַרבעט!" ס'איז אלץ געווען זייער גוט. און אין דער פריילעכער סומאַטאָכע

האָבן מיר אלע אײנײנעם — זײ, דאָס קלײנ־װאַרג, און איך, — דער אלטער נאַר, — פאַר־געסן, אַז בײַ אזיזן איז די מוטער געשטאָרבן, און ס'איז נאָך פריש די װוּנד אין הארצן...

זײ זײַנען געזעסן דערשטױנטע, געקוקט אײנער אױפן אנדערן און אלע אײנײנעם װידער־אַמאָל אױף מיר, און מיר האָבן באַשײַמפערלעך דערפילט, װי ס'איז שװער געװען אזיזן, װען ער האָט איבערגעלײענט אױף דעם פּלאַקאַטל „לאָמיר דערפרײען אונדזערע מוטערס...". מיר האָבן זיך אָנגעהױבן צו דערמאָנען, װי אָפט זײַן מאַמע פלעגט זיך יאָװען אין שול אַרײַן, װי זי פלעגט מאַמעש לױכטן זיך פון יעדן דער־פאָלג זײַנעם, פון יעדן לױב, װאָס ער האָט באַקומען פון די לערער...

װער נאָך איז אים געװען אַזױ נאָענט, אַזױ האַרציק־טרײַ, װי די מוטער?

די קינדער זײַנען געזעסן שטילע, פאַר־טראַכטע. קאָן זײַן, אַז אײניקע האָבן געזען פאַר די אױגן בלױז אזיזן, אַנדערע האָבן זיך דערמאָנט אױך װעגן עפּעס אײגנס, אינטימס... נאָר קינדער זײַנען קינדער, און לאַנג זײַן פאַר־קלערט איז ניט אין זײער נאַטור. און אָט האָבן זיך אָנגעהױבן דערטראָגן צו מיר קעלעכלעך: „מיר װעלן אַראָפּנעמען דאָס פּלאַקאַטל", „צו װאָס דאַרפן מיר עס האָבן, דאָס פּלאַקאַטל? מיר װעלן דען אָן דעם זיך ערגער לערנען, צי ער־גער אַרבעטן?".

אײן מײדעלע איז אױפגעשטאַנען און פאָר־געלײגט:

— לאָמיר ברענגען בלומען אױפן קײװער פון אזיזס מוטער.

די אַנדערע שילער האָבן איר דערװידערט:

— און װוּ װעסטו איצט אין די בערג נע־מען בלומען? ס'איז דאָך נאָך אײַז און שנײ אַרום.

אָבער דאָס מײדעלע האָט זיך ניט אונטער־געגעבן:

— איך װײס װוּ. אין שטאָט איז דאָ אַ גאַנץ יאָר בלומען אין די בלומען־מאַגאַזינען. מיר װעלן צונױפנעמען געלט און בעטן עמעצן, װאָס פאָרט אין שטאָט אַרײַן, ברענגען אונדז אַ סאַך, אַ סאַך בלומען...

— און אזיז װעט זען, — האָט צוגעגעבן אַן אַנדערע, — אַז מיר פאַרגעסן ניט װעגן זײַן מוטער...

— און פאָרט, װאָס זאָלן מיר טאָן, אַז אזיז זאָל װידער גײן אין שול אַרײַן מיט אַלעמען אײנײנעם און ניט אױסבאַהאַלטן זיך פון אונדז? — האָט געשטעלט די פראַגע באַגאַנד.

אַהײם בין איך געגאַנגען מיט גיכע טריט. ס'האָט זיך שטאַרק געגלוסט דערצײלן דעם װײַב װעגן אַלץ, װאָס עס איז נאָרװאָס פאָר־געקומען. װוּהין האָט זיך אַהינגעטאָן מײַן מידקײַט? ס'איז מיר געװאָרן אַ סאַך גרינגער: דרײַסיק ײַנגעלעך און מײדעלעך האָבן אױפגע־נומען אױף זײערע קלײנע פּלײצעלעך אַ היפּשן טײל פון מײַן אומרו און פון מײַנע זאָרגן. איך האָב געװוּסט, אַז אַלע קלערן איצט װעגן באַ־גאַנדס לעצטער פראַגע. און איך האָב אױך געקלערט...

ס'איז מיר פונעם קאָפּ ניט אַרױסגעגאַנגען אזיזס מומע: פאַרװאָס האָט זי מיר ניט געזאָגט דעם עמעס? װײַזט אױס, אַז אזיז האָט עס גע־פאָדערט פון איר, און זי, אַן אױסגעמאַטערטע פרױ, אַן אַרומגערינגלטע מיט אַ מענגע קינ־דער, אַן אײביק פאַרנומענע מיט דער שטוב־װירטשאַפט, האָט זיך אונטערגעגעבן אים, אזיזן, דעם טראַװמירטן באַכערל. און פּלוצעם איז מיר אַרײַן אַ רעכטער געדאַנק אין קאָפּ.

ס'האָט זיך שטאַרק געגלוסט װאָס גיכער קומען אַהײם, נאָר איך האָב פאַרקערעװעט און אָנגעהױבן גײן באַרג־אַרױף.

„געװנוג זיך בלאָזן אױף אזיזס מומע, — האָב איך זיך אַלײן געזאָגט, — גײ בעסער און דער־פרײ זי. זי װײסט דאָך, מינאַסטאַם, אַפילע ניט, אַז דו ביסט געװען אױפן קוטאַן. און אױב אזיז איז אין דער הײם און װעט ניט אַנטלױפן בײַ דײַן אַרײַנקומען, װעט ער דערהערן אַ געשיכ־טע װעגן זײַן טאַטן, װעגן דעם, אַז דער טאַטע איז אַ העלד. און דערנאָך װעט קומען צו רײד אױך װעגן דער מאַמען און װעגן אזיזן אַלײן — אַז אַלע טראַכטן איצטער װעגן דעם, װי אַזױ אומקערן אים צום קאָלעקטיװ. און דאָס, װאָס דו װעסט באַלד טאָן, װעט זײַן דער ערשטער ענטפער אױף באַגאַנדס פראַגע".

און איך בין אַלץ װײַטער געגאַנגען אַרױף אױף דעם נאָך אײַזיק־גליטשיקן באַרג, געגאַנ־גען און געהערט, װי ערגעץ אין דער טיף טריפן טראָפּנס, קרעפטנדיקע פרילינג־טראָפּנס.

וולאַדימיר טשערנין

„די קינדער פון טכום־האַמוישעוו” רעדן אויף עספּעראַנטאָ



די קורצע מיטיילונג, וואָס מיר דרוקן דאָ, האָט אָנגעשריבן דער סטודענט פון דער ייִדישער גרופּע אויף די העכסטע ליטעראַרישע קורסן וולאַדימיר טשערנין, וועלכער האָט ערשט היאָר פאַרענדיקט דעם היסטאָרישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער מעלוכישן אוניווערסיטעט און איז שוין אין מעשעך פון עטלעכע יאָר באַוווּסט אין די קרייזן פון „סאָוועטיש היימלאַנד” מיט זײַן ענטוזיאַסטישער פאַרינטערעסירטקייט אין די פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור־שאַפונג.

וולאַדימיר טשערנין איז אַלט 23 יאָר. זײַן אינטערעס צו ייִדיש־קענטעניש זאָגט אַ סאַך צו.

באָריס מאָגילנער

אין דער ערשטער רוסישער אויסגאַבע האָט „מאָטל פּייסי, דעם כאַזנס” זיך אָנגערופן „קינדער פון טכום”. אויב פּרוּוון צוקלײַבן און אַלגעמיינעם נאָמען צו אַלע שאָלעם־אַליינכעמס בייכער, קאָן מען, דוכט זיך, קיין בעסערן נאָמען ניט געפינען. קינדער פון טכום — זײַנען אַלע העלדן פון שאָלעם־אַליינכעמס ביכער: טעוויע דער מילכיקער, מענאַכעם־מענדל, סטעמפּעניו... ביכלאַל, קימאַט די גאַנצע פאַראָקטיאַבערישע ייִדישע ליטעראַטור איז אין פּלוג — אַ קינד פון דעם טכום.

מיטן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז פונעם טכום קיין זייכער ניט געבליבן, נאָר זײַנע „קינדער און אייניקלעך” געפינט מען נאָך ביז איצט אין דער גאַנצער וועלט.

ייִדיש — די שפּראַך, וואָס איז אויפגעקומען אין טכום, איז ניט פאַרשוווּנדן געוואָרן איינעם מיט אים. און, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די „קינדער און אייניקלעך פון טכום” רעדן איצט מערסטנטייל אויף ענגליש, רוסיש, שפּאַניש, איוורית און אויף אַנדערע לעשוינעס, שטאַרבט אָבער ניט אָפּ.

פאַרשטייט זיך, דער אָביעקטיווער פּראָצעס אין געביט פון שפּראַכן גייט, ער האָט זיך זײַנע אייגענע היסטאָרישע געזעצן און רעגולמעסיקייטן. מיר קאָנען ניט וויסן פאָרויס אויף לאַנגע יאָרן, וואָס פאַר אַ גוירל ס'וועט אויספאַלן דער אָדער יענער שפּראַך. נאָר מיר זײַנען זייכער, אַז דאָס בעסטע און פײַנסטע, וואָס איז אין מעשעך פון דוירעס געשאַפן געוואָרן אין ייִדיש, וועט זאָרגזאַם אויפגעהיט ווערן. וועגן דעם זאָגט איידעס כאָטשבי דער פאַקט, וואָס די געשטאַלטן, וועלכע עס האָבן געגעבן דער וועלט די ייִדישע קלאַסיקער, ווי אויך די באַדײַטנדיקע הײַנטצײַטיקע שעפער אויף ייִדיש, רעדן איצט מיט די לייענער, אַדאַנק דער שעפערישער מי פון די איבערזעצער אויף צענדליקער לעשוינעס.

צווישן די שפּראַכן פאַרנעמט איר באַזונדער אָרט די קינסטלעך־געשאַפענע צווישנפעלקערלעכע שפּראַך עספּעראַנטאָ, די ערשטע פּובליקאַציע אויף וועלכער האָט זיך באַוויזן אין 1887 יאָר. איר שעפער דאָקטער זאַמענהאָף, אַ ייִד פון ביאַליסטאָק, האָט גענומען פאַר זיך דעם פּסעוודאָנים „עספּעראַנטאָ”, דאָס הייסט דער, וואָס האָפט.

מע קאָן שוין איצט זאָגן, אַז עספּעראַנטאָ האָט ניט געפונען קיין אַלגעמיינע אונטערשטיצונג און איז ניט געוואָרן די שפּראַך פון צווישן־נאַציאָנאַלן פאַרקער, נאָר מענטשן, וואָס האָבן באַהערשט אָט די שפּראַך “sami-deanoj” („מיטדענקער”), ווי זיי אַליין רופן זיך אָן, זײַנען דאָ קימאַט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. עספּעראַנטאָ איז אַ טעטיק מיטל אין קאַמף פאַר דעם, אַז די פעלקער זאָלן בעסער פאַרשטיין איינעם דעם אַנדערן. די אַלוועלטלעכע עספּעראַנטאָ־באַוועגונג פאַר שאָלעם (“MEM”) איז געייניקט אַרום דעם לאָזונג “Esperanto en servo de la monda paco” („עספּעראַנטאָ אויף דער דינסט פון שאָלעם אין דער גאַנצער וועלט”).

פאַר קימאַט הונדערט יאָר איז אויף עספּעראַנטאָ פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ היפּשע ליטעראַטור — און איבערגעזעצטע, ווי אויך און

אָריגינעלע. סקעפּטיקער האָבן געפּרוווט אָפּלייקענען די מעגלעכקייַטן פון א קינסטלעך געשאַפענער שפּראַך אין געביט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אָבער די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז עספּעראַנטאָ קאָן זייַן אויך א שפּראַך פון קונסט.

אַלס ערשטן פּרווו פון איבערזעצן קינסטלערישע ליטעראַטור אַף עספּעראַנטאָ איז געווען „די מעטעליצע“ פון א. ס. פּושקין. איצט איז שוין שווער אַפילו איבערצורעכענען די אַמערסטן באַדייַטנדיקע קינסטלערישע ווערק, איבערגעזעצטע אַף עספּעראַנטאָ. אין אייניקע פאַלן גיט עספּעראַנטאָ א מעגלעכקייַט אירע אָנהענגער צו באַקאַנען זיך מיט ווערק, נאָך ניט איבערגעזעצטע אַף קיין אַנדערער צוטריטלעכער פאַר זיי שפּראַך. לעמאָשל, די לידער פון וו. מאַיאַקאָווסקין זייַנען צום אַלעם ערשטן געווען אַף כינעזיש איבערגעזעצט ניט פון דעם רוסישן אַריגינאַל, נאָר פון עספּעראַנטאָ.

אָנהייבנדיק פון דעם 1922 יאָר, איז אין דייַטשלאַנד, דאָן איינער פון די צענטרען פון דער עספּעראַנטאָ־באַוועגונג, פאַרעפנטלעכט געוואָרן א ריי ביכער אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען “Internacia mondliteraturo” („צווישנפעלקערלעכע אַלוועלטלעכע ליטעראַטור. זאַמלונג פון די סאַמע באַוווּסטע ווערק פון אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן“). געעפנט האָט די סעריע דאָס בוך פון יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע „גערמאַן און דאָראָטייע“.

אין 1923 איז אין לייַפּציג דערשינען אין אָט דער סעריע דאָס בוך “Ŝalom-Aleĥem. Perec. Hebreaj rakontoj” (שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ. „יידישע דערציילונגען“). דער איבערזעצער און אַוטאָר פונעם פאָרוואָרט איז געווען דער מיטגליד פון עספּעראַנטישן שפּראַךקאָמיטעט אי. מוטשניק פון האַר־קענערעט, פּאַלעסטינע. אין דער זאַמלונג זייַנען אַרייַן שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען „דער קישעף פון ראָשאַנאָ־ראַבאָ“, עס גליקט ניט“, „ראַבטשיק“, „דער אויצער“, „די לעגענדע וועגן באַשאַפן די פרוי“ און זייַנע אַפאָריזמען. דערקלערנדיק אַזאַ אויסוואַל, האָט דער איבערזעצער באַמערקט אינעם פאָרוואָרט: „איבער זייַן (שאָלעם־אַלייכעמס. — וו. טש.) אייגנאַרטיקן נוסעך און שפּראַך־אויסדרוקן, אין וועלכער ער אימיטירט די פאָלקסמאַסן, איז זייער שווער איבערצוזעצן זייַנע ווערק, און מיט גרויס מי גיט זיך עס אייַן צו טאָן, אויסווײַלנדיק איבערזעצבאַרע ווערק... דאָס זעלבע ווערט אָפּגעמערקט אין די רוסישע און העברעיִשע איבערזעצונגען“.

פון י.־ל. פּערעצעס דערציילונגען זייַנען אינעם בוך פאָרגעשטעלט „וואָס הייסט נעשאָמע (א געשיכטע פון מייַן יוגנט)“, „שוועסטער“, „פּידיען שיבוים (פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן), „ווי־דער זיך באַנוצט מיט דער טליִע“ און „כאָר־מוז און אַכרימאָן“.

דאָס בוך איז אויסגערעכנט פאַר עספּעראַנטיסטן ניט־יידן, וועלכע זייַנען ניט באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור. דעריבער האָט דער איבערזעצער אין פאָרוואָרט קורץ דערציילט וועגן יידישער קינסטלערישער שאַפונג אין אַלגעמיין, און האָגאַם די ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים זייַנען אין דעם בוך ניט אַרייַן, האָט ער צום אַלעם ערשטן אָנגערופן זייַן נאָמען. אין די באַמערקונגען שרייַבט אי. מוטשניק, אַז מענדעלעס „קליאַטשע“ וואָלט מען באַדאַרפט איבערזעצן אַף עספּעראַנטאָ. פון די אַנדערע אָנגעזעענע יידישע שרייַבער זייַנען אינעם פאָרוואָרט אָנגערופן ספּעקטאָר, רייזען, דינעזאָן, שאָלעם אַש און נאָמבערג.

דערציילנדיק וועגן דער שאַפונג פון י.־ל. פּערעצן, שרייַבט אי. מוטשניק, אַז ער האָט „פּינקטלעכער פון אַלע אַנדערע שרייַבער באַוויזן דעם יידן, וועמען ס'איז זייער גרינג צו פאַרשטיין, נאָר וועמען מע וויל ניט פאַרשטיין — מע וויל האָבן די מעגלעכקייַט אַף פאַרשיידענע אופנים צו פאַרפאָלגן אים...“ פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ באַהויפּטונג איז גאַנץ ווייַט פון דער וויסנשאַפטלעכער אויפקלערונג, און אויך פון א קלאַסן־צוגאַנג, סייַ צו דער שאַפונג פון י.־ל. פּערעץ, סייַ צו דער פראַגע פון צווישן־נאַציאָנאַלע באַציִונגען. נאָר אַן אויסגעשפּראָכענער הומאַניסטישער מיטגעפיל צו די יידן, וואָס זייַנען ווירקלעך אין יענע באַדינגונגען געווען פאַרפאָלגט, איז אין אָט די ווערטער בוילעט אויסגעדריקט.

אין סאָף פון דעם פאָרוואָרט, ווענדנדיק זיך צו די לייענער, האָט דער איבערזעצער געשריבן: „איך האָף, אַז איר, מייַנע מיטדענקער אין עספּעראַנטאָ, וועלן בעסער פון אַנדערע מיך פאַרשטיין. צי דען ניט?“

ווי דאָס זאָל ניט זייַן, איז אָן סאָפעק נוצלעך, וואָס לייענער אַף א צווישן־נאַציאָנאַלער שפּראַך האָבן באַקומען די מעגלעכקייַט צו באַקאַנען זיך מיט די ווערק פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור.

■ ■ ■

ליטעראטור-קריטיק
ביבליאָגראפיע
פראַגן פון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן

די קונסט פון איבערזעצונג

איצט, דאכט זיך, לייקנט קיינער ניט אָפּ, אז איבערזעצונג איז א קונסט און, ווי דער באוווּסטער רוסישער שריפטשטעלער ק. טשוקאָווסקי האָט געשריבן, א קונסט א הויכע, וואָס שפּילט א אומגעהייערע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פון יעדער נאציאָנאלער ליטעראטור, באזונדערס אין דער נײַסטער טקופע, אין דער טקופע פון אקטיווער צווישנפעלקערלעכער צוזאמענארבעט, ווען די פרײַנטשאפט פון פעלקער ווערט אלץ קרעפטיקער און פרוכטבארער. בא אונדז אין לאנד איז געשאפן געוואָרן א נאָוואטאָרישע שול פון איבערזעצונג, א סאָוועטישע שול, וועלכע איז אנערקענט אין דער גאנצער וועלט.

ניט געקוקט דערויף, קאָן מען ניט זאָגן, אז אלץ איז אין אָט דעם געביט קעשורע. אלס בײַשפּיל בעמען מיר אפילע די איבערזעצונגען פון דער ייִדישער ליטעראטור אין רוסיש. ס'איז באוווּסט, ווי פיל עס ווערט געטאָן אין דער הינזיכט. ניטאָ קיין איין מער אָדער ווייניקער באדײַטנדיק ווערק פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, וואָס איז ניט ארויס אין רוסיש. די קוואליטעט אָבער פון די איבערזעצונגען באפרידיקט ניט אלע מאָל. עס דערמאָנט זיך, אז נאָך אין 1934, ארויסטרעטנדיק אף דער ערשטער אלפארבאנדישער באראטונג פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועלכע איז פאָרגעקומען ערעוו דעם אלפארבאנדישן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער, האָט אלעקסאנדער פאדייעוו געזאָגט, אז ערעוו דער באראטונג האָט ער זיך געוואָלט באקאנען מיט די לעצטע ווערק פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, האָט ער גענומען, פארשטייט זיך, זייערע רוסישע איבערזעצונגען און געוואָרן אנטוישט, ווײַל דאָסראָוו פון זיי זײַנען געווען שלעכטע, באזונדערס די פּראָזאישע, „זייער ווייניק זײַנען פאראן רוסישע שריפטשטעלער, וואָס קאָנען גוט די ייִדישע שפּראך און איבערזעצן אליין״[1]. דערעכאגעוו, אזוי האָט אָפּגעשאצט די רוסישע איבערזעצונגען פון ייִדיש אויך ק. טשוקאָווסקי, וועלכער האָט אָפּגעמערקט דעמלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, אז די איבערזעצונגען פון דער ייִדישער, ווי אויך פון דער אוקראַיִנישער און גרוזינישער פּאָעזיע, זײַנען ניט ענלעך אפן אָריגינאל[2]. פון יענער צײַט זײַנען שוין אוועק פיל יאָרן, די צאָל פון די איבערזעצונגען האָט זיך שטארק פארגרעסערט, און בעליסאָפּעק, זייער קוואליטעט איז אויך געוואָרן בעסער, האגאם מע דארף דאָ דורכפירן א ספּעציִעלן אנאליז.

פאר דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראטורן, אין צוזאמענהאנג מיט די באזונדערע באדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך אנטוויקלט, איז די פראגע — וואָס און וויִאזוי איבערצוזעצן שטענדיק געווען אקטועל. ניט אומזיסט בארירט זי נאטאן זאַבארע אינעם היסטאָרישן ראָמאן „גאלגאל האכויזער״, ווו די האנדלונג קומט פאָר נאָך אין אָנהייב פונעם XIII יאָרהונדערט. דאָרט איז געבראכט אן אויסצוג פון מוישע ראמבאמס א בריוו, אין וועלכן ס'איז געזאָגט: „יעדער איינער, ווער עס טרעט צו איבערזעצן פון איין לאָשן אפן צווייטן און ער האלט זיך אָס בעאָס, וואָרט נאָך וואָרט, קעדיי אָפּצוהיטן דעם זעלבן סיידער און בוי פונעם זאץ, פארשוועריקט זיך אליין די ארבעט, און דער טארגעם לײַדט דערפון אומגעהייער. זאָל בעסער דער איבערזעצער טיפער ארײַנדרינגען אינעם זין פון דעם געשריבענעם און זיך ווייניקער רעכענען מיט דער מאָס און מיט דער ווערטער־צעשטעלונג פונעם מאָקער.

[1] „דער עמעס״, 10 אווגוסט 1934.

[2] К. Чуковский. Высокое искусство, М., 1941, стр. 32.

ס׳קומט אפילע אויס איבערגעבן א וואָרט פון איין שפראַך מיט דרײַ־פיר ווערטער פון אַן אנדערער. און אמאָל, פארקערט, מע מעג אמאָל אויך דורכלאָזן א וואָרט אָדער צוגעבן אַן אייגן וואָרט, אַבי ס׳זאָל דערגרייכט ווערן די קלאָרקײַט פונעם אויסדרוק אינעם לאָשן, אויף וועלכן מע איז מעטארגעם...״[1]

גאָלדענע ווערטער, זיי זײַנען מיר געקומען אפן זינען, ווען כ׳האָב איבערגעלייענט עזראָ פינינבערגס איבערזעצונגען אין יידיש. זײַנע דערגרייכונגען און אויך די פארלוסטן זײַנען באַלערעוודיק.

עזראָ פינינבערג געהערט צו יענעם דאָר יידישע סאָוועטישע שריפטשטעלער, וועלכע זײַנען געווען מענטשן מיט גרויסער קולטור. ער איז ניט נאָר טיף באהאוונט אין דער אלטער און נײַער יידישער ליטעראַטור, נאָר ער באהערשט גוט די ליטעראַטורן פון פארשיידענע פעלקער פון דער וועלט. און נאַטירלעך, אז ער האָט געשטרעבט זיי פאָרשטעלן דעם יידישן לייענער. געוויינלעך, ווערן אין די ארטיקלען וועגן פינינבערגס שאַפונג גאַנץ פאָרלויפיק אָפּגעמערקט זײַנע פּאָעטישע איבערזעצונגען. ס׳איז באוווּסט, אז ער האָט טכילעס אָנגעהויבן איבערזעצן פּראָזע. אין 1924 זײַנען ארויס אין זײַן איבערזעצונג צוויי ראָמאַנען: א. נעווערּאָוו „טאַשקענט — די ברויט־שטאָט״ — פון רוסיש און וו. הוגאָ „דער דרײַ־און־נײַנציקסטער״ — פון פראַנצויזיש. אין 1926 דערשײַנט זײַן איבערזעצונג פון אוקראַיניש — מ. קאָציובינסקיס ראָמאַן "Fata morgana" אונטערן יידישן נאָמען „אין פינפטן יאָר״ (ארויסגעגעבן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, איצט דניעפּראָפּעטראָווסק) און שפּעטער — א בוך דערציילונגען פון דעם זעלבן אוקראַיִנישן שרײַבער, מארק טווענס „טאָם סאָיער״, מ. גאָרקיס „ארטאַמאָנאָווס געשעפט״, ק. פּאוסטאָווסקיס „קאַראַבוגאַז״, א. אוודייענקאָס „איך האָב ליב״. אין די דרײַסיקער יאָרן, אין דער צײַט פון זײַן פּאָעטישער רײַפקײַט, איז פינינבערג צוגעטראָטן צו איבערזעצן פּאָעזיע. איינס נאָכן אנדערן דרוקן זיך זײַנע איבערזעצונגען פון א ריי געוויינים פון דער וועלט־ליטעראַטור און פונעם פאָלקלאָר פון די פעלקער פונעם ראַטנפארבאַנד. אין דעם בוך, וואָס איז ארויס אין 1941, קורץ פאַר דער מילכאָמע, „פון דער וועלט־דיכטונג״[2] איז פאָרגעשטעלט ווײַט ניט אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן אין דעם פּראַט.

פינינבערג האָט זיך געווענדט צו אַלע זשאַנרען — צו עפּישער און לירישער דיכטונג, צו פאָלקס־מײַסעלעך, פילאָסאָפישע פּאָעמעס און מיניאַטורן, צו הומאָר און טראַגעדיע. אויך די דיכטער זײַנען געווען סאַמע פארשיידענע. אָפטמאָל — ניט גאָר נאָענטע צו אים לויט זייער אידייִש־קינסטלערישער ריכטונג. אין דער אָנגערופענער זאמלונג זײַנען פאָרגעשטעלט דער גרוזינישער עפּישער פּאָעט שאָטא רוסטאַוועלי און דער גרויסער דײַטש געטע, דער ענגלישער ראָמאַנטיקער בײַראָן און דער רוסישער דעקאַבריסט רילייעוו. אויף יידיש האָבן געקלונגען די ווערק פון פּושקינען און מיצקעוויטשן, לערמאָנטאָוון, שעווטשענקאָן, נעקראַסאָוון, גאָרקין, מאַיאַקאָווסקין, טיטשינאַ.

ווי א באַגאַבטער שוישפּילער, האָט פינינבערג באהערשט די קונסט פון איבערגעשטאַלטונג. ניט זעלטן פארגלײַכט מען טאַקע די איבערזעצונגסקונסט מיט דער טעאַטראַלער. אָבער אומעטום, אומאָפּהענגיק, וויאַזוי דער דיכטער זאָל זיך ניט איבערגעשטאַלטיקן, בלײַבט ער אַליין ניט געענדערט, מיר דערקענען זײַן נוסעך און זײַן סטיל. און ווײַל פינינבערג איז טרײַ דעם מאָקער, דעם אָריגינאַל, קלינגען אין יידיש זײַנע איבערזעצונגען פרײַ און נאַטירלעך.

יעדע שפּראַך האָט אירע קלאָלים, יעדער דיכטער — זײַנע אייגנשאַפטן און אייגנטימלעכקײַטן, און פארקאָנסערווירן זיי אין אַן אנדער לאָשן איז פּאָשעט אוממעגלעך. ס׳איז אפילע געווען פארשפּרייט א מיינונג, אז די דיכטונג קען מען ביכלאַל ניט איבערזעצן. אזוי האָט געהאַלטן דער גרויסער איטאַליענישער פּאָעט אַליגיערי דאַנטע. אין הייפּעך צו דעם, איז אין XX יה. ארויסגעשטעלט געווען א פאָדערונג, אז די איבערזעצונגען מוזן פארהיטן אַלע אייגנשאַפטן פונעם מאָקער. ניט ווייניק טאַלאַנטפולע דיכטער האָבן געפּרוּווט גיין אויף דעם דאָזיקן וועג, און זיי האָבן געליטן א מאַפּאָלע. די קונסט פון איבערזעצן א ווערק באַשטייט אין קענען איבערגעבן אויף אַן אנדער לאָשן דעם טאָך, דעם אינהאַלט און אויך די פאָרם. אָבער אומבאַדינגט אין דעם נוסעך פונעם לאָשן, אויף וועלכן עס ווערט איבערגעזעצט. אָט די דאָזיקע קונסט האָט גלענצנדיק באהערשט עזראָ פינינבערג.

שאָטא רוסטאַוועלי האָט, שאַפנדיק דעם „העלד אין דער טיגער־פעל״, אויסגענוצט דעם פאָלקלאָר פון א ריי מיזרעך־לענדער, אָבער דאָס איז א ריין גרוזיניש ווערק. עס איז אָנגעשריבן אין דער פארשפּרייטער אין מיטלאַלטער גרוזינישער פערזמאָס — אינעם זעכצנזילביקן פערז (אויף גרוזיניש האָט ער געהייסן שאַירי). יעדע סטראָפע באַשטייט פון פיר שורעס, וועלכע האָבן איין און דעם זעלבן גראַם. עס שיידן זיך אונטער צוויי מינים שאַירי — א הויכער, מאַזשאָרער, אין וועלכן דער גראַם איז א צווייזילביקער, און א נידעריקער, מינאָרער, וווּ דער גראַם איז א דרײַזילביקער. די צוויי מינים זײַנען קימאַט אין יעדער סטראָפע מײַסטערהאַפט באהעפט, און די דאָזיקע באהעפטונג גיט צו דער סטראָפע א וווּנדערלעכע האַרמאָניע און זינגעוודיקײַט. עזראָ פינינבערג (ווי די רוסישע איבערזעצער) פארהיט ניט אַלע אייגנטימלעכקײַטן פונעם גרוזינישן שאַירי, ער פורעמט אויס די פירשורעדיקע סטראָפע, דעם זעכצנזילביקן פערז, אָבער דער גראַם אין דער סטראָפע איז ניט קיין אייניקער, נאָר אַן איבערקרייצנדיקער. אַדאַנק דער אַליטעראַציע — דער איבערכאַזערונג פון די קאָנסאָנאַנטן, ווערט אָבער אויך אין יידיש די סטראָפע קלינגעוודיק און זינגעוודיק. אָט זײַנען די ערשטע צוויי סטראָפעס פון דער פּאָעמע:

---

[1] נאַטאַן זאַבאַרע, גאַלגאַל האַכויזער, מ., 1979, ז. 117—118.

[2] פון דער וועלט־דיכטונג. יידיש — עזראָ פינינבערג, מעלוכע־פארלאַג „דער עמעס״, 1941.

פונעם כאַאָס האָט דײַן קויעך אופגעשטעלט די װעלט,
דאָס לעבן.
פון דער בלויער הייך באַטעמט האָסטו װעזנס
אָן א שיר.
ערד אין פילקאַליריק אַנטאָן צו די מענטשן,
האָסט געגעבן,
הויכע טראַגנען האָסט געשאַנקען הערשער ענלעכע
צו דיר.
דו האָסט, שעפער, אויסגעקנאָטן דאָס געזיכט
פון גאָר די װעזנס!
דו באַשיץ מיך, שענק די קראַפט מיר,
איך זאָל בײַקומען דאָס בייז.
אַלע זינד פאַרגיב די שװערע,
װאָס אין לעבן מײַנס געװעזן,
ביזן אָטעם ביזן לעצטן לאָז מײַן ליבשאַפט
בלײַבן הייס!

באַזונדערס איז געלונגען איבערגעבן אין ייִדיש די גרוזינישע פאָלקס־כאָכמע, מיט װעלכער ס׳איז פול די פאָעמע:

...האָסטו ליב, איז דאַרף דײַן העלקײַט
מיט דער זון־שײַן זיך פאַרגלײַכן.
...זאָל צעאַשט װערן דער קערפּער,
נאָר דער גײַסט זאָל גליק געניסן!
...איבער דער טײַװע שענקסטו אװעק זיך,
בלויז דער שטויב פון דיר פאַרבלײַבט!
...ס׳גרעסטע גליק — א הויז אָן אָפּנס,
שפּאָרן שפּאָרן נאָר די שלעכטע.
דײַנס איז אַלץ, װאָס האָסט צעשאַנקען,
ס׳אויסבאַהאַלטנס איז ניט דײַנס.

פינינבערג האָט געהאַט א נייגונג צו די פאָלקס־דיכטער. ער האָט, לעמאָשעל, איבערגעזעצט דזשאַמבולן און סולײמאַן סטאַלסקין. אָבער בעסער פון אַלץ האָט זיך אים אײַנגעגעבן די איבערזעצונג פון דער פאָלקס־שאַפונג, באַזונדערס פון דער מײַסע, װעלכע איז א מין דערציילונג אין פערזן. פון ענגליש (לויט ברױנינגס װערסיע) האָט ער איבערגעזעצט אַף ייִדיש „די מײַסע מיט א דודע", פון רוסיש — די מײַסע „ס׳קען ניט זײַן". װי לײַכט קלינגט בא פינינבערגן דער רוסישער מײַסע־נוסעך, דער רוסישער פּירשורעדיקער פערז מיט פאַרגראַמען:

ס׳איז געװען צוריק מיט יאָרן,
ס׳האָט געלעבט א האָר — א פאַרעץ,
האָט געהאַט א װעלט מיט גאָלד,
אַלץ געטאָן, װאָס נאָר געװאָלט.
ס׳האָט געהאַט א הויף א רײַכן,
פעלדער, פעלדער, לאָנקעס, טײַכן,
שפּײַכלערס, אָנגעפּולט מיט ברויט,
הונדערט דערפער, פול מיט נויט.

דאָס זײַנען ייִדישע פערזן, אין זײ הערן זיך אָפּקלאַנגען פונעם סטיל פון פערעצעס פאָלקס־מײַסעלעך, פון זײַנע איבערדיכטונגען פון דער ביבל. באַם איבערגעבן די רוסישע פאָלקס־מײַסעס האָט פינינבערג אויסגענוצט דעם שױן אײַנגעװאָרצלטן ייִדישן פערז־סטיל. גרויסע מײַסטערשאַפט האָט ער געדאַרפט אַרויסװײַזן, קעדײ צו איבערגעבן פּושקינס מײַסעס — די שעדעװורען פון דעם מין שאַפונג. דאָ איז װיכטיק געװען צו פאַרהיטן די אײגנאַרטיקײַט פונעם גאונישן רוסישן דיכטער, זײַן לײַכטקײַט און פאָלקישקײַט, זײַן מײַסטערשאַפט און צוגעגלעכקײַט. עזרא פינינבערג האָט איבערגעזעצט פּושקינס פיר װערק פון אָט דעם זשאַנער: „א מײַסע מיט א פישער און מיט א פישעלע", „א מײַסע מיט א גאַלעך און זײַן אַרבעטער באַלדאַ", „א מײַסע מיט א טויטער פרינצעסן און מיט זיבן גיבױרים", „א מײַסע מיט א גילדן הינדעלע". קוידעמקאָל, זעט מען, אַז שױן די נעמען פון די מײַסעס האָט ער איבערגעגעבן אין ייִדישן אידיאָם: ניט „א מײַסע װעגן א פישער און װעגן א פישעלע", װי ס׳האָט געדאַרפט זײַן, װען מ׳זאָל בוכשטעבלעך איבערזעצן, נאָר „א מײַסע מיט א פישער...", װי מע זאָגט אַף ייִדיש. עמעס, ניט אַלץ איז פינינבערגן געלונגען אין די דאָזיקע פּושקינס מײַסעס איבערצוגעבן. ניט אַלע פון די פיר דערמאָנטע װערק קלינגען אַף ייִדיש אָרגאַניש.

געלעבט האָט אַן אַלטער מיט דער אַלטער זײַנער
סאַמע באַם ברעג פון דעם בלויען ים;
זײ האָבן געלעבט אין אַן ערדענעם שטיבל,
פונקט דרײַ און דרײַסיק יאָר געלעבט דאָרט.[1]

פינינבערג מײַדט אויס די העברעיִזמען „זאָקן" און „זקיינע". עפּשער איז עס אין זײַנערצײַט געװען באַרעכטיקט, אָבער „אַלטער", „אַלטע" זײַנען װערטער מער אַדיעקטיװע, אײדער סובסטאַנטיװע. ניט געפינענדיק פון אָנהייב אָן דעם אַנטשפּרעכיקן ייִדישן עקװיװאַלענט, האָט פינינבערג אויך װײַטער ניט געקענט פאַרזעצן אין פּושקינס נוסעך, און די גאַנצע מײַסע האָט פאַרלאָרן איר נאַטירלעכן גאַנג. דערפאַר אָבער בא דער „מײַסע מיט א גאַלעך און זײַן אַרבעטער באַלדאַ" — דאַכט זיך, א שװעררערע צום איבערזעצן, װײַל זי איז פול מיט טיפּיש־רוסישע רײד־װענדונגען — האָט עזרא פינינבערג גליקלעך געפונען דעם ייִדישן עקװיװאַלענט. דער טאָן איז דאָ א נאַטירלעכער פון אָנפאַנג אָן:

ס׳האָט א גאַלעך געלעבט,
א קאָפּ פון יענע קעפּ.
גייט ער אין מאַרק אַרײַן װערן געװױרע,
צו ניטאָ פאַר אים א ביסעלע סכױרע.

אויסגעצײכנט זײַנען די לעצטע צװײ שורעס: זײער קלינגװודיק און אין ייִדישן נוסעך. דער רוסישער װאָרט־באַהעפט толоконный лоб, װאָס זײַן טײַטש איז — א נאַרישער, איז פאַרהיט דורכן ייִדישן איראָנישן „קאָפּ פון יענע קעפּ". פינקטלעך איז איבערגעגעבן דער געדאַנק אין די שורעס —

גיט ער א זאָג צו באַלדאַן: „רעכט!
ס׳איז פאַר אונדז ביידן דאָס געשעפט ניט שלעכט".

(בא פּושקינען: ладно, не будет нам обоим накладно).

און װי שײן עס קלינגט אין ייִדיש דער שלוס פון דער מײַסע:

האָט דער גאַלעך, פול מיט טרערן,
אונטערגעשטעלט דעם שטערן.
נאָך דעם ערשטן פון די שנעלן
טוט א שפּרונג דער גאַלעך ביז דער סטעליע;
נאָך דעם צװײטן פון די שנעלן
טוט זיך באַם גאַלעך דאָס לאָשן פעלן;
נאָך דעם דריטן שנעל, נאָך דעם סאַמע הייסן,
האָט עס אים דעם סײכל אויסגעטרײסלט.
באַלדאַ שטייט און טוט דערבײַ זאָגן:
„װאָלסטו זיך, גאַלעך, נאָך קײן ביליקס ניט יאָגן!"

---

[1] א. ס. פּושקין. מײַסעס. ייִדיש — ע. פינינבערג. פאַרלאַג „דער עמעס", מ., 1940.

פיניִנבערג איז דאָ ניט פּינקטלעך, ער ברענגט עפּעס אריַין פון זיך, אָבער ער האָט פולקאָם פאר־היט דעם פאָלקישן און טיף פאָלקלאָריסטישן נוסעך פון דער גאנצער מיַיסע.

ביכלאל, צו פושקינען איז דער ייִדישער דיכטער צוגעגאנגען שעפעריש און, פארשטייט זיך, מיט גרויס אכריַיעס. כוץ די מיַיסעס, האָט ער געגעבן דעם ייִדישן לייענער א גאנצע ריי פושקינס לירישע לידער, די פּאָעמע „דער קופּערנער ריַיטער", קאַ־פּיטלען פון „יעווגעני אָניעגין". אויך דאָ זיַינען פאַ־ראן פארלוסטן. מיר טרעפן אייניקע ערטער — סיַי פון לעקסישן שטאנדפונקט, סיַי פון דער ריטמיק און מעלאָדיק — ניט אדעקוואטע. לאַמאָשל, узник איז איבערגעזעצט — „דער געפאנגענער". אין רוסיש טיילט מען שארף אָפּ узник (א מענטש, וואָס זיצט אין טפיסע) און пленный (א מענטש, וואָס איז גענומען אין געפענקעניש)[1]. אויך אין ייִדיש שיידן זיך אונטער די ווערטער — דער אָסיר (узник) און דער געפאנגענער (пленный).

אָבער דער עצעם פערז אנטשפּרעכט בא פיניִנבערגן פולקאָם דעם אינהאלט און דער ריטמיק פון פּוש־קינס אָריגינאל:

איך זיץ הינטער גראטעס אין פינצטערער ענג,
אן אָדלער א יונגער, דערנערט אין געפענג...

א געוויסע שוואכקיַיט פילט זיך אין דער צוויי־טער סטראָפע:

ער פּיקט זי און ווארפט, קוקט אין פענצטער, און ס'דאכט:
דאָס זעלבע, וואָס איך, האָט מיַין כאווער פארטראכט...

(Клюет и бросает и смотрит в окно,
Как будто со мною задумал одно...)

מיר זעען דאָ א קליינע ענדערונג: בא פּושקי־נען קוקט דער אָסיר אין פענצטער, פיניִנבערג האָט די פערזענלעכע, באשטימטע, ווערבאלע ווענדונג „פארשטארקט" מיט אן אומבאשטימטער — „ס'דאכט" — און דערמיט פארמינערט די ענערגיע פון דער גאנצער סטראָפע.

אין דער ליד, וועלכע איז אין דער איבערזעצונג אָנגערופן „דריַי קוואלן" (אין אָריגינאל אָן א טיטל В степи мирской, печальной и безбрежной...) זיַינען אדעקוואט איבערגעגעבן די ערשטע קוואלן:

דער יוגנט־קוואל איַילט שטורעמדיק־לעבעדיק,
ער זיצט און שיַינט און יאָגט זיך פראנק־און־פריַי,
קאסטאווער קוואל מיט דיכטונג־וועל צעשטראלטער
אונדז, די פארטריבענע אין וועלט־סטעפּ, טרינקען גיט.

אָבער „דער לעצטער קוואל" איז אָנגערופן „דער קוואל פון רו פון קאלטער", ער וועט אומ־זיסט זעטיקן דאָס הארץ, „וואָס גליט".

אין אָריגינאל לייענען מיר:

(Последний ключ — холодный ключ
забвенья,
Он слаще всех жар сердца утолит).

[1] Толковый словарь русского языка, под ред. Д. Н. Ушакова, т. 3 и 4.

מע קען אמאָל איבערגעבן די פּאָזיטיווע באַ־שטעטיקונג מיט א נעגאטיווער, וואָס לייקנט דאָס קעגנזעצלעכע, אָבער забвенье איז גאָר ניט ענלעך אַף רו, ס'האָט אן אנדער באדיַיטונג, ס'איז מער פילאָסאָפיש, דער טאָך פון דער ליד איז גע־וואָרן אין דער איבערזעצונג אן אנדערער. בא פּוש־קינען — דער הייסער קוואל פון פארגעסנהיַיט וועט זיסער פון אלץ זעטיקן די הארץ־גליִונג, איז ניט אומזיסט, ווי אין ייִדיש.

ניט געפונען האָט פיניִנבערג דאָס אנטשפּרעכיקע וואָרט אין פושקינס בארימטן „דענקמאָל". אין דער איבערזעצונג איז אלץ פארהיט: די דערהויבנקיַיט פון אן אָדע, דער געפרעסטער אנטישער ריטם, די פירשורעדיקע סטראָפע, די יאמבישע פערז־מאָס. אָבער שוין די ערשטע שורע איז איבערגעזעצט צו־פיל פריַי:

איך האָב א ווונדערלעכן דענקמאָל זיך געשאפן...

דאָס וואָרט нерукотворный — פושקינס שטארק געלונגענע האמצאָע (בא דעם רוימישן דיכ־טער האָראציִוס איז געזאָגט — „ווי קופּער, אומצע־שטערבאר") איז איבערגעגעבן דורך א באנאלן „ווונדערלעכן".

דאָס איז, עמעס, דאָס אייניציקע וואָרט, וואָס רופט ארויס אן אומבאפרידיקונג, אינגאנצן גענומען איז די ליד איבערגעזעצט טריַי און פּרעכטיק, אין איר זיַינען אפילע איבערגעגעבן די קלאנגען פונעם מאָקער:

אָ, מוזע, שטענדיק טו, ווי גאָט האָט דיר געהייסן,
פאר אוולע שרעק זיך ניט און נאָך קיין קראנץ ניט גאר,
דו נעם קאלטבלוטיק אוף די לויב, די רייד, די בייזע —
און שפּאר זיך קיינמאָל מיט קיין נאר.

פיניִנבערג האָט ארויסגעלאָזט א ביכעלע מיט לערמאָנטאָווס לידער[1], ווו ער האָט טריַי איבערגע־געבן די טראגישע מוזע פונעם גרויסן רוסישן דיכ־טער. גלענצנד זיַינען איבערגעזעצט „דער שטארבנ־דיקער גלאדיִאטאָר", „דער קינזשאל", „פאראן זיַי־נען ווערטער" און אנד. אָבער צו איין ליד האָט ער ניט געפונען דעם געהעריקן פּאָעטישן שליסל — צו דעם „זעגל":

אין יאם א וויַיסער זעגל וואנדערט
באם בלויען נעפּלדיקן ראנד,
וואָס זוכט ער אום אין וויַיטן לאנד דאָרט?
ס'האָט וואָס פארלאָזט אין היימאט־לאנד?

דאָס איז די ערשטע סטראָפע אין פיניִנבערגס איבערזעצונג, אין איר איז פארהיט דער אלגעמיי־נער „אָטעם", אָבער די פּאָעטישע בילדער זיַינען איבערגעגעבן לעפּעיִערעכדיק, ס'איז ניט אונטערגע־שטראָכן די איינזאמקיַיט פונעם זעגל, וואָס שפּילט א גרויסע ראָליע אינעם אידייִישן אינהאלט. אָנשטאָט דעם ראכוועסדיקן יאם־נעפּל איז געוואָרן א ראנד. אויך אין דער לעצטער, דריטער סטראָפע, זיַינען פאראן בלויזן:

[1] מ. יו. לערמאָנטאָוו. לידער, ייִדיש — ע. פיניִנ־בערג. פארלאג „דער עמעס", 1940.

ס׳פּליסט אונטער אים א שטראָם א מילדער,
א שטראַל פון גינגאָלד שײַנט אים צו,
און ער נאָך שטורעם בענקט, דער ווילדער,
באַגלײַך דער שטורעם שענקט די רו.

אין עטלעכע יאָר ארום האָט די ליד איבערגע-זעצט עמאנויל קאזאקעוויטש. בא אים קלינגען אזוי די אויבנגעבראַכטע סטראָפעס:

אין בלויען יאם אין גרענעצלאָזן
א ווײַטער זעגל איינזאַם העלט...
וואָס האָט ער אין דער היים פאַרלאָזן?
וואָס זוכט ער אין דער ווײַטער וועלט?
...פון אונטן הוידעט די לאזור אים,
פון אויבן באָדט אים העלע שײַן,
און ער, דער אומרו, גארט נאָך שטורעם,
ווי רו זאָל אין דעם שטורעם זײַן.[1]

„ער, דער אומרו, גארט נאָך שטורעם" איז פּינקטלעכער געזאָגט, איידער בא פינינבערגן. אויך „באַגלײַך דער שטורעם שענקט די רו" איז עפּעס אנדערש אין פאַרגלײַך מיט „ווי רו זאָל אין דעם שטורעם זײַן". די צוויי יידישע דיכטער האָבן זיך, אזוי צו זאָגן, ארײַנגעלאָזט אין א פאַרמעסט, און פון דעם האָט אויסגעוווּנען די יידישע פּאָעזיע.

פּושקין קלינגט בא פינינבערגן א סאַך נאַטירלעכער. די איבערזעצונג פון דער ליד „כמארע" איז בא אים, קאָן זײַן, עטוואָס א סוביעקטיווע, אָבער אדאַנק דעם, וואָס ער האָט פאַרהיט די פּאָעטישע סטרוקטור, די פערז־מאָס — דעם אמפיבראַכי, קלינגט די ליד אויך אין יידיש ביז גאָר שיין:

דו, כמארע, די לעצטע פון שטורעם צעזייטן,
דו טראָגסט איין־אליין זיך אין הימלשע ברייטן...

זייער לײַכט און פרײַ קלינגט בא פינינבערגן דער פירפיסיקער יאמב פון „יעווגעני אָניעגין":

באם פעטער — לײַטישסטע געזעצן,
ער איז געוואָרן ערנסט קראַנק,
האָט ער געצוווּנגען, מ׳זאָל אים שעצן,
ס׳איז א גרויסמוטיקער געדאַנק.

דאָס איז די ערשטע סטראָפע פונעם ראָמאַן, זי איז גאָר ניט פּינקטלעך, אין איר זײַנען אויסגענוצט טיפּיש־יידישע ווערטער און רייד־ווענדונגען, און טאַקע דעריבער דערגרייכט דער דיכטער טרײַהײַט צום אָריגינאַל.

פינינבערגס גרעסטע דערגרייכונג איז די איבערזעצונג פון געטעס „פאוסט"[2]. אף וועלכער דער יידישער דיכטער האָט געאַרבעט, ווי עס ווײַזט אָן דער קריטיקער ה. בעריאָזקין, קימאט דאָס גאַנצע שעפערישע לעבן[3]. פינינבערגס ארבעט איבער „פאוסט" דאַרף מיט רעכט צוגערעכנט ווערן צו די בעסטע דערגרייכונגען פון דער יידישער איבערזעצערישער קונסט.

„פאוסט" איז א ווערק זייער א קאָמפּליצירטס, ס׳איז בא פילאָסאָפישע טראַגעדיע, ווו עס זײַנען אוועקגעשטעלט די טיפסטע פראַגן פונעם מענטשלעכן זײַן. אָנגעשריבן איז דאָס ווערק אין א פאַרשיידנאַרטיקן נוסעך: פאוסטס פילאָסאָפישע מאָנאָלאָגן בײַטן זיך מיט מעפיסטאָפעלס ווולגארע, ציני-שע רייד, מיט גרעטכענס לירישע מאָטיוון, מארטעס שטייגערישער פּלאַפּלערײַ, וואַגנערס טרוקענע, ראַציאָנאַליסטישע ארויסזאָגונגען. עס הערן זיך מאָלערעציכעדיקע רעפּליקעס פון שיידים, עס קלינגט די נידעריקע שפּראַך פון שיקערע יונגעלײַט, די מיסטישע כאָרן פון רוכעס. און ווי פאַרשיידנאַרטיק איז די ריטמיק פון דער טראַגעדיע: דער טראַדיציאָנעלער דײַטשישער קניטעלפערז — באנאנד מיט אנדערע קאָמפּליצירטע פערז־מאָסן. און דאָס איז איבערגעשמאָלצן אין אן איינהײַטלעכן האַרמאָנישן סטיל. איבערגעבן אין אן אנדער שפּראַך אָט די פּאָליפאָניע, די פילשטימיקײַט איז א ביז גאָר שווערע פּאָעטישע אופגאבע, און זייער ווייניק דיכטער האָט זיך עס אײַנגעגעבן. ס׳איז באוווסט, אז אף רוסיש האָבן די טראַגעדיע געפּרוווט איבערזעצן בא צוואַנציק פּאָעטן, אָבער ניט אלעמען איז עס געלונגען. אפילע א. פעט, וו. בריוסאָוו האָבן די אופגאבע פולשטענדיק ניט געלייזט. אין יידיש האָט מען „פאוסט" ביז פינינבערגן שוין געפּרוווט איבערזעצן. אין 1911 יאָר איז אין ניו־יאָרק ארויס א פירבענדיקע אויסגאבע פון געטעס ווערק אין יידיש (איבערזעצער — מ. הערמאַלין). „פאוסט" פאַרנעמט דאָ דעם דריטן באַנד (אין דעם פאַל איז אפילע ניט פּאַסיק דאָס וואָרט — איבערגעזעצט, ס׳איז ריכטיקער — איבערדערציילט אף א דײַטשמעריִשן אופן, קיין שום אָנדײַט אף פּאָעזיע). עזרא פינינבערג האָט איבערגעגעבן די דאָזיקע טראַגעדיע אינעם ליטעראַרישן פּאָעטישן יידיש. אָט וואָזוי פאוסט הייבט אָן בא אים זײַן ערשטן מאָנאָלאָג:

אַך, די פילאָסאָפיע באוווסט איז מיר,
אויך די יורי און אויך די מעדיצין...
איך האָב די טעאָלאָגיע שטודירט,
זיך קוים דערשלאָגן צו איר זין.
און וואָס האָב איך געקראָגן מיר דערפאַר?
פונקט ווי געווען, דער זעלבער נאַר!

דאָ אין טרײַ איבערגעגעבן סײַ די ריטמיק, סײַ דער טיפער פילאָסאָפישער אינהאַלט פונעם אָריגינאַל, ווי אויך די זעלבסט־איראָניע פונעם העלד.

אין א סאַך אנדערע פאַלן האָט פינינבערג אויך געפונען דעם געהעריקן יידישן עקוויוואַלענט. אָט ענטפערט מעפיסטאָפעל דעם גאָט אף זײַן פראַגע, צי קען ער פאוסטן. מעפיסטאָפעל גיט פאוסטן אזא כאראַקטעריסטיק:

מעשוגע, כ׳לעבן, ס׳דינען אײַך ער טוט באַווײַזן.
ניט ערדיש זײַן געטראַנק, זײַן שפּײַז איז.
ס׳טרײַבט אומרו אים אין אלדי ווײַט פאַרפאַלן ווערן.
ער פילט, דאכט זיך, אליין שוין, אז ער איז צעמישט,
באם הימל פאָדערט ער די שענסטע שטערן,
בא ערד — א טײַנעג, וואָס איז הייס און זיס.
סײַ ווײַט, סײַ נאָענטקײַט איז ער ניט גערן,
זײַן אופגערעגטע ברוסט זיי שטילן נישט.

אין די דאָזיקע שורעס איז אויסגענוצט דער יידישער זאַץ־בוי, פאַרשיידנאַרטיקע לעקסיק און ווו

[1] מ. יו. לערמאָנטאָוו. אויסגעוויילטע ווערק, אונטער דער רעדאַקציע פון א. קושניראָוו און א. גורשטיין. פאַרלאַג „דער עמעס", 1946, ז. 95.
[2] יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע. פאוסט. ערשטער טייל, יידיש — עזרא פינינבערג, „עמעס", מ., 1937.
[3] זע: ה. בעריאָזקין, עזרא פינינבערג. „סאָוועטיש היימלאַנד", 1978, נומ. 8, ז. 139.

ס׳איז נייטיק — אויך העברעישע לעקסיק, און אלץ איז אין געטעס נוסעך.

ניט האָבנדיק דאָ קיין שום מעגלעכקייט צו געבן א געניועם אנאליז פון אָט דער איבערזעצונג פינינ־בערגס, וויל איך זיך אָפּשטעלן כאָטש אף אייניקע ערטער, אזוי צו זאָגן, שווער איבערזעצבארע. זייער וויניק רוסישע איבערזעצער האָט זיך איינגעגעבן, לעמאָשל, טריי איבערגעבן גרעטכענס ליד בא דער שפּינראָד. געטע האָט די ליד געשאפן אפן גרונט פון א פאָלקס־מאָטיוו, און ס׳האָט זיך באקומען זייער אן עמאָציאָנעל, מעלאָדיש און טיף־ליריש דיכטע־ריש ווערק. אויך אין יידיש זיינען פארהיט די דאָ־זיקע אייגנשאפטן:

פארשוווּנדן מיין רו,
שווער מיין געמיט,
מיר וועט שוין ניט גרינג זיין,
קיינמאָל ניט.
אָן אים איז די שטוב
א פינצטערע גרוב.
מיר האָט זיך געפעלט
די ליכטיקע וועלט.

פינינבערג האָט טריי איבערגעגעבן סאמע פאר־שיידענע טענער פון דער טראגעדיע, באזונדערס איז אים געלונגען איבערזעצן געטעס אפאָריסטישע אויסדרוקן.

ער האָט באשיימפערלעך באוויזן זיין געניטקייט אין איבערשליסן דעם לייענער פון איין סטיליסטישן רעגיסטער אף אן אנדערן. אָט רעדט בא אים איינער פון דער קאָמפּאניע אין אויערבאכס ווינקעלער:

וויל קיינער ניט טרינקען, ניט לאכן, ניט שרייען?
איך וועל אייך אויסלערנען מאכן האוויעס!..

און אָט רעדט פאוסט שארפזיניק און קאטעגאָ־ריש:

פארשאָלטן זיי, דערשיינונג־העלקייט,
וואָס זיך צו אונדזער זינען רייסט,
פארשאָלטן זייט, איר, טרוימען צארטע,
דו, רום! דו, בלענדזעניש פון יעדן מין!

גלענצנדיק איז איבערגעגעבן דער הומאָריסטיש־איראָנישער סטיל פון דער סצענע „דער מאכעשיי־פעס קיך". עס ווערן דאָ אויסגענוצט אפילע רוסי־שע לעקסישע עלעמענטן. די מאכעשייפע דערלאנגט פאוסטן איר געטראנק און זאָגט: „איז מיטאמאָל, און ביזן דנאָ, א טרונק איצט טו!"

עזראָ פינינבערגס איבערזעצונג פון געטעס „פאוסט" איז מייסטעריש אין אלע קאָמפּאָנענטן, מע קאָן בלויז באדויערן, וואָס דער יידישער דיכטער האָט ניט באוויזן צו פארענדיקן זיין ארבעט און געבן דעם לייענער אויך דעם צווייטן טייל פון דער בארימטער טראגעדיע.

דער פאָרשונג שטייט נאָך פאָר באווייזן די צווישנבאציונגען פון פינינבערגס אייגענער שאפונג און זיינע איבערזעצונגען און איבערדיכטונגען, מע קאָן אָבער אָן שום סאָפעק זאָגן, אז די דאָזיקע איבערזעצונגען האָבן באריייכערט די גאנצע יידישע פּאָעזיע.

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונזערע לייענער

פארברעכערישקייט אין ייִסראָעל

איך האָב געהערט אין דער ראדיאָ, אז אין ייִסראָעל איז די אָרגאניזירטע פארברעכעריש־קייט העכער, איידער אין אלע לענדער פון מייִרעוו. מיט וואָס קאָן מען דערקלערן די סיבע דערפון?

וו. נ א ס א נ אָ וו, נאָוואָסיבירסק

דער יאָר־אומזאץ פון די פארברעכערישע אָרגאניזאציעס אין ייִסראָעל באטרעפט אומגע־פער 6 — 10 פראָצ. פונעם גאנצן נאציאָנאלן הורט־פראָדוקט אין דער מעדינע. לויט אָט דעם צייגער האָט דער אומלעגאלער אונטערערדישער ביזנעס דאָ אריבערגעיאָגט אפילע די אמעריקאנער מאפיע. אין ייִסראָעל גופע שטייט ער אָפּ (אויב רעכענען נאָר די מיטלען, וועלכע לאָזן זיך קאָנטראָלירן) בלויז לעגאבע דער ארמיי. דער ענגלישער זשורנאל „עקאָ־נאָמיסט" שרייבט: „גאנצע צווייגן פון דער ייִסראָעל־עקאָנאָמיק האָבן מיט דערפאָלג אנעקסירט די גענגס־טערס".

די אומגעהערטע פארשטארקונג פון דער אָרגאני־זירטער פארברעכערישקייט אין ייִסראָעל איז צו דערקלערן קוידעמקאָל דערמיט, וואָס די גענגסטערס האָבן פעסטע פארבינדונגען מיט די פארשיידענע פּאָליטישע אינסטיטוטן פון דער ציִעניסטישער מע־לוכע. די דאָרטיקע פּאָליציי, וועלכע טראכט מער וועגן דערשטיקן די ארויסטרעטונגען פון דער ארא־בישער באפעלקערונג, לאָזט אראָפּ די הענט און בלייבט אומבאהאָלפן, ווען עס האנדלט זיך וועגן פירן א קאמף קעגן פארברעכערישקייט. נאָך מער, די לעצטע צייט טרעפן זיך אלץ אָפטער פאלן, ווען די פּאָליציי־לייט אליין נעמען אן אָנטייל אינעם בא־רויבן די באפעלקערונג, זיי פירן א מין קאָנקורענץ מיט די גענגסטערס.

די קאָרופּציע האָט אָבער אָנגערירט ניט בלויז די פּאָליציי. דער זשורנאל „איסראעל עקאָנאָמיסט" שרייבט, אז „די מעגלעכקייט צו ווערן גיך רייך שאפט א פּאָזיטיווע באציונג פון פיל פאָרשטייער פון דער פּאָליטישער און געשעפטלעכער עליטע אין ייִסראָעל צו די קאָנטאקטן מיט דער פארברעכערי־שער וועלט".

„העלדן" פון פינאנץ־סקאנדאלן, ווי אויך פון קאָ־רופּציעס ווערן קאָלערליי מעלוכע־אָנגעשטעלטע, אָנ־געהויבן פון קליינע באאמטע און ענדיקנדיק מיט פאָרשטייער פון די העכסטע ספערן. עס איז גענוג צו זאָגן, אז דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל ייִצכאָק ראבין איז געווען געפּאָרשט פאר פינאנסיעלער ניט ערלעכקייט און דער איצ־טיקער פּרעמיער מענאכעם בעגין האָט זיין קאריער אין דער ציִעניסטישער מעלוכע אָנגעהויבן אלס פּאָליטישער גענגסטער און טעראָריסט.

ש. סולטאנאָוו

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

פּולנער, יעשוע
(1900 — 1942)

— עטנאָגראַף, ביבליִאָגראַף, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין שטעטל סנאָווסק, געוועזענע טשערניגאָווער גובערניע. נאָכן פאַרענדיקן די האָמלער פּריוואַטע גימנאַזיע, אין 1919, געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג. אַריבערגעפאָרן קיין לענינגראַד, פון וואַנען מע קאָמאַנדירט אים אין 1924 אין די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד לעפּעל און ראַהאַטשאָוו דורכצופירן עטנאָגראַפישע פאָרשונגען. אין 1926, נאָכן ענדיקן די לער אַף דער עטנאָגראַפישער אָפּטיילונג פונעם געאָגראַפישן פאַקולטעט פון דעם לענינגראַדער מעלוכישן אוניווערסיטעט, לאָזט ער זיך אַוועק אין אַן עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע קיין קוטאַיסי, וווּ ער זאַמלט אָן א גרויסן מאַטעריאַל וועגן די גרוזינישע ייִדן. ער פירט אויך דורך (1927) אַן עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע אינעם ייִדישן דאָרף זאַווערעזשיע (ווײַסרוסלאַנד). אין די יאָרן 1928—1929 פאָרט ער ווידער קיין גרוזיע אַף צו פאָרשן דאָס לעבן און שטייגער פון די גרוזינישע און באַרג־ייִדן. אין 1930 פאַרענדיקט ער דעם אוניווערסיטעט און באַקומט א דיפּלאָם פון אַן עטנאָגראַף קאַווקאַז־קענער. אין דעם זעלבן יאָר אָרגאַניזירט ער אַן עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע אין די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד. ער ווערט באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פונעם ייִדישן אָפּטייל פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליִאָטעק אַף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען און אין 1937 — אַלס פאַרוואַלטער פונעם ייִדישן אָפּטייל אין לענינגראַדער מעלוכישן עטנאָגראַפישן מוזיי. פאַרטיידיקט א קאַנדידאַט־דיסערטאַציע אַף דער טעמע „כאַסענע־מינהאָגים בא ייִדן". געשטאָרבן איז פּולנער בייס דער לענינגראַדער בלאָקאַדע אין יאַנוואַר 1942.

ווערק: באַוועגלעכע און ספּאָרטיווע מאַסן־שפּילן אין שטעטל (צוזאַמען מיט ד. בענציִאַנאָוו), „שול און בוך", מאָסקווע, 1925; פון דעם לעבן אין דער שטאָט האָמעל (אין רוסיש) אין דער זאַמלונג אונטער דער רעדאַקציע פונעם פּראָפעסאָר באָהאָראַז־טאַן, מאָסקווע, 1925, פאַרלאַג „גיז", זז. 157—196; ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן וועגן שפּײַז (א טייל פונעם בוך איז פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 12, 1975); ביבליִאָגראַפיע פון דער ייִדישער אוטאָנאָמער געגנט פאַר די יאָרן 1928 — 1934, דער ערשטער טייל איז פאַרעפנטלעכט אַף ייִדיש, אוקראַיִניש און ווײַסרוסיש אין 1935 אין די מאַטעריאַלן פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליִאָטעק אַף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען; ביבליִאָגראַפישע איבערזיכטן „ייִדישע שפּראַכקענטעניש אין ראַטנפאַרבאַנד" און „ליטעראַטור וועגן די מיטלאַזיִאַטישע און קאַווקאַזער ייִדן" — די קסאַוויאַדן געפינען זיך אין לענינגראַדער עטנאָגראַפישן מוזיי.

ביבליִאָגראַפיע: דאָס לעבן און די אַרבעט פון אַן עטנאָגראַף, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 12, 1975; כ. ביידער, לענינגראַדער מאָטיוון, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1, 1974.

פּלאַווניק, בער
(1886 — 1955)

— פּובליציסט, ליטעראַטור־קריטיקער, איבערזעצער. געבוירן אין מינסק. פון 1907 ביז 1918 געווען טעטיק אין דײַטשלאַנד אין דער רעוואָליוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „ספּאַרטאַק", מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט ק. ליבקנעכט און ר. ליוקסעמבורג. אין נאָיאַבער 1918 ווערט ער אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון דײַטשלאַנד. געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווערט ער באַשטימט אַף פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. געאַרבעט אין פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערן־האַנדל, איינציִיק אינעם קאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע איניאָנים. דרוקט אַרטיקלען אין די זשורנאַלן „קולטור און בילדונג", „די קאָמוניסטישע וועלט", אין די צײַטונגען „דער עמעס", „אייניקייט", אינעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד" אין סאָף פון די 30־ער יאָרן זעצט ער איבער אַף רוסיש (פון דײַטש און ענגליש) ווערק פון ק. מאַרקס און פ. ענגעלס, שרײַבט אַרטיקלען וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור, זעצט איבער אַף רוסיש אייניקע שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען.

ווערק: דער אָקטיאַבער־יאָמטעוו, „די קאָמוניסטישע וועלט", נומ. 9, 1919; מע קאָן ליב האָבן די דאָזיקע מענטשן (רעצענזיע אַף כ. זילבערמאַנס בוך „ווי לאַנג עס איז געווען", אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1948), אַלמאַנאַך „היימלאַנד", נומ. 7, 1948.

ביבליִאָגראַפיע: „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 6, 1966.

◇ ◇ ◇

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1981

ראָמאַנען, דערציילונגען, לירישע מיניאַטורן, פּיעסן, נאָוועלן, פאַרצייכענונגען, עסייען

דאָקומענטאַל־קינסטלערישע פאַרצייכענונגען (נומ. 1): יידישע אויטאָנאָמע געגנט. י. בורג — באַ זיך. ב. און א. בורשטיין — אין 40 יאָר אַרום. כ. ביידער — דראָזשניע — מאָסקווע. א. גאָנטאַר — וועגן קרייצן זיך איבער. ש. גאָרשמאַן — בילדלעך פון וועג. כ. גורעוויטש — בלוין דרייַ באַגעגענישן. ט. גען — אין טאָרזשאָק; אין פּאַלאַנגע אָפּן פּליאַזש. א. ליזען — דאָס אומגעוויינלעכע אינעם געוויינלעכן. ב. מאָגילנער — גוורע. ב. מילער — צווייַגן און צווייַגעלעך. כ. מעלאַמוד — אין רויש פון די ווייצן. ה. פּאָליאַנקער — א יאַם מיט אַרבעט. ר. פּוסטילניקאָוו — צופוס איבערן לאַנד. פּ. פּלאָטקין — דאָרט, ווו עס פליסט די בערעזינא. ה. רעלעס — אין זשיטקאָוויטשי. י. שוסטער — גרינע צעכן. ב. שיינגאַוטער — זומער.

א. ווערגעליס — די קאָלעקטיווע שעפערישע עקספּעדיציע דויערט.

א. איינהאָרן — נאָטיצן וועגן מעדזשיבאָזשער געטאָ. נומ. 4, ז. 84.

וו. באַרייַעוו. א פייַל אין דער ריכטונג פונעם אָקעאַן (היסטאָרישע פאַרצייכענונג). יידיש — מ. איטקאָוויטש, נומ. 3, ז. 48.

דאָס וואָרט וועגן קאָמוניסטן (נומ. 2, ז. 25). ב. האַלפערן — א לעבן פול מיט קאַמף. ל. קופּערמאַן, י. בירגער. אַלע צען פינפיאָרן. ד. כייַקינע. אונדזער מיטצייַטלערן ז. זילבערשטיין.

א. באָרשטשאַגאָווסקי. די נאַכט ערעוו באַבי יאַר (דראַמע). א וואָרט פונעם אויטאָר. יידיש — נ. לוריע, נומ. 9, ז. 16.

ב. און א. בורשטיין. מאַכעשייפע; די מאַטאָנע (דערציילונגען). נומ. 3, ז. 40.

וו. בעליאַיעוו. שכיינים (דערציילונג). נומ. 11, ז. 99.

א. גאָנטאַר. צוויי דערציילונגען. נומ. 6, ז. 79.

ש. גאָרשמאַן. ווי אַן אייגענע טאָכטער; די מאַמע האָט געטראָפן (דערציילונגען). נומ. 4, ז. 52. נייַע דערציילונגען (צום 75־טן געבורטסטאָג); שטייגערישע נאָוועלן. נומ. 9, ז. 74.

ט. גען. טעג פון אונדזער לעבן; דיביימער רוישן און אַנדערע דערציילונגען. נומ. 3, ז. 4. דער פלאַמיקער באַגינען (א דערמאָנונג). נומ. 4, ז. 49.

י. גרוביאַן. פינף הומאָרעסקעס. נומ. 10, ז. 115.

אי. דרוקער. מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו (ראָמאַן). נומ. 11, נומ. 12, ז. 12.

ב. האַלפערן. א ראַנדעוווּ מיט פּאַלאַנגע (דערציילונג). נומ. 3, ז. 24.

כ. טאַבאַטשניקאָוו. צוויי מונדירן. (אילוסטרירט ה. אינגער). נומ. 7, ז. 22.

וו. טאָמין. לעקאָוועד דעם לעבן (פראַגמענטן פון א בוך). נומ. 7, ז. 72

נאָטע לוריע (צום 75־טן געבורטסטאָג). איך וועל קיינמאָל זיך עס ניט מויכל זייַן (דערציילונג). נומ. 2, ז. [illegible]3

א. ליזען. נייַע מאָנאָלאָגן. נומ. 7, ז. 62.

לירישע מיניאַטורן פון מ. ראַזומני (צו זייַן 85־טן געבורטסטאָג), ב. מילער, י. שרייַבמאַן. נומ. 10, ז. 25.

ב. מילער. פּראָסט און פּאָשעט (דערציילונגען). נומ. 2, ז. 96.

ז. נעמיק. אכציק דער מאַמען, זעכציק דעם זון (א פאַמיליען־כראָניק פון אָנהייב די דרייַסיקער יאָרן). נומ. 5, ז. 11.

ה. פּאָליאַנקער (צום 70־טן געבורטסטאָג). אונדזער גוטער פרייַנט (דערציילונג). נומ. 2, ז. 55.

וו. קאַרפּאָוו. א רייַזע קיין ייִסראָעל. יידיש — מ. איטקאָוויטש. נומ. 4, ז. 102.

ה. ראַבינקאָוו. בערעס פּאַרטאַגן (דערציילונג). נומ. 3, ז. 35.

ר. רובין. אַזאַ מין טאָג (דערציילונג. אילוסטרירט מ. יאַכילעוויטש). נומ. 5, ז. 19.

מ. ריאַנט. א סעדל באַ די פענצטער (דערציילונג). נומ. 3, ז. 57.

י. שוסטער. א פאַרהאַרטעוועטער כאַראַקטער (פאַרצייכענונג). נומ. 9, ז. 83.

ב. שיינגאַוטער. זומער; אַזוי איז געווען (דערציילונגען). נומ. 9, ז. 67.

ווערק פון סטודענטן. ב. סאַנדלער. דרייַ נאָוועלן; מ. פּענס. דאָס פלאַקאַטל; וו. טשערנין. שאָלעם־אַלייכעם אַף עספּעראַנטאָ. נומ. 12. ז. 140.

ווערק פון אויסלענדישע שרייַבער. מ. גיציס. טשיקאַגאָ. פּשאַ. (צוויי דערציילונגען). נומ. 5, ז. 61.

נייַע איבערזעצונגען. י. בריל. דער באַגינען, וועלכן איך האָב דערזען פונדערווייַטן. פון ווייַסרוסיש ה. רעלעס. נומ. 6, ז. 99.

י. דאָקוטשייַעוו. אַזאַ איז ער געווען. יידיש — ב. רויזען. נומ. 10, ז. 92.

א. טווערסקאָי. שייַן און אָפּשייַן. פראַגמענטן פונעם בוך „דער טערקישער מאַרש". יידיש — ש. דאָנגאַר, נומ. 3, ז. 76.

י. לאָסעוו, איגאָר טשקאַלאָוו. דער רוסישער גוואַר (פראַגמענט פון א קינאָ־סצענאַרי וועגן וו. טשקאַלאָוון). נומ. 12, ז. 94.

לידער און פּאָעמעס

די ליד וועגן דער וווּנדערלעכער וואָר:
א. בעלאָוסאָוו — די האָפענונג; מ. ליפשיץ — מײַן ערד; כ. ביידער — מיט מײַן פּאַרטיי; פ. פלאָטקין — לענין אין מײַן לעבן, דער אַלטער קאָמיסאַר; ב. סינעלניקאָווא — איך וווין אַפן דרײַסיקסטן שטאָק; ב. מילער — וווּנדערלעכע וואָר; ב. מאָגילנער — דער פּאַרטיי-בילעט. נומ. 2, ז. 3.

ס. באַרוזדין. לידער וועגן אינדיע. ייִדיש — א. ווערגעליס. נומ. 2, ז. 39.

י. בוכבינדער. דער עמעס, וואָס ווערט, ווי די זון, ניט פאַרלאָשן. נומ. 10, ז. 38; הער מיך אויס. נומ. 11, ז. 19.

כ. ביידער. שאָלעם-אַליכעמס אַף דער פּלאַנעטע מערקורי און אַנד. לידער. נומ. 4, ז. 66; מײַ-סעלעך אין פערזן (איליוסטרירט פון ב. רישמאַן). נומ. 9, ז. 87.

ה. בלאָשטיין. ווי קלוג איז דײַן שיינקייט! נומ. 4, ז. 124.

מ. גאָלבשטיין. טשאַנגאַלי. נומ. 11, ז. 15.

א. גאָנטאַר. ליבע מײַנע. נומ. 3, ז. 108; אַלץ איז אומגעריכט. נומ. 5, ז. 107; אין לאַנד פון זיקאָרן. נומ. 8, ז. 101.

כ. גורעוויטש. קום צו פליִען. נומ. 7, ז. 20; דער גוטערפרײַנט און אַנד. לידער. נומ. 11, ז. 82.

מ. גרוביאַן (פון דער שעפערישער יערושע). נומ. 7, ז. 68.

מ. גרוּומאַן. פּאָרויס אַנטקעגן נײַע וועלטן. נומ. 4, ז. 40; אייביק, ווי די זון. נומ. 5, ז. 57; פונעם מילכאָמע-בלאָקנאָט. נומ. 6, ז. 75; ריינקייט. נומ. 11, ז. 18.

ש. דריז (פון דער דיכטערישער יערושע). לידער. נומ. 6, ז. 123.

ל. העלער. מי — דאָס איז קונסט. נומ. 11, ז. 18.

א. ווערגעליס. פונעם ציקל „רינג נאָך רינג" (לידער). נומ. 3, ז. 62; נומ. 9, ז. 11; פונעם ציקל „זיכרוינעס פון דער ווײַט". נומ. 4, ז. 96. די פרוי אַף דער מילכאָמע און אַנד. לידער. נומ. 9. ז. 11; הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער אין דער איבערזעצונג פון א. ווערגעליס. נומ. 7, ז. 152; פון דעם ציקל „זיכרוינעס פון דער ווײַט" נומ. 11, ז. 111.

וו. ווערניק. צי קאָן איך דען? נומ. 7, ז. 20; פלויטן. נומ. 11, ז. 17.

ד. כאַראָל. אווטאָ. נומ. 7, ז. 19.

ד. כײַקינע. דער אָנהייב. נומ. 4, ז. 47; אויסגעפוצט אין פײַער (לידער). נומ. 6, ז. 95; שטייט מײַן שטוב אינמיטן וועלט. נומ. 11, ז. 14.

סעם ליפּצין. לידער. נומ. 3, ז. 154.

מ. ליפשיץ. עס לויפן ווערסטן. נומ. 7, ז. 18; נומ. 10, ז. 20.

פ. מאַרקיש. פון דער פּאָעמע „יערושע" (פון דער שעפערישער יערושע). אומבאַוווּסטע פראַגמענטן. נומ. 9, ז. 57.

ב. מאָגילנער. עס טראָגט זיך די רויטע ראַקעטע פאַרשײַט. נומ. 4, ז. 46; דאָס געזאַנג וועגן אומרו. נומ. 5, ז. 54; נומ. 12, ז. 90.

מ. מאָגילעוויטש. אין קאָסמישע הייכן. נומ. 4, ז. 48; א פּאָלקס-מאָטיוו. נומ. 11, ז. 17.

ב. סינעלניקאָווא. ניצאָכן. נומ. 7, ז. 18; ווי עפעס וואָלט מיט מיר געטראָפן. נומ. 11, ז. 16.

פ. פלאָטקין. מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל. נומ. 3, ז. 3; דער אויסגעצייכנטער פרימאָרגן. נומ. 11, ז. 14.

פ. קיריטשאַנסקי. ווי א לעבנס-קוואַל. נומ. 7, ז. 60.

מ. ריִאַנט. מײַן וועג. נומ. 7, ז. 21; א גוטער סימען. נומ. 12, ז. 8.

ה. רעלעס. אין קיניגרײַך פון מײַן יוגנט (ליריִשער רעפּאָרטאַזש). נומ. 2, ז. 102; פון קינדווײַז שוין באַוווּסט... (וועגן דעם פּאַרטיזאַנער ש. בערקאָוויטש, וואָס איז אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע געווען אונטערערדישער סעקרעטאַר פון פינסקער שטאָטקאָם פון קאָמיוג). נומ. 10, ז. 111.

מ. שטורמאַן. א שמועס מיטן אייניקל. נומ. 11. ז. 19.

פ. שטיינבערג. איבער סטעפּיש ברייטער ראַכוועס; מײַן יוגנט (אַרײַנפיר-וואָרט „מיט א הייס האַרץ" — פון כ. ביידער). נומ. 6, ז. 20.

לידער פון אונדזערע פרײַנט. עסטער רימער (אַרגענטינע). קינד מײַנס; הערי ווילקעס (פּשאַ). אונדזער צײַט; דאָרע טייטלבוים (פּאַריזש). שמוליק; י. ע. סאַפּראַן (פּשאַ). געשריי פון געוויסן. נומ. 5, ז. 79. א. שטענצל (לאָנדאָן). דרײַ לידער. נומ. 7, ז. 120.

נײַע איבערזעצונגען. נומ. 3, ז. 93—95. ז. וועליִכאָווא. אַעראָפּאָרט (ליד). ייִדיש — ד. כײַקינע. וו. ראַבינאָוויטש. איך פאַרשטיי ניט. ייִדיש — ב. מאָגילנער; ל. בערינסקי. דעם יונגן העלד, וואָס איז אומגעקומען הינטערן דאָרף טשערנושקי; א ליבע-געשפרעך. ייִדיש — כ. ביידער.

אונדזער קאָסמאָס-ווינקל

י. דאָקוטשײַעוו. קרישטאָלן אַף דער דלאָניע (וועגן מאַרינע פּאָפּאָוויטש — דער עקספּעריִמענטאַטאָרן, פרוי פונעם קאָסמאָנאַווט פ. פּאָפּאָוויטש). נומ. 5, ז. 3. אַזאַ איז ער געווען (וועגן יו. גאַגאַרינען). נומ. 10, ז. 42. ייִדיש — ב. רויזען. יו. ווערטשענקאָ. די טקופע פון מענטשלעכקייט. ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. נומ. 9, ז. 3. וו. מיטראָשענקאָוו. דער ערשטער פון דער לעגענדע (יורי גאַגאַרין). פון רוסיש — א. גאָנטאַר. נומ. 1, ז. 125, נומ. 2, ז. 105. פ. פּאָפּאָוויטש. פּאָרויס צו די מעקוירים פונעם אָוואַר. ייִדיש—מ. איטקאָוויטש. נומ. 4, ז. 7. נ. צימבאַל. דער רומפולער וועג. ייִדיש — ב. רויזען, נומ. 4. ז. 7. פ. קלימוק. די פּראָפעסיע פון א קאָסמאָנאַווט. ייִדיש — ב. רויזען, נומ. 4, ז. 23. א. ניעמאָוו. מאָרגן דאַרפן מיר וויסן נאָך מער. נומ. 6, ז. 22.

די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד" פירט דורך א זיצונג אין שטערן־שטעטל („זוויאָזדנע") נום. 10, ז. 6.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

מייער אלבערטאָן (1900—1947). אף דרײַ טײַכן. שלומע טשערניאַווסקי (1909—1974). לידער פון דער שעפערישער יערושע. (נום. 2, ז. 126). מאָריס ווינטשעווסקי (1856—1932). פּובליציסטישע אַרטיקלען. (נום. 7, ז. 94).

מערקווירדיקע ביאָגראַפיעס

פּ. הערנעק. בלעטלעך פון אלבערט איינשטיינס ביאָגראַפיע. ייִדיש — ב. רויזען. נום. 3, ז. 97.

מאַריע וויי־גאָלדבערג. מײַן פאָטער שאָלעם־אַליכעם. ייִדיש — א. פּריבלודע. נום. 9, ז. 101.

קריטיק, ביבליאָגראַפיע, פראַגן פון קונסט

אנדריי בעלי. שאָלעם אש אין מינכען. נום. 10, ז. 137.

א. ו. גוראַלניק. אין שפּיגל פון פאָלקס־לעבן. נום. 3, ז. 112; מיט 40 יאָר צוריק. נום. 5, ז. 104; לעבן מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק. נום. 10, ז. 134.

א. גיצים. די ייִדישע ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע (איבערזיכט). נום. 6, ז. 125.

צו נאָטע לוריעס 75־טן געבורטסטאָג. אַרויסזאָגונגען פונעם רוסישן שרײַבער א. באַרשטשאַגאָווסקי און פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער אָלעס גאָנטשאַר. נום. 6, ז. 136.

א. יערוסאַלימסקי. די אינקונאַבעלן און דער אידעאָלאָגישער קאַמף. נום. 11, ז. 145.

י. סערעבריאַני (צו זײַן 80־טן געבורטסטאָג). דרײַ הומאָריסטן (שאָלעם־אַליכעם, טשעכאָוו, מאַרק טווען). נום. 3, ז. 129.

א. ווערגעליס. נאָטיצן אָן א סיידער. נום. 5, ז. 119.

ה. פּאָליאַנקער. פרײַנטשאַפט פון פעלקער, פרײַנטשאַפט פון ליטעראַטורן. נום. 9, ז. 122.

צו מ. קולבאַקס 85־טן געבורטסטאָג. מ. קולבאַק. דאָס ייִדישע וואָרט; פינף בריוו פון מ. קולבאַק צו ש. ניגערן. נום. 5, ז. 97.

ה. רעמעניק. דער נײַער סאָוועטישער מענטש אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נום. 2, ז. 145, נום. 3, ז. 117.

קורצע רעצענזיעס (נום. 4)

א. מאַרגאָלין. פאָלקסטימלעכע נעגינע (וועגן א. גאָנטאַרס „דער מאָרגנשטערן". „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מ., 1980).

א. ו. גוראַלניק. מיט די אייגענע אויגן (וועגן ז. ווענדראָפס בוך „אונדזער גאַס", אַרויסגעגעבן אין רוסיש „כודאָזשעסטווענאיאַ ליטעראַטורא". מ., 1980).

ה. רעלעס. ריווע באַליאַסנעס לעצטע לידער־זאַמלונג („דער גאָלדענער בלעטערפאַל". „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מ., 1979).

כ. מעלאַמוד. אין נאָמען פון די לעבעדיקע און פון די טויטע (וועגן מישע לעווס ראָמאַן „דער מישפּעט נאָכן אורטייל". „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מ., 1980).

איריַנא שקאַראָווסקאַיאַ. דאָרע כײַקינעס קינדער־לידער (ד. כײַקינע. „מיט ווֶעמען טרעפט ניט אַזוינס?". פאַרלאַג „מאַליש", מ., 1979).

ד. בעלקין. ביכער וועגן העלדן (וועגן די ביכער „גאָלדענע שטערנס פון פאָלעסיע" און „דער וועג צו אומשטערבלעכקײַט". אַווטאָר אי. ש. נעגאָסטײַעוו).

ב. האַלפּערן. „אין דער איבערזעצונג אף דײַטש" (וועגן מאַרק ראַזומניס בוך „אויך אין האַרבסט בליִען די ביימער" אין דער איבערזעצונג אף דײַטש און אַרויסגעגעבן דורכן „אוניאָן־פאַרלאַג", בערלין, 1979. איבערזעצער — יורגען רענערט).

ל. דאַדיִאַני. „יאָ, פרײַהײַט" (ביולעטען וועגן דער פאַרבינדונג פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג). פּאַריזש, 1979—1980.

א. טאָרפּוסמאַן. אָנצײַגער (ספּראַוואָטשניק) פון פּערזאָן־נעמען פון די פעלקער פון רספסר (אינעם „אָנצײַגער" איז פאַראַן אויך אַן אָפּטייל „ייִדישע נעמען". אַווטאָר פונעם אָפּטייל — אַווראָם פּריבלודע). פאַרלאַג „רוסקי יאַזיק", מ., 1979.

נ. וועליכאָוואַ. די נאַכט ערעוו באַבי יאַר. נום. 7, ז. 141.

ז. ליבינזאָן. אף די שפּורן פון מוישע מענדעלסאָן. נום. 9, ז. 118; די טראַגיק און דער טריִומף פון סט. צווייג. נום. 11, ז. 115. די קונסט פון איבערזעצונג. נום. 12. ז. 161.

טוער פון טעאַטער. כ. שמאַיאַנאָק. קאַלזמאַן דאָס האַרץ וועט קלאַפּן (וועגן דעם ייִדישן אַקטיאָר כאַיִם געלפאַנד). נום. 4, ז. 150.

מ. קאָטליאַראָוואַ. א לאַנג און פרוכטבאַר לעבן (וועגן דעם רעזשיסער און פּעדאַגאָג אַלעקסאַנדראַ אַזאַרך). נום. 4, ז. 156.

א שעפערישע באַגעגעניש (וועגן דעם באַזוך פונעם קאָלעקטיוו פון מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל בא שירע גאָרשמאַן צו איר 75־טן געבורטסטאָג). נום. 5. ז. 152.

וו. קאָראַלי. בלעטלעך פון מײַן קינדהײַט. נום. 5, ז. 135.

פאָלעמיק. א. יערוסאַלימסקי. אף די ראַנדן פון צוויי ביכער פון ט. גראָלץ. נום. 3, ז. 134.

פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער. כ. מעלאַמוד. זײַן גאָלדענער קלאַל (וועגן

ה. פּאַליאַנקערן). נומ. 5, ז. 111. ה. רעמע־ניק. שירע גאָרשמאַן. נומ. 7, ז. 127.

ביבליאָגראַפיע. מ. ראָזענהויז. דאָוויד האָפּ־שטיינס ווערק. נומ. 3, ז. 161.

צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער נומער 8 פון הײַנטיקס יאָר איז יובילייִ־נומער, געווידמעט דעם 20־יאָריקן יובילייִ פונעם זשורנאַל. ער עפנט זיך מיט א באַגריסונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר און מיט אַן אַרײַנפיר־אַרטיקל פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס „די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז אַרײַנגעטראָטן אין די 80־ער יאָרן, וואָס ווײַטער?"

פּראָזע. י. שרײַבמאַן. ווײַטער (ראָמאַן). ז. 8.

פּאָעזיע. לידער, פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין די יאָרן 1961—1981: י. איצקאָוו, ר. באַליאַסנע, אי. באָרוכאָוויטש, י. בוכבינדער, כ. ביידער, ה. בלאָשטיין, א. בעלאָוסאָוו, ד. בראָמבערג, אי. בראָנפמאַן, מ. גאָלבשטיין, מ. גאָלדמאַן, א. גאָנטאַר, כ. גורעוויטש, מ. גרוביאַן, ש. דריז, א. הובערמאַן, ל. העלער, ל. וואַסערמאַן, כ. ווײַנערמאַן, א. ווערגעליס, וו. ווערניק, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, ז. טימענטשיק, מ. טייף, ש. טשערניאַווסקי, פּ. יאַנאָווסקי, ש. כאַלאָדענקאָ, ד. כאַראָל, ד. כײַקינע, מ. ליפּשיץ, ב. מאָגילנער, מ. מאָגילעוויטש, ז. מיכעלסאָן, ב. מילער, ב. סינעלניקאָווא, י. עלקיס, פּ. פּלאָטקין, י. קאָטליאַר, א. קאַצעוו, ב. קיריטשאַנסקי, ה. רעלעס, מ. ריזאַנט, מ. שטורמאַן, י. שטערנבערג. ז. 100.

„צוואַנציק שעפערישע יאָרן, סאַכאַקלען און ראַיוינעס".

מ. אַלטמאַן — פּראָבלעמען, כ. ביידער — פון מאָנטיק ביז שאַבעס, א. גאָנטאַר — דער ערשטער טאָג. ש. גאָרדאָן — מעראַגלים, ש. גאָרשמאַן — „גיי און מאַך!". ט. געןן — צוגאַסט בא די לעבעדיקע, אי. דרוקער — בלעטערנדיק די צוויי הונדערט צוואַנציק נומערן, ד. כײַקינע — מײַן יאַמטעוו און מײַן אינדערוואָכן. נאָטע לוריע — צוויי קאַפּיטלען פונעם פערטן טייל פון דעם ראָמאַן „הימל און ערד", ב. מאָגילנער — אויצרעס, ב. מילער — אַזוי ווערט איבערגענומען א פּאָן, כ. מעלאַמוד — דער נעס פון „סאָוועטיש היימלאַנד", ה. פּאָליאַנקער — אונדזער לעבנסבוך, ר. קאָץ־ראַבינאָוויטש — עלטער און ייִנגער, ה. רעמעניק — א נײַער פּעריאָד אין אונדזער ליטעראַטור, י. שוסטער — אַן אָפן פענצטער אין לעבן. ז. 123.

באַגריסונג פון די צײַטונגען פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִשראָעל „זו הדרך" און „דער וועג", ז. 97.

אינעם נומער 9 ווערט מיטגעטיילט, אַז די ערשטע צײַטונגס־רעצענזיע וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעשריבן אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" נ. פרידמאַן. די רעצענזיע הייסט „אַכרײַעס און ליבע", ז. 132.

די פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" טיילט מיט וועגן דעם אינטערעס פון דער וועלט־פּרעסע צו „סאָוועטיש היימלאַנד", ז. 134.

די ערשטע אָפּשאַצונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געשריבן אין דער אויסלענדישער פּרעסע די פּאַריזשער דיכטערן דאָרע טייטלבוים.

די אָפּשאַצונג טראָגט דאָס קעפּל „זײַט געגריסט, ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער!", ז. 135.

צו „סאָוועטיש היימלאַנד" — א ליד אין פּראָזע פונעם שרײַבער ל. מילער, ז. 136.

פישל טאַביאַש פון מאָנטעווידעאָ רופט זיך אָפּ וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „עס קוועלט מיט לעבן, מיט אָפּטימיזם און מיט גלויבן", ז. 136.

דער קינסטלער כילאַראָן (פּאַריזש) שרײַבט, אַז ער באַגריסט דעם זשורנאַל „פון גאַנצן האַרצן", ז. 137.

מייער ווילנער שרײַבט פון פּאַריזש וועגן דעם זשורנאַל: „א קולטור־געשעעניש", ז. 137.

סעם ליפּצין: „סאָוועטיש היימלאַנד" — א זשורנאַל א קוואַל", ז. 140.

הערש ליפער פון מאָנטעווידעאָ באַגריסט דעם זשורנאַל אין נאָמען פון „איקוף", ז. 141.

עס זאָגט זיך אַרויס וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" די פּאַריזשער צײַטונג „הומאַניטע" (וועגן דעם טיילט מיט דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט אין מאָסקווע מאַקס לעאָן). ז. 141.

צאַלעל בליץ (בוענאָס־אײַרעס) רופט אָן דעם זשורנאַל „דער עכאָ". ז. 142.

מוישע גיציס (טשיקאַגאָ). א וואָרט צו צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד". נומ. 10, ז. 143.

א. בעלאָוסאָוו. א גרויס גליק צו שאַפן פאַרן פאָלק. נומ. 9 ז. 146.

י. בורג. ייִדיש. נומ. 9, ז. 147.

דאָוויד סעלצער (ניו־יאָרק). א בעסאַראַבער פײַערונג אין ניו־יאָרק מיט צוואַנציק יאָר צוריק. נומ. 10, ז. 143.

מ. ראַזומני. א טשיקאַווע רעדע לעקאָוועד א יונגן אַלטיטשקן (א פאַנטאַסטישער רעפּאָרטאַזש, וואָס אויב איר ווילט, איז דאָס גאָר קיין פאַנטאַזיע ניט), נומ. 9, ז. 148.

וו. ווערניק. א ליטעראַרער קוואַל. כ. טאַמאַרקין — נאָטיצן פון אַן אַלטן לייענער, ז. 150, נומ. 9.

ביכער פון ייִדישע שרײַבער, וועלכע זײַנען דערשינען אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן פון לאַנד אין די 50—70־ער יאָרן, נומ. 5, ז. 153.

פון רעדאַקציע־אַרכיוו. נומ. 6, ז. 157.

זיכרוינעס פון א מאַשיניסטקע. מ. לאַנדמאַן. נויעך לוריע. נומ. 9, ז. 156.

פּובליציסטיק

ווענדונג פון דעם אויבער־סאָוועט פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן צו די פּאַרלאַמענטן און פעלקער פון דער וועלט. נומ. 10, ז. 3.

צו די שרײַבער, קולטור־טוער פון דער וועלט (ווענדונג פונעם VII צוזאמענפאָר פון די שרײַבער פון פסר). נום. 10, ז. 5.

ב. דאָלגאָוו. די גײַסטיקע קולטור פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם.

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. דער וועג אין אָפּגרונט (די פּרעסע וועגן דער אַליִע). נום. 7, ז. 3.

א זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין שטערן־שטעטל (ז. 6):

א. ווערגעליס — פרײַנטשאַפט און מיטאַרבעט; כ. בײדער — קאָסמישע זװוּנג; ט. גען — „זוויאָזדנע"—א קישעף־מײַסעלע; ש. גאָרדאָן— טרוים און רוים; ב. מאָגילנער — אין שטערן־שטעטל; וו. מיטראָשענקאָוו — קאָסמישע ליטעראַטור; נ. צימבאַל — א גרויסער קאָוועד און א גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט; פּ. קלימוק — ווער עס גייט, וועט דערגרייכן דעם ציל; י. שוסטער — באַ די אַנטדעקער פון דער קאָסמישער ערע.

ג. באַקאַנאָרסקי. וואָזוי דער ציוניזם נוצט אויס אין זײַנע אינטערעסן דעם יודאיזם. נום. 10, ז. 123.

טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד".
נ. אינאָזעמצעוו. דער סאָציאַליזם און די גלאָבאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקייט; ק. דאָלגאָוו. די קולטור און דער געזעלשאַפטלעכער פּראָגרעס; ע. באַגראַמאָוו. די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן און דער אידייען־קאַמף. נום. 2, ז. 8.

יע. טשאַזאָוו. באַשיצן דאָס לעבן אויף דער וועלט. נום. 12, ז. 3.

פערציקסטער יאָרטאָג זינט דעם אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע (נום. 6, ז. 3—17).

אויף די שפּורן פון געשעענעס. א. באַיוקאַנסקי. דער מינענוואַרפער „פרײַער סאָקאָל".

מ. נאָוויקאָוואַ. דער דאָקטער פּסיכיאַטער ב. באַלאַבאַן. ייִדיש — מ. איטקאָוויטש.

ש. ווערכאָווסקי. וועגן צוויי פליִער, וועלכע האָבן דורכגעפירט א טאַראַן.

מיר דערמאָנען די געפאַלענע אין די שלאַכטן. ע. קריס. א ליכטיקער נאָמען אין ייִדישן ליטעראַרישן קאַלענדאַר (וועגן דעם פּראָזאיִקער נאָכעם סאָלאָוויי).

באַם — די בויִונג פונעם יאָרהונדערט (פאָטאָ פון ב. כאָמיאַקאָוו. נום. 3, ז. 164).

ע. דמיטריִעוו. פאַר א גערעכטיקן שאָלעם אויפן נאָענטן מיזרעך. נום. 6, ז. 145.

ד. ניקיפאָראָוו. דעגראַדאַציע. נום. 11, ז. 155.

ה. ראַבינקאָוו. 50 יאָר „בירעבידזשאַנער שטערן". נום. 3, ז. 146.

וועגן דעם פילם „האָלאָקאָוסט". נום. 7, ז. 122.

אונדזערע פּובליקאַציעס

מײַסע מישנאַס 1290 (מעשה משנת 1290). דערציילונג פון אַן אומבאַוווּסטן אויטאָר. אַרײַנפיר פון ל. ווילסקער. קאָמענטאַרן פון א. מאַרגאָלין. נום. 10, ז. 63.

אונדזערע מיטיילונגען

ל. ווילסקער. מ. פלונגיאַן און זײַן איבערזעצונג פון פּושקינס א ליד. (נום. 4); א שומרוניש איבערזעצונג פון סעאַדיעס „באַקאַשע" (נום. 6).

א. ווערגעליס. א פריידיקע נײַס. עס ווערן געגרייט קאַדרען פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. נום. 10, ז. 148.

א. יערוסאַלימסקי. ייִדישע קולטור־אוצרעס אין דער אַלפאַרבאַנדישער לענין־ביבליאָטעק. נום. 7, ז. 134.

י. קאָוועלמאַן. זשאַנער־בילדער אויף ייִדישע סוזשעטן אין דער מאַלערײַ־קונסט. נום. 9, ז. 125.

אונדזער רעפּליק. ג. ענריקאַס זימאַנאַס. וועמען איז נוצלעך? נום. 2, ז. 160.

מ. שולמאַן. איר מעגט מיר ניט מעקאַנע זײַן (אַן איראָניש־לירישער מאָנאָלאָג). נום. 10, ז. 130.

לאָמיר זינגען נײַע לידער. קאָמפּאָזיטן. ווערטער פון ב. מילער, מוזיק פון מ. עפּשטיין (נום. 4); גליק אויף אַלע טעג. ווערטער פון כ. בײדער, מוזיק פון ז. קאָמפּאַנייעץ (נום. 5); דאָס גלאָז. ווערטער פון ש. האַלקין, מוזיק פון ל. האָפמאַן (נום. 7).

אַקרעדיטירט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דער קאָרעספּאָנדענט גיט איבער פון מאָסקווע. נום. 9, ז. 130.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. אַנטיסאָוועטישע קונצשטיק פון א פּאָליטישן אויווערבאָטל. נום. 2, ז. 162.

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור (נום. 2, 3, 4, 5, 7, 9, 10, 12).

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען (נום. 3, 4, 5, 10).

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן (נום. 3, 4).

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (נום. 3, 4, 10).

דאָס איז טשיקאַווע (נום 3, 4, 5, 9, 11, 12).

עס שמועסט מיטן לייענער דער בריוו־אָפּטייל פון רעדאַקציע (נום. 10).

די פּאָסטעט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (נום. 5, 7, 10, 11).

אונדזער פאָטאָ־אינפאָרמאַציע. נום. 5.

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש (נום. 3, 5, 6, 9).

קינסטלערישע בײַלאַגעס

אונדזער לעבן — אונדזער צײַט. פאָטאָ י. איניאַקין: אַטאָממאַש — דער זאַוואָד פון XXI יאָרהונדערט; אָפּעראַטאָרס פונעם זאַוואָד פון אויטאָ־איבעראַרבעטונג אויפן קאַספּי; מאָנטאַזשניקעס; הימל און ערד. אויפן צאַפּן־פּאָליוס. פאָטאָ י. לונקאָוו. פאָטאָ נ. סימאָנאָוו: אײנעם צעך פון טערמאָ־פּרעסן, דער אייבערשטער טייל פון רע־

אקטאָר. נומ. 1. מאָסקווער קינסטלער דעם XXVI פארטיי־צוזאמענפאָר. קינסטלער—וו. יאבלאָ־קאָוו. „יעדיעס פונעם פראָנט. מארט, 1918"; וו. ציפּלאקאָוו.— וו. אי. לענין שמועסט מיט פּויערים. וו. ציגאל — אנא פראנק; דער דענקמאָל דעם גענעראל קארבישעוו אין מאט־האוזען; „מאלאיא זעמליא". א. וועקסלער— „דער אופשטאנד" (פונעם טריפּטיך „מיר וועלן ניט פארגעסן"); א. טקאטשקאָוו — „דאָ וועט זײַן אונדזער שטוב". נומ. 2. אף די מאָסקווער קינסטלערישע אויסשטעלונגען. וו. ציגאל. וו. אי. לענין אין שושענסקאָיע; פּישער. י. טשײַ־קאָוו. דער אגיטאטאָר. א. טענעטא. דער דענקמאָל לעקאָוועד די קעמפער פון דער סאָ־וועטנמאכט; נ. לאווינסקי. סקולפּטור־רע־ליעף „אינדוסטריע"; י. גורוויטש. אפן זא־וואָד „סערפּ אי מאָלאָט"; נ. לאפּשין. מאָסק־ווע. קאָלאָמענסקאָיע. נומ. 3; די קאָסמאָס־טעמע אין דער סאָוועטישער מאָלערײַ־קונסט. א. קאָ־ראָבסקי. די קאָסמישע שוואלב („טשײַקא"); א. טיורין. אַ גליקלעכע רײַזע דיר, ראקעטע! א. וועסעלאָוו. א גאָרטן אין הימל; וו. צי־גאל. דאָס קאָסמישע און דאָס ערדישע. נומ. 4; קינסטלער מ. ווײַנשטיין (קיִעוו). דער ער־שטער טאָג. די באָבע; מארק שאגאל; דעם קינסט־לערס טאָכטער; א פרויען־פּאָרטרעט; ליקבעז; זיי זײַנען פון די ערשטע. נומ. 5. קינסטלער וו. מידלער (אף ז. 137 אן ארטיקל פון וו. דרוז וועגן דער שאפונג פון וו. מידלער). אן אלטער מיט א ציג; דאָס ייִנגל מיט די הראבי־ליעס; שניטער; דער בייגל־הענדלער; ווינטער אפן מארק; די קראנקע; נאָכן מארק־טאָג. נומ. 6. קינסטלער ג. קראווצאָוו (פון דער זאמ־לונג פון רימא ווויגינא). אין פּארק פּאַר קולטור און אָפּרו; הארבסט; עקסליבריסן; גלעב אוס־פּענסקי; ניזאמי; סאיאט נאָווא; שאָטא רוסטאַ־וועלי; צייכענונגען צו מ. אלטמאנס בוך „די ווינער קארעטע"; צייכענונגען צו ה. פּאָליאנ־קערס בוך „דער לערער פון מעדזשיבאָזש; (אף ז. 146 ארטיקל פון מ. גאַנטיִעווא וועגן ג. קראווצאָוון — „א גרויסער מײַסטער"). נומ. 7. אף די ראכוועסן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט (פּאָטאָ־רעפּאָרטאזש). אף די פעלדער, אף די לאָנקעס...; ביראָבידזשאן — אן אינדוסטריִעלע שטאָט; דאָס לעבן אין טכום זעט מען בלויז אין טעאטער; די שטאָטישע ביבליִאָטעק אף שאָלעם־אלייכעמס נאָמען; רײַך און פּרעכטיק איז די טײַגע; עס וואקסט אונטער א נײַער ביראָביד־זשאנער דאָר. נומ. 8.

Bronja Sinelnikova

FIRST SNOW

I woke up at the break of day,
And snow was falling from the sky.

Snow on the highway, snow on the house,
And on the trunks and branches of trees.

I'll clear our yard of all the snow
And into a mountain it will grow.

The winds will snatch it and whirl it round,
Scatter it, dust it all over the ground.

Winter's here. And that first day
Brings me more joy than I can say.

* * *

The October issue of our magazine contained an announcement to the effect that at the Higher Literary Course of the A. M. Gorky Institute, a Jewish group has been opened to train editorial staff for "Sovietish Heimland". The students are budding writers, as is shown by a selection of their work in our current issue. We are publishing short stories by Boris Sandler of Kishinev with an introduction by I. Shraibman, a story by Moishe Pens of Mahachkala with a foreword by U. Guralnik and critical notes by Vladimir Chernin of Moscow. Students Lev Berinsky and Alexander Brodsky have translated verse by Jewish poets into Russian for the resume in that language.

"The Art of Translation" is the title given to his article by critic Zalman Libinzon of Gorky, who is researching the many-sided activity as a translator by one of the founders of Soviet poetry, Ezra Fininberg.

Readers will find interesting material in our regular features: "Readers Questions Answered", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature". We are also publishing the Index for 1981.

Translated by Alex Miller

Supplement to the issue: Sh. Gorshman
"I Love Travelling"

The excerpts from "A Russian Champion" have been translated into Yiddish by Samuil Gordon of Moscow.

In our prose section, we are publishing the conclusion of "Mikhoel-Iosif Guzikov", the novel by Irma Druker of Moscow which tells the epic story of a gifted Jewish son of the people who became a famous musician. The first part of the novel was published in our November issue.

In connection with the 80th anniversary of the birth of the famous Jewish writer Aizik Platner, who died in 1961, the magazine is publishing his unknown short story "From Under The Ground".

New poems have been contributed to this issue by Max Riant of Samarkand, Boris Mogilner of Moscow and Bronya Sidelnikova of Moscow. Here are two poems in translation.

Boris Mogilner

LENIN HILLS

We are like neighbours.
It isn't far —
Beyond the forest,
Beyond the gentle Pakhra,
On the other side of the river, where
You'll see a village,
He lived and still lives there.

Hearts and minds
Of people are winged as for flight,
Like birds that flee the dark for the light.
I stand,
In rapture I stare
At white steps,
at columns, round and austere.

In this house by the gentle river,
The distant years are as close as ever.
Fir trees,
Motionless, white, come into view.
Ilyich walks down a misty avenue.
Fighting his illness
At the new day's portal,
He does not sleep,
He thinks,
And is thereby immortal.

I watch him, far away in that avenue.
My generation is following that way too.
Eternally for us he'll tread that road,
Share our work load with us,
And live,
And love!

* * *

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 12, December, 1981.

"The world is undergoing a complex period in its history. Never before has the future of mankind and of life itself on earth been endangered by weapons of such destructive force as today. With these disturbing words, Academician E. Chazov begins the first article in the December issue of "Sovietish Heimland".

Academician Chazov is head of the "Doctors for the Prevention of Nuclear War" Committee under the aegis of the Presidium of the USSR Academy of Medical Sciences. Pointing out that "the policy of peace comes from the very essence of socialism, the society of construction", he continues:

"There are influential forces in the West, however, whose representatives are "manipulating" with ease the threat of nuclear arms, having chosen this as a means of achieving political goals and of obtaining unilateral military superiority. They camouflage this by advancing the theory that it is possible to fight a "limited" nuclear war and even to preserve the biosphere under the conditions of a total nuclear catastrophe. Such preposterous claims are either the result of monstrous and cynical hypocrisy, or testsify to an incapacity for rational thought on the part of those from whom they originated. Only the insane or the criminally irresponsible could hope to gain an advantage by means of nuclear weapons. How can anyone seriously believe that a nuclear war will be fought according to previously agreed rules by which rockets will explode only over certain targets without affecting the population? Unfortunately, such claims are believed abroad".

In conclusion, the author declares: "Nuclear weapons must be destroyed before they destroy humanity".

Many items in our December issue echo this appeal by a distinguished Soviet doctor and public figure. In our feature "New Translations", we are publishing excerpts from a film script, "Russian Champion", by Yevgeny Losev and Igor Chkalov of Moscow, which advocates the idea that the values accumulated by contemporary civilisation must be defended. An example of service to these ideals was given by the great Soviet pilot Valery Chkalov, to whom the script is dedicated. The son of Valery Pavlovich, Igor Chkalov and his co-author sent their work to "Sovietish Heimland" for its first publication. In his introductory address to the readers, Igor Vassilievich writes:

"For me, my father is also a historic and legendary figure. I was eleven years old when he died, but one's most vivid memories date back to childhood. I decided to hand down to a wider public of cinema-goers and readers everthing that my father told me. The main goal of the script-writers was to convey to people of the present times the complex and sometimes contradictory image of Chkalov and his infinite devotion to his homeland and to the party of Lenin. . ."

И вечно ему нам дорогу торить
И с нами трудиться,
И жить,
И любить!

Перевёл *А. Бродский*

Броня Синельникова

ПЕРВЫЙ СНЕГ

Я пробудилась на заре,
Снег сыпал с неба во дворе,

Засыпан дом, засыпан шлях,
Снег на стволах и на ветвях.

Его я со всего двора,
Сгребу — получится гора,

Её завьюжит, закружит,
Рассыплет, пылью заснежит...

Зима. И с первого же дня
Такая радость для меня.

Перевёл *Л. Беринский*

В октябрьской книжке журнала напечатано сообщение о том, что на Высших литературных курсах при институте им. А. М. Горького открыта еврейская группа, которая будет готовить редакционные кадры для журнала «Советиш геймланд». Студенты этого учебного заведения — начинающие литераторы, о чём свидетельствует подборка их произведений в настоящем, декабрьском номере журнала. Публикуются новеллы Бориса Сандлера (Кишинев) со вступительным словом И. Шрайбмана, рассказ Мойше Пенса (Махачкала) со вступительным словом У. Гуральника и литературоведческие заметки Владимира Чернина (Москва). Для резюме студенты ВЛК Лев Беринский и Александр Бродский перевели на русский язык стихи еврейских поэтов.

«Искусство перевода» — так назвал свою статью литературный критик Залман Либинзон (Горький), исследующий многостороннюю переводческую деятельность одного из основоположников советской еврейской поэзии Эзры Фининберга.

Интересные материалы читатели найдут в традиционных рубриках «Отвечаем на вопросы читателей», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы». Публикуется также содержание журнала за 1981 год.

Приложение к номеру: Ш. Горшман
«Люблю путешествовать»

«Для меня отец также является уже исторической, легендарной личностью. Мне было одиннадцать лет, когда его не стало, но наиболее яркое в человеческой памяти откладывается в детские годы. И вот все то, что мне рассказывал отец, я решил сообщить широким кругам кинозрителей и читателей. Главная цель авторов сценария — донести до людей современной эпохи сложный и порой противоречивый образ Чкалова, его беспредельную преданность Родине, Ленинской партии...»

Фрагменты сценария «Русский богатырь» публикуются в переводе на идиш, выполненном Самуилом Гордоном (Москва).

В разделе прозы печатается окончание романа Ирмы Друкера (Одесса) «Михоэл-Иосиф Гузиков» — эпического повествования о народном самородке, знаменитом еврейском музыканте. Начало романа публиковалось в ноябрьском номере журнала. В связи с юбилейной датой — 80-летием со дня рождения известного советского еврейского писателя Айзика Платнера, скончавшегося в 1961 году, журнал публикует его неизвестный рассказ «Из-под земли».

Со своими новыми стихами выступают в этом номере Макс Риант (Самарканд), Борис Могильнер (Москва), Броня Синельникова (Москва). Приводим перевод двух стихотворений.

Борис Могильнер

В ГОРКАХ ЛЕНИНСКИХ

Мы словно соседи,
Он рядом со мною,
За лесом,
За тихой рекою Пахрою.
Её перейти только стоит — и вот
Селенье,
Здесь жил он и здесь он живет.

Крылаты
Людские сердца и умы,
Как птицы, летящие к свету из тьмы.
Стою я
И взором скольжу окрыленным
По белым ступеням, по круглым колоннам.

У этого дома, у тихой реки
Далекие годы, как прежде, близки.
Я вижу:
Где ели застыли, белея,
Проходит Ильич по туманной аллее.
С недугом борясь
На пороге рассвета,
Он бодрствует,
Мыслит,
И это — бессмертно,

И тихо гляжу на него в отдаленье —
Шагает за ним и моё поколенье.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 12, декабрь, 1981 г.

«Мир переживает сложный период истории. Никогда будущему человечества, самой жизни на земле не грозило оружие такой разрушительной силы, как ныне» — этими тревожными словами начинается статья академика Е. Чазова, которая открывает декабрьский номер журнала «Советиш геймланд».

Академик Чазов возглавляет Комитет при президиуме Академии медицинских наук СССР «Врачи за предотвращение ядерной войны». Указывая в своей статье, что «политика мира вытекает из самой сущности социализма — общества созидания», он далее пишет:

«Однако на западе есть влиятельные силы, представители которых с легкостью «манипулируют» угрозой ядерного оружия, избрав это средством достижения политических целей, получения односторонних военных преимуществ. Для маскировки выдвигаются теории возможности ведения «ограниченной» ядерной войны и даже сохранения биосферы в условиях тотальной ядерной катастрофы. Подобные разглагольствования — либо чудовищное и циничное лицемерие, либо проявление неспособности тех, от кого они исходят, мыслить разумно. Только безумец или в высшей степени безответственный деятель может строить расчеты на извлечение выгоды с помощью ядерного оружия. Как можно всерьез рассчитывать на то, что ядерную войну будут вести по заранее согласованным правилам, согласно которым ракеты станут взрываться только над определенными объектами, не поражая при этом населения? К сожалению, есть за рубежом люди, которые верят подобным утверждениям».

В заключение автор заявляет: «Ядерное оружие необходимо уничтожить, пока оно не уничтожило людей».

Немало материалов в декабрьском номере «Советиш геймланд» созвучны с этим призывом видного советского врача и общественного деятеля. Под рубрикой «Новые переводы» печатаются фрагменты из сценария Евгения Лосева и Игоря Чкалова (Москва) «Русский богатырь», в котором проводится мысль о необходимости защищать накопленные современной цивилизацией ценности. Пример служения этим идеалам явил своей деятельностью великий советский летчик Валерий Чкалов, которому посвящен сценарий. Сын Валерия Павловича, Игорь Чкалов и его соавтор передали свое произведение редакции «Советиш геймланд» для первой публикации. В своем вступительном обращении к читателям журнала Игорь Валерьевич пишет:

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.09.1981. Подписано к печати 18.11.1981 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 656.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1981 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Академик Е. Чазов. Защитить мир на земле.

И. Друкер. Михоэл Гузиков (роман).

Новые переводы. Е. Лосев, И. Чкалов. Русский богатырь (фрагменты из киносценария о Валерии Чкалове).

Стихи Б. Могильнера, М. Рианта, Б. Синельниковой.

Литературные памятные даты. А. Платнер (1895—1961). Из-под земли (рассказ).

Произведения студентов Высших литературных курсов Б. Сандлера, М. Пэнса, В. Чернина.

Литературная критика. З. Либинзон. Искусство перевода.

Отвечаем на вопросы читателей. Материалы для лексикона еврейской советской литературы.

Содержание журнала «Советиш геймланд» за 1981 г.

Резюме на русском и английском языках.

1981

№ 12